ו י ס נ ש א פ ט - א ק א ד ע מ י ע  פ ו נ  א ו ס ס ר
קאבּינעט פאר ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור,
שפּראַך און פאָלקלאָר
ל י נ ג ו ו י ס ט י ש ע  ס ע ק צ י ע

# אפן שפּראַכפראָנט

**№ 3**

פ א ר ל א ג  פ ו נ  ד ע ר  ו ו י ס נ ש א פ ט - א ק א ד ע מ י ע  פ ו נ  א ו ס ס ר
ק י ע וו • 1939

T 52 648 394
Jüd. germ.
1235 No 3

פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר

ע. ספיוואק

פאראנטוו. פאר דער אויסגאבע און קאָרעקט. —
ש. ליפאָוו. פאפיר 108 × 70—38 קג. $6^5/_8$ דרוק־
בויגנ. אינ 1 דרוק־בויגנ 96 000 צייכנס. טיראזש
70+600 עקז. פארלאג־נומ. 844. דרוקעריי פונ דער
וויסנש. אקאד. פונ אוססר — קיִעוו, ארטיאָמ 44.
באשט. נ. 525. באפולמ. פונ הויפטליט 3408.
אָפגעגעבנ אינ זאצ 1939 — 25/II. אונטערגעשריבנ
צומ דרוק 1939 — 23/VII

Stadtbibliothek
Frankfurt am Main

ע. ספיוואק

# רעכטלעכ־אדמיניסטראטיווע לעקסיק

## I. טערמינאָלאָגיע אינ דער סיסטעמ פונ דער שפראכ

ווי אינ א טראָפנ שפיגלט זיכ אָפ אינ טערמינאָלאָגיע דער גאָרער שפראכ־פראָצעס. אונ דאָס איז אזוי, ווענ טערמינאָלאָגיע זאָל אפילע באטראכט ווערנ ניט ווי קיינ אלגעמיינ־געברויכלעכער, נאָר ווי א דורכויס ספעציִעלער לעקסיקאָנ.

פאר גאָר שמאָלע קענענ דאָ גערעכנט ווערנ די העכערע אָפשניטנ פונ א ריי וויסנשאפטלעכע געביטנ. אזא טערמינאָלאָגישער שטאָפ איז דערהויפט דער וואָרט־פארמאָג פונעמ פאכמאנ אונ צומאָל פונעמ שמאָלנ פאכמאנ, פונעמ קוואליפיצירטסטנ וויסנשאפטלער.

טערמינאָלאָגיע איז אָבער ניט דורכויס ספעציִעל.

אונ היפש טערמינאָלאָגיעס קענענ פאקטיש גערעכנט ווערנ פאר אלגעמיינ־געברויכלעכנ לעקסיקאָנ. אזוי איז עס באזונדערס אינ אונדזער סאָוועטישער צײַט, א צײַט פונ פאָליטישנ וויסנ, פונ דורכויסיקער עכטער פאָלקסבילדונג פונ די נידעריקסטע ביז די העכסטע שטופעס.

ווי מע זאָל אָבער ניט באטראכטנ טערמינאָלאָגיע אינ דער סיסטעמ פונ דער שפראכ, פאר דער שפראכוויסנשאפט איז עס אלציינס אנ אָפשניט פונ אירע אָפשניטנ. ווי אינ די אנדערע אירע טיילנ, קומט אויכ דאָ די שפראכ־וויסנשאפט צו קאָנקרעטיזירנ דאָס אלגעמיינע אונ דאָס ספעציִעלע, דאָס געמיינזאמע אונ דאָס פארשיידענע פונ דער געגעבענער שפראכ אונ פונ די אנדערע שפראכנ אינעמ אָפשפיגלענ די פראָצעסנ פונ דענקענ אונ פונ געזעלשאפטלעכנ לעבנ.

ווײַטער וועט גיינ א רייד וועגנ די גרונט־פרינציפנ פונ דער רעכטלעכ־אדמיניסטראטיווער אונ געשעפטלעכער טערמינאָלאָגיע, וואָס א ווערטערבוכ (רוסיש־יִדיש) דערפונ האָט איצט פארענדיקט צומ דרוק אונדזער לינגוויסטישע סעקציע, ס'איז א קאָמפלעקסישער ווערטערבוכ. ס'איז אהער ארײַנ די וויכטיקסטע לעקסיק אונ פראזעאָלאָגיע פאר אונדזער סאָוועטישער מעלוכישער אײַנאָרדענונג אונ געזעצגעבונג, באגלייט מיט דער גרונטיקסטער פאָליטישער טערמינאָלאָגיע. צוגעגעבנ איז דאָ אויכ די געשעפטלעכע טערמינאָלאָגיע (בוכפירונג, קאנצעליאריע).

אפ דער טערמינאָלאָגישער וואָרטשאפונג ביקלאל, אפ דער רעכטלעכ־אדמיניסטראטיווער אונ געשעפטלעכער וואָרטשאפונג ביפראט, איז איצט באזונדערס אָנשוילעכ צו זענ, ווִיאזוי דער סאָוועטישער יִדיש שטעלט מיט זיכ פאָר דעמ נײַסטנ אונ דעמ רײַכסטנ עטאפ אינ דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג פונ יִדיש.

די געשיכטע פונ ייִדיש ביקלאל, די געשיכטע פונעמ טערמינ אינ ייִדיש ביפראט האָט, פארשטייט זיכ, קיינמאָל ניט געוווסט פונ אזא פארנעמ אונ אופשווונג, פונ אזא דראנג צו פולקייַט אונ צו סיסטעמ, ווי מיר האָבנ עס איצט בא אונדז מיט דער אופבליִונג פונ ייִדיש אונ פונ דער טערמינאָלאָגישער שאפונג אינ ייִדיש.

די געגעבענע רעכטלעכ־אדמיניסטראטיווע אונ געשעפטלעכע טערמינאָלאָגיע זאָל מיטהעלפנ צו אייַנגלידערנ די ייִדישע שפראכ אינ דעמ מעלוכישנ אנשטאלט פונ בירעבידזשאנ, פונ דעמ ייִדישנ נאצ. ראיאָנ, ייִשעוו־ראט.

אזא טערמינאָלאָגיע דארפ אויכ אינ א היפשער מאָס מיטהעלפנ צו רעגולירנ אונ צו פארייניהייַטלעכנ דעמ געברויכ פונעמ פאָליטיש־געזעלשאפטלעכנ לעקסיקאָנ אינ צייַטונג, אינעמ בוכ.

## II. די לעקסישע אָנזאמלונג

וויִאזוי איז געגאנגענ די אלגעמיינע לעקסישע אָנזאמלונג בא דער ארבעט אפ דער טערמינאָלאָגיע? וויִאזוי האָבנ מיר געזוכנ צו רעגולירנ דאָ די קעגנזייַטיקע ווירקונג צווישנ דעמ נייַעמ זיכ שאפנדיקנ טערמינ אונ צווישנ די פּאָטענצנ פונ דער לעבעדיקער שפראכ? אונ וויִאזוי האָבנ מיר, דערפונ ארויסגייענדיק, געפרווט זיכ אויכ צו רעגולירנ די צווישנפארהעלטענישנ פונ די פארשיידענע לעקסישע באשטאנדטייל אינ ייִדיש?

מיר וועלנ עס דאָ אינקורצנ ארויסברענגענ.

### 1. דער מאסנטימלעכער טערמינ

אינ דער לעבעדיקער שפראכ, אינ דער פאָלקסשפראכ לעבט פארטיקערהייט געוויסער טערמינאָלאָגישער שטאָפ. זייער אָנזיכטיק איז עס אינ ייִדיש, אשטייגער, אינ די לייַכטע אינדוסטריִעלע פאכנ (שנייַדערייַ, וועבערייַ, שלאָסערייַ, גארבערייַ), אינ היפש נאטור־באצייכענונגענ. מיר האָבנ זיכ געפלייַסט צו אופזוכנ אונ ווייַטמעגלעכ צו ארויסברענגענ אזא פאסיקנ וואָרטשטאָפ אויכ פאר דער געגעבענער טערמינאָלאָגיע, כאָטש דאָ איז עס, פארשטייט זיכ, געווענ ווייניקער צו קריגנ. אינ די ביזרעוואָליוציִאָנערע באדינגונגענ איז ווייניק וואָס אָנגעגאנגענ אזא וואָרטשאפונג אינ ייִדיש.

פארנ געגעבענעמ פאל מיינענ מיר דאָ אזא לעקסיק אונ פראזעאָלאָגיע.

רופצעטל — Повестка

שטעלנ אויג אפ אויג — Очная ставка

דערלאנגענ (א מאָנונג) — Вчинить, заявить (иск)

דערלאנגענ אינ (געריכט) — Подать (в суд)

אייַנזעצנ — Заключить

אונטערציִענ (דעמ סאכאקל, דעמ באלאנס) — Подводить (итог, баланс)

אפ אויסצאָלנ — С рассрочкой

ציִונג — Розыгрыш

דעקנ (א כויוו) — Погасить (долг).

ס׳איז איבעריק צו דערווייזנ, ווי וויכטיק ס׳איז אזא קערנדיקע אונ איינפאכע, אזא מאסנטימלעכע לעקסיק אונ פראזעאָלאָגיע באם שאפנ א צוגענגלעכע אונ קאָנקרעטע טערמינאָלאָגיע פארנ ברייטערנ געברויכ.

דאָס מאסנוואָרט אונ די מאסנ־קאָנסטרוקציע האָבנ מיר אויכ אלעמאָל געהאט אינ זינענ באם פארברייטערנ אונ באם נאטירלעכנ, ניט־מעכאנישנ אָפקלייבנ אונ פאָרמירנ די נייטיקע באטייטנ.

פארהער — Допрос

כאפנ בא דער האנט — Поймать (задержать) с поличным

פארפירנ (אנ איניען) — Возбудить (дело)

באם באגיינ דעמ פארברעכ — На месте преступления

איינפיר־(רעכט) — Обычное (право)

לעבנסלאנגער (באזיצ) — Пожизненное (владение)

ארייַנפירנ (דאָקומענטנ) — Разноска (документов)

פארשלעפעניש — Волокита.

ס׳איז אויכ וויכטיק געווענ צו האָבנ אלעמאָל אינ אויג, אז דער ניי־געשאפענער טערמינ זאָל אפ א נאטירלעכנ אויפנ שטימענ מיט די אלגעמיינע וואָרטשעפערישע מעגלעכקייטנ פונעמ לעבעדיקנ יִידיש. צו דער דאָזיקער פראגע וועגנ דער נייער וואָרטבילדונג פאר דער געגעבענער טערמינאָלאָגיע לויט די פארשיידענע נאטירלעכע ארויסווייזונגענ פונ יִידיש וועלנ מיר זיכ נאָכ וויטער ספעציִעל אומקערנ, — זי איז ענג געבונדנ מיט א ריי פרינציפיעלע פראט־פראגנ, וואָס וועגנ זיי דארפ נאָכ אויכ זייַנ א רייד.

———

מיט דער אויבנ אָנגעמערקטער גרונט־איינשטעלונג פאר לעקסישער אָנזאמלונג ביקלאל איז שוינ אויכ געווענ געבונדנ דער אָפקלייב לויט די פארשיידענע לעקסישע באשטאנד־טיילנ פונ יִידיש.

ספעציִעל וועלנ מיר דאָ באַרירנ די פראגע וועגנ די סלאוויזמענ אונ העברייִזמענ, וואָס וועגנ דעמ גייט אָפט א רייד בא דער אָפהאנדלונג וועגנ דער טערמינאָלאָגישער אָנזאמלונג אינ יִידיש.

## סלאוויזמענ

ביקלאל שיידנ מיר אונטער אינ יִידיש סלאווישע אנאלאָגיזמענ אונ אידענטיזמענ, מיט אנאלאָגיזמענ מיינענ מיר די סטרוקטוריש־ענלעכע לעקסיק („קאלקעס"). אזוינע סלאוויזמענ זייַנענ אלעמאָל געווענ היפש אינ יִידיש. אפנ איצטיקנ סאָוועטישנ עטאפ האָבנ מיר אפ א נייעמ אויפנ די דאָזיקע טענדענצ פונ דער יִידיש־סלאווישער אנאלאָגיזירונג: אָנזאָג, ראטפאָלקאָמ... דערצו וועלנ מיר זיכ נאָכ אומקערנ בא וואָרטבילדונג.

דאָ וועלנ מיר איצט באַרירנ די אידענטיזמענ, דאָס הייסט די אייגנטלעכע סלאוויזמענ אינ יִידיש.

מיר האָבן איצט א צופֿלוס פֿון אזוינע סלֿאוויזמען, וואָס פֿאר יידיש איז עס א נײַע באַרײַכערונג. די פרעסע, די לֿיטעראטור, ברענגט איצט אַרײַן היפש סלֿא־וויזמען, דערינ אויך מאסנטימלֿעכע, פאר ארבעט, נאטור, שטייגער [1]), שוינ אָפּגע־רעדט פֿון די סלֿאוויזמען־סאָוועטיזמען, וואָס זײַנען אינ א היפשער מאָס געוואָרנ אינטערנאציאָנאלֿע באגריפֿנ (באָלֿשעוויק, סאָוועט, לֿענינעצ, סטאלֿינעצ, סטאכא־נאָוועצ).

באמ אַרײַנברענגענ אזוינע סלֿאוויזמען אינ דער געגעבענער טערמינאָלֿאָגיע האָבנ מיר געהאט אינ אויג אָט וואָס:

א) דער סלֿאוויזמ איז אײַנגעבירגערט אינ דער שפראך (אָדער ער האָט ביקלֿאלֿ ניט קיינ אנדער עקוויוואלֿענט). האָבנ מיר אימ גלֿײַך אַרײַנגעבראכט און ניט געזוכט קיינ אנדערנ מער „יידישנ" טערמינ.

הערב, פאלֿאטע, אוקאז, אָפּעקע, אָפּעקונ, גראמעטע (פֿארטרוי־, שוצ־, לֿויב־), יאבעדע (кляуза), מעטריקע...

סמעטע, סטאוועקע, ספראוועקע [2]), לֿהאָטע, פּײַ, פּײַשטשיק, פּעני...

ב) מיר האָבנ געשטרעבט צו פארבירגערנ געוויסע סלֿאווישע ווערטער, ווענ זיי זײַנען אדעקוואטער, פּאסיקער לֿויטנ אינהאלֿט לֿעגאבע אנדערע באצייכענונגען און דערצו זײַנען עס אויך מער פארשפרייטע און באקאנטע ווערטער.

סוואָדקע. „סאכאקלֿ־רעשימע", „סאכאקלֿ־פארצייכענונג", — די דאָזיקע ווער־טער האָבנ זיך ווייניק אָנגענומען. זיי גיבנ אויך ניט דעמ נייטיקנ באגריפֿ. זיי זײַ־נענ דערצו הארבלֿעך לֿויט דער קאָנסטרוקציע.

פּאָשלֿינע. „צאָלֿ", וואָס מע ברויכט דאָ, איז צו האמאָנימיש און דעריבער ווייניק אדעקוואט. „פּאָשלֿינע" איז גאנגבאר און מאסנטימלֿעך אויך פאר יידיש.

ג) מיר האָבנ ניט פֿאריידישט קיינ סלֿאוויזמען דאָרטנ, ווו ס'וואָלֿט געקענט פאר־קריפּלֿענ און אָפּפרעמדנ דעמ אינהאלֿט. דאָס איז, אשטייגער, בא די אינינציאלֿיקע פארקירצונגענ: זאגס, ציק...[3])

## העברייזמען

אינעמ אלֿגעמיינעמ טערמינאָלֿאָגישנ וואָרטשטאָפּ זײַנען די העברייזמען, אלֿס קלֿאלֿ, ווייניק פֿארטראָטנ. מע דארפֿ זיך אויך אָפּגרענעצנ פֿון יענע ארכאישע הע־ברייזמען, וואָס האָבנ בא אונדז געהאט א געוויסנ אָנגאנג בא דער אָנפאנגלֿעכער טערמינאָלֿאָגישער אָנזאמלונג ווי מוידאָע, טוויע (מאָנונג), פסאק (אורטייל)...

און דערבײַ דארפֿ מען אויך אינ טערמינאָלֿאָגיע אויסניצנ געוויסע נייטיקע העברייזמען, וואָס אָנ זיי וואָלֿט זיך שווער געווענ צו באגיינ. און גראָד פאר דעמ אדמיניסטראטיוו־רעכטלֿעכנ און געשעפטלֿעכנ לֿעקסיקאָנ האָבנ זיך אינ יידיש אָפּ־געזעצט אויך געוויסע מאסנטימלֿעכע סלֿאוויזמען, וואָס קומען צונוצ פאר זיך

---

[1]) זע וועגנ דעמ „נאָטיצנ וועגנ דעמ סאָוועטישנ לֿיטעראַרישנ יידיש", („פֿארמעסט". נומ. 11, 1937).

[2]) אָבער (бюро) справочное — אינפֿאָרמיר־ביוראָ. דאָס זעלבע сводный баланс — סא־כאקלֿ־באלֿאנס.

[3]) ס'גילטנ אָבער אויך געוויסע פאלֿנ מיט אנ אנדער פראקטיק. זע ווײַטער.

און דינען אויך פאר דער ווײַטערדיקער וואָרטשאפונג. בא דער גענעבענער טער־מינאָלאָגיע זײַנען עס געווען אזוינע פאלן.

א) מיר האָבן ארײַנגענומען די אנטשפרעכיקע א ײַ נ ג ע וו אָ ר צ ל ט ע העברעיִזמען (צום טייל מיט דער איצטיקער אויסברייטערונג פון באטײַט):

אינ־יען (дело), מאשקנ (залог), קנאס (неустойка), אָרוועס (порука), איי־דעס, יוירעש, צוואָע, געט (געגעטער), פארכאסמענען (опечатать)...

האלוואָע, האכנאָסע, הויצאָע, רעוועכ, כויוו, סאכאקל...

ב) א ריי אזוינע אײַנגעוואָרצלטע מאסנטימלעכע העברעיִזמען זײַנען אויסגענוצט געוואָרן אויך פאר ווײַטערדיקער וואָרטבילדונג:

געמישפעטקײַט (судимость), מישפעטנ (судить), מיטבעקיוונדיקײַט (соумышление), אומבעקיוונדיקײַט (безнамеренность), אָניאָרשימדיקער (выморочный), צוואָע־לאָזער (завещатель)...

רעוועכדיקײַט, האכנאָסעדיקײַט, פארהאכנאָסעווען...

ג) מיר האָבן אויסגענוצט די העברעיִזמען, וואָס גילטנ אינ דער לעבעדיקער שפראכ, פאר סינאָנימישער גענויקײַט און פארפינקטלעכונג:

צאד (צדאָדימ, קעגנצאד), העסקעמ (соглашение) — האסקאָמע (согласие), קיוונ (умысел) — מיינ (намерение)...

באלכויוו („שולדיקער" האָט אנ אנדער באטייט), הויסאָפע (надбавка) („ארופרעכענונג" ווערט גענוצט פאר „начисление").

## 2. אינטערנאציאָנאליזמענ

אינטערנאציאָנאליזמען זײַנען ביקלאל א וויכטיקער גרונט־פונקט בא דער קע־סיידערדיקער טערמינאָלאָגישער אָנזאמלונג [1]. און דאָס איז באזונדערס שײַעכ צו די שפראכנ, וואָס האָבן אָקאָרשט מיט דער רעוואָליוציע אופגעלעבט, געקומען צו זיכ און האלטנ אינ שאפנ זייערע טערמינאָלאָגישע סיסטעמעס.

אינ טעכניק, אינדוסטריע (דערהויפט שווערער), אינ געוויסע ספעציעלע וויסנ־שאפטלעכע געביטנ (מאטעמאטיק, ביאָלאָגיע, כעמיע) איז דער אינטערנאציאָנאליזמ באזונדערס היפש פארטראָטנ. און אינ גאָר א היפשער מאָס איז עס אויך אזוי אינ דער געגעבענער טערמינאָלאָגיע — סײַ אינ איר רעכטלעכ־אדמיניסטראטיווע, סײַ אינ איר געשעפטלעכנ טייל, ווו ס׳גילט א לאנגאָגיקע אָנזאמלונג פון אינטערנאציאָנא־ליזמען, ווי אויך די מעגלעכקײַט פון זייער ווײַטערדיקער אויסברייטערונג.

אינ יידיש, ווי אינ א גאנצער ריי אנדערע אָקאָרשט מיט דער רעוואָליוציע אופגעריכטע שפראכנ, האָט די צאָל אינטערנאציאָנאליזמען גלײַכ פון אָנהייב אָנ געקאָנט זײַנ אינ א געוויסער מאָס מערער איידער אינ די שפראכנ מיט א גרעסערנ

[1]) די אינטערנאציאָנאליזמען באשטייען פון פארשיידנשפראכיקע רעסורסנ (גענעטיש האָבנדיק לא־טייניש און גריכיש אלס א גרונט־קוואל). געקומען פון פארשיידענע שפראכנ, שטעלנ זיי אָבער די אינטערנאציאָנאליזמען מיט זיכ פאָר א נײַע א ל ש פ ר א כ ל ע כ ע קאטעגאריע. ביקלאל גענומען, ווענ מיר פאר אינטערנאציאָנאליזמען האלטנ יענע לעקסיק, וואָס איז אידענטיש (אלצייניק) אינ מערערע שפראכנ, און דאָס געברויכנ און אָנווענדנ אזא לעקסיק איז אויכ נייטיק און וויכטיק פאר די אנטוויק־לונג־טענדענצנ פון דער סאָוועטישער שפראכ.

היסטאָריש־אופגעקומענעם וואָרטשטאָפּ. דער אינטערנאַציאָנאַליזם טרעפט דאָ נאָך א פרישן באָדן, און דאָס פארהיט צומאָל פון אויסכקירען אן אייגנשפראכיקן געקינצלטן טערמין דאָרטן, ווו ער איז ניט נייטיק אָדער ער איז ערגער פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם.

אפּ א געוויסן אויפן דארף דאָ אין דער פראגע פון ברויכן אינטערנאַציאָנאַליזמען גילטן די באקאנטע האנאָכע ענגעלסעס:

„איך האָב זיך באנוגנט מיט באזייַטיקן אַלע ניט אומבאדינגט נויטווענדיקע פרעמדווערטער. איבערלאָזנדיק אָבער די נויטווענדיקע האָב איך זיך אָפּגעזאָגט צוצוגעבן צו זיי די אזויגערופענע דערקלערנדיקע איבערזעצונגען. אזוינע נויטיקע פרעמדווערטער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אין דער מערהייַט פאַלן אַלגעמיין־אָנגענומענע וויסנשאפטלעך־טעכנישע אויסדרוקן, וואָלטן דאָך טאקע ניט געווען נויטווענדיק, ווען מע זאָל זיי קענען איבערזעצן. די איבערזעצונג פארדרייט נאָר זייער זינען; אָנשטאָט צו דערקלערן טראָגט זי אריַין א פּלאָנטער. מינדלעכע דערקלערונגען העלפן אין אזא פאַל אסאך מער״ [1].

אין אַלגעמיין האָבן מיר זיך געהאלטן בא אזוינע קריטעריעס פון אריַינברענגען אינטערנאַציאָנאַליזמען.

א) דער אינטערנאַציאָנאַליזם קומט אַלעמאָל דאן, ווען ער גילט אין די ברידערלעכע שפראכן (רוסיש, אוקראַיניש) און איז ביקלאָל איַינגעבירגערט אינעם צווישנפעלקערלעכן געברויך. אזוינע אינטערנאַציאָנאַליזמען שאפן דאָ צומאָל גאַנצע נעסטן:

דעקרעט, דעקרעטירן, דעקרעטער (אורלויב)

אטעסטאט, אטעסטאציע, אטעסטירן

נומער, נומעראציע, נומעראטאָר, נומערירן

דעבעט, דעבעטירן, דעביטאָר

פאר אונדזער סאָוועטישן שפראך־געברויך איז דאָ נאָך קעדיַי צו פארצייכענען אייניקע אזוינע ספּעציעלע גרופּעס אינטערנאַציאָנאַליזמען.

„געיארשנטע״ ביזאָקטיאבערדיקע רעוואָליוציאָנערע אינטערנאַציאָנאַליזמען:

דעקרעט, קאָמיסאר, טריבונאַל, דעקאדע, א. אנד.

באָלשעוויסטישע אינטערנאַציאָנאַליזמען מיט די פארשיידענע אויסבילדונגען און שטאנדהאפטיקע ווערטער־גרופּעס:

סאָוועט, סאָוועטיזאציע, באָלשעוויזם, באָלשעוויזירן א. אנד.

אווטאָנאָמע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק, לעניניש־סטאַלינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק א. אנד.

אָרגביוראָ, נאצפּאָליטיק; אססר, טנב א. אנד.

סאָוועטיש-ספּעציאַליזירטע אינטערנאַציאָנאַלע לעקסיק:

אקטיוו, אקטיוויסט, אלימענטן [2], שעפ [3] (קולט־שעפ, ארבעטער־שעפטום).

---

[1]) Ф. Энгельс. Развитие социализма от утопии к науке. 1931 г. (פאָרוואָרט)

[2]) לאט. אייגנטלעך, alimentum — שפּייַז. א סאָוועטיש־יורידישער טערמין.

[3]) פראנצ. אייגנטלעך — הויפּט.

ב) מיר האָבנ ניט געשטרעבט צו פארייִדישנ קיינ טערמינ (ווענ ס'איז ניטאָ קיינ אייגנשפראכיקער עקוויוואלענט), אויב אינ ייִדיש איז אײַנגעבירגערט אָדער ס'האלט זיכ אינ אײַנבירגערנ אנ אינטערנאציִאָנאליזמ (מעג אינ א ברידעדלעכער שפראכ גילטנ דערפאר אנ אייגנשפראכיקער טערמינ).

אדאָפּטאציע — Усыновление אויכ Удочерение

קאָמפּעטענצ — Ве́дение

רעזערוואציע — Оговорка

סטאטוט — Устав

אָריגינאל — Подлинник

אינוועסטיציע — Вложение

ברוטאָ — Валовой

ג) מיר האָבנ גענומענ דעמ אינטערנאציִאָנאליזמ, ווענ ער איז אדעקוואטער אונ ווענ ער קענ אויכ פארהיטנ פונ א בײַבאטײַט אינ פארגלײַכ מיט אנ אייגנשפראכיקנ טערמינ.

פיקטיווער (אָפּמאכ) — (договор) Мнимый

סימוליאטיווער „ „ Притворный

ארגומענט — Довод

פראָצעסירנדיקע — Тяжущиеся

דאָ, ווי ביקלאל גענומענ אינ געביט פונ טערמינאָלאָגיע, איז באזונדערס אָנזיכטיק דער צופלוס פונ אינטערנאציִאָנאליזמענ אינ ייִדיש. דאָס איז, ווײַזט אויס, דער שטארקסטער לעקסיקער באשטאנד־טייל פונ דער שפראכ נאָכ איר גרונטיקנ גערמאנישנ פלאסט.

מיר גייענ איצט אריבער צו א ריי פּרינציפּיעלע פראט־פראגעס.

## III. אדעקוואטקײַט פונעמ טערמינ צומ באגריפ

א וויכטיקער קריטערי באמ שאפנ דעמ טערמינ, איז זײַנ מעגלעכע אנטשפרעכונג צו דעמ וויסנשאפטלעכנ באגריפ. א טערמינ דארפ, אלס קלאל, ווי ווײַט מעגלעכ פארמאָגנ אינ זיכ דעמ טאָכ אָדער א גרונטיקנ סימענ, א וועזנטלעכנ פראט פונעמ באגריפ.

צוצופאסנ א טערמינ איז אָבער אָפּטמאָל זייער א קאָמפּליצירטע זאכ. די אדעקוואטקײַט פונעמ באגריפ אונ באצייכענונג לאָזט זיכ ניט אלעמאָל אזוי גיכ ארויסקריגנ אינ דער אָדער יענער שפראכ.

מיר האָבנ אינ דער געגעבענער טערמינאָלאָגיע דורכויס געשטרעבט צו פולער אדעקוואטקײַט, געדענקענדיק אָבער דערבײַ, אז באגריפ אונ וואָרט־באצייכענונג זײַנענ אנ איינהײַט, ניט קיינ אידענטישקײַט.

באמ אָנגעבנ דעמ טערמינ האָט אונדז צומ אלעמ ערשטנ אינטערעסירט בלויז זײַנ רעכטלעכער אָדער געשעפטלעכער באטײַט, ניט דער אנדערער באטײַט, וואָס דאָס וואָרט האָט נאָכ אינ דער שפראכ. אינ דער מערהײַט פאלנ האָבנ מיר די דאָזיקע אלגעמיינע באטײַטנ ביקלאל ניט אָנגעגעבנ.

дело האָבן מיר געגעבן א י נ י ע נ אינעם איצט אָנגענומענעם געריכטלעכן זינען פונעם וואָרט, ארויסלאָזנדיק — זאך, געשעפט א. אנד.

отвод, отводить האָט זיך ספעציִאליזירט פאר אָפּווענדן אן איידעס, א ריכטער. מיר האָבן געגעבן בלויז אָט דעם באטײַט פון וואָרט, ניט — „אָפּפירן", „אוועקפירן".

давность האָט אונדז אינטערעסירט מיט זײַן רעכטלעכן אינהאלט (דאָס פארלירן געוויסע רעכט, וואָס מע האָט זיי אין דער אָנגעמערקטער צײַט ניט אויסגענוצט), ניט ווי לאנגאָניקײַט ביקלאל.

развод, разводить האָט פארשיידענע באטײַטן. אונדז איז דאָ וויכטיק געווען דער באטײַט — געט, געטן, ניט מער.

דערמיט איז אויך געווען פארבונדן די נייטיקײַט צו ארויסבאקומען דאָס ספעציִעלע וואָרט דאָרט, ווי אזוינס איז נאָך ניט געווען אין דער פראקטיק אָדער ווען א וואָרט גילט מיט א געוויסן אלגעמיינעם, ניט מיט קיין ספעציִעלן באטײַט. פאר давность אשטייגער, ווערט דאָ געברויכט „פאריאָרונג" אפן גערמאנישן אויפן — Verjährung, וואָס אין אזא פאָרם איז עס אויך פאסיק פאר יִדיש.

קלאָר, אז דאָרטן ווו א וואָרט האָט מער ווי איין באטײַט אויך אינעם געגעבענעם טערמינאָלאָגישן זינען, האָבן מיר געבראכט די דאָזיקע מערערע באטײַטן. דערמיט איז געבונדן די פראָבלעם פון טערמינאָלאָגישער דיפערענצירונג, וואָס וועגן דעם רעדן מיר ווײַטער ספעציִעל.

אין גאָר היפש פאלן זײַנען נאָך ניט געווען קיין גרייטע יִדישע טערמינעס. ווו נאָר ס'איז פאסיק געווען, האָבן מיר דאן געשטרעבט צו אויסבילדן דעם יִדישן טערמין לויטן פורעם פון דעם ניטיִדישן (ספעציִעל פונעם רוסישן) וואָרט אין גײַסט פון דער איצט פארשפרייטער שפראך־געמיינזאמקײַט און שפראך־דערנעענטערונג (זע ווײַטער „וואָרטבילדונג"). ווען דאָס איז שווער אָדער ניט מעגלעך געווען, איז אויסגעקומען צו שאפן דעם טערמין מיט די מיטלען, וואָס זײַנען אייגנטימלעך פאר יִדיש, אינזינען האָבנדיק, אז דער דאָזיקער טערמין זאָל ווײַטמעגלעך אָפּשפיגלען דעם טאָך, דעם גרונט־אינהאלט פונעם באגריף.

вменяемость, вменяемый האָבן מיר באצייכנט מיט „פאראנטוואָרטפייִקײַט", „פאראנטוואָרטפייִקער". די דאָזיקע ווערטער גיבן איבער דעם גרונט־טאָך פונעם באגריף — די פייִקײַט צו טראָגן די פאראנטוואָרטלעכקײַט פארן געזעץ פאר א געוויסן טאט.

выморочный האָבן מיר איבערגעגעבן מיט „אָניאָרשעמדיקער" (פארמעגן). דאָ ווערט טאקע געמיינט דאָס געבליבענע פון א געשטאָרבענעם באזיצער אָן יאָרשים, וואָס ס'ווערט איבערגעגעבן דער מעלוכע.

дознание — „פאָרויספאָרשונג", ווײַל דאָס איז אויך אן אויספאָרשונג, נאָר א פאָרלויפיקע, אין דער ערשטער סטאדיע.

אין היפש פאל זײַנען מיר ביקלאל ארויסגעגאנגען פון דער האנאָכע, אז אדעקוואטקײַט ליגט דערהויפט אין פלאך פון דער געהעריקער א י נ ה א ל ט ל ע כ ע ר אנטשפרעכונג, און די סטרוקטור, די פורעמונג קען אין פארשיידענע שפראכן ניט צונויפאלן.

Вменить в вину — אינקרימינירן

אינ אויספיר־אָרדענונג — В порядке исполнительного производства
מיטנ אָריגינאַל שטימט — С подлинным верно.

אונ דערפונ ארויסגייענדיק, האָבנ מיר אויכ ערטערווייַז ניט געהאלטנ פאר קיינ מוז צו שאפנ פעריפראסטישע דובלעטנ דאָרטנ, ווו אויכ אינ רוסיש, אשטייגער, טראָגט דער דאָזיקער פעריפראז ניט ארייַנ קיינ פרינציפיעלע באטייַטלעכע שאטירונג אונ ס׳איז דאָרטנ דעריקער פראזעאָלאָגישע יערושע.

פארפליכטנ — Вменить в обязанность
פארהערנ — Подвергнуть допросу
ברענגענ — » приводу

ס׳קומט אָבער פאָר, אז א געוויסער טייל פונ אזא פעריפראז (דער אָקאָרשט גע־בראכטער „подвергать“) מוז צוליב אדעקוואטקייַט דיסקאָנטירט ווערנ אינ יענע פאלנ, ווו ער ברענגט מיט געוויסע שאטירונג פונעמ באטייַט.

ווארפנ א סאָפעק — Подвергать сомнению
איבערגעבנ צומ געריכט — Подвергать суду

צוליב אדעקוואטקייַט האָבנ מיר געזענ ווייַטמעגלעכ צו פארהיטנ דעמ טערמינ פונ א בייַבאטייַט. דאָס איז, פארשטייט זיכ, באזונדערס נייטיק געווענ בא האָמאָני־מישער באצייכענונג. אינ א ריי פאלנ זייַנענ דאָ צוגעקומענ קאָנקרעטיזירנדיקע, פארפינקטלעכנדיקע צוגאָבנ.

פאר понятой איז שווער געווענ צוצופאסנ אנ איינוואָרטיקנ אדעקוואטנ טערמינ, איז געבליבנ — גענומענער איידעס. אינ טאָכ איז אויכ понятой אנ איידעס, וואָס איז גענומענ (לויטנ אלט־רוסישנ яти — רעמעז) בא דער פאָרויספאָרשונג.

домашний акт איז היימישער (ניטנאָטאריעלער) אקט. „נאָטאריעלער“ פאר־פינקטלעכט דאָ דעמ כאראקטער פונעמ אקט.

די אייַנגעבירגערטקייַט פונ א געוויסנ טערמינ האָט אונדז געשטויסנ דערצו, אז מיר זאָלנ לאָזנ דעמ דאָזיקנ טערמינ, כאָטש ס׳פעלט אימ צו אדעקוואטקייַט. פאר Народный заседатель, אשטייגער, האָבנ מיר געלאָזט „פאָלקס־בייַזיצער“, כאָטש ניט אינ רוסיש, ניט, מעמיילע שוינ, אינ יידיש ווייַזט ניט דאָס וואָרט די עצעמ פונקציע פונעמ דאָזיקנ אינסטיטוט. Заседатель איז אויכ א ריכטער (ניט קיינ שטענדיקער), אונ בעסער וואָלט דאָ געווענ צו זאָגנ — בייַריכטער. ס׳איז אָבער פאָרט ניט נייטיק געווענ צו בייַטנ א גאנגבאר אונ פאקטיש שוינ אנ אייַנגעבירגערט וואָרט, וואָס איז דערצו אויכ נאָענט צומ רוסישנ וואָרט. מע דארפ ניט מינערנ די ווערט פונ דער אייַנגעבירגערטקייַט אונ אָנגענומענקייַט פונ א געוויסנ טערמינ, מעג ער אינ פלוג אפילע זייַנ ניט גענוג אדעקוואט אָדער ווייניקער אדעקוואט. די טערמינאָלאָגישע פראקטיק ווייסט פונ אזוינע פאלנ אונ ס׳איז דאָ אינ א געוויסער מאָס א נאטירלעכע זאכ.

מיט אדעקוואטקייַט זייַנענ געבונדנ נאָכ א ריי וויכטיקע פראגעס, וואָס צו זיי וועלנ מיר זיכ אומקערנ ספעציעל בא דיפערענצירונג פונ באטייַט אונ בא וואָרט־בילדונג פונעמ טערמינ.

# IV. אוניפיקאציע פון טערמינ

ס'איז אומבאדינגט נייטיק צו האָבנ אנ איינהײַטלעכע טערמינאָלאָגיע. פילטערמיניקײַט פלאָנטערט אונ פירט אראָפּ פונ וועג. דאָס איז איינע פונ די הויפּט־מעניעס באמ באהערשנ דעמ באגריפ, באמ פארייגענענ דעמ טערמינ.

ליידער איז נאָכ פילטערמיניקײַט אינ א רײ פאלנ א פארשפרייטע דערשײַנונג. מיר טרעפנ עס אינ דער טערמינאָלאָגיע פונ אנ עלטערער שפראכ, אינ רוסיש, אשטייגער. מע פלעג צומאָל אינעמ פאר־רעוואָלוציאָנערנ פעריאָד כאאָטיש אריײַנברענגענ אינ רוסיש געוויסנ טערמינאָלאָגישנ וואָרטשטאָפ פונ פארשיידענע קוואלנ, זיכ ניט רעכענענדיק טיילמאָל מיט דער שפראכלעכער ספעציפיק פונ רוסיש.

א יינגערע שפראכ, וואָס שאפט איר טערמינאָלאָגיע אינ סאָוועטישע באדינגונגענ, דארפ, אלס קלאל, שטרעבנ ווי ווײַטמעגלעכ אויסצומײַדנ פילטערמיניקײַט.

ליידער איז עס בא אונדז נאָכ ניט אלעמאָל אזוי.

אָט איז, אשטייגער, ניט לאנג אופגעקומענ די פראגע מיט „איבער־ראט"— „העכסטער ראט". דערווײַל פלאָנטערנ זיכ נאָכביידע טערמינעס. דער דאָזיקער געמיש האָט אפ א פראט־פאל אנ איבעריק מאָל דערמאָנט, אז דאָס זעלבע קומט אויכ פאָר מיט נאָכ אנדערע אזעלכע אונ ענלעכע ווערטער:

רעגלאמענט — טאקאָנעס [1]), סאָצגעוועט — סאָצפארמעסטונג [2]), אנאָנימקע — אָנפערזאָניקײַט, קריגסיאמישער פלאָט — מיליטעריש־יאמישער פלאָט, אינדיווידואל־איינצלפויער, שעפ־נאטשאלניק [3]) . . .

מיר שטרעבנ איצט צו גאָרער איינהײַטלעכקײַט פונ טערמינאָלאָגיע. געוויסע אויסנאמענ קענענ דאָ, געוויינלעכ, זײַנ. אָט זײַנענ א פּאָר פאלנ.

1. מע קענ אינ געוויסע פאלנ ברויכנ דעמ אייגנשפראכיקנ אונ דעמ אינטערנאציאָנאלנ טערמינ. דאָס אייגנשפראכיקע וואָרט דערקלערט דאָ טיילמאָל דאָס אינטערנאציאָנאלע אונ העלפט דעמ מיט זיכ אײַנצובירגערנ:

דעמאסקירנ, אופדעקנ — Изобличать

קאָמפענסירנ, דעקנ — Возмещать

2. באנאנד מיס א געוויסנ ליטעראריש זיכ אײַנבירגערנדיקנ טערמינ קענ גילטנ אויכ א באקאנט מאסנטימלעכ וואָרט:

קעגנאנאנדערשטעלונג, שטעלנ אויג אפ אויג Очная ставка; אונטערגעאָרדנטקײַט, אונטערגעוואָרפנקײַט Подчиненность; אופגאָב, אדעראָפּ.

מע קענ אויכ ביקלאל לאָזנ צוויי באצייכענונגענ, וואָס זײַנענ אלציינס גענוג אײַנגעבירגערט אונ פארשטענדלעכ (זייער צאָל איז, אגעוו, ניט קיינ גרויסע):

אונטערשריפט, כסימע; פארטרערער, שטעלפארטרעטער; פארורטיילט, פארמישפּעט; פארזעצטער, פארמאשקנטער; פארווערנ, פארבאָטנ...

---

1) אונ אויכ „סטאטוט וועגנ די וואלנ א.אז.וו". „אָקטיאבער" פארנ 27/2, 1938.

2) אויכ, „פארמעסט", פארמעסטונג (פאר ספּאָרט).

3) מיר ברענגענ דאָ בײַשפּילנ פונ פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע טערמינעס. אזוי איז עס אָבער אויכ באמ ברויכנ אנדערע טערמינעס: גערעכטיקײַט — גערעכטעניסקײַט, שווארצברוכ — פּאר, שטאָלגיסער — שטאָלקאָכער, פארבינדלער — פארבינדונג־טוער...

אינ געוויסע פאלנ האָבנ די גלײַכבארעכטיקטע דובלעטנ (אונ זייערע דעריוואטנ) א פארשיידענע טעקסטועלע אָנווענדונג: ראט — סאָוועט — ראטנמאכט — סאָוועטנ־מאכט, אָבער נאָר — סאָוועטיש, סאָוועטיזירנ אונ נאָר — פראָפראט אונ פעדראט. פאר־לענגערונג — פראָלאָנגאציע, — פראָלאָנגאציע ווערט אָנגעווענדעט בלויז אינ זינענ פונ פארלענגערנ דעמ טערמינ, פארלענגערונג — אינעמ ברייטערנ זינענ.

דאָס זײַנענ אייניקע פאלנ פונ מעגלעכער טערמינאָלאָגישער דובלירונג, דער גרונט־קריטעריִ איז אָבער פאר דער מערהײַט פאלנ די איינהײַטלעכקײַט אונ די איינציקײַט פונ טערמינ. ס'איז קלאָר, אז די ניט אויסגעהאלטנקײַט, דערבײַ נאָכ בא א ריי גרונטיקסטע פאָליטיש־געזעלשאפטלעכע טערמינעס, ברענגט ביקלאל גרויס שאָדנ אונ שטערט צו אָנייגענענ דעמ ריכטיקנ באגריפ וועגנ זאכנ, וואָס דארפנ האָבנ איינ סטאבילע באצייכענונג.

אונ בא דער פאריינהײַטלעכונג פונ דער פארשיידענער טערמינאָלאָגיע וועלנ אלעמאָל דארפנ גענומענ ווערנ אינ אכט די פארשיידענע קריטעריעס, וואָס א טייל פונ זיי האָבנ מיר שוינ אויבנ ארויסגעבראכט פאר טערמינאָלאָגישנ אָפקלײַב ביקלאל: גרעסערע אדעקוואטקײַט, אויספעל פונ בײַבאטײַט, מאסנטימלעכקײַט, צווישנשפראכ־לעכע אונ אינטערנאציאָנאלע געמיינזאמקײַט, ניט־פארעלטערטקײַט א. אנד. וועגנ נאָכ אייניקע קריטעריעס וועט נאָכ אויסקומענ צו ריידנ.

## V. דיפערענצירונג פונ טערמינ

פונ איינ זײַט איז נייטיק צו א ו נ י פ י צ י ר נ דאָס אלצייניקע, פונ דער אנדערער זײַט איז ניט ווייניקער וויכטיק צו ד י פ ע ר ע נ צ י ר נ דאָס, וואָס ס'איז באגריפלעכ פארשיידנ. דיפערענציִאציע פונ שפראכ איז, ווי די דיפערענציִאציע פונ דענקענ — שאטירטע פולקײַט פונ באגריפ, מעמיילע גרעסערע קלאָרקייט, גענויקײַט אינ שפראכ. אויכ האָמאָנאָמיע קומט אינ א געוויסער מאָס צונוצ, — עס שפּאָרט, עס שטויסט צו אסאָציִירנ דאָס נאָענטע מיטנ נאָענטנ. פאר טערמינירונג, פאר פינקטלעכער באצייכענונג איז אָבער פילבאטײַטיקײַט, ביקלאל גענומענ, א קנאפע מײַלע, — ס'פלאָנטערט, ס'פאָדערט איבעריקע דערקלערונג, ס'שטערט גענוי צו פארייגענענ דעמ באשטימטנ באגריפ. בא גרעסערער אנטוויקלונג פונ ארבעט אונ געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט איז אומבאדינגט נייטיק אונ אויכ מעגלעכ די פולערע דיפערענצירטקײַט באמ נאָמינירנ פראָצעסנ אונ דערשײַנונגענ. קיינ געוויסע פאָליסעמיע קענ מענ, פארשטייט זיכ, ניט אויסמײַדנ אינגאנצנ, אונ ס'איז ניט נייטיק דורכויס עס אויסצומײַדנ. אינ גרונט שטרעבט דאָ אָבער די שפראכ צו וואָס מער ד י פ ע ר ע נ צ י ר ט נ וואָרטשטאָפ.

ענגעלס מאכט א פּאָר מאָל אופמערקזאמ וועגנ אזא פראט:

„דאָס וואָרט „ארבעט", ווי די אנטשפרעכיקע פאָרשטעלונג דערפונ, איז געשאפנ פונ די ענגלישע < עקאָנאָמיסטנ > אינזשינערנ. אינ ענגליש הייסט אָבער פראקטישע ארבעט Work, אונ ארבעט אינעמ עקאָנאָמישנ זינענ — Labour. דע־ריבער ווערט אויכ פיזישע ארבעט באצייכנט מיטנ וואָרט Work, אונ דערבײַ איז אויסגעשלאָסנ יעטווידע מעגלעכקײַט פונ צונויפמישנ עס מיט דער ארבעט אינ עקאָנאָמישנ זינענ. גאָר אנדערש איז עס אינ דער דײַטשישער שפראכ,

און דעריבער זייַנען אין דער נייַסטער פסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור מעגלעך געווען פאַרשיידענע מאָדנע (Sonderbare) אָנווענדונגען פון אַרבעט אין פיזישן זינען צו אַרבעט־פאַרהעלטענישן אין געביט פון עקאָנאָמיק און פאַרקערט. בא די דייַטשן איז פאַראַן דאָס וואָרט Werk, וואָס פּאַסט אויס־געצייכנט, פונקט ווי דאָס ענגלישע Work, אָפּ צו באַצייכענען פיזישע אַרבעט. ווייַל אָבער די פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז אײַנגאַנצן אַ פרעמדער געביט פאַר אונדזערע נאַטור־פאָרשער, איז זיי שווערלעך, אַז זיי זאָלן זיך באַשליסן עס אייַנצופירן אָנשטאָט דעם שוין אייַנגעבירגערטן וואָרט Arbeit. און ווען זיי וועלן זיך שוין פּרווון עס אַרייַנפירן, וועט עס טרעפן דאַן, ווען עס וועט שוין זייַן צו שפּעט. נאָר בא גלאַזיוסן טרעפן מיר דעם פּרווו צו לאָזן כאָטש־בי באַגלייַך מיטן אויסדרוק Arbeit אויך דעם אויסדרוק Werk...[1]).

און אַזאַ שטעלונג צו דיפערענצירונג דאַרף מען האָבן אין אויג אויך בא דער נייַער וואָרטשאַפונג אינעם סאָוועטישן ייִדיש ביקלאַל און אין טערמינאָלאָגיע ביפראַט.

דער אַמאָליקער מינסקער „פּראָעקט" פון דער יורידישער טערמינאָלאָגיע האָט געהאַט געגעבן איין וואָרט „פאַרייגענונג" פאַר „присвоение" און פאַר „прио-бретение".

דאָס זייַנען אָבער צוויי פאַרשיידענע זאַכן. אין „присвоение" איז פאַראַן דער מאָמענט פון אייגנטום, דערבייַ מיטן ניואַנס פון געזעצלעכער „פאַרייגענונג", דאַן ווען „приобретение" איז ניט דאַפקע קריגן אייַן אייגנטום, נאָר אויך אין צייַט־ווייַליקן באַזיץ. דאַרף מען דיפערענצירן — (אָנ־, צו־) אייגענען (присвоение) און (דער־, פאַר־) ווערבונג (אָדער עפּשער „אייַנשאַפונג") (приобретение).

דער זעלבער מינסקער „פּראָעקט" האָט געהאַט געבראַכט „באַשטעטיקן" סיי פאַר „засвидетельствовать", סיי פאַר „утверждать". דאָס זייַנען ווידער צוויי פאַרשיידענע זאַכן — засвидетельствовать קומט פאָר בא אַ כסימע, בא אַ קאָפּיע, און утверждать איז געמיינט סאַנקציאָנירן, ווען אַ העכערע אינסטאַנץ סאַנקציאָנידט די האַנד־לונג פון אַן אונטערגעוואָרפענער פּערזאָן אָדער פון אַן אונטערגעוואָרפענעם אַנ־שטאַלט. האָבן מיר געלאָזט „באַשטעטיקן" פאַר „утвердить" און גענומען „באַשייַ־ניקן" פאַר „засвидетельствовать".

און נייטיק איז צו דיפערענצירן אויך דאָרטן, וווּ אין רוסיש, אַשטייגער, איז פאַראַן ניט מער ווי איין האָמאָנימישע באַצייכענונג פאַר פאַרשיידענע זאַכן און אין ייִדיש קענען גילטן דערפאַר אַ שאַטירטע באַצייכענונג. מע דאַרף קיינמאָל ניט אַרויס־לאָזן פון אויג דעם רעאַלן באַטייַט פון אַ טערמין אין דער געגעבענער שפּראַך אָפּ אויסצומייַדן די ניט נייטיקע האָמאָנימיע, וואָס גילט אין אַן אַנדער שפּראַך. מיט דער דאָזיקער פּראָבלעם איז ספּעציעל אויך געבונדן דער באַטייַט פון אַ וואָרט אינעם פראַזעאָלאָגישן אויסדרוק פון איין שפּראַך, וווּ עס ווערט דיפערענצירט אין פאַר־שיידענע פראַזעאָלאָגישע באַהעפטן אין פאַרגלייַך מיט אַ צווייטער שפּראַך, וווּ דאָס דאָזיקע וואָרט קען קומען אַלציינס אין די פאַרשיידענע פראַזעאָלאָגישע באַהעפטן.

---

[1]) ענגעלס. נאַטור־דיאַלעקטיק.

אָט זײַנען א ריי בײַשפּילן פון אזא דיפערענצירונג אין ייִדיש לעגאבע רוסיש.

אומזאצ־(קאפּיטאל)<br>
פּארקער (לאָזן אינ) — Оборот<br>
ווענדונג (געבן דעכ איניען אנ אנדער ווענדונג)

אפ דער אנדערער זײַט — На обороте

בארעכט־(דאָקומענט)<br>
באפרײַ־(אורטייל) — Оправдательный

שטראָפ־מאָס — Мера (наказания)

אָפּהיט־מיטל — Мера (охранительная)

ציוויל־(קאָדעקס)<br>
בירגער־(פליכט) — Гражданский

פּראט־(אָנקלאָג) — Частный

פּריוואטע באשולדיקונג (קעגנגעשטעלט צו מעלוכישער)

ארײַנ(גיינ) אינ געזעצלעכער קראפט — Вступить в законную силу

צוטרעטנ אויסצופילנ די פליכטנ — Вступить в исполнение обязанностей

אָנהייבנ די אונטערהאנדלונגענ — Вступить в переговоры

ארײַנטרעטנ אינ באזיצ — Вступить во владение

כאסענע האָבנ, הייראטנ — Вступить в брак.

שײַעכ איז עס צו באצייכענונגענ סײַ אינ די ראמענ פונ איינ געביט (ווי האָמאָנימיע איז באזונדערס ניט געווונטשנ), סײַ אויכ אינ די ראמענ פונ פארשיידענע געביטנ (ווי ס'איז אויכ קעדײַ ווײַטמעגלעכ אָפּצוגרענעצנ באגריפ פונ באגריפ).

אינ געגעבענעמ פאל קענ מענ עס, אשטייגער, זענ אפ די יורידישע אונ די געשעפטלעכע באטײַטנ.

איניען־פירונג (יורידיש) — Производство

געשעפטפירונג (געשעפטלעכ) — Делопроизводство (деловодство)

באריכטפליכטיקע (פּערזאָנ)<br>
כעזשבנפליכטיקע (סומעס) — Подотчетный

ס'איז דאָ אויכ נייטיק צו אָפּמערקנ אזא וויכטיקנ גראמאטיש־סעמאנטישנ פּראט, ווי דעמ סובסטאנטיוו אונ דעמ סובסטאנטיווירטנ אינפיניטיוו, וואָס גיט אינ ייִדיש אינ היפּש פאלנ צוויי טערמינעס לעגאבע דעמ איינציקנ ניט־ייִדישנ (רוסישנ) טערמינ. ייִדיש שיידט דאָ אָפּט אונטער אי זאכ, אי אקציע.

קאסאציע, די<br>
קאסירנ, דאָס — Кассация

מעלדונג, די<br>
מעלדנ, דאָס[1] — Заявление

די צאָל בײַשפּילנ פונ אזא שאטירנדיקער דיפערענצירונג קענ מענ דורכויס פארמערנ. אָבער אויכ דאָס געבראכטע, מיינען מיר, ווײַזט גענוג די ראָל פונ דיפערענ־

---

[1]) ניט אומעטומ איז עס מעגלעכ דורכצופירנ ספּעציעל דאנ, ווענ א געוויס וואָרט האָט שוינ זײַנ סטאבילנ איינציקנ באטײַט. אשטייגער, заведывание — בלויז — פארוואלטנ (ניט פארוואלטונג), жительство — בלויז וווינענ (ניט וווינונג).

ציִאציע אין דעם טערמינאָלאָגיש־שעפערישן פּראָצעס. ס׳איז, אגעוו, קלאָר, אז די פראגע פון דיפערענצירונג איז דאָ אויך ענג געבונדן מיט דער אויבנאַרויסגעבראַכטער פּראָבלעם פון אַדעקוואַטקייט צווישן באַגריף און טערמין.

צוליב דיפערענציִאציע קומען גוט צונוץ אויך די פאַרשיידענע אַרויסווייַזונגען פון וואָרטבילדונג, וואָס דערצו גייען מיר איצט אַריבער.

## VI. מאָמענטן פון וואָרטבילדונג

אין דער טיף און אין דער ברייט פּלייצט איצט דער פרישער שטראָם פון נייַער וואָרטבילדונג אינעם סאָוועטישן ייִדיש. צו הילף קומען דאָ די פאַרשיידענע פּאָטענצן פון דער שפּראַך, וואָס לעבן אין איר דורך נייַער איבערבאַזיניקונג און אויסברייטערונג פון באַטייַט, מיט דער הילף פון אַנאַלאָגיזירונג, אַפיקסאַציע, צונויפזאַץ, מיט דער הילף פון פולערער און קירצערער פאָרמע. די דאָזיקע פאַרשיידענע אַרויסווייַזונגען קרייצן זיך אָפּט און מישן זיך איבער צווישן זיך. אַזוי איז עס איצט אין דער שפּראַך ביכלאַל, אַזוי איז עס אין דער טערמינאָלאָגיע און אויך אין דער איצט באַהאַנדלטער טערמינאָלאָגיע.

מיר וועלן איצט פאַרצייכענען געוויסע פונקטן פון דער ייִדישער וואָרטבילדונג אין געביט פון דער אַדמיניסטראַטיוו־רעכטלעכער און געשעפטלעכער טערמינאָלאָגיע.

### 1. אנאלאָגיזמען

אַנאַלאָגיזמען („קאַלקעס״, ענלעכע סטרוקטורן) זייַנען אַ מאָדיפיקאַציע פון וואָרט־בילדונג ביכלאַל.

די אַנאַלאָגישע וואָרטבילדונג אָפּן סאָוועטישן באָדן איז איצט אין אונדזערע פּילצאָליקע שפּראַכן אַ דורכויסיקער און רייַך צעצווייַגטער פּראָצעס. ס׳איז די איינ־הייַטלעכע און איינצייַטיק אופגעקומענע שפּראַכלעכע פאַרקערפּערונג פון אונדזער ראַטנ־ווירקלעכקייַט. גרויס און מעכטיק איז דאָ די ראָליע פון רוסיש, די שפּראַך פונעם רייַכסטן פאָלק לויט זייַן דערפאַרונג און קולטור.

די דערשייַנונגען פון שפּראַכלעכער אַנאַלאָגיזירונג פון ייִדיש מיט די אַנדערע סאָוועטישע שפּראַכן (אין דער ערשטער ריי מיט רוסיש, אוקראַיִניש און ווייַסרוסיש) זייַנען אַן אויסדרוק פונעם געמיינזאַמען סאָוועטישן אינהאַלט, און די דאָזיקע שפּראַכלעכע דערנעענטערונג נעמט איצט מערער ווי ווען עס איז דורכשנייַדן אונדזער גאָרן סאָוועטישן שפּראַכבוי.

דאָ מיינען מיר דערמיט אַזוינע, אַשטייגער, גרופּעס אַנאַלאָגיזמען.

א. ווערטער, וואָס בילדן ביכלאַל דעם פּלאַסט נייַבאַטייַטן און נייַבילדונגען:

פאַרשריפט (Предписание), רעכטמעכטיקייַט (Правомочие), אָנזאָג, אויס־רייד (Выговор), אַרייַנגאַנג־, אַרויסגאַנג־פּאַפּיר (Входящая исходящая бумага), אַרויסלאָז (פון דער האַלוואָע) Выпуск (займа).

ב. נייַע געבונדענע ווערטער־רייען. ביכלאַל זייַנען עס „צעלייגבאַרע״ וואָרט־גרופּעס, ס׳הייסט אַזוינע, ווו יעדעס וואָרט פון דער גרופּע בלייַבט אויך אַ וואָרט

פאר זיך מיט זײַן, אזוי צו זאָגן, זעלבשטענדיק־אומאָפּהענגיקער פונקציע לויטן טיפּ:

אלפאַרבאנדישער צענטראלער אויספירקאָמיטעט, ראט פון דעפּוטאטן פון ארבעטנדיקע, פּאָלקס־ווירטשאפטלעכער פּלאן...

ג. פארשיידנערליי אפיקסישע און קאָמפּאָזיטישע וואָרטבילדונג, וואָס מיר באַרירן עס ווײַטער.

אנאלאָגיזירונג איז א פארשפרייטע דערשײַנונג אויך אין דער געגעבענער טערמינאָלאָגיע. אפּ א פּראט־פאל קומען דאָ צום אויסדרוק די ניי־אָנגעוואקסענע באדערפענישן פונעם סאָוועטישן געמיינזאם־שפּראכלעכן בוי אויך אין ייִדיש.

## 2. אפּיקסאציע

אויך אין דער געגעבענער טערמינאָלאָגיע איז קלאָר צו זען ווי שטארק פּראָדוקטיוו ס'איז געוואָרן די פארשיידענע אפיקסאציע פון ייִדיש. אייניקע אפיקסן ווײַזן דאָ ארויס גאָר א באזונדער אינטענסיווקײַט. דאָס קומט דאָ פאָר, אשטייגער, מיט יענע סופיקסן, וואָס באצייכענען טעטיקײַט, טאטפּייִקײַט (געריכטלעכע, מעלוכיש־אדמיניסטראטיווע, פארטייִשע, סאָוועטיש־געזעלשאפטלעכע) אין די באדינגונגען פונעם נײַעם צוזאמענלעבן.

### — ער (נ)

ווילער, בײַזיצער, מעלדער (заявитель), אָנקלאָגער (жалобщик), פארהערער (допрашивающий), פארטרויער (доверитель), בײַזעער (очевидец).

און אזוי איז עס אויך מיט היפּש אנדערע סופיקסן באם אויסבילדן ווערטער פאר נײַ־אופגעקומענע באגריפן אָדער פאר באגריפן, וואָס האָבן נאָך אין ייִדיש ניט געהאט קיין געהעריקן וואָרט־אויסדרוק, ניט געהאט די נייטיקע אויספורעמונג, אשטייגער

### — ונג.

ווערבאל־סובסטאנטיווישער סופיקס פאר טוונג, פּראָצעס:

אויספילונג, אויספירונג, אָפּשטימונג, אויסוויילונג, אָפּייגענונג (отчуждение).

### — קײַט (—לעכקײַט, —יקײַט, —ישקײַט).

באם אויסבילדן סובסטאנטיוון (מיינסטנס פון אדווערבן און ווערבן) פאר געוויסע אייגנטימלעכקײַטן, אייגנשאפטן, כאראקטער פון א דערשײַנונג:

געמישפּעטקײַט (судимость), דערוויזנקײַט (доказанность), דערווײַזלעכקײַט (доказательность), באריכטלעכקײַט (отчетность), פּלאנישקײַט...

אזוי איז עס אָבער ניט בלויז מיט די לעבעדיקע סובסטאנטיווישע סופיקסן, וועלכע מיר האָבן אָקאָרשט דערמאָנט. אזוי איז עס אין א היפּשער מאָס מיט אלע אנדערע סופיקסן פון סובסטאנטיוו. אזוי איז עס אויך מיט די סופיקסן פון די אנדערע וואָרטקלאסן.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דער פארשיידענער פּרעפיקסירונג (און מיט די ווערבאלע צוגאָבן) אין דער געגעבענער טערמינאָלאָגיע.

מע קען עס זען ספּעציִעל אפּ דער אפיקסישער דיפערענצירונג.

פארשיידענע אפיקסירונג גיט די בעסטע מעגלעכקייט צו ניואנסירן און צו די־פערענצירן דעם באטייט. אויך אין דער געגעבענער טערמינאָלאָגיע איז עס אויס־געניצט געוואָרן אפ פארשיידענע אויפאנימ:

באוויייז — показание, דערוויייז — доказательство, אופוויייז — улика;
מאָנונג — иск, אופמאָנענ — взыскание;
אויסרייד — выговор, אָנרייד — оговор;
אייינזענ — усмотрение, פארזענ — упущение;
אָפּווענדונג — уклонение, פארווענדונג — затрата;
בירגערלעכקייט — гражданственность, בירגערשאפט — гражданство;
ארופרעכענונג — начет, צורעכענונג — начисление.

צוליב אזא דיפערענצירונג זייינענ דאָ אויסגעניצט געוואָרנ די פארשיידנסטע אפיקסנ.

ניט אלע מאָל איז די פארשיידענע אפיקסירונג (ספעציִעל פרעפיקסירונג) באַ־טייטלעכ פארשיידנ. ס'גילטנ פאראלעל סטרוקטורישע פ אָ ר מ ע ס פאר איינ און דעמ זעלבנ א י נ ה א ל ט. מיִר זעענ עס אפנ בייישפיל פונ די פרעפיקסנ „אָנ־", „אומ־", די פאָרמע מיט **אָנ־אומ־** איז מערער פארשפרייט אינ יִידיש, זי איז אויכ דורכויס אנטשפרעכיק צומ סלאווישנ „без" (אינ דייטש האָבנ מיר אינ אזוינע פאלנ אי un, ווי אויכ ohne, אי -los). בלייבט מערער פארשפרייט, —

אומגעזעצלעכקייט, אומויסבעסערלעכקייט (неисправимость), אומאָפּפרעג־לעכקייט (неопровержимость), אומפוליעריקייט (несовершеннолетие), אומבע־קיוונדיקייט (безнамеренностъ), אָנאפעליאציעדיקער (безапелляционный), אָנ טערמיניקער (бессрочный), אומהאכנאָסעדיקייט (бездоходности), אָנפראָצענ־טיקע (האלוואָע)...

דערבייי גילט אויכ אינ א קלענערער צאָל פאלנ די פאָרמע מיט „־לאָז", וואָס די ביזאהעריקע פראקטיק האָט זי שוינ אויכ פארבירגערט:

אופזיכטלאָזער (безнадзорный), שוצלאָזיקייט (беззащитность), געפארלאָזיקייט (безопасность), גרונטלאָזיקייט (голословный).

צוליב שאטירונג און דיפערענציִאציע איז דאָ אויכ צונוצ געקומענ די פולע און די קורצע (אָנסופיקסישע) פאָרמע פונעמ וואָרט:

דערוויייז (доказательство), דערוויייזונג (доказывание); אָפּווענד (отвод), אָפּווענדונג (уклонение).

און צומאָל קענ אנ אפיקס אינ יִידיש אנטשפרעכנ דעמ גאנצנ וואָרט אינ אנ אנ־דער שפראכ (ווי דאָס זעלבע קומט פאָר מיט אנ אנדער שפראכ לעגאבע יִידיש):

צוריקווירקונג (обратное действие), פאָרויספיר (предварительное исполнение), בייהויצאָעס (накладные расходы).

### 3. צונויפזאצ

אינ דער געגעבענער טערמינאָלאָגיע איז אויכ צו פילנ די שטארקע פארשפריי־טונג פונ צונויפזאצ, וואָס יִידיש איז עס ביקלאל אייגנטימלעכ. דער צונויפזאצ ברענגט דאָ מיט די נייטיקע קורצגעפאסטקייט, וואָס איז א מיילע פאר א טערמינ,

אויבֿ דאָס מינערט, פֿארשטייט זיכ, ניט די פֿולקייַט פֿונעמ באגריפֿ. האָבֿנ מיר דאָ אינ א היפּשער צאָלֿ דעמ טיפּ:

אויספֿיר־מאכט (власть исполнительная), אָנטרוי־גראמאָטע (вери-тельная грамота), שוץ־גראמאָטע (охранная грамота), בֿירגערשטאנד (граж-данское состояние), מעלֿד־אקט (акт явочный), וווינ־שייַנ (вид на жительство), מעלֿוכע־בֿיודזשעט (бюджет государственный), שלֿוס־באלֿאנס (баланс за-ключительный), פֿארקויפֿ־אקט (акт запродажный).

דאָס הייסט אָבֿער ניט, אז די צונויפֿזאצנ קענענ גילטנ „איבֿער אלֿעס". פֿאר־קערט, אינ היפּש פֿאלֿנ אונ ספּעציִעלֿ בא דער דרייַגאָרנדיקייַט פֿונעמ קאָמפּאָזיט דארפֿ מענ אלֿעמאָלֿ גלֿידערנ, אדיעקטיווירנ אימ אָדער געבֿנ מיט „פֿונ" לֿויט דער איצט פֿארשפּרייטער סלֿאווישער טענדענצ אינ יִדיש:

דערציִערישער אויסבֿעסער־אנשטאלֿט (воспитательно-исправительное за-ведение).

פֿארבאנד פֿונ ארבֿעטער פֿונ דער טראנספּאָרטלֿעכער מאשינ־בֿויונג (союз рабочих транспортного машиностроения).

א מאָדיפֿיקאציע פֿונ צונויפֿזאצ איז די אבֿרעוויִאטור. איינ צייַט האָט די אבֿרע־וויִאטור געהאט גאָר א גרויסנ אָנגאנג. אינ פֿילֿ אזוינע קירצונגענ איז אפּ אנ אייגנ־ארטיקנ נייַעמ אופֿנ געקומענ צומ אויסדרוק די האסטיק־שטרענגע אונ די שלֿאָגעוודי־קע פֿארטאָנענקייַט פֿונ דער רעוואָלֿיוציע־צייַט. די צו גרויסע פֿארשפּרייטונג פֿונ די קירצונגענ האָט דאָכ באדארפֿט געצאמט ווערנ, ווייַלֿ פֿילֿ פֿונ זיי זייַנענ געווענ ניט מאסעווע, ווייניק פֿארשטענדלֿעכע אונ טיילֿווייַז האמעטנע לֿויטנ בוי (ווענ דעמ האָבֿנ געוואָרנט אונדזערע פֿירער). אונ אסאכ קירצונגענ האָט זיכ שוינ פֿעסט אייַנגעבֿיר־גערט, זייַנענ געוואָרנ גוט באקאנט אונ פּאָפּולֿער. ספּעציִעלֿ איז עס שייַכ צו דעמ מינ אבֿרעוויִאטור, וואָס איז טאקע היפּש פֿארטראָטנ אינ דער געגעבֿענער טערמינאָ־לֿאָגיע: מעלֿוכיש־סאָוועטישע באצייכענונגענ, נעמענ פֿונ אייַנריכטונגענ. פֿאָרגעשטעלֿט זייַנענ דאָ די באקאנטע פֿארשיידענע גרופּעס קירצונגענ סייַ פֿונעמ ק אָ מ בֿ י נ י ר י ק נ, סייַ פֿונעמ א י נ י צ ִ א לֿ י ק נ טיפּ.

באמ אריינבֿרענגענ אבֿרעוויִאטור האָבֿנ מיר זיכ געהאלֿטנ בא די שוינ גילֿטנדיקע אייַנשטעלֿונגענ: די קאָמבֿינירִיקע קומענ אלֿס קלֿאלֿ, אנאלֿאָגיש געפֿורעמט (ראטפּאָלֿ־קאָמ, קאָלֿאָפּמאכ), די איניציִאלֿיקע זייַנענ אידענטיש מיט סלֿאוויש (ססטר., ווצספּס., זאגס).

בא א ריי אבֿרעוויִאציעס קומט דאָ ניט אלֿעמאָלֿ אינ יִדיש די פֿולֿע אנטשפּרע־כונג לֿויטנ סלֿאווישנ טיפּ קירצונג. ווענ דאָס יִדישע וואָרט איז צומאָלֿ פֿאר זיכ קורצ, ווערט עס דאנ געבֿראכט גאנצערהייט לֿויט דער שוינ אָנגענומענער פּראקטיק: שטאָטראט (горсовет), פֿאָלֿקאָמערד (наркомзем), פֿאָלֿקס־געריכט (нарсуд). לֿויט דער זעלֿבֿער פּראקטיק קומט דאָס וואָרט אינ געוויסע פֿאלֿנ פֿולֿערהייט, ווענ ס׳איז ניט באקוועמ צו קאָנסטרויִרנ עס לֿויט דער רוסישער אבֿרעוויִאציע: פֿאָרזיצער פֿונ אויספֿירקאָמ (предисполкома), ארבֿעטער־פּויערשע רויטע ארמיי (РККА). אינ אייני־קע פֿאלֿנ זייַנענ אויכ די איניציִאלֿיקע אבֿרעוויִאציעס אינ יִדיש געגעבֿנ געוואָרנ פֿו־לֿערהייט: בֿילדונג־אָפּטיילֿ (ОНО), הויכשולֿ (Вуз). לֿויט דער אָנגענומענער פּראקטיק

איז אויך אייניקע איניצ׳אליקע אברעוויִאציעס אויסגעקומענ צו געבנ אינ ד ער יִידִ-
שער פורעמונג: צפ׳אוי (Вриq), אללקיופ (ВЛКСМ).

---

דאָס זייַנענ א רײ גרונטיקערע האנאָכעס, וואָס מיר האָבנ זיי געהאט אינ אויג באַם אופ-
שטעלנ די מעלוכיש-אדמיניסטראטיווע טערמינאָלאָגיע. מיט דער דאָזיקער טערמינאָלאָגיע,
ווילנ מיר האָפנ, וועט אינ דער יִדישער שפּראך צוקומענ אופגעזאמלט, סיסטעמאטי-
זירט אונ אָפּגעשטעלט דער וויכטיקסטער רעכטלעכער, מעלוכיש-אדמיניסטראטיווער
אונ פּאָליטישער לעקסיקאָנ, וואָס באנאנד מיט אונדזער גאָרער כאָוועטישער וואָרט-
שעפערישער עקספּאנסיע שפּיגלט ער אָפּ די נײַע דענק-פּראָצעכנ, דעם נײַעם זײַנ
אינ אונדזער ווונדערבארנ ראטנלאנד.

---

כ. לויצקער

# פראגעס פונ דיכטערישער איבערזעצונג

(פ ו ש ק י נ  א י נ  י י ִ ד י ש)

ווײַט־ווײַט האָבנ אָפּגעהילכט די באַגײַסטערטע רעדעס, וואָס זײַנענ געווענ געהאלטנ אינ צוזאמענהאנג מיטנ הונדערטנ יאָרטאָג נאָכ פושקינס טראגישנ אומקום. ס'איז דערפירט געוואָרנ צום באוווסטזײַנ פונ די ברייטסטע מאסנ דאָס הערלעכע געשטאלט פונעמ געניִאלסטנ רוסישנ דיכטער, אונ ס'איז איצט אינגאנצנ איבעריק גענוי זיכ אָפּצושטעלנ אפ דער אלגעמיינער באַדײַטונג פונ פושקינס שאפונג, אפ דער כאראקטעריסטיק פונ זײַנע ווערק, וואָס האָבנ, בא זייער גרויסער קינסטלערישער קראפט, אויסגעדריקט די אקטועלסטע פילאָסאָפישע אונ סאָציִאל־פאָליטישע פראָבלעמעס פונ זײַנ צײַט, פאראלגעמיינערט די אוניווערסאלסטע מענטשלעכע ליידנשאפטנ, וואָס גייענ ארויס פונ די ראמענ פונ צײַט אונ פונ נאציִאָנאלע גרענעצנ.

פושקינ איז פונ שטענדיק אָנ זייער פאָפּולער אונ באליבט בא די פארשיידענע פעלקער אונ פעלקערשאפטנ פונ אונדזער לאנד. אָבער דער טרוימ פונעמ געניִאלנ דיכטער: И назовет меня всяк сущий в ней язык — איז בעעמעס פארווירקלעכט געוואָרנ ערשט נאָכ דער גרויסער אָקטיאבערישער סאָציִאליסטישער רעוואָליוציע, ווענ ס'זײַנענ אופגעאקערט געוואָרנ פלאסטנ פונ אָניוורעדיקײַט אונ קולטורלאָזיקײַט; ווענ הונדערטער טויזנטער פאָלקס־מענטשנ זײַנענ פונ בלינד זעענדיק געוואָרנ אונ ערשט באקומענ די מעגלעכקײַט צו באקענענ זיכ מיטנ געבענטשטנ דיכטער פונ דער רוסישער ערד. א באזונדערס מעכטיקנ שווונג האָט פושקינס פאָפּולערקײַט געגעבנ צום הונדערטסטנ יאָרצײַט זײַנעמ, ווענ אלע ראטנפארבאנדישע פעלקער האָבנ גענומענ מאָביליזירנ אלע זייערע שפראכ־רעסורסנ אפ צו ארײַנפירנ פושקינענ אינ זייער אייגענער שפראכ.

ביכלאל איז דאָס איבערזעצנ פונ איינ שפראכ אפ דער אנדערער א גאנצ שווערער איניענ, וואָרעמ שפראכ איז ניט בלויז א סכומ ווערטער, וואָס יעדערס פונ זיי דינט אלס פּאָשעטע עטיקעטקע פאר א באשטימטנ באגריפ, אלס א באשטימטע אויסערלעכע אנטפּלעקונג פונ א באשטימטנ אינהאלט־איינצל; איבערזעצנ פונ איינ שפראכ אינ דער אנדערער וואָלט, אייגנטלעכ, ניט געווענ אזוי שווער, ווענ פארשיידענע שפראכנ זאָלנ איינעמ אונ דעמ זעלבנ באגריפ בלויז אָנרופנ מיט אנ אנדער וואָרט. נאָר דאָס איז דאָכ די מײַסע, וואָס האגאמ פאר אלע מענטשנ אנטפּלעקט זיכ איינע אונ די זעלבע אויסערלעכע וועלט, אָבער די פארקערפערונג אינ דער

שפראַך קומט פאָר ניט בלויז לויט איינצעלנע באַגריפן, נאָר אָפט לויט גאַנצע קאָמפלעקסן באַגריפן, און דאָס ברענגט דערצו, אַז באַם טראַנספאָרמירן אַ געוויסן סכום באַגריפן פון איין שפראַך אין דער אַנדערער ווערט אָפט אין אַ געוויסער — זאָל זײַן אין אַ קלענער — מאָס געענדערט אויך דער זין זייערער; די אַנדערשדיקע פ אָ ר ם פון דער פרעמדער שפראַך באַדינגט אויך אַ געוויסן איבערוק אין א י נ ה א ל ט, בענעגייע איבערזעצונגען הייסט עס: די ווערטער פון דער אַנדערער שפראַך, אויסדריקנדיק אין ג ר ו נ ט די זעלבע פאָרשטעלונג, וואָס די געהעריקע ווערטער פון דער אָריגינאַל־שפראַך, ברענגען אָבער מיט זיך אַמאָל אויך געוויסע אַנדערע אינהאַלט־ש אַ ט י ר ו נ ג ע ן, וואָס זײַנען ניט פאַראַן אין דער אָריגינאַל־שפראַך.

אַ באַזונדערס שווערע פּראָבלעם איז דאָס איבערזעצן קינסטלערישע ליטעראַטור. די באַזונדערע שווערקײַט באַשטייט אין דעם, וואָס אין אַ קינסטלעריש ווערק האָבן מיר צו טון דעריקער ניט מיט לאָגיש־געדאַנקלעכע קאַטעגאָריעס, נאָר מיט דער סיסטעם אויסגעדיכטעטע געשטאַלטן און בילדער, וואָס זעצן זיך אָפ באַם שרײַבער אין קאָנקרעטע זעונגען און ווערן אויסגעפורעמט אין אַזעלכע שפראַך־שילדערישע קאַטעגאָריעס, ווערן מיט זיי אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן, אַז דער שפראַך־לעוויש ווערט אַן אָרגאַנישער קאָמפּאָנענט, ניט אָפּצורײַסן, פון דעם גאַנצן בילד.

דערפאַר טאַקע הערשט אַ באַזונדערס גרויסער סקעפּטיציזם בענעגייע דעם איבערזעצן קינסטלערישע ווערק. אייניקע האַלטן, אַז באַם איבערזעצן „ווערט דאָס ווערק אַריבערגעטראָגן אָפ אַן אַנדער באָדן, ס׳פאַלט אַרײַן אין אַ קרײַז פון אַנדערשדיקע פאָרשטעלונגען, פאַרבינדט זיך מיט אַן אַנדער שפראַך־סטרוקטור“ [1]; אַז — „אָפּרײַסנדיק דאָס קינסטלערישע ווערק פון יענעם באָדן, אָפ וועלכן ס׳איז אויסגעוואַקסן, איבערגעבירנדיק עס, אָנבינדנדיק דעם אַזעלכע עלעמענטן, וואָס זײַנען דעם ניט אייגנטימלעך, צופאַסנדיק עס דערצו, אַז מע זאָל עס קענען פאַרשטיין אין אַ נײַער געזעלשאַפטלעכער, ליטעראַרישער, ענדלעך, שפראַכלעכער סוויווע, — ברענגען מיר דעם דאָזיקן ווערק אַ ביטערן שאָדן. קיין אַדעקוואַטקײַט, קיין פולשטענדיקע ענלעכקײַט אָפן אָריגינאַל וועט זיך בעמיילע קיינמאָל ניט באַקומען“ [2].

דער דאָזיקער סקעפּטיציזם איז שוין אַזוי אַלט, ווי אַלט ס׳איז דאָס גאָרע איבערזעצונג־וועזן. באַהויפּטונגען, אָפט גוזמעדיק פאַרשאַרפטע, וועגן דער אומעגלעכקײַט צו איבערגעבן געני׳ אַ קינסטלעריש ווערק אין אַ פרעמדער שפראַך, הערן זיך אין פאַרשיידענע לענדער, אין אַלע צײַטן. אַשטייגער, אַווגוסט שלעגעל, דער באַרימטער שעקספּיר־איבערזעצער, פאַרגלײַכט די איבערזעצונג צו אַ טויט־געפעכט, אין וועלכן דער איבערזעצער טרעט אַרײַן מיטן שעפער פונעם ווערק און אין וועלכן ס׳דאַרף אומפאַרמײַדלעך אומקומען איינער פון זיי. דער באַרימטער קלאַסיקער פון דער שפראַך־וויסנשאַפט וו. הומבאָלדט איז זיך אויך מעיאיעש אין דער עפעקטיווקײַט פון איבערזעצונגען. אין אַ בריוו צו שלעגעלן פונעם 23/7, 1796, זאָגט ער אַרויס קימאַט

[1]) А. Федоров. Приемы и задачи художественного перевода (кн. К. Чуковский и А. Федоров — Искусство перевода, 1930, стр. 80).

[2]) М. П. Алексеев. Проблема художественного перевода, 1931, стр. 17.

דעמ זעלבנ געדאנק, וואָס זײַנ קאָרעספּאָנדענט, נאָר אינ אנ אנדער פאָרמ. ער זאָגט: „יעדע איבערזעצונג דוכט זיכ מיר פאר א פרווו צו דערלײזנ אנ אומדערלײזבארע אופגאבע; יעדער איבערזעצער דארפ זיכ צעקלאפנ אינ איינעמ פונ די צוויי פעלדזנ: די איבערזעצונג דארפ גײנ אָדער אפנ כעזשבנ פונעמ געשמאק אונ פונ דער שפראכ פונ זײַנ פאָלק, אויב ער גייט צו שטארק נאָענט צומ אָריגינאל, אָדער אפנ כעזשבנ פונעמ אָריגינאל, אויב ער פארהיט צופיל די באזונדערקײַטנ פונ זײַנ שפראכ". ביידע, הייסט עס, האלטנ, אז אָנ קיינ קאָרבאָנעס קענ זיכ דאָ ניט באגײנ. שעלי זאָגט, אז „שטרעבנ איבערצוגיסנ דעמ דיכטערס ווערק פונ איינ שפראכ אינ דער אנדערער איז פונקט אזא סייכל, ווי ארײַנוואָרפנ א פײַלכנ אינ א טיגעל, מיטנ צוועק אופצודעקנ דעמ גרונט־קוואל פונ איר קאָליר אונ אראָמאט". אונ אפילע פאָטעבניא, וואָס איז שוינ ניט אזוי האָפנונגלאָז־סקעפּטיש געשטימט בנוגע איבערזעצונגענ, האלט דאָכ, אז „אויב דאָס (באזונדערע) וואָרט פונ איינ שפראכ דעקט ניט דאָס וואָרט פו'נ דער צווייטער שפראכ, קענענ אוודאי אונ אוודאי ניט דעקנ איינס דאָס אנדערע די ווערטער־קאָמבינאציעס, בילדער, געפילנ, וואָס ווערנ ארויסגערופנ דורכ דער רייד; זייער ראָליע ווערט באמ איבערזעצנ אנטרונענ, די גלײַכווערטלעכ זײַנענ ניט איבערזעצבאר. אפילע דער געדאנק, זײַענדיק אָפּגעריסנ פונ זײַנ וואָרט־אויסדרוק, דעקט ניט דעמ געדאנק פונעמ אָריגינאל"[1]. ער זאָגט, אז יעדע איבערזעצונג איז מער אָדער וויניקער ענלעכ אפנ באוווּסטנ שפאסיקנ איבערמאכנ אפ רוסיש („на великорусский") דאָס אוקראַיִנישע („малорусского") „Ой був та нема—Эх был да нетути", אונ ער ברענגט דערבײַ דאלס אנ אנעקדאָט מיט א גריכישנ גאסנ־זינגער, וואָס האָט בעשומויפנ ניט געקענט איבערגעבנ דעמ עמאָציאָנעלנ טאָכ פונ א גריכיש פרימיטיוו לידל אינ רוסיש, כאָטש ער האָט איבערגעזעצט די ווערטער גאנצ גענוי[2].

אָבער די אלע סקעפּטישע ארויסזאָגונגענ זײַנענ א רעזולטאט פונעמ אידעאליסטישנ קוק פונ די אלע לינגוויסטנ אפ שפראכ ניט ווי אפ „רעאלנ פראקטישנ באוווסטזײַנ", נאָר ווי אפ „עמאנאציע פונ פאָלקסגײַסט" א.ד.גל.; זיי ווײַזנ אויכ די גרויסע פאָדערונגענ פונ די אווטאָרס פונ אָט די ארויסזאָגונגענ צו דער איבערזעצונג־ארבעט, דעמ גרויסנ פיעטעט זייערנ צומ קינסטלערישנ וואָרט, — די דאָזיקע ארויסזאָגונגענ טרײַבנ איבער די ווירקלעכע באגרענעצטקײַט איבערצוגעבנ אינ אנ אנדער שפראכ די שאפונגענ פונ א שרײַבער מער־וויניק אדעקוואט, אונ גערעכט איז פאָטעבניא, ווענ ער זאָגט, אז „ווענ די איבערזעצונגענ וואָלטנ געווענ אינ יעדנ פאל א ניוועליר־מיטל, וואָלטנ ניט מעגלעכ געווענ סײַ איבערזעצער, שטארקע אינ זייער שפראכ, סײַ איבערזעצונגענ, מוסטערהאפטע לויט זייער אייגנארטיקײַט אונ קינסטלערישקײַט פונ זייער שפראכ"[3], אונ ס'איז דאָכ א פאקט, אז אפ יעדער שפראכ איז דאָ א היפּשע צאָל (וואָס קולטורעלער דאָס פאָלק — אלצ א גרעסערע צאָל) איבערזעצונגענ פונ אנדערע שפראכנ, וואָס גיבנ דעמ לייענער א גאנצ גענויע פאָרשטעלונג וועגנ אנדערשפּראכיקע שרײַבער אונ זייערע ווערק. נישט מער — די אר־

---

1) А. Потебня. Мысль и язык, 3-е изд., 1913, стр. 198.

2) דאָרט, ז. 199.

3) דאָרט, ז. 201.

בעט פונעמ איבערזעצער איז ביז גאָר א שווערע, פאָדערט אסאכ קענטעניש אונ ליבע צו דער זאכ, וועלכע ער זעצט איבער.

גאָר אונ גאָר שווער איז איבערצוזעצנ פּאָעזיע, פּערזנ־ווערק. דאָ שטייט פארנ איבערזעצער די אופגאבע צו לייזנ אסאכ מער אופגאבעס, איידער באמ איבערזעצנ פּראָזע. כוץ דער לעקסיש־סעמאנטישער זײַט, דארפ ער נאָכ באוואָרענענ אזעלכע ספּעציפישע זאכנ ווי ריטמ, ווילקלאנג א.ד.גל., אונ דאָס וואָרט גופע האָט דאָ אויכ א גרעסערע פילבאטײַטיקײַט, מער מעגלעכקײַטנ פאר פארשיידענע סעמאנטישע אנט־פּלעקונגענ, וואָרעמ דער גרונט־עלעמענט פונ דיכטונג איז דאָכ דאָס בילד, די עקס־פּרעסיע, וואָס איז אינ דער דיכטונג אסאכ קאָמפּאקטער איידער אינ דער פּראָזע; וואָרעמ דער אויסדרוק פונ עמאָציע איז אסאכ אָרגאנישער באהעפט מיט דער אײַ־גענער שפּראכ פונ שרײַבער, איידער דער אויסדרוק פונ דענקענ.

דאָס איבערזעצנ פּושקינענ אינ יִדיש איז דעריבער אנ ערנסטער פּרווו סײַ פאר דער יִדישער שפּראכ, סײַ פאר אונדזערע איבערזעצער — איינעמ פונ די אקטיווסטע אָטריאדנ שפּראכ־שעפער אונ שפּראכ־בויער.

בענעגייע דער יִדישער שפּראכ קענ מענ גלײַכ זאָגנ: זי האָט דעמ „עקזאמענ" בעפיירעש אויסגעהאלטנ. יִדישע דיכטער פלעגנ זיכ צומאָל קלאָגנ, אז יִדיש האָט ניט די נייטיקע מיטלענ אפ צו אויסדריקנ וועלכנ ס'ניט איז מענטש־לעכנ געפיל; י. ל. פּערעצ, אשטייגער, אינ א לירישער אָפּווייכונג אינ „מאָניש" זאָגט וועגנ „זשארגאָנ", אז ער האָט ניט „קיינ רעכטנ קלאנג, קיינ רעכטנ טאָנ! ס'האָט פאר ליבע, פאר געפיל נישט קיינ פּאסנד וואָרט, קיינ סטיל". אונ בא הײַנטיקנ טאָג, אינ די ראטנ־באדינגונגענ, האָט די יִדישע שפּראכ זיכ שטארק אנטוויקלט אונ זיכ פאנאנדערגעבליט. דאָס שפּיגלט זיכ אָפּ אויכ אינ די איבערזעצונגענ: אלע פּושקינ־אי־בערזעצונגענ, צוזאמענגענומענ, האָבנ דערוויזנ, אז די יִדישע שפּראכ איז שוינ אזוי רײַפ, אזוי רײַכ מיט וואָרטשטאָפּ, מיט סטרוקטור־מיטלענ, מיט אלערליי שפּראכ־זאפטנ, אז זי קענ שוינ רעפּראָדוצירנ פּושקינענ אפ אזא אויפנ, אז דער יִדיש־לייענער זאָל דורכ דער איבערזעצונג אינ א גרויסער מאָס דערפילנ די גאָרע גראנדיִעזקײַט פונעמ אָריגינאל.

צי האָבנ אויסגעהאלטנ דעמ פּרווו אונדזערע איבערזעצער? אפ דעמ דארפ שוינ ענטפערנ דער אנאליז פונ זייערע איבערזעצונגענ.

אונדזער אופגאבע איז — אפ די קאָנקרעטע מאטעריאלנ פונ פּושקינס פּערזנ־ווערק באטראכטנ די פארשיידענע פּראגעס, וואָס אנטשטייענ באמ איבערגעבנ אינ יִדיש פארשיידענע שפּראכ־קינסטלערישע קאטעגאָריעס אינ א בעלעטריסטיש ווערק, ביכלאל, אינ פּאָעזיע — ביפּראט.

ס'איז זייער ניט באקוועמ צו „פּאלמעסנ" דעמ לעבעדיקנ אָרגאניזמ פונ דער ליד, פּרעפּארירנ זי אפ באזונדערע סטראָפעס אונ פּערזנ, צומאָל אפילע אפ באזונדערע ווערטער: ס'גייט דערפונ פארלאָרנ דאָס גאָרע קינסטלערישע גאנצע פונ דער ליד, ס'ווערט אויסגעהויכט דער קינסטלערישער אָטעמ אירער. אָבער, אויב ניט אָפּקומענ מיט „ביכלאל"־ארויסזאָגונגענ, נאָר געבנ א שפּראכ־אנאליז אונ קאָנקרעט אָנווײַזנ, ווי ארומ ס'ווערט איבערגעגעבנ אינ יִדיש דער אינהאלט אונ טאָכ פונ יעדער שורע פונעמ געניאלנ דיכטער אונ וויארומ ווערט די שורע געפעלשט אָדער פארמעסט, —

איז אזא „פרעפארירונג“ נייטיק. דערבייַ דארף מען אָבער אין זינען האָבן, אז די באזונדערע מאָמענטן אינעם אָריגינאל, דעם קאָנקרעטן אויסדרוק, פראזע, וואָרט איז נייטיק צו באטראכטן אין ענגער פארבינדונג מיטן גאנצן טעקסט. דער איבערזעצער דארף אכטונג געבן. אז דאָס געגעבענע אָרט זאָל ניט בלויז זייַן ריכטיק איבערגעזעצט אן און פאר זיך, נאָר אז ס'זאָל זיך הארמאָניש אופאסן מיטן גאנצן.

די פארשיידענע פראָבלעמעס, וואָס שווימען אוף באם באטראכטן די איבערזעצונגען פון פושקינען אין ייִדיש, איז באקוועמער צו באהאנדלען אף די גרייַזיקע ערטער און אף די שטרייַטיקע מאָמענטן אין די איבערזעצונגען, וואָרעם, ערשטנס, איז דאָס, וואָס ס'איז ריכטיק, גלאט, נאָרמאל און אָנסאָפעקדיק אין דער איבערזעצונג, — ווארפט זיך ניט אזוי אין די אויגן, ווי דאָס פאלשע, קינסטלעכע און אי־רעגולערע באם איבערגעבן אין ייִדיש דעם אינהאלט און טאָכ פונעם אָריגינאל; צווייטנס, איז דעם נעגאטיוון, ניט־נאָרמאלן גרינגער און נאטירלעכער קעגנצושטעלן דאָס פאָזיטיווע, נאָרמאלע, איידער פארקערט — באם אנאליזירן דאָס פאָזיטיווע קינסטלעכ צוצוטראכטן, וויַאזוי וואָלט געווען ניט ריכטיק... מיר וועלן דעריבער אין אונדזער אָפהאנדלונג אָפּערירן מער מיט שלעכט איבערגעזעצטע ערטער [1]), איידער מיט גוטע איבערזעצונגען, אויסנוצנדיק די לעצטע בא קעגנשטעלונג, אויכ באם אנאליזירן די אופטוען פון אונדזערע איבערזעצער אף צו איבערגעבן אדעקוואט פושקינס סטיליזאציעס און אנדערע וויכטיקע שפראכ־קינסטלערישע אופטוען.

דערפון טאקע נעמט זיך, וואָס אין אונדזער אנאליז פארנעמט א פארהעלטניס־מעסיק קליינ אָרט, אשטייגער, אזא טיכטיקער פושקינ־איבערזעצער ווי ד. האָפשטיינ: זייַנע איבערזעצונגען זייַנען אין גרונט, די אמערסטנ גענויע, צום אָריגינאל נעענטערע — סייַ לויטן אינהאלט, סייַ לויט דער פאָרמ, סייַ לויט דער זויבערער קלאָרקייַט און צארטקייַט פון זייַן שפראכ, כאָטש, פארשטייט זיך, אויכ בא אים זייַנען פאראנ פעלערן און בלויזן, פון וועלכע מיר ברענגען מוסטערן.

ווי אזוי אונדזערע איבערזעצער האָבן געלייזט די אלע פראגעס, דאָס וועלן מיר פרווון אופדעקן אפן אנאליז פון זייערע קאָנקרעטע איבערזעצונגען [2]).

דעם אנאליז וועלן מיר דאָ מאכן באזונדער לויט דער לעקסיק און באזונדער לויט סינטאקסיש־סטיליסטישע קאטעגאָריעס [3]).

---

[1]) מע דארפ אָבער וואָרענען: אונדזער צוועק איז ניט דאפקע אויסגעפינען די גראָבע פעלערן, בא־ווייַזן די אנעקדאָטיש־גרייַזיקע ערטער אין די איבערזעצונגען, — זיי ווארפן זיך בעמיילע אין די אויגן און נייטיקן זיך ווייניקער אין אופדעקונג, — פיל וויכטיקער איז אופצודעקן דאפקע די נ י ט־ג ר אָ ב ע גרייַזן און ציַען צו זיי די אופמערקזאמקייַט פונעם דיכטער־איבערזעצער. מיר וועלן דעריבער דאָ ריידן אויכ וועגן נ י ט ג אָ ר ג ע ל ו נ ג ע נ ע ע ר ט ע ר, זיי מעגן אפילע (באזונדערס, אין א ליד־פאָרמ, ווו מע קען זיך אמאָל דערלויבן אייניקע פרייַקייַטן) ניט זייַן גרייַזיק.

[2]) קירצונגען פון די נעמען פון די ווערק, מיט וועלכע עס וועט אויסקומען אָפטער צו אָפּערירן:
„Борис Годунов“ — Год.; „Медный всадник“ — Мед.; „Скупой рыцарь“ — Скуп.; „Сказка о царе Салтане“—Салт.; „Сказка о рыбаке и рыбке“ — Рыб.; „Сказка о мертвой царевне“ — Мерт.; „Сказка о попе и работнике его Балде“ — Балд.

קירצונגען פון פאמיליען־נעמען פון איבערזעצער: ד. האָפשטיינ — האָפ.; ע. פינינבערג — פינ.; ל. רעזניק — רעז.; מ. כאשטשעוואצקי—כאש.; י. קאָטליאר—קאָט.; י. רימיניק—רימ.

[3]) צוליב מאנגל אין אָרט גייט אהער ניט ארייַן דער אנאליז פון וואָרטבילדונג, פינ „וואָרט־אינ־סטרומענטירונג“ (פאָעטיק־מאָמענטן) און פון „סטיליזאציעס“. טיילווייַז האָב איכ די דאָזיקע מאטעריאלן פארעפנטלעכט אין אנדערע אויסגאבעס.

# I. גענויקײַט אין דער לעקסיק

מיט גענויקײַט ווערט געמיינט ניט דאפקע די בוכשטעבלעכע איבערזעצונגען פון באזונדערע ווערטער. די איבערזעצונג שטעלט זיך ניט צונויף מעכאניש פונעם סכום איינצלנע בוכשטעבלעך איבערגעזעצטע ווערטער, נאָר פון ריכטיק איבערגעגעבענע גרעסערע אָדער קלענערע שטיקער רייד.

וואָס גרעסער ס׳איז דער שרײַבער, אלץ אייגנארטיקער איז זײַן שפראך־סטיל.

בא דער גאָרער פראָסטקײַט און בוילעטער קלאָרקײַט פון פושקינס שפראך, איז זי דאָך אינגאנצן זײַנע אן אייגענע, אָטעמט מיט עפּעס א ספּעציפיש פושקינישן אראָמאט; פון אומזיכטיק צארטע פעדעם איז אויסגעוועבט דאָס אייגנארטיקע, אינדיווידועלע, וואָס גיט א מעגלעכקײַט גלײַך צו דערקענען פושקינען און אים אויסטיילן פון אנדערע דיכטער. פושקינס ליריק, אלע אנדערע זײַנע פערזן זײַנען אזוי קאָנדענסירט, יעדעס וואָרט איז דאָרט אזוי געמאָסטן און געוואויגן, אז ס׳איז אוממעגלעך עפּעס ארײַנצושטעלן אָדער עפּעס אראָפּצונעמען, ניט זינדיקנדיק קעגן דעם אינהאלט פונעם ווערק, קעגן דער אידיי, וואָס ווערט אין דעם דורכגעפירט, קעגן דער טרעפלעכקײַט פונעם בילד, קעגן דער הארמאָנישקײַט פון די טיילן.

דאָס, וואָס יעדע שפּראך האָט זיך אירע נאָרמעס, איר ספּעציפישע סטרוקטור, איר לעקסישן באשטאנד מיט זײַן סעמאנטישן אָנלאָד, שאפט די נויטווענדיקײַט איבערצוזעצן ניט וואָרט אין וואָרט. באם איבערזעצן פושקינען אין יידיש איצט דארף מען נאָך נעמען אין אכט דעם אונטערשייד פוןביידע שפּראכן ניט בלויז אין סינכראָנישן אספּעקט; מע דארף דאָ דיסקאָנטירן די צוגאָב־אונטערשיידן, וואָס שאפן זיך אדאנק דעם, וואָס דאָ האָבן מיר צו טאָן ניט בלויז מיט דער פארשיידנקײַט פון די שפּראכן, נאָר אויך מיט אזא גרויסן צײַט־מעהאלעך, וואָס טיילט אָפּ דעם אָריגינאל פון דער איבערזעצונג. דאָס באדינגט א געוויסע פרײַקײַט באם איבערזעצן. פון דער אנדערער זײַט, באשטייט דאָך יעדע שטיק רייד פון ווערטער, וואָס האָבן געמיינזאמס אין פארשיידענע שפּראכן, טאָר דעריבער ניט זײַן קיין צו פרײַע איבערזעצונג, וואָרעם דאן ווערט איבערגעגעבן בלויז דער לעפּיערעכדיקער אינהאלט פונעם אָריגינאל און ניט זײַן גענויער קינסטלעריש געפּאסטער טאָך.

ס׳טאָרן ניט פארפעלט ווערן אין דער איבערזעצונג אזעלכע ערטער פון דער אָריגינאל־פּראזע, וועלכע האָבן א זעלבשטענדיקן אינהאלטלעכן ווערט, שוין אָפּגערעדט דערפון, אז ס׳טאָר ניט ארויסגעלאָזט ווערן קיין גאנצער מער־ווייניק פארענדיקטער אינהאלט־איינס פונעם אָריגינאל.

ס׳טאָר ניט געענדערט ווערן דער זינען פון דער גאנצער פּראזע אָדער פון אירן א טייל, אזוי, אז ס׳זאָל דערפון געענדערט ווערן דער קינסטלערישער מיינ פּו־נעם אנטשפּרעכיקן אָרט אינעם אָריגינאל. אוואדע און אוואדע טאָרן ניט געמאכט ווערן אזעלכע „ענדערונגען“, וואָס פארקריפּלען דעם זינען פון דער אָריגינאל־שטעל.

די גענויקײַט קען נאָך גיין אפ דער ליניע פון איבערגעבן די דיפערענציר־אייגנשאפטן פון די אָדער יענע ווערטער אין דער אָריגינאל־שפּראך אָדער אין דער איבערזעצונג־שפּראך (סינאָנימיע).

אייִדער מיר וועלן צוטרעטן צום אנאליז פון גענויִקייַט לויט באזונדערע מאָמענטן, האלטן מיר פאר ניט איבעריק צו ברענגען עטלעכע מוסטערן פון מאקסימאל־מעגלע־כער גענויִקייַט און אדעקוואטקייַט צום אָריגינאל, וואָס מיר טרעפן ניט ווייניק אין אונדזערע פושקין־איבערזעצונגען.

| | |
|---|---|
| 1) И платье нужно мне. В последний раз | 1) איך דארף אן אָנצוג אויך. דאָס לעצטע מאָל |
| Все рыцари сидели тут в атласе | געזעסן זייַנען ריטערס דאָ אין אטלאַס, |
| Да бархате; я в латах был один | אין סאמעט; אין פאנצער כ׳בין געווען נאָר איינער |
| За герцогским столом. Отговорился (Скуп.) | באם הערצאָגס טיש. איך האָב פאר־ענטפערט זיך (האָפּ.) |

אין דער איבערזעצונג פון דער דאָזיקער סטראָפע איז פּינקטלעך איבערגעגעבן ניט בלויז דער אלגעמיינער אינהאלט, נאָר אויך די באזונדערע טיילן פון דער סטראָפע — די באזונדערע געגנשטאנדן, די געהעריקע אקצענטירונג. יעדער פערז פון דער איבערזעצונג לייגט זיך אינגאנצן אריַין אין די ראמען פונעם פערז אין אָרי־גינאל, פארהיטנדיק אפילע דעם זעלבן אנזשאמבאמאן.

| | |
|---|---|
| 2) Ох, то-то все вы, девки молодые, | 2) אָך, אָט אזעלכע זייַנט איר, יונגע מיידלעך, |
| Все глупы вы. Уж если подвернулся | פארנארישט אלע זייַנט איר. טרעפט זיך ווען |
| К вам человек завидный, не простой, | א מענטש א פייַנער, ניט קיין פּראָסטער, |
| Так должно вам его себе упрочить. | וואָלט איר צו זיך אים צובינדן באדארפט. |
| А чем? разумным, честным поведеньем, | מיט וואָס? מיט קלוגן, ערלעכן באגיין זיך, |
| Заманивать то строгостью, то лаской; | מיט שטרענגקייַט און מיטן גוטן אים פארנארן |
| Порою исподволь обиняком | מיט אָנצוהערענישן ווייַטע אים |
| О свадьбе заговаривать... | וועגן כאסענע אריַינוווארפן א וואָרט, |
| — Да нет! куда | ... נאָר ניין! ווי קומט צו אייַך |
| Вам помышлять о добром деле? | א רעכטע זאך באטראכטן! פּאסט עס דען? |
| Готовы целый день висеть на шее | זייַנט גרייט דעם גאנצן טאָג אפן האלדז צו הענגען |
| У милого дружка — а милый друг | בא דעם געליבטן, און דער ליבינקער |

פארשווינדט גאָר אָן א זייַ-געזונט,
און איר —
פארבלייַבט בא גאָרניט. אכ, נאראָ-
נים זייַט איר! (האָפ.)

Глядь и пропал, и след его про-
стыл, а вы
Осталися ни с чем: ох, все вы
глупы! (Русалка).

כוץ דער מאקסימאלער לעקסישער און סינטאקסישער נאָענטקייַט צום אָריגינאל, וואָס הויזט בא האָפשטיינען מיט נאטירלעכקייַט אינעם נוצן דאָס וואָרט, אינעם בויען די פראזע, — ווערט אין דעם דאָזיקן פראגמענט דערגרייכט דער סינטעז צווישן דער דאָזיקער גענויקייַט און נאטירלעכקייַט מיט די סטיליזיר-אופגאבעס, וואָס שטייען פארן דיכטער באם איבערגעבן דעם רייד-קאָלאָריט פונעם פאָלקס-מענטש, דעם מילנער: מיר האָבן דאָ א ריי עמאָציאָנעלע סינטאקסיש-סטיליסטישע גענג (אויסרופ, ריטאָרישע פיגור — בא א גאנצן רויִקן מאָנאָלאָג), לעקסיש-סעמאנטישע קאטעגאָריעס — מאסנטימלעכע ווערטער און אידיאָמען („אָנצוהערעניש", „ארייַנוואַרפן א וואָרט", „זיך הענגען אפן האלדז", „בלייַבן בא גאָרניט" א.ד.גל.). אזא מין גרעסע-רע פינקטלעכקייַט אין דער איבערזעצונג העלפט אסאך מיט דער ווייַסער פערז: די ניט-געבונדקייַט מיטן גראם גיט דעם איבערזעצער פרייַערע מאניווריר-מעגלעכקייַטן. מיר וועלן ווייַטער זען, וואָס פאר א באגרענעצנדיקן באדייַט ס'האָט דער גראם באם איבערזעצן פושקינען, ווי אָפט ער ברענגט אפילע באדייַטנדיקע וואָרט-מייַסטערס צו קינסטלעכקייַט און האמעטנעקייַט, צו פאלשן טאָן אין דער איבערזעצונג.

נאָר אָט האָבן מיר א צווייטן מוסטער פון האָפשטיינס איבערזעצונג — שוין מיט א גראם:

3) ווי הייַנט קלייַבט אין וועג זיך דער
קלוגער אָלעג
די ווילדע כאָזארן באשטראָפן:
די דערפער, די פעלדער, פאר רויב
און פאר שרעק
צעשטערן מיט פייַער, מיט וואָפן.
אין פאנצער צארגראדער, מיט איי-
גענע לייַט
דער פירשט אפ זייַן פערד אפ זייַן
זיכערן רייַט.

3) Как ныне сбирается вещий Олег
Отмстить неразумным хозарам:
Их села и нивы за буйный набег
Обрек он мечам и пожарам.
С дружиной своей, в цареградской
броне
Князь по полю едет на верном
коне.
(„Песнь о вещем Олеге").

דאָ איז פארהיט דער גאנצער נוסעך פון דער מייַסע-ליד — דער ספעציפישער פראזע-אָנהייב (דער אזויגערופענער фразовый зачин). יעדע סינטאקסישע איינס איז איבערגעגעבן פינקטלעך. עמעס, ס'זייַנען פאראן אייניקע איבערשטעלן פון די קאָאָרדינירטע טיילן, אָבער ניט אינהאלטלעך, ניט סינטאקסיש-סטיליסטיש צעשטערט עס ניט די טרייַשאפט צום אָריגינאל, קימאט צו אלע באטייַטלעכע און סטרוקטורישע עלעמענטן פון דער סטראָפע.

מירן נעמען א פאָר רעפליקעס פון גאָדונאָווס רייד אין דער איבערזעצונג פון פושקינס טראגעדיע „באָריס גאָדונאָוו":

4) а. Как хорошо! вот сладкий плод ученья!
Как с облако ты можешь обозреть
Все царство вкруг: границы. грады, реки.
Учись, мой сын: наука сокращает
Нам опыты быстротекущей жизни.

б. Димитрия!.. как? этого младенца!
Димитрия!.. Царевич, удались!
Послушай, князь: взять меры сей же час,
Чтоб от Литвы Россия оградилась
Заставами, чтоб ни одна душа
Не перешла за эту грань, чтоб заяц
Не прибежал из Польши к нам; чтоб ворон
Не прилетел из Кракова. Ступай!
Шуйский: Иду.
Царь: Постой. Не правда ль, эта весть
Затейлива? Слыхал ли ты когда...
(Год.)

4) א. ווי ווויל! דאָס איז די זיסע פרוכט פון לערע!
ווי פון די וואָלקנס, קענסט די גאַנצע מלוכע
באַקוקן מיטאַמאָל: די גרענעצן,
די שטעט, די טײַכן. לערן זיך, מײַן זון:
די ווויסנשאַפט פאַרקירצט אונדז די דערפאַרונג
פון דעם גיכפליסנדיקן לעבן.

ב. דימיטרעס!.. וויאַזוי? פון אָט דעם קינד!
דימיטרעס!.. פרינץ, דערווײַטער זיך פונדאַנען...
הער, פירשט: די רעגע מיטלען אָנעמען—
אַז רוסלאַנד זאָל זיך אָפּצוימען פון ליטע
מיט וואַך-פּאָסטנס, אַז ס'זאָל קיין איין נעשאָמע
דעם ראַנד אָט דעם ניט איבערגיין, אַז ס'זאָל ניט
קיין האָז צו אונדז פון פוילן איבערלויפן;
אַז ס'זאָל אַ קראָ פון קראַקוי ניט פאַרפליִען. גיי!
שויסקי: כ'גיי.
קייסער: וואַרט צו. ניט ריכטיק, די ידיִע
פאַנטאַסטיש איז? צי האָסטו ווען געהערט... (רעז).

קעדיי קענען אָפּשאַצן ווי געהעריק די איבערזעצונג, איז וויכטיק צו געבן אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פון די ציטירטע פראַגמענטן. ביידע פראַגמענטן געהערן איינעם און דעם זעלבן פּערסאָנאַזש — דעם קייסער גאָדונאָוו. אָבער יעדע פון אָט די רעפּליקעס ווערט געזאָגט בײַ אַן אַנדער סיטואַציע, בײַ אַן אַנדער שטימונג. די ערשטע — באָריס גאָדונאָוו רעדט רויִק, פרידלעך, מעיושעוודיק מיט זײַן זון, ער איז אַנטציקט פון זײַנע לערנען און זאָגט אַרויס פילאָזאָפישע געדאַנקען וועגן בילדונג. אַנטשפּרעכיק דערצו, איז די רייד געבויט אין אַ רויִקן, פליסעוודיקן ריטם מיט איבעררעכענונג; מיט לאַנגע רעגולער-געבויטע זאַצן. די צווייטע רעפּליק—גאָדונאָוו איז נאָרוואָס געוואָר

געוואָרן פון שויסקינ וועגן דעם פאלֿשנאָמיקן, וואָס באדראָט זיַין טראָן. ער ווערט שטארק אופגערעגט, פארלֿירט דעם גלֿיַיכגעוויכט. מיט א פאָר אויסגעשרייען דריקט ער אויס זיַינ געפלֿעפטקיַיט, שיקט ארויס פונ צימער דעם פרינצ און אופגערעגט גיט ער אָפּ א ריי באפעלֿנ וועגן מאָסמיטלֿען קעגן דער געפאר, הייסט שויסקינ גיינ און קערט אימ גלֿיַיך אומ צוריק, רעדט פאר אימ אויס זיַינ אופגעבֿרויזטן געמיט, וויַיזס ארויס דעם אינערלֿעכן געראנגלֿ צווישן דער זיכערקיַיט אין דימיטריס טויט און דער מוירע פארן פאלֿשנאָמיקן. אנטשפרעכיק דערצו האָבן מיר אין דער דאָזיקער רעפּליק אָפּגעהאקטע לֿאקאָנישע רייד, ריטאָרישע פיגורן, איבֿערכאזערונג, אומדער־ווארטע פּאוזעס, אויסגעדריקט סיַי מיט סינטאקסישע, סיַי מיט ריינ ריטמישע מיטלֿען (אנזשאמבֿאמאן). אין דער איבֿערזעצונג זיַינען פארהיט אָט די אלֿע לֿעק־סיש־סינטאקסישע און קינסטלֿערישע מיטלֿען. בֿיכלֿאלֿ איז דאָס דאָזיקע ווערק איבֿערגעזעצט דורכ לֿ. רעזניק מיט מערקווירדיקער גענויקיַיט; ניט בֿלויז אין דער לֿעק־סיק, נאָר אויך אין דעם סינטאקס איז ער זייער טריַי דעם אָריגינאלֿ, און דערפון געווינט די איבֿערזעצונג אין אלֿע פראָטים.

אזעלֿכע בֿיַישפּילֿן — און ניט בֿלויז בא די ציטירטע איבֿערזעצער — פונ גלֿענצנדיק איבֿערגעזעצטע סטראָפעס און גאנצע לֿידער וואָלֿט מען געקענט ברענגען אסאך, אשטייגער: כאשטשעוואצקי — „סערענאדע”, „צי גיי איך אום אין גאסן פולֿע”; כא־שטשעוואצקי—קאָטליאר — „ווינטער”, „ציגיַינער”, „צוליבֿ די וויַיטע היימלֿאנד־ברעגן” א.אז.וו.

איצט וועלֿן מיר פרווון אנאלֿיזירן די פראָבֿלֿעם גענויקייט לֿויט די פארשיי־דענע אנטפלֿעקונגען אירע.

## א. פריַיע איבֿערזעצונג

מיר וועלֿן פריִער אָפּ אייניקע קאָנקרעטע בֿיַישפּילֿן באטראכטן, אין וועלֿכע פאלֿן איז די פריַיע איבֿערזעצונג פונ א וואָרט אָדער אן אויסדרוק אין אָריגינאלֿ פראָ־דוקטיוו און נוצלֿעך צולֿיבֿ עמעסער גענויקיַיט, צולֿיבֿ איבֿערגעבֿן די קינסטלֿעריש־קיַיט פונעם גאנצן פערז.

| | |
|---|---|
| 1) Сердцу будет веселей<br>(Зим. веч.) | 1) אפּן הארצ וועט גרינגער זיַינ<br>(האָפּ.) |

אויבֿ מיר וועלֿן עס פארגלֿיַיכן מיטן בוכשטעבֿלֿעכן „וועט דעם הארצ דאן פריי־לֿעך זיַינ” (הארצמאנ.), וועט אונדז אָנשוילֿעך קלֿאָר ווערן, אז די פריַיערע איבֿערזע־צונג פונעם שלֿאָג־וואָרט веселей אין דעם דאָזיקן פערז („גרינגער”), איז אָרגאני־שער פאר יִדיש און גיט אין דעם פאלֿ איבֿער אדעקוואט דעם אינהאלֿט פונעם וואָרט אינעם גאנצן פערז, וואָרעם „פריילֿעך דעם הארצ” איז שוינ צו וויַיט און דאָ רעדט זיך דאָך בֿלויז וועגן לֿינדערן דעם אומעט ניט מער.

| | |
|---|---|
| 2) То заплачет как дитя.<br>(Зим. веч.) | 2) ווי א קינד זיך שטילֿ פארגייט.<br>(האָפּ.) |

די „פרײַע" איבערזעצונג איז דאָ ווי אָנגעמאָסטנ, אויב נעמענ אינ אכט דעמ פאַריקנ פּערז To как зверь она завоет, וואָס דינט אלס אנטיטעזע צומ צווייטנ פערז. דאָס שטארקע ברומענ פונ דער כײַע ווערט קעגנגעשטעלט דעמ שטילנ וויינענ, דעמ פארגיינ זיכ פונ א קינד.

3) האָבנ געסט זיכ אָפּגעזעגנט (פינ.)

3) Гости князю поклонились (Салт.)

לויטנ קאָנטעקסט איז גאנצ פּאסיק דער פרײַער, אָבער דאָ פארפינקטלעכנדיקער „אָפּגעזעגנט". וואָרעמ אינ יידיש „פארנויגט" וואָלט ניט איבערגעגעבנ דעמ אינהאלט פונ געזעגענענ זיכ.

באזונדערס זײַנענ די אָפּווייכונגענ פונ דער פינקטלעכקײַט בארעכטיקט, אפילע נייטיק, ווענ ס'קומט אויס איבערצוזעצנ אנ אידיאָמ, אָדער ווענ אפּ צו איבערזעצנ א געוויינלעכ, אָבער עמאָציאָנעל געפאסט וואָרט אָדער ווערטער אינ אָריגינאל, איז אינ יידיש פאראנ אנ אידיאָמ. די דאָזיקע שפראכ־קאטעגאָריע שטעלט מיט זיכ פאָר דעמ זאפט פונ דער שפראכ, דעמ מאסנטימלעכנ יאָדער אירנ, אונ אויסמײַדנ די דאָזיקע קאטעגאָריע הייסט פארבלייכנ, פאראָרעמענ די שפראכ. דאָס בעסטע איז ארויס־ברענגענ אינ דער איבערזעצונג אזעלכע אנטשפרעכיקע אידיאָמענ, אָדער ווי מע קענ זיי אנדערש אָנרופנ — אנאלאָגנ [1].

אָט זײַנענ מוסטערנ פונ געלונגענע צוגעקליבענע אנאלאָגנ:

1) פארשווינדט גאָר אָנ א זײַ־געזונט (האָפּ.)

1) Глядь и пропали след простыл (Рус.)

2) א. גיט מענ אויסעט א מאכשייפע (כאש.)

ב. א מאכשייפע גיט מענ אויס (רימ.)

2) Ведьму ль замуж выдают (Бесы)

3) מע וועט שלעפּנ אינ געריכט מיכ, ס'איז א מײַסע אָנ אנ עק (רימ.)

3) Суд наедет — отвечай-ка;
С ним я ввек не разберусь (Утопл.)

4) זיכ א מײַסע אָנגעטאָנ (רימ.)

4) Погубил свой грешный дух (Утопл.)

---

[1]) אנאלאָגנ אינ אנ איבערזעצונג רופנ מיר אזעלכע אידיאָמענ, וואָס לויט זייער גערעדנקלעכנ אינהאלט אנטשפרעכנ זיי דעמ געהעריקנ אידיאָמ פונעמ אָריגינאל, זיי מעגנ אפילע ניט אינגאנצנ צו־נויפאלנ לויטנ ווערטער־באשטאנד. דאָס זײַנענ אזעלכע פארבײַטונגענ (замены), וואָס זײַנענ באדינגט פונ די שפראכ־מעגלעכקײַטנ, פונעמ פאראנענעמ רעזערוו געהעריקע אויסדרוקנ אינ דער שפראכ גופע׳ דער איבערזעצער דערפינדט ניט אליינ די דאָזיקע פארבײַטונגענ, נאָר ער קלײַבט זיי צו פונעמ פאראנע־נעמ שפראכ־פאָנד... צ. ב.: פירהאלטנ — Поставить на вид, Aus dem Regen in die Traufe — Из огня да в полымя א. ר. גל. אנאלאָגנ זײַנענ די בעסטע איבערזעצונגענ פונ אידיאָמענ, דאָס האָט א שײַכעס אויכ צו גלײַכווערטלעכ.

גענויער וועגנ דעמ זע:

Д. Усов. Основные принципы переводческой работы, Москва, 1934, стр. 15.

ניט שטענדיק גיט זיך אײַנ דעמ איבערזעצער צו געפינענ דעמ פּאסיקנ אנאלאָג.

א) מ׳זעט קיינ שפּור ניט מײַנע סאָ-
נימ (כאש.)

ב) כאָטש דערגײ — קיינ שטעג, קיינ
סימענ (רימ.)

1) Хоть убей, следа не видно
(Бесы)

דער אידיאָמ פונ ב. איז פּאסיקער פונעמ אידיאָמ פונ א. אינ אלע הינזיכטנ: ערשטנס, איז ער לויט זײַנ אינהאלט נעענטער צומ אָריגינאל, גיט בעסער איבער (עמעס, אייגנארטיק) די פארצווייפלטע שטימונג פונעמ ריידער, צווייטנס, איז דער אידיאָמ „מײַנע סאָנימ" שמעקט עפּעס מיט יאכניש-קליינשטעטלדיקער שפּרע-כעניש.

2) די צײַט איז געענדיקט, גענוג,
ווער צערונענ! (קאמענעצקי)
גענוג שוינ, באהאלט זיך! ס׳אריבער זײַנ צײַט שוינ (כאש.)

2) Довольно, скройся! Пора мино-
валась (Туча)

דאָס איז, עמעס, ניט קיינ אויסגעשפּראָכענער אידיאָמ, אָבער ס׳איז נאָענט צו דער דאָזיקער קאטעגאָריע, ערשטנס, דערמיט, וואָס מיר האָבנ דאָ צו טאָנ מיט א „פעסטער גרופּע", ד. ה. איינ וואָרט פונ דער דאָזיקער גרופּע איז ענג געבונדנ מיטנ צווייטנ; צווייטנס, דערמיט, וואָס דער דאָזיקער אויסדרוק האָט אינ זיך פיגורעלקײַט אפ ייִדיש איז נאטירלעכער צו זאָגנ: „די צײַט איז אריבער" איידער — „די צײַט איז געענדיקט".

אמאָל פארזעט דער איבערזעצער אינ ייִדיש דעמ אנאלאָג אונ גיט איבער דעמ אָריגינאל-אויסדרוק מיט אנדערע ווערטער:

אינ דײַנ פּאָנעמ בא דעמ פײַער
כ׳וועל זיך שפּיגלענ אָנ א שיר
(כאש.—קאָטליאר)

Завтра, к милой возвратясь...
Загляжусь, не наглядясь
(Зимн. дор.)

אסאך עמאָציאָנעלער וואָלט געווענ איבערצוזעצנ: „כ׳וועל זיך זאט ניט קענענ אָנקוקנ אינ דיר" (פארשטייט זיך, באארבעטנדיק עס ריטמיש).

אָבער גאנצ אָפט איז אזא ענדערונג אינעמ אינהאלט פונעמ איבערגעזעצטנ וואָרט לעגאבע דעמ אָריגינאל ניט ריכטיק, ווילקירלעך, אונ זעצט אראָפּ די אדעקוואטקײַט פונ דער איבערזעצונג, שוואכט אָפּ דאָס בילד אָדער פארקריפּלט דעמ אינהאלט פונ-עמ גאנצנ פערז, אמאָל אפילע פונ דער גאנצער סטראָפע.

אָט זײַנענ עטלעכע בײַשפּילנ פונ ניט ריכטיק איבערזעצנ סובסטאנטיווּנ פונעמ אָריגינאל, אינ וועלכע ס׳איז פארקערפּערט די קאָנקרעטע געגנשטאנדלעכקײַט פונ פּושקינס א בילד:

1) אונ טרײַבט דיך אונ יאָגט פונ באַ-
רויִקטנ רוימ (קאמענעצקי)

1) Тебя с успокоенных гонит небес
(Туча)

„רוימ״ גיט ניט איבער דעמ באגריפ פונ הייכקײַט, וואָס שטעקט אינעמ וואָרט „הימל״. אונ דאָ איז גראָד וויכטיק איבערצוגעבנ דעמ דאָזיקנ באגריפ, אשטייגער: „אונ דיכ פונ בארויִקטע הימלענ פארטרײַבט״ (כאש.).

2) איז א שפּאָגל-נײַס פאראנ
(פינ.)

2) Чудо видит на яву
(Салт.)

אינ מײַסעלע רעדט זיכ בעפיירעש וועגנ א נעס, וועגנ עפּעס א גרויסנ ווונדער, וואָס מע קענ עס זענ בלויז אינ כאָלעמ אונ וואָס דער העלד זעט עס אפ דער וואָר (на яву), אונ דער איבערזעצער גיט עס איבער מיט ווערטער, וואָס שוואכנ אָפּ דאָס בילד אונ בארויבנ די קאָלאָריטישקײַט פונ פושקינמ פערז.

3) א. צי ס׳זינגט א מיידל בא א קוואל
(רעז).

3) а. Поет ли дева за холмом
(Эхо)

ב. ווונדערלעכער הערשער
(כאש.)

б. Строитель чудотворный
(Мед.)

לויט וועלכער אסאָציִאציע האָט דער איבערזעצער גענומענ „קוואל״ אָנשטאָט „בערגל״ אונ „הערשער״ אָנשטאָט „בויער״? צוליב וואָס ענדערנ די געגנשטאנדלעכע בילדערישקײַט פונ פושקינענ?

דאָס קינסטלערישע בילד ווערט באזונדערס בוילעט רעאליזירט דורכ דער מעטאפער, דורכ דער פערזאָניפיצירונג. אויב די דאָזיקע קינסטלערישע מיטלענ זײַנענ ניט קיינ גרייטע, פונ דער שפראכ גענומענע אידיִאָמענ, נאָר אויסגעדיכטעטע פונעמ אווטער גופע, אונ זיי קענענ אינ דער איבערזעצונג ניט איבערגעגעבנ ווערנ דורכ אנאלאָגנ, — דארפנ זיי, ווײַט-מעגלעכ, פארהיט ווערנ אינ אָריגינאל.

1) אונ ווינט אינ די בלעטער פונ ביי-
מער זיכ קלייבט
(כאש.)

1) И ветер, ласкаясь листочки
древес
(Туча)

בא פושקינענ איז דער פערזאָניפיצירטער טאט פונעמ ווינט מיט א באשטימטער שאצונג, עמאָציִאָנעל, — אונ אינ דער איבערזעצונג איז עס א נייטראלע, טרוקענע, גאָרנישט ניט זאָגנדיקע אקציע; בעסער איז — די בלעטלעכ צערטלט דער ווינט אפנ בוימ (קאמענעצקי).

2) מײַנ פרײַענ דיכטערישנ וועג
(כאש. — האָפּ.)

2) Мой поэтический побег
(К морю)

דאָ איז ניט ריכטיק איבערגעגעבנ דער געדאנק פונעמ אָריגינאל-פערז. פונ דער גאנצער ליד, פונ דער געשיכטע פונ דער דאָזיקער ליד ווייסנ מיר, אז דאָ גייט א רייד ניט וועגנ א דיכטערישנ וועג, ד. ה. וועגנ דעמ דיכטערס אָרגאנישער אנטוויקלונג, אוואדע ניט — וועגנ א פרײַענ וועג, נאָר וועגנ פושקינס שטרעבנ

צו אנטלויפן פון דער פארפעסטעטער אטמאָספער, וואָס ס'האָט פאר אים אין אָדעס געשאפן דער גראף וואָראָנצאָוו.

4) די זונ האָט דאָס בייז דאָס אָפּ־
גענטאָנס פארדעקט (פינ.)

4) Багряницей уже покрыто было
зло (Мед.).

אינעם געבראכטן פערז מיינט טאקע פושקינ „די זונ", און דער אינהאלט איז, אזוי ארום, איבערגעגעבן ריכטיק. אָבער אינעם געגעבענעם קאָנטעקסט שפילט די מעטאפער "багряница„ גאָר א באזונדער ראָל. דאָ איז דאָס ניט קיין געוויינלעכע מעטאפער. "багряница„ באטייַט א רויטער פאראד־מאלבעש פון קייסאָרים, פון הערשער [1], — נוצט דאָ פושקינ דאָס דאָזיקע וואָרט אלט סימוואָל פון דער גרויס־הערשאפט פונעם רוסישן צאר, וועלכער דעקט צו דאָס בייז, וואָס דער געוויטער האָט פארשאפט; אינ דער זעלבער צייַט באטייַט דאָס דאָזיקע וואָרט אויך צונטער־רויטן קאָליר פון אופגייענדיקער זונ. בעסער איז שוינ, דעריבער, די איבער־זעצונג: פארהילט איז דאָס גאָרע בייז מיט פורפור־בלאנק (כאש.).

ס'מאכט זיכ, אז דאָס ענדערנ אפילע א באהילפיק וואָרט, א וואָרט, וואָס ווייַזט בלויז די פארהעלטעניש צווישן באטייַטיקע ווערטער, זאָל ענדערנ דעם גדאנקלעכנ אינהאלט פון דער גאנצער פראזע:

גיי זיכ אוועק צום יאם צום בלויענ
(פינ.)

Ступай себе в синее море
(Рыб.)

דער אלטער פישער שיקט דאָס פישעלע בעפיירעש אינ יאם אריַינ, ניט צום יאם, — און די דאָזיקע פרייַקייַט אינעם איבערזעצנ די פרעפּאָזיציע ענדערט דעם גאנצנ אינהאלט פונעם אָריגינאל־פערז.

באזונדערס נעגאטיוו ווירקט די ניט־גענויקייַט באם איבערגעבנ ווערטער — סי־מאָנימ. דאָ האנדלט זיכ עס וועגנ פארטייַטשנ ריכטיק פושקינס עפיטעט — איינעם פון די פארשפרייטסטע קינסטלערישע מיטלענ. וויכטיק איז דאָ ניט דאפקע, אז דער עפיטעט זאָל זייַנ איבערגעזעצט וואָרטלעכ, — פיל וויכטיקער איז, אז אינעם איבער־געזעצטנ וואָרט זאָל זייַנ די געהעריקע שאצונג, עס זאָל איבערגעבנ אדעקוואט די שטימונג און די בילדערישקייַט פונעם אָריגינאל:

1) ער לויפט א שטרענגער, א גע־
היימער (כאש.)

1) Бежит он дикий и суровый
(Поэт)

[1]) „Багряница – червленица, порфира, багряный широкий плащ, подбитый горностаем, торжественное облачение владетельных особ" (В. Даль, Толковый словарь живого великорусского языка) 1912 г., т. I, стр. 91.

„Багряница — одежда багряного цвета царей (в древности как знак верховной власти)" (Д. Н. Ушаков, Толковый словарь русского языка) 1934 г., т. I, стр. 75.

פאַרוואָס „געהיימער״? באַ פּושקינען האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז דעם דיכטער איז אומעטיק אין די פאַרווײַלונגען פון דער וועלט, ער זונדערט זיך אָפּ, ער פרעמדט זיך אָפּ פון מענטשלעכע ריידערײַען (людской чуждается молвы), פּאַסט דאָ בעסער דער גענויערער טײַטש פונעם וואָרט — „дикий“: ער לויפט אַ שטרענגער און אַ ווילדער (מ. דובינסקי).

2) На берега пустынных волн
(Поэт).

2) צום ברעג, ווו כוואַליעס יאָגן דול
(כאַש.)

באַ פּושקינען רעדט זיך וועגן ווינסטע כוואַליעס. דערמיט ווערט פאַרשטאַרקט די שטימונג פון אומעט, איינזאַמקײַט, פון אָפּגעזונדערטקײַט — די שטימונג, וואָס דאָמינירט אין דער דאָזיקער ליד, — און אין דער איבערזעצונג ווערט די כוואַליעס צוגעגעבן אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָס רופט אַרויס אַ שטימונג פון לעבעדיקײַט, האָפּערדיקײַט. ריכטיקער וועט זײַן: צום ברעג פון יאַם, צום ווינסטן שוים (מ. דובינסקי); עמעס, דאָ איז צוגעגעבן אַ מעטאַפער, וואָס איז ניטאָ אין אָריגינאַל — „שוים“, נאָר דערפון שאַפט זיך ניט קיין אײַנרײַס מיטן בילד פונעם אָריגינאַל.

3) Выбрал я жену себе,
Дочь послушную тебе
(Салт.)

3) כ׳האָב געפונען זיך אַ ווײַב,
זי וועט דינען דיר געטרײַ
(פינ.)

דער פירשט גווידאָן ברענגט די פּרינצעסן צו זײַן מוטער און שטעלט זי פאַר איר פאָר, אַז זי וועט זײַן אַ געהאָרכזאַמע, אַז זי וועט פאָלגן די מוטער, און ניט וועגן דינען האַנדלט זיך דאָ.

4) А Шуйскому не должно доверять:
Уклончивый, но хитрый и
лукавый (Год.)

4) און צו שויסקין טאָר ניט קיין
צוטרוי זײַן:
אַ גליטשיקער, אָבער אַ דרייסטער
און אַ כיטרער (רעז.)

ס׳איז גאַנץ פאַרשטענדלעך די מאַטערניש פונעם איבערזעצער צו געפינען אַן אַדעקוואַט וואָרט פאַר „уклончивый“, אָבער אין ייִדיש קען דאָס וואָרט „גליטשיקער“ בעשומויפן ניט דינען אַלס כאַראַקטעריסטיק פון אַ מענטשן, וואָס דרייט זיך אויס פון צו אַרויסווײַזן זײַן עמעסן פּאַרצעף, ווי דאָס ווערט געמיינט אין קאָנטעקסט מיטן וואָרט „уклончивый“.

3) Беру перо, сижу; насильно вырываю
У музы дремлющей несвязные
слова.

5) איך נעם די פּען, און באַ דער
דרעמלענדיקער מוזע
איך רײַס אַרויס מיט גוואַלד אַ וואָרט
צי צוויי. ס׳איז שלעכט,

סע קלעפּ זיך ניט, כאָטש שטאַרבּ...
פאַרלאָרן אלע רעכט
איבער דעם גראַם, פון לאַנג מייַן
דינער מייַן גע טרייַען
(כאַש.—קאָט.)

Ко звуку звук нейдет. Теряю все
права
Над рифмой, над моей прислуж-
ницею **странной**
(Зима)

די שטימונג פון דער גאנצער ליד איז דאָ ניט קיין ליריש-עקספּרעסיווע, נאָר אן אָפּגעלאָזט-צעקראָכענע. די דאָזיקע שטימונג האלטן אונטער, צווישן אנדערס, אויך די עפּיטעטן: „дремлющие“, „несвязные“, „странной“ פּאַסט דעריבער דאָ ניט די אומפּינקטלעכע איבערזעצונג פונעם וואָרט „странной“ מיט „געטרייַען“.

אָט איז א פּאָר בייַשפּילן, ווי ס'איז ניט ריכטיק איבערגעזעצט פרייַ א גאנצער אויסדרוק:

1) לויפן אָן אין שטוב די קינדער,
ווערט אין שטוב ווי אופגע-
לעבט (קאָט.)

1) Прибежали в избу дети,
**В торопях** зовут отца
(Утоплен.)

לויט פּושקינען, שאַפט זיך א שטימונג פון אופגערעגטקייַט, פון שרעק, פון אומ-רו, ווען די קינדער ברענגען די ידיעה וועגן דערטרונקענעם, — און באַם איבערזעצער „ווערט אין שטוב ווי אופגעלעבט“ פון דער דאָזיקער ידיעה, צי סטאַם פון די אריינגעקומענע איבערגעשראָקענע קינדער! ריכטיקער שוין איז די איבערזעצונג: „...אין דער שטוב אריין מיט שרעק“ (רימ.).

2) גיכער, פורמאַן! — „וואָסער
גיכער? (כאַש.)

2) Эй, пошел, ямщик! „**Нет мочи**:
(Бесы)

בא פּושקינען פילט זיך די דערשלאָגנקייַט, די ניכנעדיקייַט פונעם פורמאַן: ער פאַרענטפערט זיך פאַרן פּאָרעץ, אז מע קען ניט גיכער, ווייַל די פערד איז שווער א.אז.וו., און באַם איבערזעצער באַקומט זיך א האָפערדיקער, כוצפּעדיקער ענטפער „וואָסער גיכער?“, און דאָס ווידערשפּרעכט אינגאנצן פּושקינס דיכטערישן מיין. עט-וואָס בעסער איז עס איבערגעזעצט: „פורמאַן, שמייַס!.. „נו, ווי זשע קאָן מען?“ (רימ.).

אייניקע איבערזעצונגען גיבן איבער **ניט-גענויג גענוי**, ניט פול דעם אינ-האַלט פונעם אנטשפּרעכיקן אָריגינאַל-וואָרט אָדער אויסדרוק, ד. ה. דער גרונט-אינהאַלט איז פאַראַן, אָבער דאָס איז דאָס אַלגעמיינע, אַבסטראַקטערע, וואָס איז פאַראַן אינעם וואָרט, ניט דאָס מער קאָנקרעטיזירנדיקע, אינדיווידואַליזירנדיקע; דער אינהאַלט ווערט איבערגעגעבן אומגעפער, און ס'ווערט פאַרשמירט, ניוועלירט דער ספּעציפישער אינהאַלט פונעם געגעבענעם וואָרט אינעם געהעריקן קאָנטעקסט; ס'ווערט דערמיט אויך פאַרווישט דער סטיל פונעם איבערגעזעצטן טעקסט:

1) זינג א ליד, ווי ס'לעבט א **פויגל**
(האָפּ.)

1) Спой мне песню, как **синица**
(Зим. веч.)

„א פויגל" איז דער אבסטראקטערער, דער פאראלגעמיינערנדיקער באגריפ אין פארגלייַך מיט: בלויערל (הארצמאנ), און פאר בילדערישקייַט שפילט א ראָל, אין דער ערשטער ריי, דאָס קאָנקרעטע, דאָס אָנשוילעכע. אונטערשטעלן דעם אלגעמיי־נעם באגריפ וועגן דעם געגנשטאנד אָנשטאָט זייַן קאָנקרעטערע אנטפלעקונג הייסט אָפשוואכן די בילדערישקייַט פונעם אָריגינאל.

2) ל ע מ ברייטנ טייַך דעם שליטנ־
שווינדל (פינ.)

2) Бег санок в д о л ь Невы широкой
(Мед.)

וועגן דער אויסבילדונג פונעם וואָרט „שווינדל" דארפ מען רעדן אין אן אנדער פארבינדונג. דאָ אינטערעסירט אונדז די פרעפאָזיציע „לעמ".

„לעמ" איז ניט בלויז ניט פינקטלעכ אקעגן דעם אָריגינאל־וואָרט "„вдоль", נאָר ס׳גיט אויכ ניט איבער אדעקוואט דעם אינהאלט און האלט ניט אויס דעם קינסט־לערישן אָנלאָד; „לעמ" איז עפּעס אומבאשטימטער. סייַ פינקטלעכער, סייַ בילדערי־שער וועט זייַנ: ל ע נ ג ו י ס דעם טייַך (כאש.).

3) די גאנצע שטאָט געוועגן אן איידעס
איז פונ דעם פ א ר ב ר ע כ (רעז.)

3) Весь город был свидетель з л о д е-
я н ь я (Год.)

„פארברעכ" איז דאָס אלגעמיינע, און פושקינ רעדט וועגן „מאָרד" — דאָס איז שטארקער, רופט ארויס גרעסערע עמאָציע איידער דאָס וויי־ניקער קאָנקרעטע „פארברעכ".

4) עפשער האָסטו פונ ג ע ו ו י ט ע ר,
ליבער פרייַנט, זיכ איינגעמידט
(הארצמאנ)

5) Или б у р и завываньем
Ты, мой друг, утомлена
(Зим. веч.)

ברומען ברומט בלויז דער ווינט, דער שטורעמ־ווינט ("„буря"), ניט דער גאנצער געוויטער, וואָס איז א פאראלגעמיינערונג פאר ווינט און פאר נאָכ אנדערע אנט־פלעקונגען פונ שלעכטנ וועטער.

## ב. בוכשטעבלעכקייַט

מיר האָבנ שוינ אויבנ גערעדט, און ס׳איז עלעמענטאר קלאָר, אז קעדייי איבער־געבנ אין איינ שפראכ, לאָמיר זאָגנ — אינ יידיש, גענוי, אדעקוואט וועלכנ ס׳ניט איז טעקסט פונ אן אנדער שפראכ, אינ אונדזער אָפּהאנדלונג — פונ רוסיש, — איז ניט נייטיק איבערצוזעצנ יעדער וואָרט באזונדער. דער איבערזעצער דארפ, אינ דער ערשטער ריי, אינ זינען האָבנ די פארהעלטעניש פונעם וואָרט מיט זייַנ גאנצער לעקסי־שער ארומרינגלונג. ער דארפ ניט ארויסלאָזנ פונ אויג די ספעציפישע באטייַטנ און פאָרמעס פונ דער איבערזעצונג־שפראכ; ער דארפ אינ זינען האָבנ (וועגן דעם האָבנ מיר שוינ גערעדט אינ אָנהייב), אז ניט שטענדיק ווערט דאָס געגעבענע וואָרט גענוצט אינ

ביידע שפראכנ אי אינ אייגנטלעכנ, אי אינ איבערגעטראָגענעמ באטײַט. מע דאַרפ ניט פארגעסנ, אז ווענ דאָס וואָרט פאלט אמאָל אריײַנ אינ אזא לעקסיש־סעמאנטי־שער פארבינדונג, ווו דער זעלבשטענדיקער אייגנטלעכער באטײַט פונעמ וואָרט ווערט ניוועלירט, — באקומט עס, ווי א טייל פונעמ גאנצנ אויסדרוק, גאָר אנ אנדער באטײַט (אידיאָם). נאָכ אנדערע ספעציפישע מאָמענטנ, וואָס זײַנענ פאראנ אינ איינ שפראכ לעגאבע דער אנדערער, דארפ בא דער געהעריקער געלעגנהײַט ניט איגנאָ־רירט ווערנ.

אינ די אנאליזירטע איבערזעצונגענ פונ פושקינענ אפ יידיש זײַנענ די אלע אײַנשטעלונגענ אינ גרונט געװמענ געוואָרנ אינ אכט. דער איבערזעצער ווײַזט ארויס פארשטאנד פאר פושקינס וואָרט ניט בלויז אויבנאויפיק, נאָר טיפ, גרינטלעכ, גייט ניט צו מעכאניש־פאָרמעל צומ רוסישנ וואָרט אונ גיט ניט מערסטנטייל קיינ בוכשטעבלעכ־וואָרטלעכע, נאָר אנ אדעקוואטע געטריע איבערזעצונג.

באזונדערע, איינצעלנע פאלנ פונ בוכשטעבלעכקײַט ווארפנ זיכ דאָכ ווו־ניט־ווו דורכ. אָט זײַנענ אייניקע פונ זיי:

1) אָקאָרשט האָסט דעמ הימל ארומ ארומגערינגלט (גאָלדענבערג)

1) Ты небо недавно кругом облегала (Туча)

די דאָזיקע פונ ערשטנ בליק „פינקטלעכע” איבערזעצונג (דאָ איז געווענ א קאָ־וואָנע איבערצוגעבנ אי דעמ “кругом„, אי דעמ פרעפיקס — “об„ פונ “облегала„) איז אסאכ ווײַטער פונ עמעסער געטריקײַט איידער די פרײַערע איבערזעצונג: ניט לאנג ערשט באדעקט האָט דער הימל... (פינ.), וואָרעמ אינ דעמ לעצטנ איז פאר־היט דאָס בילד פונעמ אָריגינאל אינ א ווערטער־קאָמבינאציע, וואָס קלינגט אינ יידיש נאטירלעכ, — אונ אינעמ ערשטנ איז עס האמעטנע, קינסטלעכ אונ שאפט גאָר א פאלשע פערספעקטיוו.

2) ער האָט געמאכט אנ אטענטאט, געוואָלט... גאנווענענ (האָפ.)

2) Покушался он меня... обокрасть (Скуп.)

דאָס רוסישע “покушаться„ אנ אונ פאר זיכ איז ריכטיק איבערצוזעצנ מיטנ פעריפראסטישנ ווערב „מאכנ אנ אטענטאט”, אָבער דער דאָזיקער ווערב קענ ניט באהערשנ דעמ אינפיניטיוו, דער איבערזעצער ווייסט עס אויסגעצייכנט, אונ צווישנ „אטענטאט” אונ „גאנווענענ” מאכט ער א „בריק” אינ פאָרמ פונעמ פארטיציפ „גע־וואָלט”. אָבער דאָס העלפט ניט, וואָרעמ „מאכנ (אנ אטענטאט)” פאָדערט צו זיכ אנ אומדירעקטנ אָביעקט מיט דער פרעפאָזיציע „אפ”: „ מע האָט געמאכט אנ אטענ־טאט אפ...” א. ד. גל. דאָ האָט מענ ניט געדארפט איבערזעצנ וואָרטלעכ דעמ “покушался„, נאָר איבערגעבנ דעמ אינהאלט פונ דער דאָזיקער אקציע מיט אנ אויסדרוק, וואָס איז נאטירלעכער פאר יידיש, אשטייגער: „ער האָט געוואָלט (צי געפרווט) מיכ באגאנווענענ” א. ד. גל.

3) א. עס ליפט יעווגעני שוינ קאָפ־איבער

4) а. Евгений, стремглав, не помня ничего

אהינ, ווו ס'ווארט דער שיקזאל אימ.
ב. אונ קאָפּ פּאָרויס געלאָזט זיכ לויפנ.

Бежит туда... (Мед.)
б. И вдруг стремглав бежать пустился (Мед.)

דאָס וואָרט „стремглав“ איז דאָ איבערגעזעצט ווייניק וואָס פּינקטלעכ — יעדער טייל פונ דעמ דאָזיקנ וואָרט איז איבערגעגעבנ בוכשטעבלעכ, אונ דאָכ איז עס ניט ריכטיק איבערגעזעצט, וואָרעמ דאָס וואָרט „стремглав“ ווערט שוינ ניט אופגענומענ אפילע אפ רוסיש לויט דער בילדערישער פאָרשטעלונג, וואָס שטעקט אינ זײַנע דערשיפרירטע טיילנ (С устремленной головой). אינ ייִדיש איז גראָד פאראנ אנ אנטשפרעכיקער אידיאָמ, וועלכנ ס'נוצט טאקע דער צווייטער איבערזעצער פונ דער פּאָעמע; א) פײַל פונ בויגנ יעוועגני לאָזט זיכ... ב) אונ זיכ צעפלויגנ פײַל פונ בויגנ (פינ.).

4) פונ אלע הימלענ א באליבטער (כאש.)

5) Поэт, любимый небесами (Мед.)

די מעטאָנאָמיע „הימל“ אינ ייִדיש רופט ניט ארויס די בילדערישע פאָרשטעלונג וועגנ גאָט, ווי אינ רוסיש, אונ אָנשטאָט דער בוכשטעבלעכער איבערזעצונג וואָלט דאָ בעסער געפאסט די פרײַערע: „פונ גאָט געליבטער“ א. ד. גל.

## ג. פארפעלט לעגאבע דעמ אָריגינאל

פריִער האָט זיכ גערעדט וועגנ ענדערונגענ, וואָס ווערנ דורכנ איבערזעצער ארײַנגעטראָגנ אינעמ אינהאלט פונ פושקינס פערז, איבער ניט גענוי פארטײַטשטע ווערטער אונ אויסדרוקנ.

ס'טרעפט אָבער ניט זעלטנ, אז דער אָדער יענער געדאנק אָדער שאטירונג פונ געדאנק ווערט אינגאנצנ ניט איבערגעגעבנ אינ דער איבערזעצונג. ס'באגעגענענ זיכ פארשיידענע טיפנ דורכלאָזנ, אָבער יעדערער פונ זיי איז שעדלעכ אפ זײַנ אויפנ. אזעלכע דורכלאָזנ, וואָס זאָלנ ניט פארמינערנ גאָרנישט ניט אינעמ איבערגעבנ פושקינס געדאנק אָדער בילד, איז קימאט ניט צו טרעפנ.

וויניק טרעפנ מיר דורכלאָזנ פונ געגנשטאנד אונ אקציע. א פאָר בײַשפּילנ:

1) איר שווײַגט, מעטורעפ,
אונ דו, דו טיגער־קינד!
(האָפ.)

Молчите: ты, безумец,
И ты, тигренок
(Скуп.)

דאָ איז לעגאבע דעמ אָריגינאל פארפעלט אינעמ ערשטנ פערז דאָס וואָרט „דו“, אונ דערמיט איז געענדערט געוואָרנ דער אינהאלט פונביידע פערזנ: לויטנ אָריגינאל הייסט דער הערצאָג שווײַגנ ביידנ — אי דעמ קארגנ, אי זײַנ זונ. דאָס איז אויסגעדריקט דורכנ איבערכאזערנ די ווענדונג „דו“, וואָס קומט פארנ אָנרופנ יעדערנ פונ זיי; ס'איז אויכ באצייכנט מיט א צווייפונקט פאר דער איבערעכענונג.

און אינ דער איבערזעצונג באקומט זיכ, אז שווייַגנ הייסט דער הערצאָג בלויז דעמ־„מעטורעפּ", און די צווייטע טייל פּראזע „דו, טיגער־קינד" בלייַבט אָנ א פּרעדי־קאט, אָנ א טוּונג [1]).

2) גראניט בא דער ניעווא דער ברעג
(פּינ.)

2) В гранит оделася Н е в а
(Мед.)

דאָ פאלט ארויס אזא וויכטיקער באשטאנד־טייל אינ דער בילדערישקייַט, ווי „אָנגעטאָנ" — א פּערזאָניפיצירונג, און דערפונ ווערט ניוועלירט דאָס לעבעדיקע בילד. כוצדעמ, קאָנ פונ דער איבערזעצונג דער לייענער ניט וויסנ, צי ליגט גראניט באמ ברעג, צי באשטייט דער ברעג פונ גראניט, צי וואָס ...

באזונדערס פאראָרעמענדיק ווירקט אפ דער איבערזעצונג דאָס פארפעלנ אזעלכע ווערטער, וואָס פילנ אויס די פונקציע פונ באשטימונגענ — עפּיטעטנ: ווערטער, וואָס כאראקטעריזירנ דעמ שילדערונגס־אָביעקט, טאט, האנדלונג.

3) ניט זינג, דו שיינהייַט, דאָס
געזאנג
פונ גרוזיע־לאנד, ווענ איכ בינ נעבנ
(קאָטליאר)

1) Не пой, красавица, при мне

Ты песен Грузии печальной
(Не пой...)

דאָ איז פארפעלט די איבערזעצונג פונעמ וואָרט печальной און דערמיט איז פאר־פעלט די כאראקטעריסטיק פונ גרוזיע, ד. ה. דער געדאנק, וואָס גיט צו דער דאָזי־קער ליבע־ליד א פּאָליטישע באפארבונג. אינ א צווייטער איבערזעצונג פונ אָט דער ליד „פונ גרוזיע די טרויער־לידער" (האָפּ.) איז אויכ פארפעלט דירעקט די דאָזיקע כא־ראקטעריסטיק. אָבער דאָ ווערט זי אריבערגעטראָגנ אפ די לידער, און ס'ווערט כאָטש אזוי ארומ פארהיט די אָנצוהערעניש אפ דער אונטערדריקטקייַט פונ גרוזיע.

2) ... און מיר דערוועקנ און
דערמאָנענ...
...און שטריכנ פונ א מיידלס
פּאָנעמ (קאָטליאר)

Напоминают мне оне...

Черты д а л е к о й  б е д н о й девы
(Не пой)

פונ דער דאָזיקער איבערזעצונג באקומט זיכ שטריכנ פונ א מיידלס פּאָנעמ סטאמ — ערשטנס, פונ א. מיידל, ניט פונ דעמ מיידל, צווייטנס — וועלכע שטריכנ פונ וואָס פאר א פּאָנעמ,— אבסטראקט, ניט בילדעריש. אסאכ ריכטיקער — גענויער און אדעקוואט צומ אָריגינאל איז די איבערזעצונג: „אָ, יאָ, איכ זע עס, דאָס געזיכט פונ דעמ פ א ר ל אָ ז ט נ, ווייַטנ מיידל" (האָפּ).

3) ס'קלינגט דאָס גלעקל, און אינ נעפּל...
(פּינ.)

3) Колокольчик однозвучен...
(Зим. дор.)

---

[1]) די שולד פונעמ איבערזעצער ווערט דאָ אביסל געלינדערט מיט דעמ, וואָס ער האָט אויסגערעכנט אפנ טעאטער (אפ וויפל דאָס איבערגעזעצטע ווערק איז א דראמע), ווו די דאָמינירנדיקע ראָל שפּילט די אינטאָנאציע. כוצדעמ, איז, ווייַזט אויס, אלפּיטאָעס, ארויסגעפאלנ דער צווייפונקט נאָכ „שווייַגט".

ביכלאל איז דער קלאנג פונ א גלעקל א מונטערער. אָבער פושקינ שטרײַכט אונטער די אײנזאמקײַט פונעמ גלעקלס קלינגענ. פעלט אינ דער איבערזעצונג די כאראקטעריסטיק פונעמ קלינגענ, ווערט אינגאנצנ פארקריפלט פושקינס קינסטלערי־שער מײנ.

4) Ход часов однообразный (Стихи ночью)

4) הערט זיכ נאָר דעמ זײגערס גאנג (האָפ.)

דאָ איז פארפעלט די אונטערשטרײַכנדיקע באשטימונג פונעמ זײגערס גאנג, די אײגנארטיקײַט פונעמ גאנג, וואָס פארשטארקט דעמ אײַנדרוק פונ אומעט אונ באַ־נאכטיקער אײנזאמקײַט. די דאָזיקע באשטימונג איז פארהיט אינ פאָלגנדיקער איבער־זעצונג פונ אַט דער ליד: „נאָר דער זײגער גײט דאָ נעבנ מיט זײַנ אײנארטיקנ גאנג" (כאש. — קאָטליאר).

5) То по кровле обветшалой (Зимн. веч.)

5) צי גאָר בא א דאכ נעמט דרײענ... (הארצמאנ)

בא וואָס פאר א דאכ? איז פארפעלט דער עפּיטעט, פאלט דאָכ אָפּ די גאנצע כאראקטעריסטיק פונעמ שטיבל (פונ אנ אָרעמ שטיבל) מיטנ א ל ט נ דעכל, אונ דאָס איז זײער וויכטיק אינ דער דאָזיקער ליד.

6) Мы вольные птицы: пора, брат, пора! (Узник).

6) מיר זײַנענ דאָכ פויגלענ, ס'איז ברודער, שוינ צײַט! (הארצ.)

דער עפּיטעט „פרײַע" בא פײגלענ איז ניט קײנ פּאָשעטער אָרנאמענט, נאָר ער שפּילט א באטאָנענדיקע ראָליע, ער פילט אויס א באשטימטע קינסטלערישע פונקציע: ארויסלאָזנ אזא עפּיטעט טאָר מענ ניט.

## ד. צודיכטונג

מיר טרעפנ זיכ אָנ אויכ מיט אנ אינגאנצנ קעגנזעצלעכער דערשײַנונג — מיט א טענדענצ פונ אײניקע איבערזעצער צ ו צ ו ג ע ב נ אקעגנ דעמ אָריגינאל, צ ו ד י כ ט נ.

ביכלאל, אינ פּרינציפּ, איז די דאָזיקע טענדענצ ניט קײנ געזעצמעסיקע אונ ניט קײנ ריכטיקע. באזונדערס, ווענ מע האָט צו טאָנ מיט אזעלכע ווערק ווי פּושקינס. מיר האָבנ פאר זיכ אנ אומבאשטרײַטבארע האנאָכע: פּושקינס ליד איז קינסטלעריש פולקאָמ אונ אלס אזעלכע נײטיקט זי זיכ ניט אינ קײנ שומ צוגאָב־בילדערישקײַט. מיר דארפנ פעסטשטעלנ נאָכ אײנ האנאָכע: אינ קונסט איז אײנער פונ די גרונ־טיקסטע פאקטאָרנ דער געפיל פונ מאָס. ס'איז ניטאָ אזא קינסטלעריש מיטל, וואָס אנ אונ פאר זיכ זאָל ער זײַנ ניט פּאסיק; ס'איז נאָר געווענדט אָנ דעמ, ווי פּאסט עס זיכ אײַנ אינעמ געגעבענעמ קאָנטעקסט אונ, דעריקער, א י נ  ו ו אָ ס  פ א ר  א

מאָס עס ווערט געברויכט. די דאָזירונג איז דאָ פונקט אזוי פאראנטוואָרטלעך ווי בא א מיקסטור: איז צו א קליינער פראָצענט פון דעם אָדער יענעם עלעמענט, ווירקט עס ניט אינגאנצן; איז צופיל — ווערט די מיקסטור פארוואנדלט אין סאם...

ס'וואָלט אונדזערע דיכטער־איבערזעצער ניט געשטערט צו געדענקען, אז וואָס „צו" איז איבעריק, אז אין א קינסטלעריש ווערק איז זייער וויכטיק אָפּצוהיטן די פּראָפּאָרציאָנעלקייט פון דער בילדערישקייט, אז מע טאָר ניט אָנהויפּן קיין בילדער איינס אפן אנדערן, וואָרעם זיי שטערן נאָר איינער דעם אנדערן [1]. פּושקין האָט אָט דעם „סאָד" זייער גוט געוווּסט און ניט ליב געהאט די פּוסטע אָרנאמענטיק אין דער וואָרט־קונסט; ער האָט פיינט געהאט „אָנפרענדען" זיינע מאָנומענטאלע גע־שטאלטן און דיכטערישע זעונגען מיט איבעריקע שמאָכטעליאקעס. ער האָט ביין אויסגעלאכט די שרייבער, „וועלכע, האלטנדיק פאר נידעריק צו דערקלערן פּראָסטע געוויינלעכע זאכן, מיינען צו אופלעבן די קינדער־פּראָזע מיט פארשיידענע דערגאנצונגען (дополнениями) און שלאבעריקע מעטאפאָרעס".

צי הייסט עס אָבער, אז מיר קענען, אפן סמאך פונעם אויבן־געזאָגטן, גלייך פארורטיילן אלע מינים צוגאָב־ענדערונגען אין דער איבערזעצונג לעגאבע פּושקינס אָריגינאל, ניט באקענענדיק זיך אפילע מיט דעם, וואָס די דאָזיקע הויספּאָפּעס שטעלן מיט זיך קאָנקרעט פאָר? ניין, ס'הייסט ניט. אין די באדינגונגען פון דער איבער־זעצונג־שפּראך קענען געמאָלט זיין אזעלכע סיטואציעס, בא וועלכע אזעלכע צוגאָבן זאָלן מעגלעך זיין, זאָלן דערלאָזט ווערן און אין אייניקע פאלן — אפילע נייטיק זיין. קעדיי פעסטצושטעלן, וועלכע צוגאָבן אין די פּושקין־איבערזעצונגען אקעגן דעם אָריגינאל זיינען צוועקמעסיקע און וועלכע ניט, דארף מען קאָנקרעט אנאליזירן די אלע פאלן לויט זייערע טיפּן.

אָט זיינען טיפּן איבערזעצונגען מיט „צודיכטונגען", וואָס זיינען איבעריק, ד. ה. וואָס מע קען זיי ניט מאָטיווירן.

ע פּ י ט ע ט ן, וואָס זיינען בא פּושקינען אינגאנצן ניטאָ, וואָס דער איבערזע־צער האָט צוגעגעבן אָן שום אָנזיכטיקן סמאך מיצאד דעם אָריגינאל:

| | |
|---|---|
| 1) מיט ש ט א ר ק ע ר אויסגעשטרעק־טער האנט (פינ.) | 1) Кумир с простертою рукой (Мед.) |
| 2) פון שווערע טעג די פריינדן ה ע ל ע (פינ.) | 2) Подруга дней моих суровых (К няне) |
| 3) מיך ציט אן אומבאוווּסטע ג ר ו י ס ע קראפט (האָפּ.) | 3) Меня влечет неведомая сила (Русалка) |
| 4) ווו ס'לויפן ש נ ע ל ע שיפן (האָפּ.) | 4) Где бежали корабли (Скуп.) |
| 5) אין דעם ג ע ה יי מ ע נ קעלער (האָפּ.) | 5) Сюда в подвал (Скуп.) |

[1]) וועגן דעם זע: А. И. Пешковский. Принципы и приемы стилистического анализа художественной прозы (Сборник „Вопросы методики родного языка, лингвистики и стилистики", 1930, стр. 160).

פֿושקינס עפּיטעט איז שפּאָרעוודיק, פּראָסט, ניט־שרייַענדיק. ער פּילֿט דאָ שטענ־דיק אויס א באַשטימטע קינסטלֿערישע פֿונקציע. ער גיט דעם געגנשטאַנד אָדער אַקציע א באַשטימטע כאַראַקטעריסטיק, וואָס דאַרף איבערגעבן די שטימונג־אַטמאָס־פֿער, וואָס דאַרף ווייַזן די באַציִונג פֿונעם דיכטער צום געשילֿדערטן.

גוט איז בלֿויז יענע איבערזעצונג, וועלֿכע צעשטערט ניט פֿושקינס קינסטלֿערישע קאַוואָנע.

אין די נאָרוואָס געבראַכטע איבערזעצונגען זייַנען צו די געשילֿדערטע אָביעקטן צוגעגעבן אַזעלֿכע עפּיטעטן, וועלֿכע זייַנען בא פֿושקינען ניטאָ, און זיי גיבן טאַקע פֿאַקטיש גאָרניט צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿונעם געשילֿדערטן: „שטאַרקער" אינעם ערשטן בייַשפּילֿ פּאַסט ניט. אַפֿ וויפֿל ס'רעדט זיך וועגן א פּערזאָניפֿיצירטן מאָנ־מענט, וועלֿכער אָטעמט אינגאַנצן מיט שטאַרקייַט, און דאָס צוגעבן אָט די אייגנ־שאַפֿט בלֿויז איין טייל פֿונעם געשטאַלֿט שוואַכט נאָר אָפּ דעם אייַנדרוק; „העלֿע" אינעם צווייטן בייַשפּילֿ זאָגט ביכלֿאַל גאָר גאָרנישט; אינעם דריטן בייַשפּילֿ שטערט גאָר דער איבעריקער עפּיטעט: מיטן וואָרט „גרויסער" ווערט אַביסל פֿאַרענדערט דער ריטם פֿונעם פֿערז אַקעגן דעם אָריגינאַל (צוויי איבעריקע טראַפֿן) אאַוו.

און אָט איז אַן איבעריקער עפּיטעט, וואָס מאַכט גאָר ווידערשפּרעכיק די גאַנצע כאַראַקטעריסטיק פֿונעם געשילֿדערטן:

| | |
|---|---|
| ס'איז די נייַע קייסערינ־יע | Правду молвить, молодица |
| גאָר א שיינע, גאָר א ד י מ ע נ ט (!): | Уж и впрямь была царица: |
| הויך און שלֿאַנק, און ווייַס און פֿלינק... | Высока, стройна, бела... |
| נאָר איז גרויס בא זיך מעסוקן, | Но зато горда, ломлива, |
| גאַרט, מע זאָלֿ זיך פֿאַר איר בוקן | Своенравна и ревнива |
| (פֿינ.) | (Мерт.) |

מיר וועלֿן לאָזן אָן א זייַט די מאָדנע קאָאָרדינירונג (אין איין קאָאָרדיניר־ריי דרייַ עפּיטעטן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם א ו י ס ע ר ל ע כ נ אויסזען פֿון דער קייסערינ־יע, און איין עפּיטעט, וואָס גיט איבער אַן א י נ ע ר ל ע כ נ שטריך אירן). די באַשטימונג „א דימענט" ווערט געגעבן א מענטשן, וואָס איז א גוטער בעטעווע, א גומוטיקער, א פֿייַן־פֿילֿנדיקער א. אַז. וו., — און דאָס ווידערשפּרעכט די שלֿעכטע גייַסטיקע אייגנשאַפֿטן, מיט וועלֿכע פֿושקין האָט באַשאָנקען די קייסערינ־יע פֿון אָט דעם מייַסעלֿע.

און אָט איז א ניט־מאָטיווירט א י ב ע ר י ק ע ר אָ ב י ע ק ט לֿעגאַבע דעם אָריגינאַל:

| | |
|---|---|
| פּיקט ד י א ו י ג נ אויס בא אים | Злого коршуна клюет |
| (פֿינ.) | (Салт.) |

פֿושקין זאָגט, אַז מע פּיקט דעם קאָרשון (שוליק) אינגאַנצן, און דער איבערזע־צער טראָגט אַריבער די אויפֿמערקזאַמקייַט אַפֿ די אויגן, וואָס זייַנען אינעם אָריגי־נאַל אַפֿילֿע ניט דערמאָנט.

אייניקע צוגעגעבענע ווערטער-בילדער, אויב אפילע זיי מאכנ ניט קאליע אָדער ענדערנ ניט פושקינס קינסטלערישע קאוואָנע, זייַנענ זיי דאָכ איבעריק דערמיט, וואָס זיי ענדערנ פושקינס שפראכ-סטיל:

| | |
|---|---|
| 1) אינ שייַנ לעוואָנעס בלייכ-פאר-קלאָגטער (פינ.) | 1) И озарен луною бледной (Мед.) |
| 2) אונ ס'האָבנ קינדער בייז-פאר-שייַטע געוואָרפנ... (פינ.) | 2) Злые дети бросали камни вслед ему (Мед.) |

דער איבערזעצער פארקאָמפליצירט דעם עפיטעט. אויכ דאָ איז גאנצ אָפגע-פרעגט, צי ס'איז נייטיק צו „פארטיפערנ" פושקינס עפיטעט: פארוואָס איז קארג פאר דער לעוואָנע, וואָס שייַנט דעמ קופערנעמ רייַטער, דער סימענ „בלייכע"? צו וואָס דארפ זי נאָכ זייַנ „פארקלאָגט"? אָבער סייַ דאָ, סייַ אוואדע אינעמ צווייטנ בייַשפיל דער צוגאָב-עפיטעט „פארשייַטע", שטערנ ניט דער עצעמ בילדעריש-קייַט. דערפאר איז אָבער אינ דער איבערזעצונג פאָרגעקומענ א מוירעדיקער אייַנרייַס מיט דער פראָסטקייַט אונ קלאָרקייַט פונ פושקינס סטיל. אָנשטאָט דעמ האָבנ מיר אינ דער איבערזעצונג א פארקאָמפליצירונג פונ דער שפראכ.

מע דארפ נעמענ אינ אכט, אז אויסקומענ אינגאנצנ אָנ ענדערונגענ אינ דער איבערזעצונג איז אומעגלעכ: ס'איז דאָכ פאָרט אנ אנדער שפראכ, דער איבערזעצער איז פאָרט געפענטעט מיט מאָמענטנ פונ ריטמ אונ גראמ. איז קיינ זעלבשטענדיקנ ארגומענטיר-ווערט פאר ענדערונגענ סטאמ האָבנ ניט די דאָזיקע אומשטאנדנ,— אָבער ענדערונגענ, צוגאָבנ זייַנענ אינ א געוויסער מאָס דאָכ דערלאָזבאר, אויב ס'ווערט ניט פארקריפלט דער געדאנק פונעמ אָריגינאל, אויב ס'ווערט ניט אראָפגעזעצט אָדער פאראָרעמט די בילדערישקייַט פונעמ אָריגינאל, אויב ס'פאראנדערשט ניט דעמ סטי-ליזיר-נוסעכ פונעמ געגעבענעמ פערז.

| | |
|---|---|
| 1) דו ענטפערסט באלד אפ יעדער קלאנג,<br>אפ יעדער בויג, אפ יעדער פאלד<br>אינ לופט-געהאנג (האָפ.) | 1) На всякий звук<br>Свой отклик в воздухе пустом<br>Родишь ты вдруг (Эхо) |

דער אויסגעטיילטער איבעריקער פערז איז געבויט אינגאנצנ אינ גייַסט פונ פוש-קינס ליד, סייַ לעקסיש, סייַ סינטאקסיש, סייַ ריטמיש אונ פאראנדערשט גאָרנישט ניט אינ דער ליד.

| | |
|---|---|
| 2) א. ווידער האָבנ וואָלקנס גרויע (כאש.)<br>ב. שווארצע כמארעס קריכנ שטיל (רימ.) | 2) Снова тучи надо мною (Предчувствие) |

די עפּיטעטנ „גרויע", „שווארצע" זײַנענ דאָ עקספּליקאטיווע (באַטאָנענדיקע) אונ שטערנ גאָרניט צום בילד.

3) א. עס וואָלט איינ זאכ דאָכ אינ דער
וויסטע
מײַנ הארצ אינ ג ר ו י ס נ וויי פארקלעמט...
ב. ... אונ גלאנצסט מיט שטאָלצ
א נ ט ק ע ג נ ט אָ ג
(כאש. — האָפ.)

3) а. Один предмет в твоей пустыне
Мою бы душу поразил
(К морю)

б. И блещешь гордою красой
(К морю)

אויכ די איבעריקע ווערטער לעגאבע דעמ אָריגינאל אינ די דאָזיקע פערזנ — ניט זיי פאראָרעמענ, ניט זיי פארענדערנ דעמ גײַסט פונ די אָריגינאל־פערזנ.

ס'זײַנענ אָבער פאראנ ערטער, ווו די צוגאָבנ אינ דער איבערזעצונג אקעגנ דעמ אָריגינאל זײַנענ ניט בלויז דערלאָזלעכ, נאָר אפילע אינגאנצנ בארעכטיקט. דאָס קומט פאָר דאנ, ווענ דאָס געגעבענע יִדישע וואָרט פארמאָגט ניט דעמ סעמאנטישנ, דעמ עמאָציִאָנעלנ אָנלאָד, וואָס דאָס אנטשפרעכיקע רוסישע וואָרט:

1) ווי א ב ײ ז ע כײַע ברילט ער
(האָפ.)

1) То как зверь она завоет
(Зим. веч.)

דער יִדישער טײַטש פונ "зверь„ איז טאקע כײַע, אָבער כײַע איז אביסל ברייטער: מיט דעמ דאָזיקנ וואָרט באצייכנט מענ אמאָל אויכ היימישע באלעכאיִמ („животное"), איז ווענ דער איבערזעצער זאָל געווענ יוצע זײַנ בלויז מיטנ וואָרט „כײַע", וואָלט עס געווענ פאָרמעל עפשער ריכטיק, אָבער אינ טאָכ וואָלט עס ניט איבערגעגעבנ פושקינס בילד אונ וואָלט ראָפּגעזעצט פושקינס קינסטלערישנ פארגלײַכ.

2) אלצ ד ר י ק נ, ש ט י ק נ דיר די
ברוסט (פינ.)

2) Теснят твою всечасно грудь
(Няне)

אקעגנ דעמ איינעמ ווערב "теснят„ איז אינ דער איבערזעצונג געגעבנ צוויי ווערבנ, אָבער דאָס איז בארעכטיקט, וואָרעמ אנדערש וואָלט שווער געווענ איבערצוגעבנ אינגאנצנ אדעקוואט דאָס פיגורעלע "теснят„.

3) פונוואנענ קומסטו, וו ו נ ד ע ר ־ ש ײ־
נ י נ ק קינד? (האָפ.)

3) Откуда ты, прекрасное дитя?
(Русал.)

דאָס וואָרט "прекрасный„ קענ אינ יִדיש ניט גערעקט ווערנ בלויז מיט „שיינער". „זייער שיינער" וואָלט דאָ ניט איבערגעגעבנ דעמ עמאָציִאָנעלנ טאָכ פונעמ אָריגינאל־וואָרט. דער פארדאָפּלטער עפּיטעט „ווונדער־שיינער" איז דאָ ווי אָנגעמאָסטנ.

4) עפּעס הערט זיכ א ײ ג נ ס, ט ײַ ע ר ס
אינעמ פורמאנס לאנגער ליד
(כאש.—קאָט.)

4) Что-то слышится родное
В долгих песнях ямщика
(Зимн. дор.)

דאָס וואָרט "родное" הייסט אין יִדיש „אייגנס", אָבער דאָס וואָרט אַליין שלֿאָגט אראָפּ אויך אפ דעם, אהער אבסאָלֿיוט ניט־פאסיקן, טײַטש "собственный„, מע וואָלֿט געקענט אויסנוצן דאָס וואָרט „לֿיבלֿעכ", נאָר דאָס וואָלֿט ריטמיש עפשער געפּאָדערט איבעריקע צוגאָבן. קעדיי אויסצודריקן די אינטימקייט פונעם וואָרט "родное„ אינ פושקינס פערז, האָבן די איבערזעצער מיט גרויס טאקט עס איבער־געגעבן מיט צוויי ווערטער, וואָס דערגאנצן איינס דאָס אנדערע.

## ה. ניט־גענויקייט אפּן באָדן פונ ניט־דיפערענצירן סינאָנימען

סינאָנימען — דאָס איז וואָרט־שעפע אינ יעדער שפראכ. מיט דער הילֿפ פונ סינאָנימען „האלֿטן מיר אינ איינ פארברייטערן, פארשמעלֿערן און בײַטן אונדזער לֿעקסיקאָן. דאָס איז אנ אומופּהערלֿעכער אומקרײַז פונ דערוואָרבענע און פארלֿאָרענע ווערטער.. אונדזער באוווּסטזײַן הויזט מיט די פאראנענע אינ דער שפראכ סי־נאָנימען און דובלֿעטן, פארטיילֿנדיק זיי געווײנלֿעכ צווישן פארשיידענע געברויכ־ספערן" [1].

איבער דער דאָזיקער וואָרט־שעפע, אָבער, איבער דעם רײַכן פארמעג דארפ מענ קענען באלֿעבאטעווען. באם אָנווענדן סינאָנימען אינ דער קינסטלֿערישער לֿיטעראטור דארפ מענ באזונדערס נעמען אינ אכט, וואָס פאר א סינאָנים קענ אמבעסטן אויס־פילֿן די געהעריקע קינסטלֿערישע פונקציע; ס'איז נויטיק מיט גרויס אופמערקזאמ־קײַט אָפּקלײַבן פונ דער סינאָנימישער ריי יענעם סינאָנים, וואָס קענ אמבעסטן און אמענגסטן ארומכאפּן דעם באגריפ, איבערגעבן דאָס בילד, וואָס עס טראָגט דאָס געהעריקע וואָרט פונעם אָריגינאלֿ.

אָט זײַנען אייניקע מוסטערן פונ ניט־געלֿונגענעם אָפּקלײַבן דעם סינאָנים:

1) געקענט פארקישעפן האָט ער דאָס פאָלֿק (רעז.)

1) И славою народ очаровать (Год.)

„פארקישעפן" הייסט "околдовать„, מאכן קישעפ, אינ אונדזער בײַשפּילֿ רעדט זיכ וועגן מאכן זייער א גוטן אײַנדרוק אפּן פאָלֿק, וועגן באצויבערן עס, און טאקע אזוי האָט מענ געדארפט איבערזעצן.

2) דעם שוועד דעם שטאָלֿצן אפּצו־לֿאָכעט (פּינ.)

2) На зло надменному соседу (Мед.)

„שטאָלֿצ" איז א פּאָזיטיווע אייגנשאפט, — פאסט ניט דער דאָזיקער עפּיטעט אינעם געגעבענעם פאלֿ, וואָרעם דאָ גיט פושקינ צו דעם שוועד א נעגאטיווע שאצונג.

---

[1]) Ж. Вандриес. Язык, стр. 181.

„надменный“ באַטײַט גײַוועדיקער, פּאַריסענער, — אָבער ניט שטאָלצער. בעסער איז: צו בײַז דעם גײַוועדיקן שאָכן (כאַש.).

דאָס זעלבע אינעם איבערזעצן די מעטאַפער אינעם פערז:

3) И молния грозно тебя обвивала
(Туча)

3) און שטרענג האָבן בליצן זיך
האַלדזן גענומען (קאַמענ.)

פון דער סינאָנימישער נעסט, וואָס קען אין אַלגעמיינע שטריכן אַרומכאַפּן דעם באַגריף פון „обвивала“, פּאַסט ניט, יעדנפאַלס, אינעם געגעבענעם פאַל דער ווערב „האַלדזן“. ווי פּאָרט זיך עס „שטרענג“ מיט „האַלדזן“? פונעם וואָרט „האַלדזן“ ווערט גלײַך אַראָפּגעווישט די „שטרענגקײַט“ פונעם בילד.

4) Волга, мать родная
(Песнь о Стеньке Разине)

4) דו, אײגענע מוטער (פינ.)

„אײגענע“ איז דאָ זייער קנאַפּ. דאָס וואָרט „родная“ באַ וואָלגע האָט ניט דעם זינען פון קרויוושער אָנגעהעריקײַט, נאָר גיט איבער אַן אינטימע, צאַרטע באַציִונג צום טײַך וואָלגע. דאָ וואָלט בעסער געפּאַסט דער עפּיטעט „לײַבלעכע“.

אינעם אַרטיקל „צו דער פּראָבלעם פון איבערזעצן פּושקינען אין ייִדיש“ [1]) ווײַזט כ׳ ראָכקינד אָן אַפן וואָרט „פײַן“, מיט וועלכן ס׳מיסברויכן אונדזערע איבערזעצער. אָט איז נאָך אַ פּאָר ווערטער, אין וועלכע ס׳האָבן זיך שטאַרק אײַנגעקלאַמערט אונדזערע איבערזעצער און נוצן זיי ווו מע דאַרף און ווו מע דאַרף ניט [2]):

1) צאַרט אַלס פאַרטײַטש פון די ווערטער: „нежный, ласковый“ און סטאַם אַפּ צו פאַרבײַטן אייניקע געגנשטאַנדן („אַ שטילער... שאַ... אַ צאַרטער טאָן (האָפּ.) („Тише... чу... гитары звон“ (Ночн. зефир). אַמאָל גלאַט אַפּ צו פאַרפּילן דעם ריטם פון פערז „פון טעג פון האַרבע פרײַנדן צאַרטע“ (רימ.) („Подруга дней моих суровых“).

2) מילד — אַלס פאַרטײַטש פון די ווערטער: „ласково, мило, кротко“ און סטאַם צוליב ריטם („דורך רוסלאַנד, ווי ס׳איז גרויס, מײַן נאָמען וועט מײַן מילדער“ (כאַש.) („Слух обо мне пройдет по всей Руси великой“).

## ו. אַנדערע פאַלן פון ניט־גענויקײַט

אייניקע פאַלשע איבערזעצונגען נעמען זיך דערפון, וואָס דער איבערזעצער כאַפּט אויף אַ פאַלשע עטימאָלאָגיע פונעם ספּעציפישן רוסישן וואָרט:

---

[1]) ס. ראָכקינד — צו דער פּראָבלעם פון איבערזעצן פּושקינען אין ייִדיש (זש. „שטערן“, מינסק, נומ. 3, 1937).

[2]) באַ כ־טע ראָכקינדס באַהויפּטונג (אינעם זעלבן אַרטיקל), אַז „די ייִדישע שפּראַך איז אָרעמער אין סינאָנימען ווי די רוסישע“ (פּונוואַנען, אַגעוו, האָט עס דער אַווטער גענומען אַזאַ פאַקט?), דאַרף זי קיין טײַנעס ניט האָבן צו די ייִדישע איבערזעצער, אַלעמײַ זיי נוצן פאַר פאַרשיידענע אינהאַלט־שאַטירונגען איינס און דאָס זעלבע וואָרט.

1) ס׳שטײט פאר אימ א שטוב א העלע (פינ.)

1) Перед ним изба со светелкой (Рыб.)

„Светелка“ — דאָס איז ניט דער קאָליר פונ דער שטוב, נאָר א געוויסער צימער אינ שטוב. ריכטיקער וועט דאָ זײַנ: „פאר אימ שטײט א שטוב מיט אנ אלקער“ (רעז.).

2) אונ די באבעניו די שלעכטע (פינ.)

2) С сватьей бабой Бабарихой (Салт).

ווי הויזט דאָס צערטלדיקע „באבעניו“ מיט „שלעכטער“? אינדערעמעסנ איז „баба“ דאָ פאָשעט א פרוי, א פויערטע א.ד.גל. אונ „Бабариха“ איז אנ אײגננאָמענ, וואָס אויכ אפ ייִדיש דארפ עס איבערגעזעצט ווערנ „באבעריכע“.

3) לעמ די אינדזלענ, לעמ די בײזע (פינ.)

8) Мимо острова Буяна (Салт.)

„Буян“ איז דער נאָמענ פונעמ אינדזל, אונ דעמ עפיטעט „בײזע“ האָט דער איבערזעצער גענומענ לויט דער ענלעכקײַט־אסאָציאַציע מיטנ אינהאלט פונעמ וואָרט „буян“ (שלאָגער, כוליגאנ א. ד. גל.).

אמאָל קומט פאָר א גרײַז איבער דער קלאנגלעכער נאָענטקײַט פונ ייִדישע ווערטער צווישנ זיכ, — ביפראט נאָכ ווענ ס׳איז פאראנ ענלעכקײַט אינ אײניקע אײגנשאפטנ פונ די באצײכנטע געגנשטאנדנ:

1) אפ אדמיראלנ־הויז די שפיז (פינ.)

1) Адмиралтейская игла (Мед.)

דאָ דארפ זײַנ „שפיץ“, ניט „שפיז“.

2) אז מע זאָל קײנ ווײַל ניט ארנ (פינ.)

2) Времени не тратя даром (Салт.)

אינ דער אומגאנג־שפראכ, אי דאָס אינ אײניקע דיאַלעקטנ בלויז, נוצט מענ טאקע „ארנ“ פאר „ווארטנ“, אָבער פאר דער ליטערארישער שפראכ איז עס ניט באקוועמ, ס׳קענ ארויסרופנ צוויידײַטיקײַט איבערנ וואָרט „ארנ“ אינ אזא אויסדרוק ווי: „וואָס קענ עס דיכ ארנ“ א.ד.גל. דאָ דארפ זײַנ: ווארטנ (אײַ, ס׳וואָלט ניט געווענ צומ גראמ? — וואָלט זיכ דער איבערזעצער מיסטאמע זיכ אנ אײצע געגעבנ...).

אמאָל קומט פאָר אינ דער איבערזעצונג ניט־גענויקײַט איבער דעמ, וואָס ס׳ווערנ אָנגערופנ מיט אײנעמ אונ דעמ זעלבנ נאָמענ אסאָציַאטיוו נאָענטע אָבער אינגאנצנ פארשײדענע באגריפנ:

| | |
|---|---|
| а. Царь Салтан | א. האר סאלטאנ |
| б. Царь велит своим боярам (Салт.) | ב. ס׳הייסט דער קייסער זײַנע הארנ (פינ.) |

אינ איינעמ אונ דעמ זעלבנ ווערק זעצט איינער אונ דער זעלבער איבערזעצער אי־בער מיטנ וואָרט „האר” אָט דאָס וואָרט "царь„, אָט דאָס וואָרט "боярин„. ס׳פאר־שטייט זיכ, באמ לייענער באקומט זיכ דערפונ נאָר א פלאָנטער.

אָט האָבנ מיר א פאל, ווענ ניט־געלונגענ גענוצטע ווערטער אינ דער איבערזע־צונג פירט צו קוריאָזישער צווייִדײַטיקײַט:

| | |
|---|---|
| И о гроб невесты милой | אינעמ אָרנ פונ דער ליבער |
| Он ударился всей силой (Мертв. цар) | האָט ער זיכ א זעצ געגעבנ (פינ.) |

בא פושקינענ איז זייער קלאָר, אז יעליסיי האָט זיכ א זעצ געגעבנ אָנ אָרנ, אונ באמ איבערזעצער באקומט זיכ, אז ער איז געווענ א י נ אָרנ, אינעווייניק.

## II. סינטאקסיש־סטיליסטישע דערשײַנונגענ

ס׳איז צו שטרענג אונ עפשער כימעריש צו פאָדערנ פונ דער איבערזעצונג „אי־בערגעבנ... דעמ סינטאקס... אונ אָפטמאָל אפילע די אָפשטעל־צייכנס פונעמ אָריגי־נאל”[1]). די אייגנארטנ אינ דער סינטאקסישער סטרוקטור פונ ביידע שפראכנ, די איבערוקנ אינ דער געשיכטע פונ די שפראכנ אינ אלע הינזיכטנ — באגרענעצט די מעגלעכקײַטנ צו האלטנ זיכ באמ סינטאקס פונ פושקינס אָריגינאל, ווענ מע זעצט אימ איבער אפ ייִדיש. אזא קאטעגאָרישע פאָדערונג צומ איבערזעצער וואָלט אימ געפּענטעט הענט אונ די פיס אונ וואָלט בעפיירעש געשטערט צו איבערגעבנ אדעקוואט, נאטירלעכ אינ ייִדיש דעמ אינהאלט, ריטמ אונ שטימונג פונעמ אָריגינאל.

מע טאָר מעכאניש ניט אריבערטראָגנ אינ דער איבערזעצונג די סינטאקסישע פאָרמ פונעמ אָריגינאל. אזא קאָפּירונג פונעמ אנדערשפּראכיקנ סינטאקס וואָלט גע־פירט ניט בלויז צו האמעטנעקײַט אינ דער איבערזעצונג, נאָר אויכ צו אומפאר־שטענדלעכקײַט אונ אינהאלטלעכער ניט־אדעקוואטקײַט. פארקערט, דער איבערזעצער דארפ ניט זײַנ פארקנעכטעט בא די גראמאטישע פאָרמעס פונעמ אָריגינאל. ניט דער סינטאקס פונעמ אָריגינאל דארפ הערשנ איבערנ איבערזעצער, נאָר ער, דער איבער־זעצער, דארפ באהערשנ דעמ סינטאקס פונ דער שפראכ.

דערפונ איז געדרונגענ, אז אנ איבערגעזעצטער טעקסט אפ ייִדיש (כוצ פאלנ פונ ספעציִעלער סטיליזאציע) דארפ אינ סינטאקסיש־סטיליסטישנ זינענ קלינגענ אזוי, ווי ער וואָלט לעכאטכילע געשריבנ געווענ אינ ייִדיש.

פונ דער אנדערער זײַט, אָבער, איז אינ דער סינטאקסישער סטרוקטור פונ ביידע שפראכנ פאראנ אסאכ ענלעכקײַטנ, אונ ס׳איז, דעריבער, ניט נייטיק צו זײַנ „אָרי־

---

[1]) ס. ראָכקינד. צו דער פראָבלעמ פונ איבערזעצנ פושקינענ אינ ייִדיש (זש. „שטערנ”, מינסק, נומ. 3, 1937).

גינעל" דאָרט, ווו דאָס פאָדערט ניט דער נאטירלעכער גאנג פונ דער איבערזעצונג-שפראכ. „אינ די פאלנ, ווענ די אָדער יענע סינטאקסישע פאָרמ איז אייגנטימלעכ סײַ דער שפראכ פונעמ אָריגינאל, סײַ דער שפראכ פונ דער איבערזעצונג, ווענ זי (די דאָזיקע סינטאקסישע פאָרמ — כ. ל.) איז אי דאָרט, אי דאָ גלײַכווערטיק, — האָט קיינ איינ איבערזעצער ניט דאָס רעכט צו אָפּווענדנ זיכ פונ פינקטלעכ זי צו רעפּראָדוצירנ [1].

דאָס איז וועגנ סינטאקס פונ דער איבערזעצונג ביכלאל. דאָ איז נייטיק, אז דער איבערזעצער זאָל פארהיטנ דעמ גײַסט פונ פושקינס סטיל אינ געביט פונ סטרוקטור. די כאראקטעריסטיק פונ פושקינס סינטאקס איז ענג פארבונדנ מיט דער כאראקטעריסטיק פונ זײַנ גאנצנ סטיל, אלס רעאליסטישנ סטיל. די נאטירלעכקײַט, פראָסטקײַט אונ קלאָרקײַט, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר פושקינס לעקסיק, איז אויכ שײַעכ צו זײַנ סינטאקס: אינ העסקעמ מיט זײַנ נעגאטיווער שטעלונג צומ שמאָלשטאנדישנ באדינגלעכנ, אופגעבלאָזענעמ סטיל ביכלאל, איז ער אויכ געווענ „קעגנ די האמעטנע אונ שווערע פאָרמעס פונ דער סינטאקסישער סטרוקטור פונ דער „סלאוויש-ראָסייִשער" אונ אמטלעכ-ביוראָקראטישער שפראכ" מיט איר „פילשטופיקער סובאָרדינאציע אינעמ איינפאכנ זאצ, מיט די שווערוואָגיקע צונויפגעזעצט-סובאָרדינירטע קאָנסטרוקציעס אונ מוירעדיקע פעריִאָדנ". אינ דער זעלבער צײַט האָט ער זיכ אויכ אָפּגעשטויסנ פונ די שאבלאָנענ פונעמ רוסיש-פראנצויזישנ, אזוי צו זאָגנ, „צירלעכ-מאנירלעכ"-סינטאקס — פונ דער איבעריקער אָרנאמענטיק, „פונ די איבעריקע פעריפראזנ אונ אָנהויפונג פונ סימאָנימ אונ אייגנשאפטנ פונ די געשילדערטע געגנשטאנדנ אונ דערשײַנונגענ". ער איז געווענ א קעגנער פונ „פוסטע אויסדרוקנ, וואָס ווערנ פארוואנדלט אינ אינהאלטלאָזער סינטאקסישער פאָרמ, וואָס באלאסטיקנ די פראזע אונ פארהאמעווענ די באוועגונג פונ דער רייד" [2]. די דינאמישקײַט פונ זײַנע בילדער האָט געפאָדערט גאָר אנ אנדערנ — א לײַכטנ, א באוועגלעכנ, אנ עלאסטישנ סינטאקס. דאָס האָט א שײַכעס צו פושקינס פראָזע, נאָכ מער איז עס שײַעכ צו זײַנ פאָעזיע.

פושקינס סינטאקס איז, ניט געקוקט אפ דעמ העכער הונדערטיאָריקנ עלטער זײַנעמ, גאנצ פריש אונ נאָענט צו דער מאָדערנער ליטעראַרישער שפראכ. ס'זײַנענ אָבער אינעמ בוי פונעמ אָריגינאל פערז מעגלעכ אזעלכע ספעציִעל אָנגעווענדטע סינטאקסישע קאָנסטרוקציעס, וואָס פילנ אויס א באשטימטע קינסטלערישע פונקציע. אינ אזעלכע פאלנ קענ מענ די סטרוקטור פונעמ אָריגינאל ניט איגנאָרירנ, ס'איז נאָר נייטיק צו געפינענ אינ דער איבערזעצונג-שפראכ איר סינטאקסיש-סטיליסטישנ עקוויוואלענט אינ גײַסט פונ פושקינס סטיל ביכלאל, אינ העסקעמ מיט דעמ קאָנקרעטנ קינסטלערישנ מיינ פונעמ געגעבענעמ איבערזעצונג-אָרט. דערבײַ דארפ דער איבערזעצער, באמ בויענ דעמ זאצ, אינ זינענ האָבנ ניט בלויז דאָס ריכטיקע, אדעקוואטע איבערגעבנ דעמ אינהאלט אונ זינענ פונעמ אָריגינאל, נאָר אויכ דאָס, וויִאזוי וועט עס אויסזענ אונ קלינגענ אינ דער איבערזעצונג-שפראכ, אינ אונדזער פאל — אינ ייִדיש.

---

1) К. Чуковский. Искусство перевода, 1936, стр, 172.

2) דאָס גענומענע אינ פיסלעכ איז ציטירט פונ:
В. А. Гофман· Язык Пушкина (Сб. „Стиль и язык А. С. Пушкина", 1937).

אפ אייניקע באַזונדערע סינטאַקסיש־סטיליסטישע דערשײַנונגען אין די פּושקינ־איבערזעצונגען וועלן מיר באַטראַכטן, וויאַזוי ס'לייזן די דאָזיקע פּראָבלעמעס אונדזערע איבערזעצער.

## א. פאַרבײַט פון גראַמאַטישע פאָרמעס

אָנגעווענדן אין דער איבערזעצונג אַן אַנדער גראַמאַטישע פאָרם ווי אין אָריגינאַל איז קעדײַ בלויז דאַן, ווען דאָס איז באַדינגט דורך דער ספּעציפישער סטרוקטור פון דער איבערזעצונג־שפּראַך, ווען די אינטאָנירונג פונעם אָריגינאַל קען בעסער איבערגעגעבן ווערן דורך דער דאָזיקער אַנדערער גראַמאַטישער פאָרם.

מיר וועלן באַטראַכטן עטלעכע אַזעלכע פאַרבײַטן.

אָנשטאָט פּושקינס אַן עפּיטעט — איין וואָרט טרעפן מיר אָפט אין דער איבערזעצונג אַ פעריפראַז. מערסטנטייל ווערט עס איבערגעגעבן דורך אַ פּרעפּאָזיטיוו:

1) אפ ברעג מיט מאָך, אפ ברעג מיט זומפּ (פינ.)

1) По мшистым, топким берегам (Мед.)

דאָ לאָזט זיך גרינג אויסבילדן „מאָכיקע, זומפּיקע ברעגן", און ס'איז ניטאָ קיין באַזונדערע באַדערפעניש [1]) אָנצוקומען צו אַזאַ באַשרײַבונג, ווי דער סימען כאַפּט ניט אַרום דעם גאַנצן געגנשטאַנד („אַ ברעג מיט מאָך" הייסט נאָך ניט, אַז דער גאַנצער ברעג איז מיט מאָך א.ד.גל.), און דאָ איז עס וויכטיק. כוצדעם, האָבן מיר דאָ אַן איבעריקע איבערכאַזערונג פונעם סובסטאַנטיוו „ברעג": דאָס קען הייסן — איין ברעג מיט מאָך און איינער מיט זומפּ...

2) פאַרלאָשן איז די ליכט פון טאָג (רים.)

2) Погасло дневное светило (Погасло дн. свет.)

דאָ קען מען אויך אויסבילדן אַן אַדיעקטיוו „באַטאָגיקער", אָבער דאָ וואָלט עפּשער דער ווילקלאַנג געליטן. פונעם פאַרבײַט לײַדט דאָ אויך ניט די אַקצענטירונג, וואָרעם לויטן אינהאַלט זײַנען אין אָט דעם פעריז ביידע ווערטער גלײַכוואָגיק, דעריבער מאַכט ניט אויס אין דעם פאַל אַ פאַרבײַט פון וואָרטקלאַסן.

3) א. מיט שאָטנס פון אומעט (פינ.)
מיט שאָטנס פון טרויער (גאָלדנבערג)

3) Одна ты наводишь унылую тень (Туча)

דאָ איז דער פאַרבײַט אינגאַנצן באַרעכטיקט, וואָרעם דער אינהאַלטלעכער צענטער אינעם דאָזיקן פעריז איז, לויטן קאָנטעקסט פון דער גאַנצער ליד, דאַפקע דאָס

[1]) כוץ די באַדערפענישן פון פעריזן־מאָס, וועלכע קענ, ווי אויך די באַדערפענישן פון ריטם און גראַם, אַלס זעלבסטציל ניט דינען.

וואָרט "унылую„, און ס'איז גאנצ צוועקמעסיק עס אויסטײַלן, נעמענדיק אינ אכט, אז די אדיעקטיווישע אויסבילדונג „אומעטיקע שאָטנס" אָדער „טרויעריקע שאָטנס" גיט ניט אזוי פילֿ איבער די אקצענטירונג אינ דעם דאָזיקנ וואָרט; אויכ אינ א קאָמפּאָזיט „אומעט-שאָטנס" וואָלט דאָס בילד ניט געווענ אינגאנצנ אָרגאניש.

באנאנד מיטנ פארבײַט פונ אנ אדיעקטיוו אפ א פּרעפּאָזיטיוו האָבנ מיר אויכ א פארקערטע דערשײַנונג: דער רוסישער ווערטער-באהעפט — מיט א סוביעקט-גע-ניטיוו („родительный суб'екта") אָדער אָביעקט-געניטיוו („родительный об'екта") פונעם אָריגינאלֿ ווערט איבערגעגעבנ אינ דער איבערזעצונג מיט איינ וואָרט — מיט א קאָמפּאָזיט:

| | |
|---|---|
| 1) דער ווינטנ-דראנג אפ דער נעווא (פינ.) | 1) Мятежный шум... ветров (Мед.) |
| 2) אָ, שיקזאלֿ-האר (פינ.) | 2) Он, мощный властелин судьбы (Мед.) |

אויכ דער דאָזיקער פארבײַט איז בארעכטיקט, אפ וויפלֿ ער גיט איבער גאנצ קאָנדענסירט דאָס בילד פונעם אָריגינאלֿ.

ערגער האלט עס מיט דער צווייטער קאטעגאָריע קאָמפּאָזיטנ. דאָס זײַנענ אזוינע קאָמפּאָזיטנ, וואָס דער איבערזעצער שאפט אינ ייִדיש אָנשטאָט דעם רוסישנ סוב-סטאנטיוו מיט זײַנ אדיעקטיוו-עפּיטעט. די דאָזיקע קאָמפּאָזיטנ זײַנענ מערסטנטײלֿ ניט גוט:

| | |
|---|---|
| 1) מיט שטורעמ-כוואליעס אינ געראנגלֿ (פינ.) | 1) И долго с бурными волнами (Мед.) |
| 2) מיט געהיימ-ידיעה (פינ.) | 2) ... с неведомым известьем (Мед.) |
| 3) האָט אומעטום דער קופּער-רײַטער (פינ.) | 3) За ним повсюду Всадник медный (Мед.) |
| 4) אזוי האָט ער זײַנ אומגליק-פענט געשלעפּט (פינ.) | 4) Он свой несчастный век влачил (Мед.) |

אינ די פּערזנ בא פּושקינענ האָבנ מיר בוילעטע, פּילטראפּיק-אויסגעדריקטע עפּיטעטנ, אדאנק דעמ, וואָס יעדער פונ די דאָזיקע עפּיטעטנ איז בא פּושקינענ אויסגעפורעמט אינ א זעלבשטענדיק וואָרט. פארוואנדלט דער איבערזעצער דעם דאָ-זיקנ אדיעקטיוו אינ א טײלֿ פונ א קאָמפּאָזיט, ניט געבנדיק דעם אדיעקטיווישנ סו-פּיקס אונ צונויפגיסנדיק אימ מיטנ סובסטאנטיוו, וועלכנ ער כאראקטעריזירט, — שוואכט דער איבערזעצער אָפּ דעם דאָזיקנ עפּיטעט אינ זײַנע אויסדריק-מעגלעכ-קײַטנ, פארמינערט ער אינ א געוויסער מאָס דעם אינהאלט פונ סימענ פונ א געגנ-שטאנד. אָנשטאָט צו זײַנ א בילדעריש מיטלֿ, ווערט דער דאָזיקער אדיעקטיוו פאר-וואנדלט אינ א צוגאָב צומ געגנשטאנד גופא, אונ דער גאנצער אויסדרוק ווערט דער-פונ בלויז האמעטנער, שווערוואָגיקער. דעריבער קענ מענ דעם דאָזיקנ טיפּ פארבײַט פונ דער גראמאטישער קאטעגאָריע ניט בארעכטיקנ.

און אָט איז א גרופּע עפּיטעטנ — אדיעקטיוונ, וואָס ווערנ אינ דער איבערזעצונג אויסגעפּורעמט אלס בײַזאצ. אויכ צו די דאָזיקע פּעריפראזנ דארפ מענ צוגיינ דיפערענצירט.

1) צו ערטער, וו אָ ס ע ר ק ע נ פ ו נ־
ל אנ ג (פינ.)

1) Бежит в места знакомые
(Мед.)

דאָ איז קיינ שום אקציע, אפילע קיינ אדיעקטיוויזירטע, ניט אויסגעדריקט, אינ ײִדיש לאָזט עס זיכ גאנצ לײַכט איבערזעצנ נאָענט צום אָריגינאל („באקענטע ערטער" כאש.), — איז צו וואָס מאכנ אזא שארפע ענדערונג אינ דער סטרוקטור אונ פארבײַטנ פּושקינס פּאָשעטנ עפּיטעט אפּ א דאָ איבעריקער עקספּרעסיע?

2) פארטרײַבט דיכ פונ הימל, וו אָ ס
ה אָ ט זיכ געשטילט (פינ.)

2) Тебя с успокоенных гонит
небес (Туча)

דאָ האָבנ מיר צו טאָנ מיט אנ אקציע, וואָס האָט זיכ פארענדיקט, זי איז אויסגעדריקט אינ א פארטיציפּישנ אדיעקטיוו. מיט א געוויינלעכנ, איינפאכנ אדיעקטיוו קענ מענ עס אינ ײִדיש ניט איבערזעצנ („דיכ יאָגט שוינ פונ לויטערנ הימלשנ רוימ"), דאָס גיט ניט איבער אדעקוואט דעמ צושטאנד, וואָס דער געגנשטאנד האָט ערשט באקומענ, נאָר גיט אימ צו א שטענדיקע אייגנשאפט; בעסער איז עס אויסגעדריקט אינ א צונויפגעזעצטנ אדיעקטיוו מיטנ ווערב „ווערנ" („אונ יאָגט דיכ פונ רו־ק־געוואָרענעמ הימלשנ רוימ" — גאָלדנבערג). אָבער אסאכ געלונגענער אונ נעענטער צומ אָריגינאל וואָלט געווענ: „דעמ שוינ בארויִקטנ..."

3) האָבנ האָט ער אויגנ, וו אָ ס מ י ט
ק י נ ע פ ו ל (פינ.)

3) У него то глаза завистливые
(О медведе)

אינ אָריגינאל איז דער עפּיטעט אנ אדיעקטיוו, וואָס מאָרפאָלאָגיש האָט ער געמיינזאמס מיט דער טעמע פונעמ ווערבאלנ סובסטאנטיוו „зависть" אונ לויטנ אינהאלט באטײַט ער א שטענדיקע אייגנשאפט. אינ ײִדיש איז פאר דעמ דאָזיקנ אדיעקטיוו ניטאָ קיינ אײַנגעפונדעוועטער אדיעקטיוו („קינעדיקער", קינעפולער" איז א קינסטלעכע אויסבילדונג), — דעריבער קענ מענ דאָ בארעכטיקנ דעמ פארבײַט פונ דער אדיעקטיווישער סטרוקטור פונעמ אָריגינאל אפּ א בײַזאצ.

פּעריפראזנ קומענ אמאָל פאָר אויכ באמ איבערזעצנ א געשילדערטנ געגנשטאנד אינ אָריגינאל:

א. האָט זיכ דער אלטער פארנויגט
(פינ.)

ב. פארנייגט זיכ דער אלטער
(רעז.)

Ей с поклоном старик отвечает
(Рыб.)

אָנשטאָט דעם אומשטאַנד, וואָס איז אויסגעדריקט אין א סובסטאַנטיוו מיט א פּרעפּאָזיציע פונעם אָריגינאַל („с поклоном“), איז דער פערז אויסגעפורעמט בא ביידע איבערזעצער אין א פּרעדיקאַט. ס׳ווײַזט אויס, אז אנדערש איבערגעבן אזוי פּראָסט ווי אין אָריגינאַל דעם „с поклоном“ האָט מען אין ייִדיש ניט געקאָנט („פארנויגנדיק זיך“ וואָלט אינעם קאָנטעקסט פונעם מײַסעלע געקלונגען ניט אזוי „מײַסעדיק“, צו ליטעראַריש).

אָט האָבן מיר א פאַל, ווען צוויי ווערטער פונעם אָריגינאַל, ווערנדיק איבערגעזעצט, „האָבן זיך געביטן“ מיט זייערע וואָרטקלאַסן:

| | |
|---|---|
| און ניט באַזיגט די דולע גוורע<br>(פינ.) | Не одолев их буйной дури<br>(Мед.) |

דער סובסטאַנטיוו „дурь“ פונעם אָריגינאַל האָט זיך אין דער איבערזעצונג פארוואַנדלט אין אַן אדיעקטיוו „דולע“; פארקערט, דער אדיעקטיוו — „буйная“ פונעם אָריגינאַל איז אין דער איבערזעצונג אויסגעפורעמט געוואָרן אַלס סובסטאַנטיוו „גוורע“ (אַביסל צו פרײַ איבערגעזעצט): אויך דאָ איז דאָס אָנעמבאַר, ווארעם מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אזעלכע קאַטעגאָריעס, וואָס, אומאָפּהענגיק פון זייער גראַמאַטישער אויספורעמונג, זײַנען זיי לויטן אינהאַלט אַטריבוטיוו.

און אָט טרעפן מיר אָן אפ גאָר אן אינטערעסאַנטן סעמאַנטישן איבערוק, וואָס באַקומט זיך אדאַנק דעם, וואָס ס׳איז צוגעקומען אַן איבעריקער אַרטיקל:

| | |
|---|---|
| אַן עלנטער א פרײַהײַט־זייער<br>(פינ.) | Свободы сеятель пустынный<br>(Своб. сеят.) |

אין אָריגינאַל איז „пустынный“ (עלנטער) סובאָרדינירט צו „сеятель“ (זייער); „пустынный“ און „свободы“ זײַנען צווישן זיך סינטאַקסיש ניט פארבונדן; אין דער באַטײַטלעכער דעשיפרירונג באַקומט זיך „א זייער פון פרײַהײַט“, וועלכער זייער? — אַן עלנטער. אין דער איבערזעצונג איז „עלנטער“, אדאַנק דעם צווייטן אַרטיקל קאָאָרדינירט מיט „פרײַהײַט־זייער“ („אַן עלנטער זייער, א פרײַהײַט־זייער“). „אַן עלנטער“ באַקומט זיך דאָ, אזוי ארום, ניט קיין אַדיעקטיוו־אַטריבוט ווי אין אָריגינאַל, נאָר ווי א סובסטאַנטיווירטער אדיעקטיוו, וואָס האָט צו זיך אַן אַפּאָזיציע — די ווערטער „א פרײַהײַט־זייער“. ס׳פארשטייט זיך — אזא אויספורעמונג אין דער איבערזעצונג אַנטשפּרעכט ניט אינגאַנצן דעם אינהאַלט פונעם אָריגינאַל־פערז.

## ב. בײַט פון צײַט

בײַט פון צײַט, ד. ה. דאָס אויספורעמען אין איין צײַט־פאָרמע אן אַקציע, וואָס לויט דער האַנדלונג קומט זי פאָר אין אן אנדער צײַט, איז א מיטל, וואָס קען אויספילן פארשיידענערליי פונקציעס.

באַשרײַבנדיק, אשטייגער, א געשעעניש, וואָס איז שוין פאָרגעקומען, קען דער שרײַבער אמאָל שילדערן די אַקציע אָדער דערשײַנונג אין קעגנוואַרט (Präsens historicum): אזוי ארום באַלעבט ער די שילדערונג, מאַכט זי אָנשוילעכער.

ס'איז אויך באוווסט דאָס סטיליסטישע מיטל פון נוצן די קעגנוואַרט־פאָרמע אָנשטאָט דער צוקונפט. דאָס דאָזיקע מיטל איז שײַעך אָנווענדן, ווען ס'רעדט זיך וועגן אַן אַקציע אָדער צושטאַנד, וואָס וועט אָט־אָט באַלד פאָרקומען, אָדער, אויב אפילע ניט באַלד, נאָר, לויט דער דערפאַרונג פון פריִער, וועט עס געוויס פאָרקומען (אשטייגער: מאָרגן אַרבעט איך אַפן צווייטן אומבײַט).

דאָרט, ווו די אַקציע איז בא פּושקינען אויסגעדריקט אין קעגנוואַרט, איז זי אויך אין די איבערזעצונגען אויסגעדריקט אין קעגנוואַרט.

מיר שטויסן זיך אָבער צוזאַמען מיט אַן אַנדער דערשײַנונג: די איבערזעצערס גיבן אָפּט אָן די קעגנוואַרט פאַר אַן אַקציע, וואָס איז אין אָריגינאַל אויסגעפורעמט אין צוקונפט. צי איז עס דערלאָזבאַר?

ווען די יִדישע צײַטן און מאָדוסן וואָלטן זיך אויסגעבילדעט פונקט אזוי ווי די רוסישע, וואָלט דער ענטפער אַף דער פראַגע באַדאַרפט זײַן א נעגאַטיווער — אַרויס־גייענדיק פון אונדזער האַנאָכע וועגן ניט שאַפן קיין „אָריגינעלע" קאָנסטרוקציעס דאָרט, ווו דער סינטאַקסישער בוי איז אין יִדיש דער זעלבער ווי אין רוסיש. אָבער אין דעם פאַל האָבן מיר גראָד אין יִדיש צו טאָן מיט אַן אַנדערשדיקער סינטאַקסישער סטרוקטור: די יִדישע צוקונפט־פאָרם ווערט אויסגעבילדעט שטענדיק אַנאַליטיש — מיט א הילף־ווערב און אַן אינפיניטיוו — אַקעגן דער רוסישער סינטעטישער פאָרם פון דער אייַנפאַכער צוקונפט (פרג. איך וועל גיין — пойду).

יִדיש איז דאָ אַסאַך „באַריידעוודיקער", און באַם איבערזעצן קומט אויס אַרויסצוברענגען א גרעסערע צאָל ווערטער און טראַפן ווי אין רוסיש. דאָס שאַפט באַזונדערע שוועריקײַטן באַם איבערזעצן גערײַמטע שורעס: דעם יִדיש־איבערזעצער ווערט ענג אין די ראַמען פון פערז אָדער סטראָפע. אויב נעמען אין אַכט, אַז ער האָט נאָך אַנאַלאָגישע שוועריקײַטן מיט איבעריקע באַהילפיקע ווערטער, וועלכע זײַנען אויך פאַרבונדן מיט דער אַנאַליטישקײַט פון יִדיש, — ווערט אינגאַנצן פאַרשטענדלעך די נויטווענדיקײַט צו זוכן וועגן, וויִאַזוי צו שפּאָרן ווערטער און טראַפן.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט, מוזן מיר — אויך אין העסקעם מיט אונדזערע פּרינציפּיעלע אײַנשטעלונגען — אַבי־זאַל פאַרבייגן די פּינקטלעכקײַט באַם איבערגעבן די אָדער יענע צײַט־פאָרמעס פונעם אָריגינאַל, — אַבי ס'זאָל ניט צעשטערן פּושקינס קינסטלערישע קאַוואָנע:

| | |
|---|---|
| (1 ...עפשער ב ר ע נ ג ט<br>דאָס לעבן מײַנס מאַטאָנעס אומ־<br>דערוואַרטע (האָפּ.) | 1) Я мнил: быть может, жизнь<br>Мне принесет незапные дары<br>(Моцарт) |
| (2 דאַן ב ל ײַ ב ס ט ו ניט אָן נוץ,<br>איזאָראַס גאָב (האָפּ.) | 2) Тогда не пропадешь ты, дар<br>Изоры (Моцарт) |
| (3 פונדאַנען ד ר אָ ע נ מיר דעם שאָכן<br>(פּינ.) | 3) Отсель грозить мы будем<br>шведу (Мед.) |
| (4 מיט דער דערציילונג טרויעריקער<br>כ'ענדיק<br>מײַן כראָניקע. (רעז.) | 4) Сей повестью печальной<br>заключу<br>Я летопись свою (Год.) |

אוואדע אונ אוואדע ריכטיק איז אָנצווּוענדנ אינ דער איבערזעצונג אנ אנדער ציַיט־פאָרמע אָדער מאָדוס ווי אינ אָריגינאל, אויב אינ די באדינגונגענ פונ ייִדיש איז עס עפעקטיווער איידער די ציַיט־ אונ מאָדוס־פאָרמע פונ אָריגינאל:

1) אזא מינ איידלער ריטער
ווי איר, וואָלט ניט געקלאָגט זיכ
אפ זיַינ פאָטער אָנ נויט (האָפ.)

1) Я верю, верю: благородный рыцарь,
Таков как вы, отца не обвинит
(Скуп.)

אויכ אינ אָריגינאל איז די אקציע לויטנ אינהאלט א באדינגלעכע, זי איז נאָר, צוליב קורצקיַיט, אויסגעדריקט אינ צוקונפט, אָבער אינ ייִדיש קומט בעמיילע אויס צו פאטערנ אלציינע שפראכ־ענערגיע סיַי אפ צוקונפט, סיַי אפ באדינג־מאָדוס („וועט ניט קלאָגנ זיכ״—„וואָלט ניט געקלאָגט זיכ״), איז דעריבער די דאָזיקע ענדערונג בארעכטיקט.

2) גערטער פאָרזיצער! איכ וויל
דערמאָנענ
א מענטשנ, וואָס איז זייער גוט
באקאנט אונדז (האָפ.)

2) Почтенный председатель! Я на-
помню
О человеке, очень нам знакомом
(Пир)

דאָ איז אָנשטאָט דער צוקונפט־פאָרמ פונ אָריגינאל פאָרמעל אָנגעגעבנ א פערי־פראז פונ א מאָדאלנ ווערב מיט אנ אינפיניטיוו, אָבער ניט ס׳ענדערט דעמ אינהאלט פונעמ אָריגינאל־פערז, ניט ס׳ווערט אויסגעבראכט איבעריקע שפראכ־ענערגיע; כוצ־דעמ, איז די עצעמ־אקציע (דערמאָנענ), אָנעמ הילפווערב פאקטיש דאָ אויסגעדריקט אינ צוקונפט.

ס׳איז אויכ בארעכטיקט דאָס אָנווענדנ אנ אנדער ציַיט־פאָרמע לעגאבע דעמ אָריגינאל פונ פאָלגנדיקע איבערזעצונגענ:

1) איינמאָל די נעצ אינ יאמ פאר־
ווארפט ער.

1) Раз он в море закинул невод.

2) גייט ער אוועק צומ יאמ צומ
בלויענ. (פינ.)

2) Вот пошел он к синему морю
(Рыб.)

דאָ איז אויסגעדריקט אינ קעגנווארט אנ אקציע, וואָס לויטנ אָריגינאל איז זי שוינ פאָרגעקומענ. דערמיט האָט דער איבערזעצער פארשפאָרט אקעגנ דער פאר־גאנגענהיַיט־פאָרמע פונעמ אָריגינאל צוויי טראפנ אינ ערשטנ ביַישפיל אונ דריַי טראפנ אינ צווייטנ ביַישפיל. כוצדעמ, כאָטש אינ די קאָנקרעטע פאלנ גייט די ציַיט־פאָרמע זיכ פאנאנדער מיטנ אָריגינאל, איז עס אָבער אינ גיַיסט פונעמ סטיל פונ דער גאנצער „מיַיסע מיט א פישער״, ווו דער Präsens historicum איז אינ אָריגינאל גאנצ אָפט אָנגעווענדעט.

ס׳איז אָבער ניט בארעכטיקט פאָלגנדיקע ענדערונג אינ דער ציַיט־פאָרמע:

ס׳ווערט דאָס שוואנעלע אנטרונענ
(פינ.)

1) Улетела лебедь-птица
(Салт.)

מיט דער דאָזיקער צײַט־אויסבילדונג האָט דער איבערזעצער ניט גאָר ריכטיק איבערגעגעבן דעם סטיליסטישן גאַנג פונעם אָריגינאַל: מיט דעם דאָזיקן פערז הייבט זיך אָן א נײַער פאבוליארער מאָטיוו, ס'איז דאָ א פראַזע־אָנהייב (фразовый зачин),— פאסט בעסער: „איז דאָס שוואנגעלע אנטרינענ" (מײלע, זאָל זײַן אָנעם פארטיציפ „געוואָרן"), און ס'וועט זיך באַקומען ניט מער טראַפן ווי אין דער קעגנוואַרט.

2) דו ביסט רײַך און איך בין אָרעם,
דו פּראָזאיִק, איך פּאָעט;
דו ביסט רויט, געזונט און פעט,
איך בין בלאס און דאר געוואָרן.
(קאַנט)

2) Ты богат, я очень беден:
Ты прозаик, я поэт:
Ты румян, как маков цвет,
Я, как смерть, и тощ, и бледен.
(Ты и я)

דאָ ווערט אויסגערעכנט א גאַנצע רײ כאַראַקטעריסטיקעס פון צוויי קאָנטראַס־טישע פערזאָנען — פונעם פּראָזאיִקער (אגעוו, ניט „פּראָזאיִק") און פּאָעט — וואָס זײַנען קעגנגעשטעלט איינער דעם אַנדערן. פאסט דעריבער אבסאָליוט ניט דאָס אָנגעבן איינע פון די אייגנשאַפטן אין אַן אַנדער צײַט־פאָרמע ווי אין אָרי־גינאַל.

נאָך מער ניט בארעכטיקט איז די צײַט־ענדערונג לעגאַבע א קעגנוואַרט־פאָרם פונעם אָריגינאַל:

1) א וואָך א צווייטע איז דורכגע־
גאַנגען.
2) האָט זיך דער אַלטער פאַר־
נויגט און ענטפערט (פין.)

1) Вот неделя другая проходит.

2) Ей с поклоном отвечает
(Рыб )

מיט דער דאָזיקער ענדערונג האָט דער איבערזעצער ניט בלויז גאָרנישט ניט פארשפּאָרט אין וואָרטשטאָף, נאָר, פאַרקערט, ער האָט נאָך „אָנגעלייגט וועג", דערבײַ האָט ער צעשטערט די סטיליסטישע קאַוואָנע פונעם אָריגינאַל — אויסדריקן אין קעגנוואַרט אַן אַקציע, וועלכע איז שוין פאָרגעקומען. כוצדעם, איז אין צווייטן בײַשפּיל צעשטערט די סימעטריע צווישן ביידע אַקציעס („האָט זיך פאַרנויגט"— פאַרגאַנגענהײַט און „ענטפערט" — קעגנוואַרט); ווי נאַטירלעך און פּראָכט און נאָענט צום אָריגינאַל איז: — פאַרנײגט זיך דער אַלטער און ענטפערט (רעז.).

באַזונדערס צעשטערט איז דער דיכטערישער פאַרטראַכט דורך דער צײַט־ענדע־רונג לעגאַבע דעם אָריגינאַל אין פאָלגנדיקע פערזן און סטראָפעס:

1) ס'איז פּוסט די וועלט... וווהין
אצינדער
וואָלסטו מיך ברענגען, אָקעאַן?..
(כאַש.—האָפּ.)

1) Мир опустел... Теперь куда же

Меня б ты вынес, океан?
(К морю)

דאָ איז אין דער איבערזעצונג גענוצט די קעגנווארט אָנשטאָט דער פארגאנגענהייט־פאָרם פונעם אָריגינאל. דער פארבייט איז דאָ ניט בארעכטיקט; ער פילט דאָ ניט אויס קיין שום ספעציִעלע פונקציע, פארקערט, ער ענדערט אין א געוויסער מאָס דעם אינהאלט און דעם זין פונעם אָריגינאל־פערז. אין דער דאָזיקער ליד רעכנט פושקין אויס א ריי אינטערעסן, וואָס האָבן אים צו זיך געצויגן: נאפּאָלעאָן, בײַראָן א.אז.וו. איצט, ווען „איינער איז פון פײַן דאָרט אויסגעגאנגען", איז פאר פושקינען די וועלט פוסט געוואָרן (ניט זי איז געווען פוסט די גאנצע צײַט), ס'איז דאָך א גרויסער אונטערשייד! פון דער איבערזעצונג פון דעם דאָזיקן אָרט (ניט פון דער גאנצער איבערזעצונג, וואָס איז געמאכט אויסגעצייכנט) באקומט זיך א מין גרענעצלאָזער פעסימיזם בא פושקינען — א שטריך, וואָס איז אבסאָליוט פרעמד געווען פושקינס טיפער, אינערלעכער אָפּטימיסטישער וועלט־אופאסונג.

2) א. ס׳פארגייט ניט אײַער
טרויער־מי,
די הויכע, די געדאנקען־
שטרעבונג...
די שווערע קייט צעריסן
ווערט,
די טפּיסעס פאלן צו דער
נידער,
די פרײַהײַט נעמט אײַך אוף — די
ברידער
אײַך קערן אום דאן אײַער שווערד.
(פּינ.)

2) а. Не пропадет ваш скорбный
труд
И дум высокое стремленье...
... Оковы тяжкие падут,
Темницы рухнут, и свобода
Вас примет радостно у входа,
И братья меч вам подадут.
(В Сибирь).

ב. דו, כאווער, גלויב, דעם כוישעך
טרײַבט
די שײַן פון גליקלעכן באגינען,
ס׳וואכט רוסלאנד אוף, די
קרעפטן קלײַבט,
די זעלבסטמאכט שטירצט, און
אף רויִנען
די נעמען אונדזערע פארשרײַבט!
(האָפּ.)

6. Товарищ, верь: взойдет она
Заря пленительного счастья,
Россия вспрянет ото сна,
И на обломках самовластья
Запишет наши имена!
(К Чаадаеву).

ביידע לידער בא פושקינען זײַנען געווענדט אין דער צוקונפט. זיי זײַנען פּראָפעטיש. טרייסטנדיק די פארשיקטע דעקאבריסטן, זאָגט פושקין פאָרויס, אז „ס׳וועט ניט פארפאלן ווערן זייער טרויעריקע מי"; טשאאדאיעוון דערמונטערט ער, וועקט אין אים דאָס גלויבן, אז „ס׳וועט אופגיין דער מאָרגנשטערן פון צויבערגליק", אז „רוסלאנד וועט דערוואכן פון שלאָף" און „אף די רויִנען פון דער זעלבסטהערשונג וועט זי (רוסלאנד) פארשרײַבן אײַערע נעמען".

מיט א מינ ליכטיקנ אָפטימיזמ, מיט וויפל זיכערנ גלויבנ אינ א גליקלעכער צוקונפט, מיט וואָס פאר א ליידנשאפטלעכער צילגעווענדטקײַט אונ דראנג צו אָט דער צוקונפט זײַנענ דורכגעדרונגענ די דאָזיקע לידער! קומט דער איבערזעצער אונ מאכט אזוי, אז אָט קומט דאָס אלצ שוינ פאָר, אָט געשעט עס. דאָ אינ דער עקספרעסיוו־פײַערלעכער שטימונג פונ דער ליד, ווו די צוקונפט איז דער לייטמאָטיוו, קלינגט אזא צײַט־פארבײַט פאלש אונ זעצט אראָפּ דעמ קינסטלערישנ מיינ פונעמ דיכטער.

## ג. דורכלאָז פונ באהילפיקע ווערטער

א היפשנ כיילעק אינ דער נאטירלעכקײַט, קלאָרקײַט אונ מאקסימאלער פארשטענדלעכקײַט — אינ דער רעאליסטישקײַט פונ פושקינס ווערק — האָט די פילקלאנגענדיקײַט, די פולשטענדיקע „ארטיקולירטקײַט" פונ זײַנ וואָרט אונ זאצ. קיינ שומ דורכלאָזנ פונ ווערטער, סײַ באטײַטיקע, סײַ באהילפיקע, טרעפנ מיר ניט בא פושקינענ.

כ' ל. רעזניק [1]) פרווט זיכ — אונ מיט דערפאָלג — צו באגרינדנ די נויטווענדיקײַט פונ די פארשיידענע רעדוקציעס אונ קירצונגענ פונ באהילפיקע ווערטער באמ איבערזעצנ פאָעזיע. ס'פארשטייט זיכ, א געוויסער פראָצענט באהילפיקע ווערטער מוז „פאלנ א קאָרבנ" פונ דער אנאליטישקײַט פונ ייִדיש לעגאבע רוסיש באמ איבערזעצנ פאָעזיע. די דאָזיקע דורכלאָזנ אונ פארקירצונגענ אָבער רופנ זיכ אָפּט אָפּ ניט צומ גינסטנ אפ דער שפראכ פונ די איבערזעצונגענ, מאכנ די רייד קינסטלעכ, שטאמלדיק, צומאָל — צווײדײַטיק אונ ניט זעלטנ — אינגאנצנ אנדערש ווי אינ אָריגינאל.

ס'איז וויכטיק זיכ פאנאנדערצוקלײַבנ אינ די פארשיידענע דערשײַנונגענ פונ אזעלכע דורכלאָזנ, קעדיי צו אָפּגעבנ זיכ א דינוועכשבנ, ווענ אונ אפ וויפל זיי ברענגענ שאָדנ דער אדעקוואטקײַט פונ דער איבערזעצונג.

### פארפעלטער ארטיקל

אייניקע פושקינ־איבערזעצער איגנאָרירנ אָפּט דעמ ארטיקל פונ סובסטאנטיוו. דער ארטיקל איז א ספעציפישע (אקעגנ רוסיש) דערשײַנונג אינ דער ייִדישער שפראכ. ער איז אנ אָרגאנישער גליד פונ דער שפראכ, אונ וויל מענ פארהיטנ דעמ נאטירלעכנ רייד־גאנג פונ ייִדיש, דארפ מענ דעמ ארטיקל אויכ ווײַט־מעגלעכ פארהיטנ. מע דארפ נאָכ נעמענ אינ אכט, אז דער ארטיקל שפילט אמאָל א דיפערענצירנדיקע ראָל, אונ דאָס איז א געווינס פאר דער שפראכ. ווערט דער ארטיקל פארפעלט, באקומט זיכ גאנצ אָפּט א קינסטלעכע האמעטנע שפראכ, אינגאנצנ אנ אָפּגעריסענע פונ דער רייד־שפראכ [2]).

---

[1]) ל. רעזניק — בא דער ארבעט פונ איבערזעצנ „באָריס גאָדונאָוו" („פארמעסט" 1 — 1937).

[2]) אנ אויסנאמ איז אינ דעמ פראט דאָס פארפעלנ דעמ ארטיקל אינ אייניקע אידיאָמענ, צ. ב.: „ברעכנ רוק־אונ לענד", „זיכ שלאָגנ קאָפּ אָנ וואנט" א.ד.גל.

פארפעלונגען פון אַרטיקל פון אָט דעם טיפּ טרעפן מיר אסאך אין פינינבערגס איבערזעצונגען, צ. ב.: „האָט ראשיק זיך געשטופּט האמוינ״ (קופּערנער רײַטער), „הענט די וועבערן טוט ברעכן״, „פּײַלן־בויגן מאכט פון דעם״, „צײלעם־שנור ארופּ־געצויגן״, „דאָך מיט גינגאָלד שעמערירט״ א.ד.גל. (מײַסעלעך).

אמאָל פירט דאָס פארפעלן דעם אַרטיקל צו צווײדײַטיקײַט, צו מיספארשטײ־עניש, צ. ב.:

| | |
|---|---|
| 1) ווײנענדיק ביטער, האָט אײפערדיק<br>מײדל איר יִנגלינג געזידלט,<br>אָנגעשפּארט קאָפּ אפ איר אקסל,<br>ז'דער יִנגלינג אנדרעמלט געוואָרן<br>(רעז.) | 1) Юношу, горько рыдая, ревнивая<br>дева бранила;<br>К ней на плечо преклонен, юноша<br>вдруг задремал<br>(„Юношу...“) |

ס'איז דאָ שווער גלײַך צו כאפּן, צי איז „אײפערדיק״ אן אדיעקטיוו — אן עפּי־טעט צו „מײדל״, צי איז עס אן אדווערב און כאראקטעריזירט גאָר די טוונג „געזידלט״. נו, און דאָס אויספעלן פונעם אַרטיקל בא „קאָפּ״ איז פּאָשעט קינ־סטלעך.

| | |
|---|---|
| 2) און, מעגלעך, ס'וועט אפ שקיִע־טעג<br>אפ טריבע<br>מיט אָפּשײד־שמײכל ביט א גלאנצ<br>טאָן ליבע (רעז.) | 2) И, может быть, на мой закат<br>печальный<br>Блеснет любовь улыбкою про-<br>щальной<br>(„Элегия“). |

דאָ איז דאָס פארפעלן דעם אַרטיקל באם וואָרט „ליבע״ באזונדערס אומבאקוועם דערמיט, וואָס דער נאָרמאלער ווערטער־סײדער איז דאָ שטארק צעשטערט און וואָס דער סוביעקט „ליבע״ איז דאָ שטארק דערווײַטערט פונעם פּערזאָניקן ווערב „וועט״.

| | |
|---|---|
| 3) וואָס איז פון גאָט פארזאָגט מיר,<br>זינדיקן (רעז.) | 3) Завещанный от бога мне, грешному<br>(„Год.“) |

אדאנק דעם, וואָס דער ווערב איז דאָ האמאָנימיש מיטן סובסטאנטיווירטן אדיעקטיוו, שאפט דאָס אויספעלן פונעם באשטימיקן אַרטיקל א פאלשע פּערספּעק־טיוו, באזונדערס אינעם פאָרלײענען (אן אומשטאנד, וואָס מע טאָר ניט איגנאָרירן). ס'דארף זײַן: „מיר, ד ע ם זינדיקן״.

דאָס איגנאָרירן דעם אַרטיקל איז אין א געוויסער מאָס א סטיליסטישער אָפּגרעפּץ פונעם סימוואָליזם אין דער יִדישער דיכטונג: די אָפּוועזנהײַט פון אַר־טיקל ווארפט עפּעס א מין מיסטישן שלײער אפן סטיל פונעם שרײַבער — אומבא־שטימטקײַט, אויסטערלישקײַט א.ד.גל., — מיטלען, וואָס זײַנען גענומען פונעם סימוואָ־ליסטישן ארסענאל.

### פּארפעלטע פּרעפּאָזיציע

ס'מאכט זיך, אז אונטער דער ווירקונג פון רוסיש פארפעלט דער איבערזעצער די פּרעפּאָזיציע, און ס'באקומט זיך אן אויסדרוק, וואָס איז ניט־אָרגאניש פאר דער

ייִדישער שפּראַך. דער איבערזעצער פאַרגעסט דאָ, אַז רוסיש איז מער אַ סינטעטישע שפּראַך (די ווערטער פאַרבינדנ זיכ צווישנ זיכ מיט דער הילפ פונ פלעקסיִעס) און ייִדיש, פאַרקערט, איז מער אַנ אַנאַליטישע שפּראַך (די ווערטער פאַרבינדנ זיכ צווישנ זיכ מיט דער הילפ פונ פאַרשיידענע באַהילפיקע ווערטער).

אַמאָל איז פאַרפעלט די פּרעפּאָזיציע בא אַ דאַטיוו:

1) זיכ אָפּגעגעבנ וועלטלעכע איניאָנימ
(רעז.)

1) Вникал в дела мирские
(Год.)

ס'דאַרפ זײַנ: „זיכ אָפּגעגעבנ מ י ט (אָדער א י נ, צ ו) וועלטלעכע איניאָנימ".

אַנ אַנדערש מאָל איז די פּרעפּאָזיציע פאַרפעלט איבערנ מעכאַנישנ קאָפּירנ דעמ בייגפאַל פונעמ אָריגינאַל־פּעז:

2) אַהינ, וווּ ס'וואַרט דער שיקזאַל
א י מ (פינ.)

2) Бежит туда, где ждет его судьба
(Мед.)

דער ווערב „וואַרט" אינ ייִדיש פאָדערט צו זיכ אַ דאַטיוו, ניט קיינ אַקוזאַטיוו, דעריבער דאַרפ דאָ זײַנ: „וואַרט אַ פּ אימ".

פ א ר פ ע ל ט ע ר   ה י ל פ ו ו ע ר ב

גאַנצ אָפט ווערט אינ דער איבערזעצונג פאַרפעלט דער הילפ־ווערב, און ס'ווערט דערפונ צעשטערט דער פּרעדיקאַט.

צווישנ די זאַצנ מיט פאַרפעלטנ הילפ־ווערב טרעפט גאַנצ זעלטנ אַ נאָרמאַלער, גאַנצ דערלאָזלעכער עליפּס, וואָס איז קינסטלערישער באַרעכטיקט, מעג אַפילע אינעמ אַנטשפּרעכיקנ פערז צי סטראָפע פונעמ אָריגינאַל ניט זײַנ קיינ עליפּס:

אירע האָר — לעוואָנע־ליכט,
שטערנ־בלענד אַפ איר געזיכט
(פינ.)

Месяц под косой блестит,
А во лбу звезда горит
(Салт.)

אינ אייניקע פאַלנ איז דאָס דורכלאָזנ דעמ הילפ־ווערב צו דערלײַדנ, כאָטש דײַטלעכער און נאַטירלעכער וואָלט געווענ אויכ דאָ פאַרהיטנ דעמ הילפ־ווערב:

דו וועסט בא מיר לײַוונט וועבנ,
דו אַלס קעכנע בא מיר לעבנ
(פינ.)

Будь одна из вас ткачиха,
А другая повариха
(Салт.)

אָבער אינ דער מערהײַט פאַלנ איז דאָס אויספעלנ פונעמ הילפ־ווערב אינ די פּושקינ־איבערזעצונגענ ניט געזעצמעסיק:

1) און ער ט'געוויינט, און מיר צו
גאָט געבעטנ (רעז.)

1) И плакал он,
А мы в слезах молились (Год.)

אָנשטאָט פּושקינס נאַטירלעכע, דורכזיכטיק־קלאָרע און ריכטיק־געבויטע רייד, האָבנ מיר דאָ אינ דער איבערזעצונג אַ ווייניק אַרטיקולירטע קריפּל־פּראָזע, וואָרעמ

באמ פארטיציפ „געבעטנ“ איז דאָ פארפעלט דער פערזאָניקער ווערב — איינער פונ די וויכטיקסטע סטרוקטורישע עלעמענטנ אינעמ זאצ.

2) דאָ אינ וועלט אזא מינ כידעש
(פינ.)

2) В свете есть иное диво
(Салт.)

אויכ דאָ איז דאָס פארפעלנ דעמ הילפ־ווערב („ס׳ איז דאָ...“) מאכט דעמ זאצ אומ־נאטירלעכ אונ, כוצ אלעמענ, צווײדײַטיק: אָנ דעמ הילפ־ווערב קענ דאָס וואָרט „דאָ“ אופגענומענ ווערנ ווי א געוויינלעכער אדווערב, ניט ווי א פרעדיקאט, אונ אָנעמ פרעדיקאט פארלירט דער זאצ זײַנ פארענדיקטקײַט.

3) די ברוסט זײַנע: זי קאָסט אימ ניט קיינ גראָשנ (האָפ.)

3) А грудь своя: гроша ему не стоит (Скуп.)

דאָס פארפעלנ דאָ דעמ הילפווערב פירט צו מיספארשטייעניש: באמ אויספעלנ פונעמ „איז“ פאר „זײַנע“, ווערט „זײַנע“ אופגענומענ ניט אלס טייל פונ פרעדיקאט, ווי ס׳דארפ זײַנ לויטנ קאָנטעקסט (די ברוסט איז זײַנע), נאָר אלס אטריבוט צו „ברוסט“ (זײַנ ברוסט). דערפונ ווערט די ערשטע טייל זאצ אָנ איר זעלבשטענדיקנ באטײַט.

4) דורכ — הונדערט יאָר, אונ יונגע שטאָט (פינ.)

4) Прошло сто лет, и юный град
(Мед,)

דאָ איז אפילע פאראנ א טירע, וואָס דארפ קומענ אָנשטאָט דעמ פארפעלטנ הילפ־ווערב „איז“, אָבער אפילע באמ פאָרלייענענ אינדערהייכ וועט די ספעציעלע באטאָנונג פונעמ וואָרט „דורכ“ ניט ראטעווענ די לאגע, וואָרעמ, ערשטנס, וועט עס זײַנ זייער א קינסטלעכער אקצענט, אונ צווייטנס, וועט ער אָפּווענדנ די אופמערקזאמ־קײַט פונעמ עמעסנ לאָגישנ אקצענט, וואָס דארפ געמאכט ווערנ אינ פערז. איז צוליב וואָס טויג עס? צוליב דער פערזנ־מאָס? אָבער מיט דער פערזנ־מאָס מוז מענ זיכ אנ אייצע געבנ אפ אנ אנדער אויפנ, ניט גיליאָטינירנ אנ אָרגאנישנ עלעמענט פונ דער רייד.

5) א. אונ ניט לײדיק איר די צײַט
בא די זיבנ העלדנ־לײַט (פינ.)

ב. ס׳איז דער האנדל אונדז גערעאָטנ מיט
דער סכוירע, וואָס פארבאָטנ (פינ.)

5) а. Все в лесу, не скучно ей
У семи богатырей (Мерт.)

б. Торговали мы недаром
Неуказанным товаром (Салт.)

דאָ איז דער הילפ־ווערב „איז“ אומבאדינגט נויטיק, וואָרעמ ער איז אנ אָרגאני־שער באשטאנד־טייל פונעמ פאסיווג ווערב, וואָס גיט איבער דעמ רוסישנ פארטיציפישנ אדיעקטיוו.

## פארשײדענע אנדערע דורכגעלאָזטע באהילפיקע ווערטער

אינ דער אינ גרונט אויסגעצייכנטער איבערזעצונג פונ „Скупой рыцарь“ — „דער קארגער ריטער“ (ד. האָפשטיינ) איז ערטערווײַז פארפעלט א באהילפיק וואָרט, אונ דאָס צעשטערט די געדאנקלעכע פארבינדונג צווישנ די טיילנ פונ איינער אונ דער זעלבער רעפליק:

| | |
|---|---|
| 1) די נעכט ניט שלאָפט, ער לויפט<br>ארום און בילט.<br>דאָס גאָלד — עס ליגט זיך רויִק אין<br>די קאסטנס. | 1) Всю ночь не спит, все бегает да<br>лает —<br>А золото спокойно в сундуке лежит, |

דאָ איז פארפעלט די איבערזעצונג פונעם רוסישן בינדוואָרט „а“, און איבער דעם ווערט ניט איבערגעגעבן די קעגנשטעלונג, וואָס איז פאראן אין ביידע זאצן אין אָריגינאל.

| | |
|---|---|
| 2) איך ציטער אזש... איוואן, איך<br>דארף דאָס געלט. | 2) Я весь дрожу, Иван, Однакож,<br>деньги<br>Мне нужны... |

דאָ איז פארפעלט דער פארטײַטש פונעם וואָרט „однакож“, וואָס ווײַזט אויך קעגנשטעלונג, און ס'ווערט אינגאנצן פארלאָרן דער צוזאמענהאנג צווישן אלבערטס אופגעבראכטקײַט פונעם ייִדנס פאָרשלאג צו סאמען דעם פאָטער און דער נויטבאַ־דערפטיקײַט זײַנער.

| | |
|---|---|
| איך וואָלט (3<br>פארכלינען זיך אין מײַנע קעלערס...<br>... צײַט שוין... | 3) Я захлебнулся бы<br>В моих подвалах верных. Но пора... |

אויך דאָ איז פארפעלט דאָס וואָרט, וואָס דארף אויסדריקן די פארבינדונג צווישן צוויי דערשײַנונגען: דער קארגער באראָן איז שטארק באגײַסטערט פון זײַנע אויצ־רעס, זײַן פאטאלאָגישע ליידנשאפט דערגייט ביז צום העכסטן פונקט, ער פארכלינעט זיך אזש אין זײַנע „טרײַע קעלערס״ (אגעוו, דאָ איז פארפעלט דער וויכטיקער עפיטעט „טרײַע״). נאָר מיטאמאָל גיט ער זיך א כאפ, אז ס'איז שוין צײַט צו עפע־נען דעם קאסטן. דער איבערגאנג פונעם קארגנס אָפהאנדלונג וועגן דעם גאָלד צו דער נײַער פאבוליארער סיטואציע — צום עפענען דעם קאסטן — איז אין אָריגינאל אויסגעדריקט דורכן בינדוואָרט „но“, און אין דער איבערזעצונג איז דאָס ניט אָפגע־שפיגלט.

אן אנאלאָגישע דערשײַנונג פון צעשטערן די געהעריקע געדאנקלעכע פאר־בינדונג צווישן צוויי סינטאקסישע טיילן טרעפן מיר אין פאָלגנדיקער איבער־זעצונג:

| | |
|---|---|
| ס'האָט זי ליב געהאט די דינסט,<br>ניט געטויט זי, ניט געפענטעט...<br>(פ״נ.) | Та, в душе ее любя,<br>Не убила, не связала...<br>(Мерт.) |

אין אָריגינאל זײַנען די צוויי לעצטע אקציעס א רעזולטאט פון דער ערשטער: דערפאר האָט די דינסט זי ניט געהארגעט, ניט געפענטעט, ווײַל זי האָט זי ליב געהאט, און אין דער איבערזעצונג באקומט זיך דרײַ אלציינס קאָאָרדינירטע צווישן זיך טוונגען.

## ד. איבערכאזערונג

די איבערכאזערונג־פיגור פארנעמט זייער א וויכטיק אָרט אין דער דיכטונג. איבערכאזערונג פון א וואָרט פירט צו גראדאציע אין דער אינטאָנירונג, גיט צו דעם וואָרט א באזונדערס העלע סוביעקטיוו־עמאָציאָנעלע באפארבונג, פארשטארקט און פארטיפערט די אופווירקונג־קראפט פונעם וואָרט, פיקסירט מער די אופמערקזאמקייט אפ דעם דאָזיקן וואָרט.

קוים דינט די איבערכאזערונג אלס עקספרעסיע־מיטל, און ס׳איז ניטאָ קיין מעניעס מיצאד די ספּעציפישע אומשטאנדן פון דער איבערזעצונג־שפראך,— דארף מען אומבאדינגט פארהיטן אין דער איבערזעצונג די דאָזיקע סינטאקסישע פיגור. באם איבערזעצן די אָדער יענע איבערכאזערונג פונעם אָריגינאל דארף מען זיך רעכענען דערמיט, וואָס פאר אן אָרגאניזירנדיקע ראָל זי שפילט באם איבערגעבן דעם גדאנק פונעם אָריגינאל.

אונדזערע פושקין־איבערזעצער נוצן אָפט די איבערכאזערונג און מערסטנטיילס געלונגען:

1) ווי לאנגזאם ס׳ציט זיך לאנג־
ווייליקער טאָג!
ווי לאנגזאם ס׳לעשט זיך אויס
די אָוונט־שיין!
ווי לאנג כ׳האָב אין דער נאכט־
פינצטער געווארט (רעז.)

1) Как медленно катился скучный
день!
Как медленно заря вечерня
гасла!
Как долго ждал во мраке во
ночном! (Год.)

צוליב א גליקלעכן צונויפטרעף פון די וואָרצלען אין די ווערטער „לאנג” און „לאנגזאם” אין יידיש ווערט דאָ, אין דער איבערזעצונג, נאָך פארשטארקט די איבערכאזערונג אקעגן דעם אָריגינאל.

אמאָל נוצט דער איבערזעצער אויס די ווארייִר־מעגלעכקייטן פון יידיש אפ צו איבערזעצן אן איבערכאזערונג פונעם אָריגינאל מיט קלאנגלעך־נאָענטע דובלעטן, און ס׳באקומט זיך זייער שיין:

2) וועלכל־כוואליעכל געטרייס
(פינ.)

2) Ты, волна, моя волна
(Салт.)

און ס׳איז ניט ריכטיק, פאראָרעמענדיק און ניוועלירנדיק, ווען מע גיט ניט איבער אין דער איבערזעצונג דאָס דאָזיקע וויכטיקע קינסטלערישע מיטל:

א. מיין אומגליקלעכער העלד
יעווגעני (פינ.)

ב. נאָר ער, מיין אָרעמער
יעווגעני (כאש.)

Но бедный, бедный мой Евгений!
(Медн.)

דאָס פארהיטן אין דער איבערזעצונג די איבערכאזערונג־פיגור איז זייער וויכטיק; דאָס הייסט אָבער ניט, אז דער איבערזעצער דארף פון זיך אָנבינדן פושקינען דאָס דאָזיקע קינסטלערישע מיטל דאָרט, ווו אין אָריגינאל איז עס ניטאָ.

אמאָל קומט די איבערכאַזורונג אָנשטאָט סינאָנימען פונעם אָריגינאַל:

1) כ׳בין פ ר י ארויסגעגאַנגען, ג אָ ר פ ר י (פינ.) — 1) Я вышел рано, до звезды (Свободы сеятель)

איבערכאַזורונג איז, אין דער ערשטער ריי, א מיטל אף צו באַטאָנען, אף צו אויסטיילן דאָס וויכטיקסטע. אָבער דאָ אין פערז איז גראָד ניט אף דעם דער קינסטלערישער אַקצענט, און אַקעגן די דאָזיקע סינאָנימען „рано, до звезды", איז די איבערכאַזורונג אין דער איבערזעצונג א פאַראַרעמונג. ריכטיקער איז: באַגינען כ׳בין ארויס, צו פרי (האָפ.).

2) דיר דריקן, דריקן שווער דאָס האַרץ (רימ.) — Теснят твою всечасно грудь (К няне)

דאָ קומט די איבערכאַזורונג אַקעגן דעם איינעם וואָרט פונעם אָריגינאַל. אויב דער איבערזעצער האָט געפּילט די אינטענסיווקייט פונעם וואָרט „דריקן" אַקעגן דעם פיגורעלן, עמאָציאָנעל־אָנגעזעטיקטן „теснят", האָט ער עס טיילווייז קאָמפּענסירט מיט דער אַדווערב־באַשטימונג „שווער", און ס׳איז ניט נייטיק געווען צו באַלאַסטיקן דעם פערז מיט אַן איבערכאַזורונג, אין דער צייט, ווען ס׳איז ארויסגעלאָזט אינגאַנצן דער באַגריף „всечасно". נעענטער שוין צום אָריגינאַל איז: „פאַרקלעמען אַלעמאָל דיין ברוסט" (קאָט.) כאָטש דאָס איז אויך אַסאַך אָרעמער, בלאַסער ווי בא פּושקינען.

## ה. ווערטער־סיידער

ענדערן דעם נאָרמאַלן ווערטער־סיידער (אינווערסיע) צוליב באַטאָנונג איז איינע פון די פאַרשפּרייטסטע קינסטלערישע מיטלען, באַזונדערס אין דער פּערזן־שפּראַך, וועלכע איז עקספּרעסיווער ווי פּראָזע און אונטערשיידט זיך דעריבער מער (איידער פּראָזע) פון דער אומגאַנג־שפּראַך. די אינווערסיע גיט צו דער שפּראַך אַן עמפּאַטישן, אָפט א ראָמאַנטישן כאַראַקטער.

אין די אַנאַליזירטע יידיש־איבערזעצונגען פון פּושקינס פּערזן־ווערק פאַרנעמט דער אירעגולערער ווערטער־סיידער א באַזונדערס גרויס אָרט. ס׳וועט אונדז, דעריבער, אויסקומען אף דער דאָזיקער פּראָבלעם זיך אָפּשטעלן אביסל אויספירלעכער.

אין רוסיש איז א גאַנץ פרייער ווערטער־סיידער, באַזונדערס אין דער פאַרבינדונג פון זאַצן אין דער צונויפגעזעצטער פראַזע.

אין יידיש איז דער ווערטער־סיידער אַסאַך מער א געבונדענער. ס׳איז ניט דאָ דאָס אָרט געגנוי זיך אָפּצושטעלן אף דער גאַנצער פּראָבלעם וועגן די געזעצן פון יידישן ווערטער־סיידער. אונדז איז וויכטיק נאָכצושפּירן יענע אָפּווייכונגען פונעם יידישן ווערטער־סיידער, פונעם נאָרמאַלן ווערטער־סיידער ביכלאַל, וועלכע מיר טרעפן אין די פּושקין־איבערזעצונגען, און באַטראַכטן, וויאַזוי ווירקט עס אפן אויפן פון איבערגעבן אַדעקוואַט דעם אינהאַלט און בוי פון פּושקינס פּערז.

מיר וועלן נאָר דערמאָנען אין א פּאָר ווערטער דאָס גרונטיקסטע אין יִדישן ווערטער־סיידער, דאָס וועט אונדז דינען אלס פּאָרהאנאָכע באַם אנאליזירן די אָפּ־ווייכונגען.

בא נאטירלעכער, רוִקער רייד האָבן מיר פאָלגנדיקע געזעצן פון ווערטער־סיי־דער אין א דערציילפראזע, ווען ס׳זייַנען באַם ריידער (שרייַבער) ניטאָ קיין באזונ־דערע אקצענטיר־קאוואָנעס:

1) אין די ראמען פונעם זאַץ איז דאָס וויכטיקסטע אין פּראַט פון ווערטער־סיי־דער דער פּרעדיקאט, פינקטלעכער — דער פערזאָניקער ווערב. אין דער פּראַזע, ווו די אורטיילונג איז ניט קיין פּויעל־יויצע פון א פּאָרהאנאָכע אין פּאָריקן זאַץ, איז דער פּערזאָניקער ווערב שטענדיק אפן צווייטן אָרט נאָך דער סוביעקט־גרופּע אָדער אָביעקט־גרופּע, אָדער אומשטאנד.

2) דער אטריבוט־אדיעקטיוו און פּאָסעסיוו קומען פארן סובסטאנטיוו, וועלכן זיי כאראקטעריזירן. צווישן אטריבוט און סובסטאנטיוו קען ניט שטיין קיין ווערב־פּרעדיקאט.

3) דער אָביעקט קומט געוויינלעך נאָכן פּרעדיקאט. אויך דאָס אומשטאנד־וואָרט געפינט זיך געוויינלעך בישכיינעס מיטן פּערזאָניקן ווערב.

4) דער אינפיניטיוו, אויב ער איז ניט קיין סוביעקט, קומט געוויינלעך נאָך פּער־זאָניקן ווערב.

5) פּאראלעליזמען שטייען געוויינלעך איינס לעבן אנדערן.

6) איין טייל פונעם פּרעדיקאט איז ניט שטארק דערווייַטערט פונעם אנדערן טייל זייַנעם.

7) אין א צונויפגעזעצטן זאַץ שטייט דער אטריבוטיווער בייַזאַץ הארט לעבן דעם וואָרט אָדער ווערטער־גרופּע, צו וועלכן ער איז סובאָרדינירט.

מיר וועלן באטראכטן די פאלן פון ניט־געוויינלעכן ווערטער־סיידער אין אונד־זערע פּושקין־איבערזעצונגען, אין פארבינדונג מיט דער אינווערסיע אלס קינסטלע־ריש מיטל אין די אנטשפּרעכיקע פּערזן בא פּושקינען גופא.

## אָרט פון פּערזאָניקן ווערב

1) א. מיר אפּ דער ראכוועס הוליען וועלן (פינ.)
ב. און יובלען אפּ דער פרייַ מיר וועלן (כאש.)

1) И запируем на просторе
(Мед.)

בא פּושקינען איז אקצענטירט, זייַענדיק ארויסגעשטעלט צום סאָף פּערז אונטער א גראַם, א שלאָגוואָרט פונעם פּערז („на просторе“), וואָס דריקט אויס פּיאָטערס גאָרע אימפּעריִאליסטישע באשטרעבונגען, און אין דער איבערזעצונג איז אויסגע־טיילט... א באהילפיק וואָרט. דערבייַ באקומט זיך אין ב. אביסל נאטירלעכער, אפּ וויפל דער פּערזאָניקער ווערב שטייט פּאָרט (זאָל זייַן סאָף זאַץ) נ אָ כ ן סוביעקט, אין פארגלייַך מיט א., ווו צווישן דעם סוביעקט און דעם פּערזאָניקן ווערב איז ארייַנגעשטעלט דער אָביעקט און דער באטייַטיקער טייל פונעם פּרעדיקאט: אום־

אָפּהענגיק פון דער געלונגענקייט צי ניט־געלונגענקייט פון דער אינטאָנירונג, מאכט עס דעם זאצ זייער קינסטלעכ און האמעטנע.

2) יאָ, גרויס איז ניט זײַנ ייִכעס.
אונדזערער איז גרעסער (רעז.)

2) Так, родом он не знатен: наш
Знатнее (Год.)

אזא ווערטער־סיידער וואָלט געווענ בארעכטיקט דאנ, ווענ צום פּרעדיקאט „גרויס איז" זאָל דער סוביעקט „זײַנ ייִכעס" זײַנ קאָאָרדינירט מיט נאָכ עפּעס א סוביעקט (קעגנגעשטעלט איינס צום אנדערנ), אשטייגער: „גרויס איז ניט זײַנ ייִכעס, נאָר זײַנ רײַכטום" א.ד.גל. אָדער צום וואָרט „ייִכעס" זאָלנ זײַנ קאָאָרדינירטביידע פּאָסעסיווע פּראָנאָמענ: „זײַנ" און „אונדזערער", אשטייגער: „גרויס איז ניט זײַנ ייִכעס, נאָר אונדזערער" — מיטנ אקצענט אפ די פּראָנאָמענ. אָבער אינ אזא סינטאקסישער אויכפורעמונג, ווי אינ דער איבערזעצונג, איז אזא ווערטער־סיידער ניט בארעכטיקט. ס'דארפ זײַנ: „זײַנ ייִכעס איז ניט גרויס"...

## אָרט פון אטריבוט באמ סובסטאנטיוו

1) דורכ רוסלאנד, ווי ס'איז גרויס,
מײַנ נאָמענ וועט מײַנ מילדער
(כאש.)

1) Слух обо мне пройдет по всей
Руси великой
(Памятник)

דאָ איז גאנצ געזעצלעכ איבערגעכאזערט דער פּאָסעסיווער פּראָנאָמ „מײַנ" באמ אדיעקטיוו „מילדער", אפ וויפל ער שטייט נאָכ זײַנ סובסטאנטיוו, ניט פאר אימ. אָבער דער פערזאָניקער ווערב „וועט" האָט זיכ ארײַנגעריסנ צווישנ סוביעקט־סובסטאנטיוו און זײַנ אטריבוט און געמאכט דעמ זאצבוי ניט גאָר נאָרמאל.

2) אפ אלצ מיט אויגנ גאָדונאָווס
געקוקט,
מיט אויערנ מיט גאָדונאָווס געהערט
(רעז.)

2) На все глядел глазами Годунова,
Всему внимал ушами Годунова
(Год.)

דאָ איז צעשטערט דער נאטירלעכער ווערטער־סיידער דערמיט, וואָס דער פּאָסעסיוו קומט דאָ ניט פארנ סובסטאנטיוו, וועמעס געהעריקייט ער ווײַזט, נאָר נאָכ אימ. נעמענדיק אָבער אינ אכט, אז מיט דער דאָזיקער אינווערסיע ווערט געטרײַער איבערגעגעבנ די אקצענטירונג פונעמ אָריגינאל אפנ וואָרט „גאָדונאָוו", איז אזא אינווערסיע בארעכטיקט.

3) א רויבער טוט אזוי פון וואלד,
ווענ מיט זײַנ באנדע ער באפאלט
א דאָרפ אמאָל...
(כאש.)

3) Так злодей
С свирепой шайкой своей
В село ворвавшись, ломит, режет...
(Мед.)

אויכ דאָ האָט זיכ דער פּרעדיקאַט אַרײַנגעריסנ צווישנ צוויי טײלנ פונ איינ סינטאַק־סישער גרופּע: „פונ וואַלד״ איז אַנ אַטריבוט צו „אַ רויבער״ אונ אינ דער איבער־זעצונג באַקומט זיכ, אַז „פונ וואַלד״ איז אַנ אָרט־באַשטימונג, ווי, אַשטיינער: „ער לויפט פונ וואַלד״, — טויג עס ניט, פאַרשטייט זיכ.

## אָרט פונ אָביעקט, פונ אומשטאַנד

1) ווענ לעבעדיקע רו געניסנ
(רימ.)

1) Когда покоятся живые
(Заклинанье)

פונ ערשטנ בליק (אונ עפּשער ניט בלויז פונ ערשטנ, אַז מע האָט פאַר זיכ ניט דעמ רוסישנ אָריגינאַל) איז דאָ שווער צו אָריענטירנ זיכ אינ די זאַצגלידער: בא אַזאַ ווערטער־סײדער איז נאַטירלעכ אויפצונעמענ „לעבעדיקע״ אַלס אַטריבוט־אַדיעק־טיוו צו „רו״. מײנענ מײנט מענ דאָ: „ווענ לעבעדיקע געניסנ פונ רו״.

2) שפּרײט אַ פינצטערניש געוויטער
(האַרצמאַנ)

2) Буря мглою небо кроет
(Зимн. веч.)

לויטנ געזעצ פונ ווערטער־סײדער (אינ דעמ פּראַט איז דער יִדישער ווערטער־סײדער ענלעכ אויפנ רוסישנ), איז ווענ ס׳איז ניטאָ קיינ שומ אונטערשייד־סימאָנימ צווישנ סוביעקט אונ אָביעקט (בײגפאַל־פלעקסיעס, באַשטימיקער אַרטיקל), ווערט פאַררעכנט דער ערשטער סובסטאַנטיוו פאַרנ סוביעקט אונ דער צווייטער — פאַרנ אָביעקט. פונ אָט דער האַנאָכע אַרויסגײענדיק, באַקומט זיכ אינ אונדזער זאַצ, אַז די פינצטערניש שפּרײט דעמ געוויטער, ווענ בא פּושקינענ איז, ווי מיר ווייסנ, פאַר־קערט: דער שטורעמ (אָדער „דער געוויטער״, לויטנ איבערזעצער) איז דער סו־ביעקט.

2) פאַר דעמ קייסער אויפ דער וועלט
איכ געבוירנ כ׳וואָלט אַ העלד
(פינ.)

3) Я б для батюшки царя
Родила богатыря
(Салт.)

דער פּערזאָניקער ווערב איז דאָ „אינ אויסרײַסעניש״, אויפנ סאָפּ, פאַרנ אָביעקט, דער באַטײַטיקער טייל פונעמ פּרעדיקאַט איז דאָ גאָר פאַרנ פּערזאָניקנ ווערב. די סינטאַגמע „אויפ דער וועלט״ שטייט האַרט לעמ דער אָביעקט־סינטאַגמע „פאַר דעמ קייסער״. דערפונ באַקומט זיכ, אַז ניט „כ׳וואָלט אויפ דער וועלט געבאָרנ״, ווי דאָס מײנט דער פּושקינ־טעקסט, נאָר „פאַרנ קייסער, וואָס געפינט זיכ אויפ דער וועלט״.

## אָרט פונ אינפיניטיוו

א. רופנ נעמט ער דאָס גילדענע פישל
(פינ.)

а. Стал он кликать золотую рыбку

ב. האָבנ באַדאַרפ זי אַ נײַע מולטער
(פינ.)

б. Надобно ей новое корыто
(Рыб.)

די אומנאטירלעכע שטעלונג פונעם אינפיניטיוו אין דעם דאָזיקן זאַץ איז דאָ מיט גאָרנישט ניט באַרעכטיקט. פאַרקערט, דאָס שאַפט גאָר אַן איבעריקע באַטאָנונג (ס׳באַקומט זיך: א. רופן נעמט ער דאָס גאָלדענע פישל, נאָר קומען קומט עמעצער אַנדערש; ב. האָבן באַדאַרף זי אַ נייַע מולטער, און האָבן האָט זי עפּעס אַנדערש). דאָס ווידערשפּרעכט דעם רויִקן דערציילערישן, ניט-אונטערשטרייַכנדיקן טאָן פון די אָריגינאַל-פערזן. פּראָסט, אָן קונצן, נאָענט צום אָריגינאַל איז די איבערזעצונג: א. נעמט ער רופן דאָס גאָלדענע פישל, ב. זי דאַרף האָבן אַ נייַע מולטער (רעז.).

## אָרט פון פּאַראַלעליזמען

| | |
|---|---|
| 1) Где прежде финский рыболов, | 1) דאָרט, ווו דער פינער פישער פּלעג, |
| Печальный пасынок природы, | באַ דער נאַטור אַן אָרעם שטיפקינד, |
| Один у финских берегов | אַליין באַם נידעריקן ברעג |
| Бросал в неведомы воды | אין וואַסערן פאַרבאָרגן-טיפע |
| Свой ветхий невод, ныне там... | זייַן אַלטע נעץ פאַרוואַרפן — |
| (Мед.) | דאָרט... (פין.) |

מיר וועלן אָנוועקשטעלן אָן אַ זייַט די פראַגע וועגן דעם מוירעדיקן צווישן-שייד צווישן איין טייל פון דעם פּרעדיקאַט (דעם הילפוואָרב „פּלעג") און דעם צווייטן (דעם אינפיניטיוו „פאַרוואַרפן") — ס׳שטערט בעפייַרעש דער אויסדריקלעכקייַט דאָס, וואָס אונטערן גראַם סאָפּ פערז געפינט זיך אַ באַהילפיק וואָרט. דאָ איז אונדז וויכטיק אָט וואָס: די אָפּאָזיציע („באַ דער נאַטור אַן אָרעם שטיפקינד") שטייט ניט האַרט באַם סובסטאַנטיוו, צו וועלכן ער געהערט („דער פינער פישער"), נאָר ערשט נאָכן פּערזאָניקן וואָרב. אַזאַ ווערטער-סיידער איז ניט קיין נאָרמאַלער און האָט ניט קיינשום באַרעכט אין דער איבערזעצונג.

| | |
|---|---|
| 2) Безвинная, зачем же ты страдаешь? | 2) פאַרוואָס זשע קומסטו אָפּ, דו |
| (Год.) | אומשולדיקע! (רעז) |

אין אָריגינאַל איז אַקצענטירט "ты" — „דו", וועלכער איז קעגנגעשטעלט אים, גאָדונאָוון, וואָס האָט „ניט געקענט איר אייַנשאַפן איר גליק", און דאָ איז דער „דו" רעדוצירט אינעם וואָרב „קומסט אָפּ" מיטן אַקצענט אויפן וואָרבאַלן צוגאָב. די אָפּאָזיציע „די אומשולדיקע" דאַרף שטיין נאָך „קומסטו" (פּאַקטיש וועט עס הייסן — נאָכן „דו", וואָס איז פאַרבאָרגן אינעם „קומסטו").

## איין טייל פונעם פּרעדיקאַט אָפּגעריסן פונעם אַנדערן טייל

| | |
|---|---|
| Но, как вино — печаль минувших дней, | נאָר ס׳איז פון טעג פאַרגאַנגענע, ווי ווייַן — |
| В моей душе чем старе, ты сильней. | וואָס עלטער, שטאַרקער אין מייַן האַרץ די פּייַן (רעז.) |
| (Элегия) | |

ס'איז שוינ גענוג קינסטלעכ, וואָס דער ווערטער־באהעפט „פונ טעג פארגאנגענע" קומט פארנ סובסטאנטיוו „פײַנ", צו וועלכנ ער געהער, — איז נאָכ צווישנ די צוויי גרופעס ארײַנגעשטעלט: 1) א פארגלײַכ; 2) נאָכ א פארגלײַכ; 3) א טייל פונעמ פרעדיקאט, וואָס זײַנ אָנהייב געפינט זיכ אינ סאמע אָנהייב סטראָפע; 4) אנ אָרט־אומשטאנד! מע דארפ זײַנ א בעריע אונ האָבנ אָנ שיר געדולד, מע זאָל קענענ, אָנ א פארגלײַכ מיטנ אָריגינאל, „אָפטרעפנ", אז די דאָזיקע פראזע באטײַט: „אזוי ווי ווײַנ, אזוי איז מײַנ פײַנ אינ הארצנ: וואָס עלטער זי איז, אלצ שטארקער איז זי".

---

דאָס זײַנענ אייניקע וויכטיקסטע פראָבלעמעס, וואָס שווימענ אופ באמ אנאליזירנ די איבערזעצונגענ פונ פושקינענ אפ ייִדיש.

ימיר האָבנ שוינ צומ אָנהייב געוויזנ, ווי שווער ס'איז איבערצוזעצנ קינסטלערישע ווערק ביכלאל, פאָעזיע — ביפראט. יאָ, זייער שווער איז, איבערזעצנדיק פונ איינ שפראכ אפ דער אנדערער, אויסמײַדנ אלע אומפינקטלעכקײַטנ אונ פעלערנ, וואָס זײַנענ דאָ אופגעדעקט געוואָרנ, אונ אדעקוואט איבערגעבנ דעמ אָריגינאל סײַ אינ זײַנ אינהאלט, סײַ אינ אלע אנטפלעקונגענ פונ זײַנ פאָרמ.

אָבער דאָס אנאליזירנ די דאָזיקע פעלערנ דארפ מיטהעלפנ צו באזיגנ זיי אונ צו שאפנ נײַע אימפולסנ אפ צו איבערגעבנ אדעקוואט אינ ייִדיש די ליטעראריש־קינסטלערישע רײַכטימער פונ דער אלמענטשלעכער קולטור.

---

מ. שולמאן

# סלאוויזמען אין דער לעקסיק פון ייִדיש[1]

## I. אלגעמיינע באמערקונגען

סלאוויזמען ווערן אָנגערופן יענע ווערטער אין ייִדיש, וואָס זײַנען איבערגענומען געוואָרן פון סלאווישע שפּראכן. ס'פֿאָדערט זיך דערבײַ ניט, אז די ווערטער זאָלן צוערשט באשאפן ווערן דאפקע דורך סלאוון, זיי קאָנען שטאמען אויך פון אנדערע שפּראכן, זיי האָבן זיך אָבער אזוי אײַנגעוואָרצלט אין די סלאווישע שפּראכן, אז די באפעלקערונג באנעמט זיי אלס „עכטע" רוסישע, אוקראַיִנישע א. אז. וו. ווערטער. בלויז דער לינגוויסטישער אנאליז קאָן אופדעקן דעם אנטשפּרעכיקן מאָקער פון אזוינע ווערטער און באווײַזן אז, אשטייגער, אזעלכע אלטע און אײַנגעבירגערטע רוסישע ווערטער, ווי ארשין, אלטין, ארטעל, אמבאר, באשליק, סארײַ, קירפּיטש, קאזנא, קנוט א.ד.גל. פירן זייער „ייִכעס" פון טאָטעריש צי פון אנדערע שפּראכן, דאָך מוזן מירן באטראכטן אזעלכע ווערטער אלס רוסישע, און אויב זיי זײַנען ארײַן אין ייִדיש, — אלס רוסיזמען. ארשין, באשליק א.ד.גל. זײַנען רוסיזמען, ווײַל ייִדיש האָט באקומען די ווערטער דורך דער רוסישער שפּראך און ניט אומיטלבאר פון אנדערע שפּראכן.

ס'איז קלאר ניט נייטיק אופצוזוכן די „מעטריקע" פון אלע ווערטער, קעדיי צו באשטימען, צי זײַנען זיי עכטע רוסישע, פּוילישע, דײַטשישע אָדער איבערגענומענע פון אנדערע שפּראכן. מע דארף נעמען אין אכט די היסטאָרישע לעבנס־פּערספּעקטיוון פון „אנטלײַענע" ווערטער. ארײַנדרינגענדיק אין א נײַער סוויווע, ווערן אזוינע ווערטער דורך איר באווירקט און צום סאָף גייען זיי ארײַן אין דעם אלגעמיינעם לעקסישן גרונט־פאָנד פון דער שפּראך. „ניט אלע אמאָל אויסלענדישע (иноземные) ווערטער געפינען זיך אין א גלײַכער לאגע. בעשאס אייניקע פון זיי זײַנען שוין געוואָרן גלײַכבארעכטיקטע מיטגלידער פון דער געגעבענער שפּראך, האָבן אנדערע נאָך ניט אויסגעלעבט זייער אויסלענדישן אינהאלט... אזוי, צום בײַשפּיל, פילט זיך אין דער רוסישער רייד־שפּראך אן אונטערשייד אין דעם אויסלענדישן אָפּשטאם אפילע פון אזוינע ווערטער, ווי „אָקופּאציע", פון איין זײַט, און „קורס", „קאנאל", „טשײַ" פון

---

[1]) פון א גרעסערער ארבעט.

דער צווייטער זײַט. זיי זײַנענ אלע אנטליִענע, אונ מע קאָנ אפילע פעסטשטעלנ די דאטע, ווענ זיי זײַנענ ארײַנ אינ רוסיש, דער שפראכ־באוווסטזײַנ פונעמ שפראכ־טרעגער באנעמט שוינ אָבער ניט די לעצטע דרײַ ווערטער אלס אויסלענדישע. אינעמ באוווסטזײַנ פונעמ ריידער זײַנענ זיי שוינ אייגענע ווערטער"[1].

ווי אינ אלע אנדערע שפראכנ, איז אינ די סלאווישע פאראנ א היפשער שיכט אנדערשפראכיקע אונ אינטערנאציִאָנאלע ווערטער פונ דער אזויגערופענער קולטור־שפראכ (וויסנשאפטלעכע, טעכנישע, פאָליטישע א.אז.וו. טערמינאָלאָגיע), וואָס זײַנענ לעפיִערעכ ניט זייער לאנג איבערגענומענ פונ אנדערע שפראכנ אונ וואָס זייער אנדערשפראכיקער אָפשטאמ ליגט אויבנויפ אָדער ער איז גענוג ניקער. אזוינע ווערטער האָט ייִדיש געקאָנט שעפנ ניט נאָר פונ סלאווישע, נאָר אויכ פונ אנדערע שפראכנ. ווי מיר וועלנ ווײַזנ שפעטער, האָט ייִדיש מיינסטנס באקומענ אזוינע ווערטער דורכ דער רוסישער שפראכ, דאָכ רעכענענ מיר זיי ניט פאר קיינ סלאוויזמענ אינ ענגנ זינענ פונ וואָרט, ווײַל די רוסיש־ריידנדיקע באנעמענ ניט אזוינע ווערטער אלס ווערטער פונ רוסישנ אָפשטאמ.

אונדז אינטערעסירט דאָ די ווירקונג אפ ייִדיש ניט פונ אלע סלאווישע שפראכנ, נאָר פונ רוסיש, פויליש, ווײַסרוסיש, אוקראִיניש, ד. ה. פונ די שפראכנ פונ יענע פעלקער, צווישנ וועלכע די ייִדנ האָבנ געלעבט אינ צארישנ רוסלאנד, נאָכ פריִער אינ פוילנ אונ ליטע, אונ לעבנ איצט אינ פ.ס.ס.ר.

די סלאווישע שפראכנ האָבנ איבערגענומענ א היפשע צאָל ווערטער פונ דײַטש, אונ פארקערט — די דײַטשישע שפראכ האָט אסאכ ווערטער אנטליִענ פונ די סלאווישע שפראכנ. ווענ מיר טרעפנ אינ ייִדיש ווערטער, וואָס געפינענ זיכ סײַ אינ דער דײַטשישער, סײַ אינ די סלאווישע שפראכנ, איז אָפטמאָל שווער צו באשטימענ, פונ וואנענ האָט זיי ייִדיש באקומענ.

אויב דאָס וואָרט איז ארײַנ אינ ייִדיש נאָכ פאר דער ייִדישער מאסנ־עמיגראציע אינ די מיזרעכ־סלאווישע לענדער אונ ייִדיש האָט דאָס וואָרט געקאָנט באקומענ אָרמיטלבאר פונ דײַטש, דארפנ מיר עס ניט באטראכטנ אלס סלאוויזמ, נאָר אלס גערמאניזמ, סײַדנ די פאָנעטישע געשטאלט פונ וואָרט זאָגט בעפיירעש אײדעס וועגנ זײַנ סלאווישנ אָפשטאמ.

די פראגע ווערט פארקאָמפליצירט דורכ די איבערקרײַצנדיקע קעגנווירקונגענ. ס'איז דאָ א געוויסע גרופע ווערטער, וואָס מיר געפינענ אינ דײַטש אונ אינ די סלאווישע שפראכנ, וועלכע שטאמענ פונ א דריטנ מאָקער, אָבער די דײַטשישע שפראכ האָט זיי באקומענ פונ סלאוויש.

„איינצלנע אלטע אונ נײַע סלאווישע ווערטער, — שרײַבט שוכארדט, — האָבנ זיכ פארשפרייט איבער מײַרעוו־אייראָפע, באזונדערס די, וואָס זײַנענ שײַעכ צו ארבעט מיט לעדער, ווי דאָס פוילישע czobot (אוקר. чоботи) — פונ איטאל. ciabatta, פראנצ. sabot; bicz (רוס. бич) — דײַטש. Peitsche אונ אנד." וועגנ אזוינע ווערטער זאָגט

---

[1]) Акад. И. Мещанинов. Проблема классификации языков в свете нового учения о языке. Издат. Академии наук СССР, 4-е изд., 1935 г., стр. 21 — 22.

שוכארדט, אז זיי זײַנען פרעמדע אין די סלֿאווישע שפראכן, אז זיי זײַנען „אנעקסירט דורך די סלֿאוון" [1]).

„די פראגע וועגן דעם, צי האָבן מיר פאר זיך א סלֿאוויזם אָדער ניט, שטויסט זיך אָן אין אסאך פאלֿן אָף שוועריקײַטן, וואָס זײַנען פארבאָרגן פון אויבנאויפיקן קוק מעגלֿעך, אז מיר האָבן צו טאָן מיט א דערשײַנונג, וואָס האָט זיך אנטוויקלֿט גאָר אין אן אנדער שפראך און איז איבערגענומען געוואָרן פון סלֿאוון צוזאמען מיט דער עצעם־שפראך אָדער מיט איינעם פון אירע מונדארטן" [2]).

ווי מיר האָבן אָנגעוויזן פריִער, איז ניט אלֿעמאָלֿ נייטיק צו פארטיפן זיך אין דער אויספאָרשונג פון „יִכעס", קעדיי צו פעסטשטעלֿן, וועלֿכע שפראך איז די „מור־טער" פון די אָדער יענע ווערטער. דאָס אוקר. чoбoти ווערט אופגענומען דורך די אוקראַיִנער אלֿס א ריין אוקראַיִניש וואָרט, ווײַלֿ דאָס איז זייער אן אלֿטע אנטלֿײַונג. די פאָרם פונעם וואָרט אין יִדיש — „טשאָבעטע" — ווײַזט, אז דאָס וואָרט שטאמט פון אוקראַיִניש (און ניט פון פוילֿיש אָדער איטאלֿיעניש), אז דאָס איז אן אוקראַיִניזם. דאָס יִדישע „בײַטש", ווי ס'ווײַזט אָן גערצאָן [3]), קאָן שטאמען סײַ פון דײַטשישן Peitshe, סײַ אומיטלֿבאר פון סלֿאוויש. אפן לֿעצטן מאָקער ווײַזט אָן דער בֿ אָנשטאָט פּ וואָרט־איין. גערצאָן קומט אָבער ניט צו קיין באשטימטן אויספיר. ווי עס ווײַזט אויס, שטאמט „בײַטש" פון דײַטש, דער פּ איז אריבער אין א בֿ שפעטער שוין אין די סלֿאווישע לֿענדער. פאר א סלֿאוויזם רעכענען מיר ניט ד'אָס וואָרט.

דאָס וואָרט „גרענעצ" אנטשפרעכט דעם דײַטשישן Grenze און דעם סלֿאווישן граница. אין דײַטש איז דאָס וואָרט א סלֿאוויזם. אין יִדיש איז דאָס וואָרט געקומען פון דײַטש [4]) און ניט פון די סלֿאווישע שפראכן (דערויף ווײַזט אָן די פאָנעטישע פאָרם), דעריבער איז „גרענעצ" אין יִדיש ניט קיין סלֿאוויזם.

„שקארפעטקע" איז א סלֿאוויזם און שטאמט פונעם פוילֿישן szkarpetka און ניט פונעם איטאלֿיענישן scarpetta, כאָטש די סלֿאוון האָבן דאָס וואָרט באקומען פון איטאלֿיעניש.

„צוקער", „ציגלֿ". כאָטש די דאָזיקע ווערטער זײַנען פאראן אין דער ווײַסרוסישער און פוילֿישער שפראכן, זײַנען זיי אָבער ניט קיין סלֿאוויזמען, ווײַלֿ יִדיש האָט זיי באקומען גלֿײַך מיט די דאָזיקע שפראכן פון איין קוואלֿ — פון דײַטש (Ziegel, Zucker), אָבער „צוקערקע" און „צעגעלֿניע" זײַנען זיכערע סלֿאוויזמען.

„ציבעלֿע" שטאמט ניט פון ווײַסרוסישן וואָרט цыбуля, נאָר פון מה'ד Zibolle. דאָס איז ניט קיין סלֿאוויזם.

„קיט" איז פאראן אין די סלֿאווישע שפראכן און אין דײַטש. די יִדישע שפראך האָט עס געקאָנט נעמען אומיטלֿבאר פון דײַטש, דעריבער איז דאָס ניט קיין סלֿא־וויזם.

---

[1]) H u g o S c h u c h a r d t. Slawo-Deutsches und Slawo-Italienisches. Graz, 1885, s. 79.

[2]) דאָרטן, ז. 92.

[3]) G e r z o n. Die Iüdisch-deutsche sprache, Frankfurt a. M, 1902.

[4]) אייגנטלֿעך פון מה"ד, ווו ס'האָט עקזיסטירט די פאָרם grenize (אינעם ערשטן טראף איז דער e א רעזולטאט פון אומלֿאוט).

„גאנעק“ אנטשפּרעכט דעם דײַטשישן Gang און פּױלישן ganek. פּױליש האָט דאָס װאָרט באַקומען פֿון דײַטש און איבערגעאַנדערשט. די פּױלן נעמען אױף דאָס װאָרט אַלס אַן אײגנס, װײַל עס האָט זיך שױן זײער לאַנג אײַנגעװאָרצלט אין דער שפּראַך. די פֿאָנעטישע פֿאָרם פֿונעם ײדישן „גאנעק“ װײַזט אָן אױף זײַן סלאַװישן אָפּשטאַם.

ענלעכע בײַשפּילן קאָן מען ברענגען זײער פֿיל.

א רײ װערטער אין ײדיש האָבן געקאָנט אַנטלײען װערן עטלעכע מאָל אין פֿאַרשײדענע צײַטן פֿון פֿאַרשײדענע שפּראַכן.

„אײן און דאָס זעלבע װאָרט קאָן אַנטלײען װערן עטלעכע מאָל אין פֿאַרשײדענע צײַטן. עס אַנטשטײט דאַן אין פֿאַרשײדענע קלאַנגען-געשטאַלטן, פֿון װעלכע די ײנגערע שטײען נאָענט צו דער גרונט-שפּראַך, בעשאַס די עלטערע האָבן שױן דורכגעלעבט מער אָדער װײניקער שטאַרקע ענדערונגען. דער באַטײַט, אין װעלכן דאָס װאָרט װערט איבערגענומען בײַ דער צװײטער אַנטלײַונג, אונטערשײדט זיך אַמאָל פֿונעם באַטײַט פֿון דער ערשטער אַנטלײַונג, און דעריבער װערט ניט אױפֿגענומען קײן שום צוזאַמענהאַנג צװישן די פֿאָרמעס, פֿאַרגלײַך ordinieren — ordnen, diktieren — dichten א. אז. װ.“ [1]

פֿאַרשטײט זיך, אַז די דײַטשישע שפּראַך איז אין דעם פֿראַט ניט קײן אױסנאַם. אַנאַלאָגישע פּראָצעסן טרעפֿן מיר אױך אין ײדיש. צום בײַשפּיל, „הױלע“ און „גאָלע“ זײַנען בײדע סלאַװיזמען מיט אַ פֿאַרשײדענעם באַטײַט.

„הױלע“ הײסט — אַנטבלױזטע, „גאָלע“ טראָגט אַ מער אַבסטראַקטן כאַראַקטער און איז עקװיװאַלענט דעם אַדװערב „אױסשליסלעך“. דאָס ערשטע איז אַן עלטערע אַנטלײַונג, גיכער װי אַלץ, װי עס באַװײַזט זײַן קלאַנגען-געשטאַלט (דער פֿריקאַטיװער h) פֿון דער װײַסרוסישער שפּראַך (מעגלעך אױך פֿונעם פּױלישן holy). די דיפֿטאָנגירונג פֿונעם סלאַװישן o איז כאַראַקטעריסטיש טאַקע בלױז פֿאַר די עלטסטע סלאַװיזמען אין ײדיש. דאָס צװײטע — „גאָלע“ — איז געװיס אַ רוסיזם.

„קאַפֿל“ און „קאַכל“ זײַנען צװײ פֿאָרמעס פֿון אײן װאָרט מיט אַלצײַנע באַטײַטן. „קאַכל“ איז עלטער, שטאַמט פֿון דײַטש (Kachel), „קאַפֿל“ איז ײנגער, שטאַמט פֿון פּױליש אָדער רוסיש. צו סלאַװיזמען געהערט בלױז די לעצטע פֿאָרמע.

ס'איז אױך ניטאָ קײן אונטערשײד לױטן באַטײַט צװישן צװײ פֿאָרמעס פֿון אײן װאָרט: „װערקשטאַט“ (ד. Werkstat), „װאַרשטאַט“ (פּ. warsztat, װ. варштат). די ערשטע פֿאָרמע איז אַ דײַטשישע, די צװײטע פֿאָרמע איז אַ סלאַװיזם, װאָס האָט אַרױסגעשטױסן די ערשטע פֿאָרמע.

אַנאַלאָגיש איז די לאַגע מיט „אוגערקע“ (װאָס שטאַמט פֿון מה"ד Agurke) און „אוגעריק“ (דאָס איז אַ סלאַװיזם, װאָס שטאַמט פֿון פּ. agorek).

צװײיענדיקע אַנטלײַונגען — פֿון דײַטש און סלאַװיש, מיט אַ געװיסן אונטערשײד אין קלאַנגען-געשטאַלט און באַטײַט, — פֿון אײן און דעם זעלבן װאָרט האָבן מיר אין אַזױנע װערטער װי „װינטשן“ (ד. wünschen) און „װינטשעװען“ (פּ. winszować,

---

[1]) H. P a u l. Prinzipien der Sprachgeschichte. 5-e Auflage, Halle. 1920, s. 397.

אוקר. віншувати). דאָס לעצטע איז א סלאוויזמ; פונ סלאוויש שטאמט אויכ דער ווערבאלער סובסטאנטיוו — „ווינטשעוואניע" (וו. віншаванне). דאָס זעלבע קאָנ מענ זאָגנ וועגנ „ראטעווענ", „ראבעווענ", „מאָרדעווענ", וואָס דארפנ באטראכט ווערנ אלס סלאוויזמענ, כאָטש די סלאווישע שפּראכנ גופע האָבנ עס באקומענ פונ דײַטש (rauben, retten, ermorden), פונוואנענ עס שטאמענ אויכ די עלטערע גערמאנישע פאָרמעס פונ די דאָזיקע ווערטער אינ ייִדיש — רעטנ, רויבנ, ערמאָרדנ (דערמאָרדנ).

אזא מינ צווייענדיקע אנטלײַונג — פונ דײַטש אונ סלאוויש — פונ אײַנ אונ די זעלבע אינ טאָכ ווערטער — איז דער ערשטער כאראקטעריסטישער שטריכ, וואָס מע דארפ קאָנסטאטירנ אינעמ אנטוויקלונג־פּראָצעס פונ ייִדיש. דערפונ איז געדרונגענ, אז ניט אלע ווערטער אינ ייִדיש קאָנענ סכעמאטיש פאנאנדערגעטיילט ווערנ צווישנ גערמאניזמענ, סלאוויזמענ א אז.וו. מיר טרעפנ א ריי ווערטער, וואָס זײַנענ גלײַכצײַטיק אי גערמאניזמענ, אי סלאוויזמענ, פּינקטלעכער גערעדט, זיי עקזיסטירנ אינ צוויי פאָרמעס: איינע פונ א גערמאנישנ אונ א צווייטע פונ א סלאווישנ אָפּשטאמ. געוויס איז דאָס „ווידערשפּרעכיק", אָבער דאָס איז די דיִאלעקטיק פונ דער שפּראכווירקלעכקײַט, פונ דער שפּראכלעכער קעגנווירקונג.

אזוינע טאָפּעלע פאָרמעס פונ אײַנ וואָרט, וואָס שטעלנ מיט זיכ פאָר א מינ „איינהײַט פונ קעגנזאצנ" אינ דער שפּראכ, איז פריִער געווענ מערער. אינ יעטווידער אזא „איינהײַט פונ קעגנזאצנ" קומט פאָר א קאמפּ, וועלכער ענדיקט זיכ אָדער מיטנ פולקאָמענ זיג פונ דער סלאווישער פאָרמע, וואָס שטויסט ארויס די גערמאנישע, אָדער מיט א סינטעז פונ ביידע פאָרמעס אינ איינ געמיינזאמער פאָרמע (ווי, אשטייגער, „בײַטש" פונ Peitsche אונ бич), אָדער מיט דער פּאראלעלער עקזיסטענצ פונ ביידע פאָרמעס (אמאָל מיט א סעמאנטישנ אונטערשייד).

מיר האָבנ געזענ, ווי אזוי ייִדיש האָט איבערגענומענ פונ די סלאווישע שפּראכנ ווערטער, וואָס שטאמענ פונ דײַטש אונ זײַנענ איבערגעמאכט געוואָרנ אפּ א סלאווישנ שטייגער, כאָטש ייִדיש האָט פריִער געוווּסט פונ די ווערטער אינ זייער דײַטשישער קלאנגענ־געשטאלט. דאָס איז א פּראט־פאל פונ אנ אלגעמיינעמ קלאל, וואָס איז כאראקטעריסטיש פארנ אנטלײַונג־פּראָצעס. דער דאָזיקער צווייטער קלאל באשטייט אינ דעמ, וואָס ייִדיש נעמט איבער פונ סלאווישע שפּראכנ ניט נאָר ווערטער פאר נײַע, פריִער אומבאקאנטע זאכנ, פּראָצעסנ אונ דערשײַנונגענ, נאָר אויכ ווערטער פאר אלטע, גוט באקאנטע באגריפנ, וועלכע פלעגנ פריִער, פאר דער ייִדישער עמיגראציע אינ די מיזרעכ־סלאווישע לענדער, באצייכנט ווערנ דורכ דײַטשישע אָדער העברייִשע טערמינעס.

אזוי ארומ האָבנ זיכ באקומענ סינאָנימענ אונ דובלעטנ (אויכ טריפּלעטנ), ווי צומ בײַשפּיל, — שמיד אונ קאָוואל, יעטנ, פּאָלאָטיענ אונ פּאָליענ, אומעטיק, סומנע אונ סקוטשנע, הויזנ אונ מײַטקעס, קאָרב אונ קאָשעק, באלייַדיקנ אונ אָבידיענ, פורמאנ אונ איזוואָזשטשיק, אורטייל אונ פּריגאָוואָר, קאלב אונ טעלעצע, מאטאָנע אונ נאגראדע, דערוועגנ זיכ אונ

סמייענ, וועטער און פּאַגאָדע, צימער און אלקער. די ערשטע ווערטער פונ די גרופּעס סינאָנימענ זײַנענ גערמאַניזמענ, די צווייטע (און דריטע) — סלאַוויזמענ [1].

פאר די סלאַווישע אנטלײַונגענ אינ ייִדיש איז כאַראַקטעריסטיש א דריטער מאָמענט: פאר דער באַצייכענונג פונ די אָדער יענע באַגריפנ שעפּט ייִדיש טערמינעס ניט בלויז פונ איינ סלאַווישער שפּראַכ, נאָר פּאַראַלעל פונ עטלעכע סלאַווישע שפּראַכנ, אזוי. צום בײַשפּיל, האָבנ מיר אינ ייִדיש פאר пузырь — פּוזיר (רוס.), פּענכער (פּויל.), פּוכיר (ווײַסר., אוקר.); פאר фасоль — פאַסאָליעס (רוס.) און קוואַשאַלעס (ווײַסר.); подойник ווערט איבערגעזעצט דאָיאָנקע (ווײַסר.), און דאָיניצע (אוקר.); פאר щавель האָבנ מיר שטשאַוועל (רוס.), שטשאַוויע (ווײַסר.), שטשאַוו (אוקר.); פאר хлопотать — כלאָפּאָטשענ (רוס.) און קלאָפּאָטשענ (ווײַסר.) א.אז.וו. א.ד.גל.

די אלע בײַשפּילנ שטעלנ מיט זיכ פאָר מוסטערנ פונ פילפאַכיקער אנטלײַונג פונ אלציינע ווערטער אינ פאַרשיידענע קלאַנגענ־געשטאַלטנ.

זעלבסטפאַרשטענדלעכ, אז צווישנ די סלאַוויזמענ אינ דער שפּראַכ פונ די אוקראַיִנישע ייִדנ פאַרנעמענ א מער אָנזיכטיקנ אָרט, האָבנ א גרעסערנ ספּעציפישנ געוויכט אוקראַיִנישע ווערטער, פונ ווײַסרוסישע ייִדנ — ווײַסרוסישע ווערטער, פונ ייִדנ אינ רכפסר — רוסישע ווערטער. אנ אָפּשפּיגלונג דערפונ געפינענ מיר אויכ אינ דער ליטעראַרישער שפּראַכ. דאָס באַטײַט אָבער ניט, אז סלאַוויזמענ אינ דער שפּראַכ פונ אוקראַיִנישע ייִדנ באַשטייענ אויסשליסלעכ אָדער איבערהויפּט פונ אוקראַיִניזמענ, אינ דער שפּראַכ פונ ווײַסרוסישע ייִדנ — פונ ווײַסרוסיזמענ א.אז.וו. מיר טרעפנ א היפּשע צאָל אוקראַיִניזמענ אויכ אינ דער שפּראַכ פונ די ווײַסרוסישע ייִדנ, אסאַכ ווײַסרוסיזמענ אינ דער שפּראַכ פונ די אוקראַיִנישע ייִדנ, א מאַסע רוסיזמענ בא די ערשטע און בא די צווייטע א.אז.וו. די הויפּט־מאַסע סלאַוויזמענ האָט זיכ אײַנגעבירגערט אינ אלע דיִאַלעקטנ פונ ייִדיש.

מיר האָבנ פריִער באַוויזנ, ווי שווער ס'איז אָפט צו לייזנ די פראַגע וועגנ סלאַוויזמענ, ווי ס'איז אָפטמאָל פאַלש צו האַלטנ א ייִדיש וואָרט פאר א סלאַוויזמ בלויז דערפאַר, וואָס עס געפינט זיכ אויכ אינ די סלאַווישע שפּראַכנ, אָדער פאר א גער־

---

[1]) אנ ענלעכער פּראָצעס באַמערקט זיכ אינעמ אמעריקאַנישנ ייִדיש, וואָס האָט אנטליִענ אסאַכ ענגלישע ווערטער אפ באַצייכענענ באַקאַנטע נאָכ אינ דער אלטער היימ פּראָפעסיעס, שטובזאַכנ, מעבל א.ד.גל., אָנשטאָט „קאַצעוו" זאָגנ די אמעריקאַנער ייִדנ „בוטשער" א.אז.וו. גײַע ענגלישע ווערטער האָבנ אינ פילע פאַלנ אינגאַנצנ אַרויסגעשטויסנ די אלטע ייִדישע טערמינעס.

זעלבסטפאַרשטענדלעכ, אז די מאָמענטנ, וואָס כאַראַקטעריזירנ דעמ אנטלײַונג־פּראָצעס אינ ייִדיש, וועגנ וועלכנ מיר האָבנ אויבנ גערעדט, איז צו מערקנ אויכ אינ אנדערע שפּראַכנ: ייִדיש שטעלט דאָ ניט פאָר קיינ אויסנאַמ. אזוי האָבנ זיכ, צום בײַשפּיל, אינ דער רוסישער שפּראַכ באַקומענ פּאַראַלעל מיט רוסישע ווערטער постановление, самолет, промышленность אנדערשפּראַכיקע — резолюция, аэроплан, индустрия א.אז.וו. ענלעכע פאָרנ קאָנ מענ טרעפנ אינ יעטווידער שפּראַכ. אלס רעזולטאַט פונ די ספּעציפישע לעבנס־באַדינגונגענ פונ די ייִדנ, וואָס זײַנענ צעשפּרייט צווישנ די סלאַווישע פעלקער, האָט ייִדיש א גרעסערע צאָל (אינ פאַרגלײַכ מיט אנדערע שפּראַכנ) פונ אזוינע ווערטער־פּאָרנ. עס איז אויכ פאַראַנ א קוואַליטאַטיווער אונטערשייד: אינ ייִדיש זײַנענ אזוינע ווערטער אינ א גרעסערער מאָס פאַרבונדנ מיט די איינפאַכע, טאָגטעגלעכע באַגריפנ.

מאניזם, ווײַל עס שטאמט פון דײַטש. מיר וועלן ברענגען עטלעכע בײַשפּילן פון טאָעסן, וואָס עס האָט געמאכט אפ דעם געביט י. יאָפע, ווײַל ער האָט זיך באַנוגנט מיט אן אויבנופיקן אנאליז.

ער האָט פארעכנט אלס סלאוויזם דאָס וואָרט „סאמעט“ (פּ. aksamit, וו. аксамiт), כאָטש אין דער דײַטשישער שפּראך איז פאראן samet, מיט וועלכן דאָס יִדיש וואָרט פאלט פּאָנעטיש אינגאנצן צונויף. מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט מיט קיין סלאוויזם, נאָר מיט א גערמאניזם.

„פורמאן“ און „מײַ“ זײַנען אויך ניט קיין סלאוויזמען, נאָר גערמאניזמען. אין דײַטש זײַנען פאראן Fuhrman און Mai, וועלכע די יִדן און די סלאוון האָבן געקאָנט איבערנעמען זעלבסטשטענדיק.

יאָפע האלט פאר א סלאוויזם „לימענע“. אָבער דאָס וואָרט קאָן שטאמען ארמיטלבאר פון איטאל. limone. גיכער ווי אלץ האָבן די יִדן נאָך פאר זייער עמיגראציע אין די מיזרעך־סלאווישע לענדער זיך באקענט מיטן דאָזיקן פרוכט אין זייערע האנדל־באַציִונגען מיט איטאליע, אימפּאָרטירנדיק פון דאָרטן צוזאמען מיט אים זײַן נאָמען. אָבער פאראלעל מיט דער אלטער פאָרמע „לימענע“ האָט זיך אין אונדזער צײַט אײַנגעבירגערט אין יִדיש די רוסישע פאָרמע „לימאָנ“ (лимон). בלויז „לימאָנ“ איז א סלאוויזם.

יאָפע האָט פארעכנט אלס סלאוויזם „ניט“, „ניטאָ“, אָבער, ווי ס׳ווײַזט ריכטיק אָן מיזעס, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט א גערמאניזם, ווײַל דער ch אין דײַטשישן nicht פאלט ארויס אין אייניקע דיאלעקטן (באיערישן און שוואבישן).

יאָפע ווײַזט אָן, אז „קוויטאנציע“ שטאמט פון מה“ד — quitanzje, אָבער „קוויטל“ (פארקלענערונג־פאָרמע פון „קוויטאנציע“) שטאמט פון פּוילישן kwitek. דאָס וואָלט געווען ריכטיק, ווען די פּוילישע ענדונג ек — וואָלט געהאט א טענדענץ אריבערצוגיין אין יִדיש אין א „ל“. אינדערעמעסן אָבער בלײַבט דער דאָזיקער סופיקס אין יִדיש אומגעענדערט, ווי עס ווײַזן אונדז „פּאסעק“ און „דאשעק“ (פּ. pasek, daszek). אנטקעגן דעם ליטעראריש־דײַטשישן פארקלענערונג־סופיקס lein — האָבן מיר אין באיערישן דיאלעקט l. הייסט עס, אז דעם מאָקער פון „קוויטל“ דארף מען ניט זוכן אין דער פּוילישער שפּראך.

טשיקאווע זײַנען אייניקע ווערטער, וואָס האָבן זיך באקומען אינעם פּראָצעס פון איבערקרייצנדיקע ווירקונגען. יאָפע האלט ריכטיק פאר א סלאוויזם דאָס וואָרט „פּייסאכאָווקע“, ער גיט אָבער ניט די נייטיקע דערקלערונג. דער וואָרצל פונעם וואָרט „פּייסעך“ איז א יִדישער, צוגעבנדיק צום יִדישן וואָרט א סלאווישן סופיקס, האָבן די סלאוון באקומען א נײַ וואָרט, וואָס אין נאָכדעם ארײַן אין יִדיש. הייסט עס, אז פאר די סלאוון איז „פּייסאכאָווקע“ א יִדיש וואָרט, פאר די יִדן — א סלאוויזם.

מיר קאָנען ברענגען נאָך אן ענלעכן בײַשפּיל: „פאנאבעריע“. אין יִדיש איז עס א סלאוויזם, אָבער דאָס סלאווישע фанаберия שטאמט אליין פון יִדיש: פּײַנע בעריע. „פאנאבעריע“ און „פּײַנע בעריע“ האָבן פארשיידענע באטײַטן.

אזא מין דערשײַנונג קומט פאָר אויך אין אנדערע שפּראכן. אינעם „עקספּאָרט“ און „אימפּאָרט“ פון ווערטער כאזערט זיך אמאָל איבער דאָס, וואָס ס׳באמערקט זיך

אין עקאָנאָמישן לעבן: א געוויסער פּראָדוקט ווערט עקספּאָרטירט אין אויסלאנד אלס רוי־מאטעריאל אָדער האלב־פאבריקאט, ווערט דאָרטן איבערגעארבעט און קערט זיך אום אהיים אין א נייַער געשטאלט.

אין אונדזער צעטל סלאוויזמען האָבן מיר ניט איינגעשלאָסן דאָס וואָרט „קאָטאָוועס“, וואָס יאָפּע האלט עס פאר א סלאוויזם, ווייַל מיר רעכענען ניט זייַנע ראיעס פאר גענוג איבערצייַגנדיקע (יאָפּע פירט עס ארויס פונעם רוסישן катавасия, וואָס באטייַט אין די ראיאָנען פון פּסקאָוו און קאלינין — שטיפעריי. אָבער די ראיאָנען זייַנען צו ווייַט פון די יידישע צענטרען, און ס'איז אומגלויבלעך, אז אזא וויניק פארשפּרייטער באטייַט פונעם רוסישן катавасия זאָל אופגענומען ווערן אזוי ברייט אין אלע יידישע דיאלעקטן).

מיר האָבן איינגעשלאָסן אין דער צאָל פון סלאוויזמען „פישטשעווקעס“, כאָטש מיר האָבן ניט געפונען אין די סלאווישע ווערטערביכער אזא מין וואָרט. די פאָנעטישע געשטאלט פון וואָרט איז אָבער זיכער א סלאווישע. דאָס וואָרט שטאמט אפּאָנעם, פון פּויליש, נאָר עפּשער איז דאָס וואָרט דאָרטן פארשוווּנדן און אין יידיש איז עס פארבליבן.

די לעקסיק פון יעטווידער שפּראך ענדערט זיך מיט דער צייַט. ווערטער שטארבן אָפּ, ווען ס'פארשווינדן די געהעריקע דערשייַנונגען און באגריפן, וואָס ווערן באצייכנט דורך די דאָזיקע ווערטער, און זיי פארבלייַבן אלס ארכאיזמען, פארעלטערטע אָדער היסטאָרישע ווערטער בלויז אין ליטעראטור. אָנשטאָט די „אָפּגעשטאָרבענע“ ווערטער ווערן געבאָרן נייַע, וועלכע שפּיגלען אָפּ נייַע סאָציאלע און פּראָדוקציאָנעלע פארהעלטענישן. ס'איז, לעמאָשל, באוווּסט, אז אסאך ווערטער בא מענדעלען און שאָלעם־אלייכעמען זייַנען שוין איצט אָן קאָמענטארן ניט פארשטענדלעך פאר יינגערן דאָר. די רוסישע יוגנט פארשטייט ניט אָן קיין קאָמענטארן אזוינע אָפּגעשטאָרבענע ווערטער, ווי посадник, под'ячий, смерд א.ד.גל. פאר די יאָרן פון אונדזער אָקטיאבערישער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע זייַנען באשאפן געוואָרן אזעלכע ווערטער, ווי וואָליספּאָלקאָם, אויספּאָלקאָם, אוקאָם, סאָוונארכאָז, ערקאַ א.ד.גל., וואָס זייַנען בא הייַנטיקן מאָמענט שוין פארשוווּנדן אין דער לעבעדיקער רוסישער שפּראך, ווייַל אזוינע אנשטאלטן עקזיסטירן שוין מער ניט (אלס א רעזולטאט פון א ריי רעאָרגאניזאציעס האָבן זייער אָרט פארנומען אנדערע אנשטאלטן מיט אנדערע נעמען).

דאָס איז שייַעך, פארשטייט זיך, אויך צו די אנטלייַונגען פון אנדערע שפּראכן. אלטע אנטלייַונגען קאָנען אין נייַע באדינגונגען פארשווינדן, „אמאָרטיזירט“ ווערן, אפּ זייער אָרט קומען אוף נייַע אנטלייַונגען. די געביטן, פון וועלכע די „אנטלייַענדיקע“ שפּראך שעפּט נייַע ווערטער, בייַטן זיך צוזאמען מיט די לעבנס־באדינגונגען פונעם געהעריקן פאָלק.

דערפון איז געדרונגען, אז ווען מיר ריידן וועגן סלאוויזמען אין דער יידישער לעקסיק, מוזן מיר פּאראלעל מיט דער באגרענעצונג אין אָרט (מיר האָבן אין זינען יידיש בלויז אפּ דער טעריטאָריע פון פססר) באגרענעצן זיך אין צייַט, ד. ה. אויספאָרשן די פראגע וועגן סלאוויזמען אין יידיש פאר א באשטימטן צייַט־אָפּשניט.

מיר האָבן גענומען א פעריאָד פון א מענטשלעכן לעבן — 65—70 יאָר [1]) און צונויפגעזאמלט די סלאוויזמען, וואָס טרעפן זיך אין פארשיידענע ליטערארישע קוואלן פון דעם פעריאָד, אין ווערטערביכער, סײַ יידישע, סײַ סלאווישע א.אז.וו. זעלבסטפארשטענדלעך, אז אויספאָרשן די גאנצע ליטעראטור פאר 70 יאָר איז ניט מעגלעך און ניט נייטיק געווען. מיר האָבן אָבער אויסגעפאָרשט די ווערק פון פארשיידענע שרײַבער, אָפגעבנדיק די מאקסימאלע אופמערקזאמקײַט אונדזערע קלאַסיקער.

אפ אזא אופן שטאמען די סלאוויזמען, וואָס מיר האָבן צונויפגעקליבן, ביקלאל פון ליטערארישע, געדרוקטע קוואלן; א קלענערע צאָל פון אונדזערע סלאוויזמען שטאמט פון פאָלקלאָר, ווי אויך פון דער רייד־שפראך.

ווען א לינגוויסט פאָרשט אויס א שפראך, האָט ער אין זינען די לעבעדיקע רייד־שפראך. ווען מיר ריידן וועגן סלאוויזמען אין יידיש, דארפן מיר האָבן אין אויג די פאָלק־שפראך. אין דער פאָלק־שפראך טרעפן מיר מער סלאוויזמען, ווי אין דער ליטערארישער שפראך. צום באדויערן, פארמאָגן מיר ניט קיין ברייטע לעקסישע אויספאָרשונגען פון דער יידישער רייד־שפראך (אויב מע זאָל ניט רעכענען די זאמלונגען פון פראָפעסיאָנעלער לעקסיק און מאטעריאלן „פון פאָלקסמויל", געדרוקטע אין „דער יידישער שפראך"). די סאמע טיפישע און פארשפרייטע סלאוויזמען געפינען זיך אין די אָדער יענע ליטערארישע קוואלן, מיר האָבן דעריבער מײַנסטנס געקאָנט דורכלאָזן אזוינע סלאוויזמען, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר פראָווינציאליזמען, אָדער דיאלעקטיזמען, ניט כאראקטעריסטישע פאר דער פאָלקס־שפראך אין אלגעמיין. אפילע אין ליטערארישע קוואלן האָבן מיר זיך אָפטמאָל אָנגעשטויסן אפ אזעלכע פראָווינציאליזמען, לאָקאל־דיאלעקטאלע ווערטער, וואָס מיר האָבן ניט געהאלטן פאר נייטיק ארײַנצושליסן אין דער רעשימע פון אונדזערע סלאוויזמען. מיר פרעטענדירן דעריבער ניט, אז אונדזער זאמלונג פון סלאוויזמען אין יידיש זאָל זײַן אנאויסשעפנדיקע.

אפ דער פראגע וועגן דעם, צי האָבן די אָדער יענע סלאוויזמען בירגער־רעכט אין דער ליטערארישער שפראך, שטעלן מיר זיך דאָ ניט אָפ, ווײַל דאָס איז א פראָ־

---

[1]) ס'איז פראקטיש ניט מעגלעך צו באקומען א ריכטיק פאָטאָגראפיש בילד פון א שפראך אין איין מאָמענט אָדער פאר זייער א קורצן צײַט־מעשעך — פאר א טאָג, כוידעש, יאָר. וואָס קירצער ס'איז דער צײַט־אָפשניט פון דער אויספאָרשונג, אלץ נעענטער איז דער רעזולטאט צו דעם הײַנצײַטיקן צושטאנד פון דער שפראך, אָבער גלײַכצײַטיק פארקלענערן זיך די שאנסן אפ צו באקומען א פולקאָמע, אלזײַטיקע פאָרשטעלונג וועגן סלאוויזמען אין יידיש אין זייער היסטאָרישער אנטוויקלונג.

א גרעסערער צײַט־אָפשניט באפרידיקט די דאָזיקע פאָדערונגען. צוזאמען מיט דער מײַלע האָט ער א כעסאָרן: ס'איז אומפארמײַדלעך, אז עס זאָלן פארעגיסטרירט ווערן צוזאמען מיט לעבעדיקע אויך „טויטע", אָפגעשטאָרבענע סלאוויזמען. אסאך פון אמאָליקע סלאוויזמען זײַנען פארעלטערט געוואָרן, זײַנען געוואָרן ארכאיזמען, ווײַל אויך אין די מינדלעכע סלאווישע שפראכן זײַנען די געהעריקע ווערטער פארשוווּנדן, ווי אשטייגער, איספראווניק, פריסוטסטוויע, פראוואָזשיטעלסטווע א.ד.גל.; זיי זײַנען אָבער פאראן אין דער פריערדיקער ליטעראטור און מיר קאָנען זיי דעריבער ניט אויסשליסן. אנדערע ווערטער זײַנען פון דער ליטערארישער שפראך בא הײַנטיקן טאָג באזײַטיקט געוואָרן, אָבער דאָס איז נאָך ניט קיין ראיע, אז די ווערטער האָבן אופגעהערט צו לעבן אין דער מינדלעכער שפראך. פעסטשטעלן דאָס אין יעדן קאָנקרעטן פאל איז ניט אלעמאָל מעגלעך אָן א ספעציעלער אויספאָרשונג.

בלעם פאר זיך. מיר אנאליזירן דאָס פאראנענע אין שפראך, די פאקטן פון דער שפראך ווי זי איז, לאָזנדיק דערווײַל אָן א זײַט די פראגע וועגן דער אָנעמבאַרקײַט פאר דער הײַנטיקער ליטעראַרישער שפראך פון איינצלנע קאָנקרעטע סלאַוויזמען.

מע דאַרף נאָך צוגעבן, אז מיר פארמאָגן דערווײַל ניט קיין אָביעקטיווע קריטעריע אפ צו באַשליסן, צי די אָדער יענע ווערטער דאַרפן באַטראַכט ווערן אלס לאָקאַל־דיאַלעקטאַלע אָדער ניט. אין דער פראגע איז אומפארמײַדלעך א געוויסער גראַד סוביעקטיווקײַט: אַן אוקראַיִנער ייִד קען פאַרנעמען אלס לאָקאַלע דיאַלעקטיזמען אייניקע ווערטער פון ווײַסרוסלענדישן ייִדישן דיאַלעקט, און פאַרקערט: א ליטוויש־ווײַסרוסלענדישער ייִד קאָן באַטראַכטן אלס פּראָווינציאַליזמען אייניקע ווייניק גאַנגבאַרע אין דער ליטעראַטור ווערטער פון אוקראַיִנישן ייִדיש.

אונדזער ווערטערבוך פון סלאַוויזמען אין ייִדיש פאַרמאָגט 1948 ווערטער, ד. ה. אונדזער צאָל סלאַוויזמען איז מער ווי אין 5½ מאָל גרעסער פאַר דער רעשימע, וואָס עס האָט געגעבן י. יאָפע אין זײַן אַרטיקל וועגן סלאַווישן עלעמענט אין ייִדיש [1]. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז פיל פון די ווערטער זײַנען איצט אַרכאַיִזמען, היסטאָרישע ווערטער, וואָס בא הײַנטיקן טאָג טרעפן מיר זיי שוין ניט אין דער לעבעדיקער שפראך. א גרויסער טייל פון אונדזערע סלאַוויזמען, ווי עס ווײַזן די עטימאָלאָגישע אויספאָרשונגען, געפינען זיך ניט אין איינער, נאָר אין עטלעכע סלאַווישע שפראַכן. ס'איז וועגן זיי אָפטמאָל ניט מעגלעך צו זאָגן, אז זיי שטאַמען בלויז פון איין סלאַווישער שפראך: אפן גרונט פון זייער פאָנעטישער געשטאַלט קען מען מאַכן דעם אויספיר, אז זיי זײַנען א פּראָדוקט פון פילפאַכיקער אַנטלײַונג. מיר טיילן דעריבער ניט פאַנאַנדער אונדזערע סלאַוויזמען אפ רוסיזמען, ווײַסרוסיזמען, אוקראַיִניזמען און פּאָלאָניזמען. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן ספּעציעל בלויז אפ דער פראגע וועגן פּאָלאָניזמען, ווײַל זי איז וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון ייִדיש אין די סלאַווישע פעלקער.

## II. פּאָלאָניזמען

כאָטש די ייִדישע אימיגראַציע אין די מיזרעך־סלאַווישע לענדער איז געגאַנגען דורך פּוילן, דאָך איז די צאָל פּאָלאָניזמען אין ייִדיש ניט קיין גרויסע. מיר וועלן באַווײַזן, אז זיי בילדן בלויז א קליינעם טייל פון אונדזערע סלאַוויזמען.

אלס פּאָלאָניזמען רעכענען מיר, אויסער די ווערטער, וואָס געפינען זיך בלויז אין דער פּוילישער שפראך און פעלן אין אַנדערע סלאַווישע שפראַכן, אויך יענע ייִדישע ווערטער, וואָס זײַנען פאַראַן ניט נאָר אין פּויליש, אויב דער פאָנעטישער אַנאַליז באַווײַזט, אז זיי שטאַמען פון פּויליש און ניט פון קיין אַנדער סלאַווישער שפראך.

אפ עטלעכע בײַשפּילן וועלן מיר באַווײַזן, וואָס קאָן און וואָס קאָן ניט ווײַזן דער פאָנעטישער אַנאַליז.

---

[1] „פנקס", ב. 1, העפט 3, ניו־יאָרק, 1928.

„מאלפּע" אנטשפּרעכט דעם אוקראַיִנישן мальпа (אָדער мавпа) און פּוילישן małpa. אזוי ווי דער „ל" ווערט אין יִדיש אויסגערעדט הארט, אָן פּאַלאַטאַליזאַציע, איז א סימען, אז דאָס וואָרט שטאמט פון פּויליש. „פּאָדעשווע" שטאמט פון פּויליש וואָרט podeszwa און ניט פון רוסישן подошва, ווייל דער צווייטער טראָפּ פארהיט דעם אקצענט אויך אין יִדיש און אין אזוינע פאלן ווערן די וואָקאלן אין יִדיש ניט רעדוצירט. „לאָנקע" (לאָנג) שטאמט פונעם פּ. łąka און ניט פונעם וו. ланка (דער פּוילישער נאָזאלער וואָקאל גייט אין יִדיש אריבער אין „אָנ" און ניט אין „אנ").

ווען מיר פארגלייכן:

ספּריטנע, פּ. sprytnie, וו. спрытна

טשעסלער, פּ. ciesla, וו. цясляр

פּעטשערע, פּ. pieczara, וו. пячэра,

זעען מיר, אז פּאָנעטיש זיינען די יִדישע ווערטער נעענטער צו די ווייסרוסישע איידער צו די פּוילישע, מיר קאָנען זיי דעריבער רעכענען פאר ווייסרוסיזמען. דערביי אָבער דארף מען נעמען אין אכט די מעגלעכקייט פון פּילמאָליקער אנטלייונג.

א פּילמאָליקע אנטלייונג שטעלט מיט זיך פּאָר אויך „הוילע" (פּ. hoły, וו. голы, אוקר. голий, ר. голый). דער יִדישער „ה" ווייזט, אז פון רוסיש שטאמט דאָס וואָרט געוויס ניט, דער יִדישער „ה" איז דאָ ענלעך צום אוקראַיִנישן אָדער ווייסרוסישן פריקאטיוון "r„ = h, עפּשער אויך צום פּוילישן h. גיכער פון אלץ איז דאָס וואָרט א ווייסרוסיזם, מעגלעך אויך גלייכצייטיק א פּאָלאָניזם.

דעם פּ. jucht, וו. юхта אנטשפּרעכן אין יִדיש צוויי פאָרמעס: יוכט און יוכטע. די ערשטע — איז ניט קיין סלאוויזם, ווייל אין דייטש האָבן מיר אויך Jucht, די צווייטע — א ווייסרוסיזם.

א היפּשע גרופּע ווערטער קאָן מען אלציינס פארעכענען אלס פּאָלאָניזמען אָדער אלס אנטלייונגען פון אנדערע סלאווישע שפּראכן.

דראפּען, וו. драпаць, פּ. drapać

זאטשעפּען, וו. зачапіць, פּ. zaczepić

נודזיען, וו. нудзіць, פּ. nudzić

פארסמאָלעווען, ר. засмолить, פּ. zasmolić

פּראצעווען, וו. працаваць, פּ. pracować

פאסטריגעווען, וו. фастрыгаваць, פּ. fastrygować

שאנעווען, וו. шанаваць, פּ. szanować

דלובען, אוקר. длубати, פּ. dłubać

ריכטעווען, אוקר. рихтувати, פּ. rychtować

צו די סאָפּעקדיקע פּאָלאָניזמען געהערן אויך פיל אנדערע ווערטער, צום ביישפּיל:

פּראצע, וו. праца, פּ. praca

פּריקרע, וו. прыкра, פּ. przykro

צווינטער, אוקר. цвинтар, פּ. cwintarz

פאָלווערק, וו. фольварк, פּ. folwark

צימבל, וו. цымбалы, פּ. cymbały
קאווענע, אוק. кавун, פּ. kawon
ראפּטעמ, וו. раптам, פּ. raptem
פּלידערנ, וו. плюдры, פּ. pludry
נעכאי, וו. нехай, פּ. niechaj
פּארקאנ, וו. паркан, פּ. parkan
פּושקע, וו. пушка, פּ. puszka
מוליער, אוקר. муляр, פּ. mularz
יאָלעפּ, וו. ёлуп, פּ. jołop
טארטאק, וו. тартак, פּ. tartak
רימער, וו. рымар, פּ. rymarz

מע קאָנ מיינענ, אז, אשטייגער, „ראפּטעמ" מוז זיינ דאפקע א פּאָלאָניזמ, וויל דער וואָקאל אינעמ לעצטנ טראפּ **ע** אנטשפּרעכט דעמ פּוילישנ e און ניט דעמ ווייסרוסישנ a. ס'איז אָבער ניט קיינ ריי, וויל דער a פונ א ניטאקצענטירטנ טראפּ קענ אינ יידיש אריבער אינ אנ **ע**. „מוליער" און „רימער" קאָנענ זיינ סיי אוקראינישע־ווייסרוסישע ווערטער, סיי פּוילישע. קעגנ אָנערקענענ זיי אלס פּאָלאָניזמענ קאָנ ארויסגערוקט ווערנ אזא ארגומענט: די פּוילישע ווערטער ענדיקנ זיכ אפּ rz, אנ אפּריקאטע, וואָס ווערט אינ יידיש איבערגעגעבנ מיינסטנס דורכ **זש** אָדער **ש**. מיר וויסנ אָבער פונ באשטימטע פּאָלאָניזמענ, ווו דער rz וואָרט־אויס ווערט איבערגעגעבנ דורכ א פּאָשעטנ „ר": פּענכער (pęcherz). ס'איז דעריבער ניט אויסגעשלאָסנ, אז אויכ „מוליער" און „רימער" זיינענ פּאָלאָניזמענ.

אינ אלגעמיינ האָבנ מיר אָנגעציילט 129 פּאָלאָניזמענ זיכערע און 51 סאָפּעקדיקע (מיט א ווארשיינלעכקייט — ½). ווענ מיר זאָלנ אָנעמענ, אז אויכ די לעצטע קאטעגאָריע דארפ פארעכנט ווערנ פאר פּאָלאָניזמענ, וויל די אנטשפּרעכיקע ווייסרוסישע און אוקראינישע ווערטער האָבנ מיינסטנס געקאָנט איבערגענומענ ווערנ פונ פּויליש, באקומענ מיר סאכאקל 180 פּאָלאָניזמענ זיכערע און צווייפלהאפטע. הייסט עס, אז די צאָל פונ פּאָלאָניזמענ צווישנ אונדזערע סלאוויזמענ אינ יידיש איז מאקסימומ ארומ 9 פּראָצ. דאָס איז שייעכ צו דער שפּראכ פונ יידנ אינ פססר. אינ פּוילנ פארמאָגט די יידישע שפּראכ מער פּאָלאָניזמענ (דאָס שפּיגלט זיכ אויכ אָפּ אינ דער אָרטיקער יידישער ליטערארישער שפּראכ), נאָר אפילע דאָרטנ בילדנ די פּאָלאָניזמענ א מינדערהייט צווישנ אלע סלאוויזמענ אינ יידיש.

## III. פונ וואנענ האָט יידיש געשעפּט די אינטערנאציאָנאלע טערמינאָלאָגיע

די גרעסטע מערהייט אינטערנאציאָנאלע און ביקלאל אנדערשפּראכיקע ווערטער איז אריינ אינ די סלאווישע שפּראכנ אינ 18־טנ און באזונדערס אינ 19־טנ און אינ 20־טנ יאָרהונדערטער. אינ יידיש דרינגענ אזוינע ווערטער אריינ שפּעטער, אָנהייבנדיק פונ דער צווייטער העלפט פונ 19־טנ יאָרהונדערט, צוזאמענ מיט דער אנטוויקלונג

פון דער האסקאָלע צווישן די יִדן פונעם געוועזענעם צארישן רוסלאנד. די ערשטע מאסקילים האָבן לעכאטכילע געשעפט וועלטלעכע קענטענישן פון דער דײַטשישער ליטעראטור, וואָס האָט צוערשט געדינט אלס קוואל פון אינטערנאציאָנאלער טערמינאָלאָגיע אין יִדיש אין א דײַטשישער פאָרם. די אָריִענטאציע אף דער דײַטשישער קולטור איז געקומענ פון די ברייטע האנדל־באציִונגען, וואָס די יִדישע בורזשואזיִע האָט געהאט מיט די גערמאנישע שטעט. ווען די האסקאָלע־באוועגונג האָט זיך שטארק פארשפרייט און האָט געבראָכן די מאסן־אָפּאָזיציע קעגן די וועלטלעכע שולן, ווען ס'איז שוין ניט נייטיק געווען צו דערווײַזן די יִדישע מאסן דעם נוצן פון בילדונג ביכלאל און פון קענען די רוסישע שפראך ביפראט, ווען טויזנטער מענטשן פון דער יִדישער יוגנט האָבן זיך א לאָז געטאָן אין די גימנאזיעס און אין די הויכשולן, ווען ס'הייבט זיך אָן א שנעלער וווּקס פון דער יִדישער אינטעליגענץ, האָט זיך דאן די לאגע געביטן [1]). ניט נאָר אין ליטע, ווײַסרוסלאנד, אוקראִינע, נאָר אויך אין פוילן פלעגט די יִדישע אינטעליגענץ באקומען די בילדונג אין דער רוסישער שפראך, ווײַל די צארישע רעגירונג האָט דורכגעפירט א רוסיפיקאטאָרישע פאָליטיק און האָט פארבאָטן לערנען אין די שולן אף דער מוטערשפראך פון די קינדער. פאר דער יִדישער אינטעליגענץ איז די רוסישע שפראך און ליטעראטור געוואָרן דער גרונט־מאָקער פון קענטענישן, דעריבער האָט זי איבערגענומען און ארײַנגעטראָגן אין דער יִדישער ליטערארישער שפראך אינטערנאציאָנאלע און א ריי אנדערשפראכיקע ווערטער ביקלאל אין אזא פאָרמע, וועלכע די ווערטער האָבן אָנגענומען אין דער רוסישער שפראך.

אין „קול מבשר" טרעפן מיר, צום בײַשפיל, „פאנאטיזמוס" פאראלעל מיט דער רוסישער פאָרמע — „פאנאטיזם". שפעטער, צום סאָף פונעם 19־טן יאָרהונדערט און אָנהייב 20־טן, האָבן אייניקע יִדן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געלעבט אין אויסלאנד אין עמיגראציע, געפרווווט ארײַנפירן אינעם געביט פון געזעלשאפטלעך־פּאָליטישער טערמינאָלאָגיע „דײַטשמערישע" פאָרמען, צום בײַשפיל, סאָציאליזמוס, רעוואָלוציאָן (דאָס לעצטע איז א פראנצויזיש וואָרט, וואָס די דײַטשישע שפראך האָט

[1]) מע דארף באמערקן, אז דער „קול מבשר", וואָס האָט אין אלגעמיין דורכגעפירט א דײַטשמערישע ליניע אין דער יִדישער שפראך, האָט קנאפ געגלייבט אין דער צוקונפט פון יִדיש און באטראכט דעם „זשארגאָן" אלס אויפקלערונג־מיטל, קעדיי צוגרייטן דעם איבערגאנג פון יִדיש צו רוסיש. די צײַטונג האָט געשריבן אין 1867 יאָר (נומ. 35) קעגן די, וואָס ווילן „מיט איין מאָל דעם זשארגאָן אין גאנצן פערטיליגען. דאָס איז אוממעגלעך. מע קען ניט עלטערע מענטשן פיהרען אין שולע און אָפּגעוועהנען פין א לשון, וואָס איז בייא זייא דיא מוטטער שפראכע. אויך ברענגען זיי דיא געשעפטען אין פארבינדונג מיט יודען פין אנדערע לענדער וואָס פארשטעהען קיין רוסיש. מיר מוזען נאָר אויף דעם נײַען דור זעהן, זיי זאָללען זיך געוואהנען רוסיש צו רעדען, דורך דיא שולען, וואָס זייא בעזוכען, זייא וועלין שוין מיט זייערע קינדער פון קליינערהייט אָן רעדען רוסיש, און ערשט בייא דעם דריטטען פירטען דור וועט רוסיש זײַן דיא מוטטערשפראכע". (מיר פארהיטן די אָרטאָגראפיע פונעם אָריגינאל, אויסער די ענדאויסיעס). ענלעכע מיינונגען האָט די רעדאקציע ארויסגעזאָגט אויך אין די שפעטערדיקע יאָרן.

בא אזא מין אָריִענטאציע איז גאנץ נאטירלעך, וואָס פאראלעל מיט דער גערמאניזאטאָרישער, דײַטשמערישער טענדענץ האָט די צײַטונג ברייט אויפגענומען פארשיידענע סלאוויזמען, באזונדערס אין דער שפראך פון די אָפיציעלע מיטיילונגען. פיל פון אזוינע סלאוויזמען זײַנען דערנאָך אין דער ליטערארישער שפראך פארשוווּנדן.

איבערגענומענ אָנ ענדערונגענ), נאָר אזוינע פאָרמעס האָבנ זיכ ניט אײַנגעהאלטנ אינ ייִדיש אונ זײַנענ ארויסגעשטויסנ געוואָרנ דורכ רוסישע פאָרמעס — סאָציאַליזמ, רעוואָליוציע (דאָס רוסישע я פונ революция גייט אינ ייִדיש אריבער אינ ע).

אז דער הויפּט־קוואל פונ דער אינטערנאציאָנאלער טערמינאָלאָגיע איז די רוסישע שפּראכ, באגרינדעט י. יאָפּע (אינ זײַנ אריבנציטירטנ ארטיקל אינעמ אמעריקאנער „פּנקס") מיט פאָלגנדיקע ארגומענטנ:

דער דײַטשישער s וואָרט־אײַנ פאר וואָקאלנ ווערט אינ ייִדיש איבערגעגעבנ אלס קלאַל דורכ ז: Sache — זאכ, sammel — זאמלענ, sieben — זיבנ א.ד.גל. אָבער די אינטערנאציאָנאלע ווערטער באקומענ אינ ייִדיש די זעלבע פאָרמע, וואָס אינ רוסיש (אָדער אנדערע סלאווישע שפּראכנ); דעמ דײַטשישנ s פארנ וואָקאל אנטשפּרעכט אינ ייִדיש ניט קיינ ז, נאָר א ס, ווײַל אינ רוסיש האָבנ מיר א c [1]). צומ בײַשפּיל, סאלאָנ, סארדינקע, סארקאזמ, סעקטע, סעקונדע, סעמינאר, סענאט, סענטימענטאל, סערענאדע, סעריע, סיגנאל, סירענע, סאָליסט, סוביעקט, סאָפּראנע, סינדיקאט, סימפּטאָמ, סומע, סאָפּע, סינאָנימ, סימפּאָניע, סאָנעט.

מער איבערצײַגנדיק זײַנענ יענע בײַשפּילנ, ווו צווישנ ייִדיש אונ דײַטש איז דאָ אנ אונטערשייד ניט נאָר אינ דער אויסשפּראכ פונעמ אָנפאנגלעכנ אָס, נאָר אויכ אינ די ענדונגענ, אינעמ מינ, אקצענט, וואָס זײַנענ אינ ייִדיש אלציינע ווי אינ דער רוסישער שפּראכ:

סארקאזמ, סאָציאַליזמ, סענסאציע, סעסיע, סילועט, סיטואציע, רעוואָליוציע, סאָרט, סופליאָר, סימוואָל, סינטעז (Sarkasmus, Sosialismus, Sensation, Session, Silhouette, Situation, Revolution, Sorte, Soufleur, Symbol, Synthese); סאָציאָלאָגיע, סימעטריע (Sociologie, Symetrie); דער סינטאקסיס, די סיסטעמע, דער סיפיליס (die Syphilis, die Syntax, das System); אינ דער ליטעראַרישער שפּראכ ווערט געברויכט „סינטאקס", דאָס איז שוינ א גערמאנישע פאָרמע.

דער אקציז, אנעקדאָט, באגאזש, עקסטאז, עפּיזאָד, עלעקטראָד, קאטאָד, פּעריאָד, מעטאָד, פאסאד, פלאָט, לימאָנאד, שאָקאָלאד, טואלעט, סינטעז, אנאליז, אוואנגארד—

---

[1]) די דײַטשישע שפּראכ האָט ניט קיינ אײַנהײַטלעכע אויסשפּראכ פונ s פאר וואָקאלנ אינ אנדערשפּראכיקע ווערטער, אונ דאָס דארפ מענ האָבנ אינ זינענ באמ לייענענ די בײַשפּילנ, וועלכע מיר ברענגענ ווײַטער.

טעאָדאָר זיבס (Deutsche Bühnenaussprache, 14-e Auflage, Köln, 1927. s. 66 — 67) פאָרמולירנדיק קלאָלימ פונ אָרטאָעפּיע פאר דער שפּראכ פונ טעאטער, קאָנסטאטירט די פאָלגנדיקע אויסשפּראכ פונ s וואָרט־אײַנ:

1) וואָרט־אײַנ פאר וואָקאלנ אינ פראנצייזישע אונ איטאליענישע ווערטער ווערט אויסגעשפּראָכנ א דומפּער s (ד. ה. ס.—מ. ש.), ווענ זייער פרעמדער אָפּשטאמ ווערט אופגענומענ. אפּ אזא אויפנ איז גלײַכער א דומפּער s אינ די ווערטער Saint ...Saison, Salon, Souvenir... אָבער Silhouette, Sergeant, Souper, Solo, Sauce מיט א קלינגענדיקנ s (ד.ה. ז.—מ. ש.), אויב מע דארפ ניט באזונדערס אונטערשטרײַכנ זיי אלס פרעמדע ווערטער... אינ ווערטער פונ גריכיש, לאטיינ א.אז.וו. הערשט דער קלינגעוודיקער s, צומ בײַשפּיל, Syrien, Sirene, Serenade, Salat...

2) וואָרט - אײַנ פאר קאָנסאָנאנטנ ווערט אויסגעשפּראָכנ א דומפּער s, לעמאָשל, Skandal, Sklaven...

האָבן אין יִדיש דעם זעלבן מין, ווי אין רוסיש. אין דייַטש ווערן זיי געברויכט מיטן ארטיקל die ; יִדיש ווי רוסיש פארלירט דאָ די ענדונג e, וואָס די ווערטער פארמאָגן אין דייַטש.

דער רעפעראט, מאנדאט, מאקסימום, מינימום, אידעאל האָבן דעם זעלבן מין, וואָס אין רוסיש, אין קעגנזאצ צום דייַטשישן דריטן מין (das), די ציטאטע, פריווילעגיע, קאָלעגיע האָבן אין יִדיש דעם זעלבן מין, וואָס אין רוסיש, אין דייַטש אָבער זייַנען זיי פון דריטן מין. אויך די ענדונג פון די ווערטער באווייַזט, אז זיי שטאמען ניט פון דייַטש, נאָר פון רוסיש.

אנדערשפראכיקע ווערטער פון גריכישן און לאטייַנישן אָפּשטאם, וואָס פארמאָגן אין דייַטש די ענדונג ma, (m) m האָבן דאָרטן דעם דריטן מין, אין רוסיש אָבער זייַנען זיי פון צווייטן מין (программа, поэма, аксиома, проблема), אָבער диплом, аромат, симптом, זייַנען פון ערשטן מין. דעם זעלביקן מין ווי אין רוסיש האָבן די ווערטער אויך אין יִדיש: די אקסיאָמע, פראָבלעמע א.אז.וו. אָבער דער דיפלאָם, דער סימפּטאָם, דער אראָמאט.

„אראָמאט” האָט אין יִדיש פונקט די זעלבע פאָרם ווי אין רוסיש.

אז די אנדערשפראכיקע ווערטער זייַנען אריַין אין יִדיש טאקע דורך רוסיש און ניט דורך אנדערע סלאווישע שפראכן, קאָן מען זיך לייַכט איבערצייַגן. אין פויליש שרייַבט מען dramat, poemat, problemat, יִדיש ווייס ניט פון אזוינע ענדונגען, די אלע ווערטער ענדיקן זיך אין יִדיש אפ — ע, וואָס אנטשפרעכט דער רעדוצירטער רוסישער ענדונג a. ווען מיר פארגלייַכן אין יִדיש „אטאקע” מיטן פוילישן atak און רוסישן атака, איז קלאָר, אז דאָס וואָרט קומט אין יִדיש ניט פון פויליש, נאָר פון רוסיש.

אין פוילישן שרייַבט מען: aferysta, artysta, akcysa, aktywa, aktywista, anilina, anarchista, antysemita, ateista, parafina, poeta, despota א.ד.גל. ; ווען יִדיש וואָלט איבערגענומען די ווערטער דורך דער פוילישער שפראך, וואָלטן זיי זיך געענדיקט אפ — ע, ווייַל דאָס סלאווישע ענד — a גייט אין יִדיש אריבער אין ע. די אלע ווערטער האָבן אָבער ניט אין יִדיש קיין שום וואָקאל צום סאָף, ווייַל זיי זייַנען אריַין אין יִדיש דורך רוסיש: анархист, акциз, актив, антисемит, парафин, афе-рист א. אז. וו.

מיר קומען צום אויספיר, אז אינטערנאציאָנאלע טערמינאָלאָגיע האָט יִדיש געשעפּט איבערהויפּט דורך דער רוסישער שפראך. די צאָל אינטערנאציאָנאלע טערמינעס, באזונדערס אין וויסנשאפטלעכן, טעכנישן, פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביט איז גאנץ גרויס. אָבער די אינטערנאציאָנאלע טערמינאָלאָגיע אין יִדיש, כאָטש זי האָט זיך אויסגעפאָרמירט אונטער דער ווירקונג פון דער רוסישער שפראך, פארעכענען מיר ניט אין דער צאָל סלאוויזמען אין ד י ר ע ק ט ן ז י נ פון וואָרט און שליסן ניט אריַין אין אונדזער לעקסיקאָן פון סלאוויזמען, אפ וויפל דער אנדערשפראכיקער אָפּשטאם פון אזוינע טערמינעס לאָזט זיך נאָך פילן אין דער רוסישער שפראך. מיר שטרייַכן בלויז אונטער די סלאווישע ווירקונג אין דער דאָזיקער פילצאָליקער ווערטער־גרופּע, וואָס פארנעמט אן אָנזיכטיקן אָרט אין יעטווידער שפראך.

# IV. סלֿאוויזמענ אונ סאָציִאלֿע דיפערענציִאציע אינ ייִדיש

באציִונגענ מיט דער ארומיקער סלֿאווישער בֿאפעלֿקערונג האָבֿנ געהאט אלֿע קלֿאסנ בא ייִדנ, אָבֿער דער כאראקטער פונ די סלֿאוויזמענ אינ דער שפראכ פונ פארשיידענע סאָציִאלֿע גרופעס, זייער פארנעמ, ספעציפישער געוויכט אונ אינהאלֿט זײַנענ אָפהענגיק פונ די לֿעבֿנס־בֿאדינגונגענ פונ יעדנ שיכט ייִדישער בֿאפעלֿקערונג אונ פונ יענע סאָציִאלֿע סלֿאווישע קרײַזנ, מיט וועלֿכע די געגעבֿענע ייִדישע סאָציִאלֿע גרופירונג איז מער ווי אלֿצ געווענ פארבֿונדנ.

די ייִדישע בֿאלֿמעלֿאָכעס האָבֿנ אינ א בֿאדײַטנדיקנ טיילֿ בֿאדינט די פויערימ. אסאכ אזוינע האנטווערקער פלֿעגנ ספעציִעלֿ אומוואנדערנ צולֿיבֿ ארבעט איבֿער די דערפער. וועגנ די בֿאלֿמעלֿאָכעס זאָגט מענדעלֿע אינ „שלֿוימע רעבֿ כאיִמס", אז זיי פלֿעגנ אינ זייערע לֿידער ארײַנשטעלֿנ סלֿאווישע ווערטער, אזוי, אז ס'פלֿעגט זיכ בֿאקומענ „האלֿבֿ ייִדיש, האלֿבֿ רייסיש" (ווײַסרוסיש). דער ייִדישער פראָלֿעטאריאט, וואָס פאָרמירט זיכ שפעטער, נעמט ארײַנ אינ זײַנ שפראכ, ספעציִעלֿ אינ זײַנ פאָלֿקלֿאָר־שאפונג פילֿ רוסישע ווערטער, וואָס געהערנ צומ עקאָנאָמישנ אונ פאָלֿיטישנ קאמפ: זאבֿאסטאָווקע, נאבֿאווקע, סוואָבֿאָדע, סאָזנאטעלֿנע, שאשקע, נאהײַקע, דאָלֿאָי, סטא־טשקע, סישטשיק, סאמאָדערזשעצ, אָבֿלֿאווע, אוטשאסטאָק, פראוויטעלֿסטווע, אָסטראָג, ראסטשאָט א.ד.גלֿ. אזוי איז עס אויכ מיט א ריי פראָדוצירייש־פראָפעסיִאָנעלֿע רו־סישע טערמינעס. דאָס אלֿצ שפיגלֿט זיכ בֿאזונדערס אָפ אינ פאָלֿקלֿאָר, אינ וועלֿכנ ס'פילֿט זיכ א שטארקע ווירקונג פונעמ סלֿאווישנ פאָלֿקלֿאָר.

אויסער אײנצלֿנע סלֿאוויזמענ, טרעפנ מיר אינ פאָלֿקלֿאָר גאנצע סלֿאווישע סטראָ־פעס אונ פראזעס. אָפטמאָלֿ ווערנ געגעבֿנ פאראלֿעלֿ אנ אוקראיִנישער אָדער ווײַס־רוסישער טעקסט אונ זײַנ ייִדישע איבֿערזעצונג.

אזא מינ צוויישפראכיקײַט איז געווענ צו בֿאמערקנ אינ די אלֿטע לֿידער ניט בֿלֿויז פונ בֿאלֿמעלֿאָכעס, נאָר אויכ פונ די אנדערע סאָציִאלֿע שיכטנ, בֿאזונדערס פונ די, וואָס האָבֿנ געוווינט אינ דאָרפ אָדער אינ שטעטלֿ אונ זײַנענ געווענ פארבֿונדנ מיט די פויערימ אלֿס קלֿיינע הענדלֿער. א געמישטע שפראכ קאָנ מענ אויכ טרעפנ אינ די לֿידער פונ די בורזשואז־קלֿעריקאלֿע עלֿעמענטנ. זיי ברויכנ אָבֿער העברעיִ־שע פראזעס, וועלֿכע טרעפנ זיכ ניט אינ די לֿידער פונ די ארבעטנדיקע ייִדנ, ווי לֿעמאָשלֿ:

אלֿו ואלֿו צועקים חי,
א טרונק בראָנפנ פאָדאוואי.

גאנצע סלֿאווישע סטראָפעס אונ פראזעס קאָנ מענ געפינענ אינ די כאסידישע לֿידער, צומ בײַשפילֿ:

„זאהראי מעני קאָזאטשענקאָ נא־דודו, פאָ כאסידסקאָמו!"

די קלֿענסטע צאָלֿ סלֿאוויזמענ געפינענ זיכ אינ די אלֿטע לֿיבֿע־לֿידער, וואָס זײַ־נענ בֿאשאפנ געוואָרנ איבֿערהויפט אינ דער סוויווע פונ ארבעטער אונ קלֿיינביר־

גערטום. פאר די דאָזיקע לידער איז כאראקטעריסטיש א לעפּיערעכ ריינע און זאפטיקע יידישע פאָלקס־שפּראכ.

אינ די פאָלקס־לידער וועגנ דעמ רוסיש־יאפּאָנישנ קריג און וועגנ דער וועלט־מילכאָמע איז דאָ א מאסע רוסיזמענ פונ מיליטערישער טערמינאָלאָגיע.

אָפּקלייַבנדיק טיפּישע סלאוויזמענ פונ פאָלקלאָר, האָבנ מיר גענומענ אינ אכט בלויז איינצלנע סלאווישע ווערטער, וואָס זייַנענ אריינגעפלאָכטנ אינ דעמ יידישנ טעקסט, אָפּוואַרפנדיק די גאנצע סלאווישע פראזעס אינ די צווייִשפּראכיקע לידער: זינגענדיק א גאנצע סלאווישע סטראָפע, רעדט א ייד אינ דעמ מאָמענט שוינ ניט קיינ יידיש, נאָר סלאוויש.

די סלאוויזמענ אינ דער שפּראכ פונ ארבעטער, האנטווערקער, קוסטארנ, קליינע הענדלער כאפּנ ארומ באגריפנ, וואָס זייַנענ געווענ געמיינזאמ בא זיי און בא די פויערימ, ארבעטער און מעשטשאנעס פונ די ארומיקע סלאווישע פעלקער, אלס רעזולטאט פונ ווירטשאפטלעכ־שטייגערישנ צוזאמענלעבנ.

די סלאוויזמענ אינ דער שפּראכ פונ די יידישע עקספּלואטאטאָרישע קלאסנ און פונ דער יידישער בורזשואזער אינטעליגענצ, האָבנ מיינסטנס אנדערע כאראקטעריסטישע שטריכנ. די יידישע גרויסע הענדלער און די אינדוסטריעלע בורזשואזיע זייַנענ געווענ פארבונדנ איבערהויפּט מיטנ פּאָרעצ, מיט וועמענ זיי האָבנ געפירט גרויסע האנדלס־אָפּעראציעס, מיט דער מעלוכע־מאכט, מיט נאטשאלסטווע, פאר וועמענ זיי פלעגנ ארויסטרעטנ אלס פּאָדראטשיקעס, ליפעראנטנ, פּאָרשטייער פונ קעהילעס, שטאדלאָנימ א.אז.וו. די דאָזיקע יידישע סאָציאלע שיכטנ זייַנענ געווענ מערער פארבונדנ מיט דער שטאָט, איידער מיטנ דאָרף, זיי שעפּנ זייערע סלאוויזמענ איבערהויפּט פונ דער שפּראכ פונ דער שטאָטישער און ניט פונ דער דאָרפישער סלאווישער באפעלקערונג. וואָס מער די יידישע בורזשואזיע ווערט אָפּגעריסנ פונ דער קליינשטעטלדיקער סוויווע, וואָס גרעסער ס׳ווערט דער מאסשטאב פונ אירע עקאָנאָמישע פארבינדונגענ מיט די הערשנדיקע קלאסנ פונ דער ארומיקער סלאווישער באפעלקערונג, אלצ א גרעסערנ אָרט פארנעמענ די סלאוויזמענ אינ דער שפּראכ פונ דער יידישער בורזשואזיע. צוליב א מער דערפאָלגרייַכנ קאמפ פאר אירע עקאָנאָמישע אינטערעסנ שטרעבט די יידישע בורזשואזיע צו באהעפטנ זיכ צו דער רוסישער קולטור און שפּראכ. דעמ גרעסטנ טייל סלאוויזמענ אינ דער שפּראכ פונ די יידישע הערשנדיקע קלאסנ און די שיכטנ, וואָס האָבנ זיי באדינט — אָנגעשטעלטע, אינטעליגענצ, איז באשטאנענ פונ רוסיזמענ. די פּאָרשטייער פונ די דאָזיקע סאָציַלע גרופּעס האָבנ געהאלטנ, אז אָנזעטיקנ די שפּראכ מיט רוסיזמענ הייסט ארויסווייַזנ א סימענ פונ „קולטורעלישקייַט״, „אינטעליגענטישקייַט״. די קליינבירגערלעכע שיכטנ גלייַכנ זיכ טיילווייַז לויט דער שפּראכ פונ די הערשנדיקע קלאסנ און בורזשואזער אינטעליגענצ.

צווישנ דער יידישער בורזשואזיע גופּע זייַנענ געווענ פארשיידענע שיכטנ. דער טייל אירער, וואָס איז עקאָנאָמיש ענגער געווענ צוזאמענגעפלאָכטנ מיט די יידישע מאסנ און האָט זיי מערער באדינט, איידער די סלאווישע קליענטור, איז ווייניקער געווענ באווירקט אינ דער שפּראכ פונ סלאוויש, אינ זייַנ שפּראכ איז געווענ שטארק די האשפּאָע פונ דער העברייִשער קולטור. פארקערט, בא יענע גרופּעס יידישער

בורזשואזיִע, וואָס האָבן אַלס גילדײַישע סאָכרים געפירט גרויסע געשעפטן אויסערן „טכום" און געדרייט זיך אין די בירזשע־ספערעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פאָדריאַדן א.ד.גל., איז די שפראַך געווען אַמייסטן רוסיפיצירט.

שאָלעם אַלייכעם האָט אין זײַנע ווערק געגעבן אַן אויסגעצייכנטע בוילעטע קינסט־לערישע אָפּשפּיגלונג פון די דאָזיקע פּראָצעסן אין דער שפּראַך.

אין זײַנע דערציילונגען „מאַריענבאַד" (זאַמלונג „זומער־לעבן") ווערט געשילדערט די בורזשואַזיִע און איר שפּראַך־סטיל. נאָר וואָס פאַר אַן אָפּגרונט ס'איז צווישן דער שפּראַך פון וועלוועלע יאַמאַיקער — אַ וואַרשעווער סוחר, וואָס זיצט פּעסט מיט אַלע זײַנע וואָרצלען אַף די וואַרשעווער נאַלעווקעס און איז, אַפּאָנעם, אין זײַן גאַנצער ווירטשאַפטלעכער טעטיקײַט ענג פאַרבונדן מיט דער ייִדישער מאַסע — און פון מייער מאַריאַמטשיק, — אַ פראַנט, אַ וועלטלעכער מענטש, אַ שאַרלאַטאַן, וואָס דרייט זיך אין די קרײַזן פון די הערשנדיקע קלאַסן פאַר פאַרשיידענע נאַציעס, אין די בירזשע־ספערעס. יאַמאַיקער איז דורכגעדרונגען מיט דער אַלטער קולטור, וואָס שטעקט אין יעטווידער שורע פון זײַנע בריוו, ווי העברעיִשע שפּראַך־ווענדונגען, פראַזעס און ווערטער פאַרנעמען אַ מער אָנזיכטיקן אָרט איידער ייִדישע. מייער מאַריאַמטשיקס שפּראַך און בריוו זײַנען, פאַרקערט, פאַרפלייצט מיט רוסיזמען, ייִדישע ווערטער בילדן דאָ אַ קליינע מינדערהייט אין זײַן לעקסיקאָן, און ייִדיש איז בײַ אים, אייגנטלעך, בלויז די מאָרפאָלאָגיע און דער סינטאַקס, די לעקסיק אָבער איז מייסטנס שוין ניט קיין ייִדישע.

בײַ מאַריאַמטשיקן טרעפן מיר אַזעלכע רוסיזמען:

אופרעקאיעט, דושינקע, בודטאָ, פּאָטשטי, סקוקע, סושטשעסטוואָ, איזבעגײַע, טשומאַ, אָטנאָסי זיך, זשענשטשינעס, וואָבשטשע, פרעזיראיע, ספלעטניצעס, סאָוועטעווע, דאָווערױע, באַסני, נאַפּעטשאַטעווען, אוסלאָוויע א.ד.גל.

מאַריאַמטשיק שעמט זיך שרײַבן און ריידן ייִדיש. ווען ער שיקט אַ ליד אין אַ ייִדישער צײַטונג, בעט ער די רעדאַקציע דרוקן עס אָן זײַן אונטערשריפט, מאָטיווירנדיק עס אַזוי:

„ס'איז מיר ניט לאָוקע, ווײַל ס'איז אויף זשאַרגאָן".

אין דער זעלבער זאַמלונג בײַ שאָלעם אַלייכעמען האָט אַ „מאַדאַם" פון אַ גוויר, אַף דער פראַגע, צי איז גוט די לופט בײַ זיי אַף דער דאַטשע, שטאָלץ געענטפערט אַף רוסיש: „נאַ טשטאָ נאַם וואָזדוך, קאָגדאַ דענגי יעסט".

אין שאָלעם אַלייכעמס פּיעסע „דאָס גרויסע געווינס" איז די שפּראַך פונעם גווירישן זינדל סאָלאָמאָן פײַן פול מיט רוסישער „פראַזעאָלאָגיע". אַף יעדן שריט און טריט שיט ער מיט אַזעלכע ווערטלעך, ווי: „נעאָוזשעלי", „פּאָ קרײַני מערע", „אָטשען שטשאַסטליוו", „אָטשען ראַד", „דאָראָגאָי סאָסעד", „קאָגדאַ זשע", „עטאָ ניע מאָיאָ דעלאָ", „עטאָ מעניאַ ניע קאַסאַיעטסיאַ" א.ד.גל. דער שאַדכן סאָלאָווייטשיק, וואָס באַדינט אַ רײַכע קליענטור, פײַנט זיך אויס, לויטן מוסטער פון דער שפּראַך פון דער ייִדישער בורזשואַזיִע, מיט אַזעלכע רוסישע שפּראַך־ווענדונגען, ווי: „טשטאָ, ניבוד אָסאָבענאָיע", „זאַמעטשאַטעלנאָ", „טשטאָ זאַ וואָפּראָס", „באָזשע סאָכראַני", „איזוויניטע גאָספּאָדאַ". אַנאַלאָגיש איז דער לעקסיקאָן פונעם באַנק־בוכהאַלטער הײמעלפאַרב (צום בײַשפּיל, „באָג וואַס זנאַיעט").

טשיקאווע איז, ווי אזוי ס'האָט זיך געענדערט די שפּראַך פונעם שנײַדער שימעלע סאָראָקער און זײַן פרוי, ווען ער האָט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס און איז אדאַנק דעם אַרײַן אין דעם קרײַז פון דער בורזשואַזיע. צו ווייניק צײַט האָט ער געהאַט די מעגלעכקײַט צו באַנוצן זיך מיט זײַן רײַכקײַט, דעריבער האָט זײַן שפּראַך נאָך ניט דערוויזן שטאַרק זיך צו ענדערן און אַרײַננעמען אין זיך די רוסיזמען, וואָס זײַנען געווען גאַנגבאַר אין די קרײַזן פון דער ייִדישער בורזשואַזיע. ער און זײַן פרוי האָבן זיך צוגעאײַלט אין דער ערשטער ריי ענדערן זייערע נעמען אויפן רוסישן שטייגער: פון שימעלע איז געוואָרן סעמיאָן מאַקאַראָוויטש, פון עטי־מעני — ערנעסטינאַ יעפימאָוונאַ, פון זײַן טאָכטער ביילקע — איזאַבעלאָטשקאַ.

די שפּראַך פון דער ייִדישער בורזשואַזיע איז ניט געווען טיפּיש, ניט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שפּראַך פון די ברייטע ייִדישע מאַסן. דעריבער האָבן מיר אין אונדזער ווערטערבוך פון סלאַוויזמען אין ייִדיש ניט אַרײַנגענומען די רוסיזמען, וואָס זײַנען טיפּיש בלויז פאַר מאַריאַמטשיקס לעקסיקאָן א. ד. גל. מיר האָבן אויך ניט דיסקוואַליפיצירט אַלס סלאַוויזמען די ווערטער פון סלאַווישע שפּריכווערטער, וואָס טרעפן זיך אפילו אין דער שפּראַך פון ייִדישע פאָלקסמאַסן, ווײַל דער דאָזיקער פאָלקלאָרישער מאַטעריאַל ווערט באַנומען און אַרויסגעבראַכט דורך ייִדן ווי אַן אַנדערשפּראַכיקער, ווי, צום בײַשפּיל, באַ טעוויע דעם מילכיקן — „ווידנאָ פּאַנאַ פּאָ כאָליאַווע", „יאַק פּשענאָ, טאָ אי דורען קאָשו נאַוואַרע", „טשאָרט ליאַדאַשטשי ניע וויזמע" א. ד. גל.

## V. פונקציעס פון סלאַוויזמען אין ייִדיש

צוליב וואָסערע באַגריפן דינען די סלאַוויזמען אין ייִדיש?

באָראָכאָוו [1]) גיט אָפּ דער פראַגע אַזאַ מין ענטפער:

„די אידייען און באַציִונגען פונעם אַלמענטשלעכן לעבן ווערן אויסגעדריקט אין דײַטש; די דערשײַנונגען, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פונעם אינווענייקסטן ייִדישן לעבן, ווערן אויסגעדריקט על פּי ראָוו אין העברעיִש, און די פאָרמען און געפילן פונעם אַלטעגלעכן לעבן אינעם ענגן פאַמיליען־קרײַז אָדער גראָבע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן — אין סלאַוויש".

די דאָזיקע סכעמע איז ניט ריכטיק, ווײַל זי שפּיגלט ניט אָפּ דיווירקלעכע פאַרשיידנאַרטיקײַט פון די סלאַוויזמען. באָראָכאָווס סכעמע, וואָס לאָזט איבער פאַר די סלאַוויזמען די ווייניקער „איידעלע" פונקציעס, וואָס פּרוּווט פאַרקלענערן אָדער דערנידעריקערן די ראָלע פון סלאַוויזמען אין ייִדיש, האָבן די ייִדישיסטן געסטאַרעט זיך אויסנוצן אין זייער פּוריסטישן קאַמף קעגן סלאַוויזמען, וועלכע „פאַרגרעבערן", קלוימערשט, די שפּראַך.

ווען באָראָכאָוו וואָלט אפילו געווען גערעכט, און די סלאַוויזמען אין ייִדיש וואָלטן באַצייכענען ווייניקער „איידעלע" באַגריפן, וואָלט עס אין קיין שום מאָס ניט באַגרינדעט די נעגאַטיווע באַציִונג צו סלאַוויזמען. דער „ייִכעס" פון ווערטער שפּילט קיין ראָלע ניט אין דער שפּראַך, און ס'עקזיסטירן ניט אַזוינע ווערטער —

---

[1]) „דער פּנקס", 1913, ווילנע, ז. 10.

„שידוכימ״, וואָס זאָלנ באַליידיקנ מיט זייער „מעזאליאנס״ דעמ קאָוועד פונ א שפּראַכ.

ס'איז ניט שווער צו באווײַזנ, אז פאר „נעגאטיווע אייגנשאפטנ״ פארמאָגט ייִדיש אויסער סלאוויזמענ א היפּשע צאָל גערמאנישע און העברעייִשע ווערטער, אז די „פּאָרמענ און געפילנ פונעמ אלטעגלעכנ לעבנ אינעמ ענגנ פאמיליענ־קרײַז״ קאָנענ אויסגעדריקט ווערנ דורכ גערמאנישע און העברעייִשע ווערטער, צומ בײַשפּיל, צאָרעס, בריס, כאסענע, כאָסנ, ווײַב, מאנ, עסנ, קאָכנ, באקנ א. אז. וו. פונ דער אנדער זײַט ווערנ סלאוויזמענ אויסגענוצט אויכ פאר אזוינע באגריפנ, וואָס לויט באָראָכאָווג ווערנ זיי אויסגעדריקט דורכ גערמאנישע און העברעייִשע ווערטער.

דורכפירנ א דײַטלעכע גרענעצ צווישנ „אידייענ און באציִונגענ פונעמ אלמענטשלעכנ לעבנ״ און „פּאָרמענ און געפילנ פונעמ אלטעגלעכנ לעבנ״ איז זייער שווער, אויב ניט אוממעגלעכ. צו וועלכער קאטעגאָריע געהערט דער באגריפ „האנדלענ״—צומ „אלמענטשלעכנ״ לעבנ אָדער צומ אלטעגלעכנ לעבנ? אזוי ווי „האנדלענ״ שטאמט פונ דײַטש, איז לויט באָראָכאָווג געדרונגענ, אז דאָס איז אנ „אלמענטשלעכער״ באגריפ. אָבער „טאָרגעווענ זיכ״ און „דינגענ זיכ״ זײַנענ סינאָנימענ, געהערנ צו איינ ספערע, כאָטש דאָס ערשטע וואָרט איז א סלאוויזמ, דאָס צווייטע — א גערמאניזמ. „ראבעווענ״ און „ראטעווענ״ זײַנענ באגריפנ פונ אלמענטשלעכנ לעבנ, כאָטש זיי ווערנ אינ ייִדיש איבערגעגעבנ דורכ סלאוויזמענ. אזוינע בײַשפּילנ קאָנ מענ אָנצייִלנ א היפּש ביסל. נאָר עפּשער האָט באָראָכאָוו געהאט אינ זינענ אבסטראקטע באגריפנ, וואָס ווערנ אינ ייִדיש אויסגעדריקט דורכ גערמאניזמענ? אָבער אויכ אינ דעמ דאָזיקנ „געהויבענעמ״ געביט זײַנענ ארײַנגעדרונגענ סלאוויזמענ. מיר האָבנ אויבנ געזענ, אז אבסטראקטע באגריפנ, וואָס ווערנ מייִנסטנס באצייכנט דורכ אינטערנאציאָנאלער טערמינאָלאָגיע, ווערנ איבערגעגעבנ אינ ייִדיש אינ זייער א גרויסנ טייל דורכ ווערטער אינ א רוסישער פאָרמ.

„דערשײַנונגענ, וואָס זײַנענ אויסגעוואקסנ אפנ באָדנ פונ אינווענייקסטנ ייִדישנ לעבנ״, ווערנ אינ א גאנצ היפּשער מאָס אויסגעדריקט דורכ סלאוויזמענ.

מיר געפינענ אינ ייִדיש אסאכ העברעייִשע ווערטער, וואָס באצייכענענ „אידייענ און באציִונגענ פונ אלמענטשלעכנ לעבנ״, כאָטש באָראָכאָוו האָט זיי אָפּגעגעבנ אינ מאָנאָפּאָל צו די גערמאניזמענ, צומ בײַשפּיל, טאמציס, טעווע, האמצאָע, די פילצאָליקע טערמינאָלאָגיע, וואָס איז שײַעכ צומ האנדל און סאָציִאלע פארהעלטענישנ א.אז.וו.

באָראָכאָוו האָט אליינ געמוזט אָנווײַזנ אסאכ „אויסנאמענ״ צו זײַנ סכעמע, לעמאָשל, די העברעייִזמענ פאר דער קאָמערציִעלער טערמינאָלאָגיע און פאר שאָוויניסטישע ווערטער און אויסדריקנ אינ באצוג צו ניט־ייִדנ.

ס'איז ניטאָ קיינ שומ גרונט צו באגרענעצנ די פונקציע פונ סלאוויזמענ אינ ייִדיש מיט וואָסער ניט איז איינ געביט. די סלאוויזמענ אינ ייִדיש בילדנ אנ אָרגאנישנ עלעמענט אינ דער שפּראכ און דינענ אפּ צו באצייכענענ די סאמע פארשיידענע נאטור־דערשײַנונגענ, געפילנ און פּאָרשטעלונגענ, פארשיידענע זײַטנ פונמענטשלעכנ לעבנ.

דער אנאליז פונ די סלאוויזמענ אינ ייִדיש לויט זייער באטײַט, לויט זייער אינהאלט אנטפּלעקט די פילזײַטיקייט און די פארשיידנארטיקייט פונ די פונקציעס, וואָס די סלאוויזמענ טראָגנ אינ ייִדיש.

## VI. אנאליז פון סלאוויזמען אין יידיש

מיר פארטיילן אלע אונדזערע סלאוויזמען אף 8 גרופעס און די גרופעס אף סובגרופעס. אזוי ווי איינע און די זעלבע זאכן און דערשיינונגען קאָנען אין אייניקע פאלן גלייכצייטיק געהערן צו פארשיידענע געביטן, קאָן מען די אנטשפרעכיקע ווערטער אלציינס פארעכענען אין פארשיידענע גרופעס. דערפון נעמט זיך דער מער אָדער ווייניקער באדינגלעכער כאראקטער פון דער דיפערענציאציע לויט סעמאנטישע גרופעס.

די האָמאָנימען ברענגען מיר מיט יעדן באטייט זייערן אין דער געהעריקער גרופע. אזוי, צום ביישפיל, האָבן מיר דאָס וואָרט „קולאק", אלס עלעמענט פונעם מענטשלעכן קערפער, אריינגעשלאָסן אין דער גרופע 5, אָבער „קולאק" אלס סאָציאלער באגריף געפינט זיך אין דער 6 גרופע, וואָס איז שייעך צום סאָציאלן לעבן. קאָמפליצירטער איז די לאגע מיט פילבאטייטיקע ווערטער, וועלכע פארמאָגן פארשיידענע סעמאנטישע, דערינ אויך פיגורעלע ניואנסן. ווען מע זאָל דיסקאָנטירן אלע באטייטלעכע שאטירונגען פון אזוינע ווערטער, וואָלט מען איין און דאָס זעלבע וואָרט געדארפט איבערכאזערן אין עטלעכע פארשיידענע גרופעס, מיר האָבן זיך אף דעם וועג ניט געשטעלט. אָנשטאָט דעם, קלאסיפיצירן מיר אזוינע ווערטער, אָריענטירנדיק זיך אף זייער מער פארשפרייטן באטייט. לעמאָשל, דאָס רוסישע пешка באטייט ניט נאָר א פיגור אין שאכמאטן, נאָר אויך א באשטימטע געזעלשאפטלעכע לאגע פון געוויסע פערזאָנען. אין יידיש האָבן מיר עס געטראָפן אינעם צווייטן באטייט (אין דער איבערזעצונג פון כאווער סטאלינס רעדע אין קרעמל פאר די אקאדעמיקער פון דער רויטער ארמיי). מיר גיבן דאָס וואָרט אין דער גרופע 6 א, כאָטש ס'איז מעגלעך, אז עס ווערט איצט געברויכט אין דער לעבעדיקער שפראך אויך בענגייע צו שאכמאטן.

דער פארנעם פונעם ארטיקל דערלויבט ניט צו געבן דאָ בא יעדן וואָרט דעם געהעריקן עטימאָלאָגישן מאטעריאל און אָנווייזן דעם באטייט און דעם מאָקער, פון וואנען דאָס וואָרט איז גענומען געוואָרן.

מיר באגרענעצן זיך דעריבער דערמיט, וואָס מיר ווייזן אָן די עטימאָלאָגיע און די באטייטן בלויז פון א קליינעם טייל ווערטער, פון די ווייניקער פארשפרייטע, באזונדערס פון דיאלעקטיזמען. אין אייניקע פאלן ווערן אויך אָנגעוויזן די ליטערארישע קוואלן פון די ווערטער. בא די דיאלעקטיזמען, וואָס מיר האָבן געהערט פון פאָלקס־מויל, נאָר ניט געטראָפן זיי אין דער ליטעראטור און אין דער פרעסע, גיבן מיר די געהעריקע אָנווייזונגען. ווען אזוינע אָנווייזונגען פעלן, הייסט עס, אז דאָס וואָרט איז גענומען געוואָרן פון דער ליטעראטור אָדער פון דער פרעסע.

### 1. וווינונג, בויונג, שטוב־ווירטשאפט, טואלעט

אין דער דאָזיקער גרופע גייען אריין די זאכן און דערשיינונגען, ווי אויך די פארבונדענע מיט זיי האנדלונגען, וואָס זיינען שייעך צו פאָלגנדיקע געביטן:

### א) ווינונג, בוינוג, זייערע עלעמענטן, אויסשטאטונג א. אז. וו.

אבאפאָלעק, אביציעס[1]), איבערקלייען, אלקער, אמבאר, אָפּילקעס, באלקע, באראק, בערוועגע, ברוד, ברודנע, גאָנט[2]), גאנעק, דאטשע, דאָר, דוש, דושניק, דראָט, דראַ־ניצע, האָלעוועשקע, האָרניצע, הרובע, וואפנע, זאוויסעס, זאסעק, זאסלענקע, זעמליאנקע, זשוראוועל (באם ברונעם), זשמינע (שמוציקע וואסער), זשמיקענ[3]), טאפליע, טינ, טינקעווענ, טעסיענ, טשאד, טשערעפ, יושקע, כאטע, כאלופע, כוטער, כיבארקע, לופטשיק, לעזשאנקע, מאָשטשענ, סאזשע, סאראי, סוואָנד[4]), סוטערינע[5]), סטאָדאָליע, סטאניצע, סטעליע, סטראָיענ, סטרעכע, סידעלע, סירעסט[6]), סלופ, ספאלניע, ספיזארנע, פּאָד (בא אנ אויוונ), פּאָדלאָגע, פּאָל, פאלאטקע, פּאָלעצע, פּאָלקע, פאקאָיעס, פאראדנע, פארענטשע, פארקאנ, פלויט, פליאצ, פליטע, פעטשורקע, פערעדניע, פראָבאָי, פריזבע, פריטלקע, פריסעק[7]), פריפעטשיק, פארברודיקנ, פארהראזניענ, פארטינקעווענ, פאר־כראקענ, פורטקע, צוויק, קאטוכ, קאליטקע, קאָנורע, קאָפאיענ, קאפל, קאָשארע, קוימענ, קונע, קופאָל, קורניקל, קיטעווענ, קלאדאָווקע, קלאטקע, קליאמקע, קליג, קראטעס, קראָקווע, קריוק, ראָג, ראָגאטקע, רישטעוואניעס, רעשאָטקע, רעשטאקעס, שאלאש, שטוקאטורעווענ, שטוקאטור, שטוקאטורקע, שעלעווקע, שפארונע.

אינ דער אויבנגעבראכטער סובגרופּע איז דאָ 114 ווערטער. אייניקע פונ זיי זיינענ דובלעטנ, ווי אשטייגער „פּאָלקע” אונ „פּאָלעצע” אָדער „פּאָל” אונ „פּאָדלאָגע”. דאָס ערשטע וואָרט אינביידע פּאָר איז א רוסיזם, דאָס צווייטע — א ווייסרוסיזם.

### ב) הויז־ווירטשאפט, שטוב־זאכנ אונ ווירטשאפטלעכער אינווענטאר

אינ דער סובגרופּע גייענ אריינ פאָלגנדיקע ווערטער:

ארקאנ, אָשייניק, בעבעכעס, ברעזענט, גראדוסניק, דאיאָנקע, דאָיניצע, דייזשקע, האנטשירקע, הארלאטש, הוטארעליעס[8]), הלאדיש[9]), וואזאָנעס, ווערעטענע, וועשעלקע, זאנאוועס, זשאָרנע (האנטמיל), טאבורעטקע, טאטשקע, טאפטשאנ, טאצ, טאָרבע, טשאשקע, טשוהונ, טשייניק, טשייניצע, טשעמאָדאנ, כאָמעט, כודאָבע, לאָכאנקע, לאָמ, לאָפּעטע, לוטשינע, ליולקע, לייקע, מאטראצ, מאסלענקע, מאקיטרע, סאגאנ[10]), סאוואָק, סאכארניצע, סאָלניטשקע (זעלצערל), סאמאָוואר, סאראטע, סוואדענ (שווארענ), סטופע, סטראכאָווקע, סטרעמינע, סירניקלעכ, סלאָי, סנאסט, סקאָווערדע, סעניק, סערוועטקע, ספּאָדעק, פּאָדקעווע, פּאָוואָד, פאוועטיניע, פּאָלאָסקאטעלניצע, פּאָלומעסיק, פּאָמיניצע,

---

[1]) ווייסר. абіцце—שפאליר, אוקר. обапіл — דער קיילעכדיקער טייל פונ א פאנאנדערגעזעגטער בערווענע.

[2]) פ. gont, ר. гонт — שינדל.

[3]) אוקר. жмикати — וואשנ גרעט (מיט זייפ).

[4]) בא פערעצנ. פ. swąd—טשאד.

[5]) בא פערעצנ. פ. suteryna, ווייסר. сутарэнне—פּאָדוואל, קעלערשטוב.

[6]) אינ פאָלקלאָר־מאטעריאל.

[7]) בא שאָלעמ־אליייכעמענ. ווייסר. прысак, אוקר. присок — פייער־אש.

[8]) דיאלעקטיזמ אינ דער ריידשפראכ. ווייסר. гутарэлі—הוידלקע.

[9]) אוקר. гладиш — קריגל.

[10]) ווייסר: саган — טשוהונ־טאָפּ.

פּאָמעלע[1], פּאָסטראָניק, פּאסמע, פּאָקרעשקע, פּוכ, פּוכעווער, פּוזיר (פּענכער, פּוכיר), פּושקע, פּיפּקע, פּערענע, פּרענט, פּרעס, פּארפּורקע, ציביק, צימבל, צעבער, צעדעלקע[2], קאגאניק (נאכט-לעמפּל), קאדעשקע, קאדקע, קאָוויאָר, קאטשלקע, קאָטשערע, קאָל-דרע, קאמפּאָרקע, קאָראָמיסל, קאראפינ, קארטינע, קאָרעטע, קאָשאָלקע, קאָשעק, קוואטש, קויש, קירקע, קלומעק, קלעשטש, קנויט, קעלעשעק[3], קראנט, קרוטשקעס, קריסילע, קרישטאָל, ראָגוז, ראָהעטש, רעשעטע, שטשיפּצעס, שטשערבאטע.

טאכאקל האָבנ מיר דאָ 109 ווערטער.

ג) זאכנ פונ טואלעט (קליידער, שוכווארג א. אז. וו.)

צו דער דאָזיקער סובגרופּע געהערנ ניט בלויז פאַרטיקע זאכנ, נאָר אויכ זייערע עלעמענטנ אונ דער מאטעריאל, פונ וועלכנ זיי ווערנ אויסגעארבעט, ווי אויכ די פּראָצעסנ, וואָס זײַנענ פארבונדנ מיט דער אויסארבעטונג אונ מיטנ געברויכ פונ די דאָזיקע זאכנ.

אבצאס, אוזאָרנ, אויסטילקע, איבערניצעווענ, אָניצעס[4], באיקע, באכילע, באשליק, בורקע, בורנוס, בלאמ, בורשטינ, בעקעשע, גאטקעס, דאָכע, ווייער, וויקראָיקע, וואָ-טאָווע, וואָליקעס, ווערבעס, זאמש, זאָנטיק, זאפּענקע, זשופּאנ, זשופּיצע, טוזשורקע, טיול, טיולענע, טולופּ, טראנטע, טשאָבעטע, טשויקע[5], טשיפּעק, טשעפּטשיק, יארמולקע, יופּקע, יופּיצע, כאליאווע, לאסטיק, לאסטיקענע, לאפּטשעס, לאטע, לאטענ, לאפּיק, ליקע, מאָטעק, מאנישקע, מאנקעט (מאנזשעט), מארינארקע, מוליענ, מײַט-קעס, מישורא, מערעזשע, ניצעווענ, סאטינ, סוויטקע, סוקניע, סורטוק (סערדאק), סטענגע, סערמיאגע (סערמענגע), ספּאָדניצע, פּאָדמעטקע, פּאָדעשווע, פּאָטיאזשקעס, פּאטשערקע, פּאָלושובאָק, פּאָלע, פּאס, פּאָסטעלעס, פּאסעק, פּאפּאכע, פּארוסינע, פּוד-רע, פּידזשאק, פּלאטיע, פּלאשטש, פּליאמע, פּלידערנ, פּראזשקע, פּראָשווע, פּרישווע, פּארקוטענ, פּארשנורעווענ, פּארשפּיליענ, פּאנאנדערשפּילענ, צירעווענ, קאלענקאָר, קאָזשוכ, קאלאָשע, קאָלנער, קאָלער, קאָלפּאק, קאמאש, קאמזעלקע, קאנווע, קאָ-סינקע, קאפּאָטע, קאפּטנ, קאפּטל, קאפּעליוש, קאָרט (трико), קארטוז, קאשעמיר, קאשקעט, קוטאס, קיטײַקע, קראוואט, קעשענע, רובאכע, שינעל, שמאטע, שטשע-גאָלאיענ, שליאפּע, שמויסענע (смушковый), שפּילקע, שקארפּעטקע (קארפּעטקע).

אינ דער געבראכטער סובגרופּע געפינענ זיכ 119 ווערטער:

ד) שפּײַז-פּראָדוקטנ אונ געטראנקענ

מיר האָבנ אהער אײַנגעשלאָסנ אויכ נעמענ פונ אייניקע פיש, אפ וויפל זיי ווערנ אינ יידיש דערמאָנט מער אינ צוזאמענהאנג מיט דער קיכ, מיטנ עסנ, איידער מיטנ כאפּנ זיי אינ וואסער, אונ אויכ יענע זאכנ, וואָס האָבנ א שײַכעס צומ רויכערנ. אויבסנ, פּרוכטנ אונ יאגעדעס גייענ ארײַנ אינ אנ אנדער גרופּע.

---

[1]) ר. помело — אויווג-בעזעמל.

[2]) ווײַסר. цедiлка — א געדיכטע רעשעטע אפ דורכזײַענ מילכ.

[3]) ד. Kelch — קויטע. אינ סלאוויש מאָדיפיצירט אונ איבערגעאנדערשט, פּארקלענערט. פּ. kielich, אוקר. келiшак, ווײַסר. кiлiшак. דאָס יידישע קעלעשעק איז אלזאָ א סלאוויזמ.

[4]) אויכ אנוטשעס, האנוטשעס. אוקר., ווײַסר. онучи.

[5]) ר. чуйка — א לאנגער קאפּטנ געניייט ווי א כאלאט.

אבדזירעק, אינגבער, איקרע, אָלֿיי, אָקראיעצ (קראיעצ), באַלֿעבאָשקע, באָרשטש. בולֿקע, ביילֿעק (הינער־פֿלייש), בלֿינצעס, בעלֿוגע, בעלֿעריביצע, ברינדזע, גאָמלֿקע, גאָרטשיצע, האָלֿופצעס, האַלֿעשקעס, וואר, ווארעניע, ווארעניקעס, ווימאָראָזיק, ווישניק, וועטשינא, וועטשערע, ווערעלֿעצ, זראזע, טאראנ, טוואָרע (צוואָרע), טוטינ, טוכלֿע, יויכ, כאָלֿאָדעצ, כארטש, לֿוסטע, לֿיאָק, מאכאָרקע, מעזשיסיטקע [1], נאַלֿיווקע, נאסטאָיקע, סאטשענ, סאלֿע [2], סאמאָהאָנ, סאָק, פֿאָווידלֿע, פֿאטעקע, פֿאָטראווע, פֿאָט־ראכעס, פֿאָמפּושקעס (פֿאָמפּעשקעס), פֿאפֿיראָס, פֿארעווע, פֿייסאכאָווקע, פֿיראָג, פֿיראָזשנע, פֿירעזשקעס, פֿלֿיטקע (שאָקאָלֿאד), פֿעקלֿעוואנע, פֿרעזשעניצע [3], פֿראנ־זאָלֿיע, פֿיסנאָיע, פֿישריבע, ציאָנגע (סיאָמגע), ציטרינע, צוקערקע, ציגאר, קאווע, קא־ווענע, קאָלֿבאס, קאמבאלֿא, קאפּטשאָנקע, קאראס, קארפּ, קאשע, קוואס, קישקע, קלֿיאָצקע, קלֿיסקעלֿעכ, קנישעס, קוילֿעטש, קולֿיש, קולֿאהע, קראָכמאלֿ, קרופּניק, קרופּעניע, ראָסלֿ, ראָשטשינע, רעטשענע, שעטקעווענ.

אינ דער סובגרופּע האָבנ מיר 99 ווערטער.

צוזאמענ האָבנ מיר אינ דער ערשטער גרופּע 441 ווערטער.

נייע שטייגער־באַדינגונגענ אונ די טעכניק פֿונ הויז־ווירטשאַפֿט האָבנ באַקאנט געמאכט די יידנ מיט נייע זאכנ אונ דערשיינונגענ. דערביי האָבנ זיי, נאטירלֿעכ, אופּ־גענומענ די סלֿאווישע ווערטער, מיט וועלֿכע זיי פֿלֿעגנ באַצייכנט ווערנ, ווי, לֿע־מאָשלֿ, אָניטשעס, לֿאפּטשעס, סאראפּאנ, טשויקע, פֿאפֿאכע, סוויטקע, סערמיאגע, בעלֿוגע, בעלֿעריביצע, קנישעס, קולֿאהע א. אז. וו. די יידנ פֿלֿעגנ איבערנעמענ בא זייערע סלֿאווישע שכיינים נייע געריכטנ, נייע מינים קליידער אונ שוכווארג צוזא־מענ מיט זייערע סלֿאווישע נעמענ.

אינ די געביטנ פֿונ ווינונג, בויונג, ווירטשאַפֿטלֿעכנ אינווענטאר, טואלֿעט אונ דערנערונג האָבנ זיכ איינגעוואָרצלֿט פֿילֿ סלֿאוויזמענ איבערהויפּט דערפֿאר, וואָס אינ די געביטנ זיינענ יידנ אונ סלֿאווונ געווענ צווישנ זיכ ענג צוזאמענגעבונדנ ווירט־שאַפֿטלֿעכ, עקאָנאָמיש (דאָס קויפֿנ אונ פֿארקויפֿנ, דאָס דינגענ פֿונ ארבעטס־קראפֿט). די זאכנ, וואָס יידנ פֿלֿעגנ פֿריער באַצייכענענ מיט גערמאנישע ווערטער, האָבנ זיי איצט אָנגעהויבנ צו אָנרופֿנ אזוי, ווי זייערע קלֿיענטנ (קויפֿער, פֿארקויפֿער אָדער פּראָדוצירער) די סלֿאווונ, מיט סלֿאווישע נעמענ.

אינ די ערשטע צוויי סובגרופּעס האָבנ מיר בלֿויז דריי סלֿאווישע ווערטער, וואָס האָבנ צו זיכ פֿאראלֿעלֿ פּראָדוקטיווע דייטשישע סינאָנימענ:

אמבאר — שפּייכלֿער, אלֿקער — צימער, פֿלֿיאצ — פֿלֿאצ. אינ דער לֿעצטער פּאָר באַטייט דאָס ערשטע וואָרט מיט א פֿאלֿאטאלֿיזירטנ „לֿ" א קאָנקרעטנ פֿלֿאצ, ווו ס׳געפֿינט זיכ די שטוב מיט די הויפּט־געביידעס, דאָס צווייטע — א פֿלֿאצ בי־כלֿאלֿ.

---

[1]) אוקר. אונ וויסר. **межисітка** (דריבנע קליינ). אינ יידיש — א געמיש פֿונ ווייצענע אונ קאָ־רענע מעלֿ, ברויט דערפֿונ.

[2]) „סאלֿע" (אָנשטאָט „כאזער") איז פֿאקטיש אריינ אינ דער פֿאָלֿקס־שפּראכ די לֿעצטע צייט, ווענ יידנ־קאָלֿווירטניקעס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ פֿארנעמענ מיט כאזיירים־צוכט.

[3]) אינ אוקר.־יידישנ דיאלֿעקט. אוקר. **пряженица** (אינ וויסרוסיש־יידישנ דיאלֿעקט — פֿיינקאָכנ).

## 2. לאנדווירטשאפט און נאטור

די דאָזיקע גרופע צעטיילן מיר אפ פאָלגנדיקע סובגרופעס: 1) נאטור (אהערצו געהערן אויכ וועלדער מיט זייערע פראָדוקטן, אטמאָספערישע דערשיינונגען, טייכן, פייזאזשן, די פלאָרע אויסער דעם טייל אירן, וואָס געהערט צו אנדערע סובגרופעס און אנד., 2) באלעבאַטים און זייער אויסנוצונג, 3) ערדארבעט, 4) סעדעריי און גערטנעריי.

### א) נאטור

אָזערע, אָדליהע, אָלכע, איסטאָטשניק, אָסינע, אָסיענ, אָפגעצוויטעטער, באָראָוויק, בור־שעווענ, בלאָטע, בעריאָזע, בעריאָזעווער, ברוסניקע, דעמב, הארלאטשיקעס [1], הליבע, הרודע, הרעבליע, וויהענ, וויגע, וויכער, ווילגאָשטש [2], וויספע, ווערבע, וועסנע, זאוואלקעס, זאווערוכע, זשאָלודיעס, זשיוואָפיסנע, זשיוויצע, טאָפאָל, טומאנ, טונדרע, טייגע, טשערעט (אָטשערעט), טשערניצע, טשערעמעכע, יאסענ, יעל, כוואליע, כוואָראָסט, כמארע, לאָדקע, לאָזע, לאָנקע, ליאדע, ליובעזניק [3], לימאנ, ליפע, מאָכ, מארגאריטקע, מוכאָמאָר, מעטעליצע, סאזשלקע, סאָסנע, סאָפקע, סוכאָוויי, סוק, סוקעוואטער, סטעזשקע, סטעפ, סקאלע, פאָזעמקעס [4], פאליע, פאָלעוואניע, פאָלינ, פאקשיווע [5], פאָראָשענ, פוסטקע, פעטשעריצעס, פעכ, פעניאָק, פעטשערע, פרוטעס, פאליע, פארוויגעטע, פיאלקע, צוויט, קאָטלאָוואנ, קאליזשע, קאליעלע, קאמיש, קאנאווע, קאָפיצע, קאָרע, קווייט, קוסטעס, קופאלניע, קורהאנעס, קיסליצע, קיפאריס, קליאָנ, קראסקע, קראָ־פעווע, קריהע, קרעמענ, קרענעצע, ראזריאדנ, ראניצע, ראָסע, רומאשקע, ריוו, ריטש־קעלע, ריקעס, שאריענ, שאָרכ, שישקע, שטשאוועל (שטשאוו, שטשאוויע).

ס א כ א ק ל 110 ו ו ע ר ט ע ר.

### ב) באלעבאַטים, זייערע האנדלונגען און אייגנשאפטן, זייער באדינונג און אויסנוצונג

אָבעזיאנע, אָגער, אופראזש, איבערקאָוועג, אינדיק, אינדיטשקע, אָנפאָיענ, באַ־בעטשקע, בעראנ, בוהיי, בולאנע, בוצאנ, בוצקענ זיכ, בורע, בושל, ביק, גניאדע, גראק, דערעש, הורט, הירזשענ, וואָלעכ, וואָראָביי, וואָראָבייטשיקלעכ, וואָראָנע, ווערווערקע, ווערעבליוד, זאָדעק, זשאבע, זשאברעס, זשוק, זשוזשענ, טאבונ, טאראקאנ, טכויר, טעלעצע, טריבוכ, טשערעדע, טשערעפאכע, יאלאָווקע, יאלעווע, יאסטרעב, יארמע, יאשטשערקע, כאָלקע, לאפע, לאָשעק, מוראשקע, מיאוקענ, סאָבאקע, סאָווע, סאָלאָ־וויי, סאָראָקע, סויבל, סוסליק, סוקע, סטאדע, סטייע, סטרענאָזשעווענ, סלוזשענ (אינ באצוג צו א הונט), סמאליענ, סקאצינע, פאטראווע [6], פיסק, פאסטעכ, פאסיטשניק,

---

[1]) א דיאלעקטיזם. מע טרעפט עס בא די ווייסרוסלענדישע יידישע שרייבער. ווייסר. гарлачыкі — א מינ געלע ליליע.

[2]) ווייסר. вільгаць — פייכטקייט.

[3]) דיאלעקטיזם. מע טרעפט עס בא די ווייסר. יידישע שרייבער. ווייסר. любезнік — א מינ גע־וויקס (לויט א פאָלקס־זאבאבאָנע, דערוועקט עס ליבע).

[4]) ר. поземки, ווייסר. паземки — רויטע יאגעדעס (земляника).

[5]) דיאלעקטיזם (בא פערעצנ). פ. pokrzywa — קראָפעווע.

[6]) דער שאָרב פונ פי אינ פעלד (ניט צונויפמישנ מיט פאטראווע־געקעכטס, מייכל).

פיסקליאטעס, פיסקליענאָק, פאצוק, פירכענ, פישטשענ, פענטעס, פריידעק, צאפּ, צוסמאליענ, קאָבילע, קוואקוכע, קוואקענ, קליאטשע, קלעשניע, קראָקאָדיל, קראָט, ראק, ריסאקעס, שטשיפּענ, שקאפּע, שקורע, פאדלע, פאווע, פּאָילע, פּאָיענ, פּאָפוגאַי, פאשע, פּאָראָדע, פּאָראָדיסטע, פאשענ, פּיאווקע, צוציק, שאקאל.

סאכאקל 105 ווערטער.

ג) ערדארבעט און לאנדווירטשאפטלעכער אינווענטאר

אָטאווע, אימעניע, באָראָנע, בורעקעס, בראָנעווענ, גריקע, גריקענע, דעסיאטינעס, וויאנענ, ווייעלקע, ווייענ, ווילעס, האָנעס, הנאָי, הראבליע, זערנע, זשאטקע, זשמאקעס, טאָק, טאָלאָקע, כאָדאקעס, לאָבאָגרייקע, מאיאָנטקעס, מטס, מליווע[1]), מעזשע, מעקענע, נאוואָז, סאָכע, סטויג, סטויגעווענ, סטערנע, סטערטע, סיטשקע, סנאָפּ, סענאָקאָס, סענע־זענצ, סערפּ, סקאראָדזענ, סקיבענ, סקירדעווענ, פאזשינעס, פּאָטשאטעק, פּאָלאָווע, פּאָלאָסעס, פאסליד, פּאָסקעניע[2]), פאקליע, פוכצער[3]), פּיריי, פלוג, פּאָלווארעק, פארוויאנענ, פענקע, פשעניטשקע, קאָנאָפּליע, קאָסיענ, קאָסע, קודזעל[4]), קוקורוזע, קיזיק, קלאָטשע, קלוניע, שארעווענ.

סאכאקל 63 ווערטער.

ד) סעדערייַ און גערטנערייַ

אוקראָפּ, ארבוז, באָב, באָטשווענע, באכטשע, באשטאנ, בולבע, בעז, ברוקווע, גדויל, דיניע, טיקווע, טשערעשנעס, יאגעדע, יאָדער, כראפּקע[5]), כריינ, מאלינע, מאסלינע, סאָד, סאָניטשניק, סטרוטשקע, סמאָראָדינע, סעמעטשקעס, פּאָמידאָר, פּאָליסאדניק, פאל־צינעס, פּאָליענ, פאסטערנאק, פּילעניצעס, פעטרעשקע, קוואשאָלעס (פאסאָליעס), קא־באק, קאטשאנ, קאלינע, קלובניקע.

סאכאקל 35 ווערטער.

אינגאנצנ גענומענ האָט די צווייטע גרופּע 313 ווערטער, וואָס געהערנ מייַנסטנס צו דער נאטור און צו באלעבאַיִם.

דער כאראקטער פונ דער ייִדישער עקאָנאָמישער טעטיקייַט האָט זיכ אינ די סלאַ־ווישע לענדער, אינ פארגלייַכ מיט די גערמאנישע, געענדערט. כאָטש דער האנדל איז אינ די ערשטע יאָרהונדערטער נאָכ דער ייִדישער אימיגראציע קיינ מיזרעכ גע־ווענ דער גרונט־קוואל פונ כעיונע פאר ייִדנ, דאָכ האָט זיכ א באדייַטנדיקער טייל ייִדנ באזעצט אינ דאָרפ אלס ארענדאטאָרס, שענקערס א. אז. וו. אדאנק דעמ זייַנענ זיי געוואָרנ נעענטער צו דער נאטור און צו דער לאנדווירטשאפט.

דער אָפטער פארקער מיט די פּויערימ, בא ווענ די ייִדנ פלעגנ אָפּקויפנ די לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ, האָט ארייַנגעבראכט אינ ייִדיש א ריי סלאוויזמענ פונ אָט דעמ געביט.

---

1) אוקר· мливо, ווײַסר. меліва — אָפּמאָל. אינ ייִדיש — געצאָלטס פארנ אָפּמאָלנ.

2) ווײַסר· поскань, ר·, посконь, посконье — א געוויסער מינ קאָנאָפּליע־פעדעמ.

3) ווײַסר· пухцер — א געפלאָכטנ הייזעקל (פיטער פארנ פערד אינ וועג).

4) ווײַסר· кудзеля, קידעל — גערייניקטע לייַנ צומ וועבנ.

5) דיאלעקטיזמ. ווײַסר· ахрапка — הארטער מיטלטייל פונ א קאטשאנ קרויט.

אויך דאָ, ווי אין דער ערשטער גרופּע, האָבן די סלאַוויזמען מײנסטנס אַרויס־געשטויסן די גערמאַניזמען פאַר פריִער באַקאַנטע באַגריפן. אין אײניקע פאַלן האָבן זיך אײַנגעלעבט באַנאַנד סלאַווישע און גערמאַנישע סינאָניזמען:

קוואַל — איסטאָטשניק, שטורעמען — בושעווען, האַרבסט — אָסיען, פרילינג — וועסנע, זומפּ — בלאָטע, נעפּל — טומאַן, פײַכטקײַט — ווילגאָשטש, שיפל — לאָדקע, פעלז — סקאַלע, גײען — פּאָלעוואַניע, בערגל — סאָפּקע, שטורעמווינט — וויכער, טײַכן — ריקעס, אינדזל — ווּספּע, הײל — פּעטשערע, טײַכל — ריטשקעלע.

ס'איז קלאָר, אַז די געהעריקע נאַטור־דערשײַנונגען זײַנען געווען באַקאַנט די ײדן נאָך אין די גערמאַנישע לענדער.

די דערנעענטערונג צו דער נאַטור האָט באַרײַכערט די ײדישע שפּראַך מיט סלאַ־וויזמען אַף צו באַצײכענען פריִער אומבאַקאַנטע אָדער נאָך נאָמענלאָזע פײגעלעך און אַנדערע באַלעכאַיִם. די ײדישע קלײנשטעטלדיקע באַפעלקערונג און ביפּראַט נאָך די ײשוווניקעס האָבן זיך פאַרנומען מיט פּיצוכט פון געברויכערישן טיפּ. אויב פערד האָבן געהאַט אַ קלײנע צאָל ײדן, האָבן זײ מילכ־פּי געהאַט זײער פיל (די אָרעמע־לײַט פלעגן זיך אָנשטאָט אַ בעהײמע באַנוגענען מיט אַ ציג), נאָך מער ײדן האָבן פאַרמאָגט אײפעס: הינער, גענדז א. ד. גל. אָט פאַר וואָס איז די צאָל סלאַוויזמען וואָס זײַנען שײַעך צו באַלעכאַיִם, אין $1\frac{2}{3}$ מאָל גרעסער, אײדער די צאָל סלאַוויז־מען, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט ערד־אַרבעט.

וועגן קאַמף פון סלאַוויזמען און גערמאַניזמען אין דעם דאָזיקן געביט קען מען איבערכאַזערן דאָס, וואָס מיר האָבן פריִער געזאָגט וועגן אַנדערע געביטן. מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט אײניקע בײַשפּילן פון גערמאַנישע און סלאַווישע סינאָנימען און דובלעטן: הונט — סאָבאַקע (דאָס לעצטע זײער זעלטן, אין פאָלקלאָר, אַלס זידל־וואָרט: „וואָס מער נאָגיד, מער סאָבאַקע"), קעמל — ווערבליוד, פּי — סקאָצינע, ענטל — קאַטשקע, שפּאַן — אופּראַזש און אַנדערע.

אינעם געביט פון ערד־אַרבעט האָבן מיר קימאַט ניט אַזוינע פּאָרלעך ווערטער. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די גאַנצע טעכניק פון ערד־אַרבעט איז אין די סלאַווישע לענדער געווען אַן אַנדערע, ווי אַמאָל אין די דײַטשישע לענדער, און אײניקע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע געצײַג און מאַשינעס האָבן זיך באַוויזן אין די סלאַווישע לענדער שוין פיל שפּעטער נאָך דער ײדישער מאַסן־אימיגראַציע, ערשט אין 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט. אויסער דעם איז ערד־אַרבעט געוואָרן די באַ־שעפטיקונג פון אַ געוויסן, עמעס זײער אַ קלײנעם, טײל ײדן. ניט נאָר ײדן ערד־אַרבעטער אָדער דאָרף־אײַנוווינער, נאָר אויך הענדלער האָבן געקאָנט איבערנעמען סלאַווישע לאַנדווירטשאַפטלעכע טערמינעס אַדאַנק די אָפטע געשעפטלעכע באַציִונגען מיט די ווײַסרוסישע און אוקראַיִנישע פויערים. די נישטיקע ראָלע פון ערד־אַרבעט אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון די ײדישע מאַסן פאַר דער רעוואָליוציע (בלויז 3 — 4 פּראָצ. ײדישע באַפעלקערונג האָט געצויגן זײער כעיונע פון לאַנדווירטשאַפט) דער־קלערט אונדז די קלײנע צאָל סלאַוויזמען פון דער דריטער סובגרופּע (ערד־אַרבעט א.אז.וו.) אין דער ײדישער שפּראַך. די לעצטע יאָרן, באַ דער סאָוועטנמאַכט וואַקסט די צאָל סלאַוויזמען אַף דעם געביט אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט־לעכער אַרבעט צווישן דער ײדישער באַפעלקערונג.

נאָכ ווייניקער סלאַוויזמען האָבן מיר אינ געביט פונ סעדעריי אונ גערטנעריי. די פאַראַלעלע עקזיסטענצ פונ סינאָנימען אונ דובלעטן (גערמאַנישע אונ סלאַווישע ווערטער) קאָנ מען פעסטשטעלן בלויז אינ איינצלנע פאַלן: יאָדער — קערנדל, יעטן — פּאָליען, באַר — גדויל, פּאַסאָליעס — קוואַשאָלעס. פּאַר עפּל, קאַרשן, פלוימען, וואָס זיינען געווען גוט באַקאַנט די ייִדן נאָכ אינ דייטשלאַנד, האָבן מיר בלויז גערמאַנישע ווערטער. דאָס דייטשישע Garten, וואָס באַטייט סאָד, פּאָליסאַדניק, גאָרטן, איז געבליבן אינ ייִדיש בלויז מיט דעם לעצטן באַטייט, ס'איז, הייסט עס, סעמאַנטיש פאַרשמעלערט געוואָרן. אויסער דעם האָט ייִדיש איבערגענומען דאָס סלאַווישע сад — סאָד אינעם באַטייט — „סאָד" אָדער „פּאָליסאַדניק".

### 3. האַנדל, פאַרקער אונ פאַרבינדונג

דאָס איז די קלענסטע גרופּע סלאַוויזמען. מיר צעטיילן זיי אפ צוויי סובגרופּעס.

א) האַנדל

אַרשין, באַקאַליישטשיק, בעזמען, דאָכאָד, הורטאָווניק, וויוועסקע, וויסטאַווקע, ווערשאָק, זאַלאָג, זאַלאָטניק, זשעליאַזניק, טאַבליצע, טאַנדעט, טאַנדעטניק, טאַנדעטנע, טאָרגעווען זיכ, טראַטווע, טשערוואָנעצ, יאַטקע, לייסטער, ליציטאַציע, מאָשעניקי, סטאָיקע, סטשאָט, סקלאַד, פּאָכאָד, פּוד, פּיטאַק, פּלוט, פּראָבע, פּראַסלער [1], פּריליאַוועק, פּריקאַשטשיק, קאַנטער [2], קאָפּיקע, קאָראָבייניק, קאַרב, קוואָטע, קופּצעס, קערמאַש, קלייט, רובל, שאָלן [3].

סאַכאַקל 43 ווערטער.

ב) טראַנספּאָרט, רייזע, פאַרבינדונג

אָבאָז, אָטקריקטע, אָקרענט [4], איזוואָזשטשיק, אַרבע, באַרזשע, בענדיוזשניק, בערלינע, בריטשקע, גרוזען, גרוזעווען, דזעגעכצ, דראַבעס, דראַבינעס, דוהע, דישל, דראָזשקע, האָלאָבליעס, וואַלקע, וואַגאָן, וואַגאָנעטקע, ווסטרעטשאַיען, זברויע, טאַטשקע, טאַטשאַנקע, טעליעגע, טאַראַנטאַס, טעפּלושקע, יאַזדע, לייצעס, נאַ־שפּיצ, מאַגיסטראַל, מאַזשאַרעס, סטרעלאָטשניק, פּאָיעזד, פּאָטשט, פּאָסטאָיאַל, פּאַלובע, פּאַראָוואָז, פּאַראָכאָד, פּאַראָם, פּערעדאָק, פּערעסאַדקע, פּוזשעלע, פּורגאָן, פּריוואַל, קאָזלעס, קאָניוכ, קאַרעטע, קוטשער, קעלניע, ראַזנאָשטשיק, רעלסן, שאָסע, שליאַכ, שפּאַלן.

סאַכאַקל 56 ווערטער. צוזאַמען האָבן מיר אינ דער דריטער גרופּע 99 ווערטער.

ס'איז קיינ כידעש ניט, וואָס די צאָל סלאַוויזמען אינ דער דאָזיקער גרופּע איז קליינ: דער האַנדל איז געווען אַן אַלטע אונ פאַרשפּרייטסטע באַשעפטיקונג בא ייִדן, ייִדיש האָט פונ לאַנג אָנ געהאַט א רייכ אַנטוויקלטע האַנדל־טערמינאָלאָגיע פונ העברעישע אונ דייטשישע ווערטער. סלאַוויזמען ווערנ איבערגענומען בלויז אפ אַזויפיל, אפ וויפל דאָס איז געווען נייטיק צוליב די באַציִונגען מיט דער אַרומיקער באַפעל־

[1] היסט. ר. прасол — וואַנדערנדיקער קלייַנהענדלער, וואָס קויפט אופ אינ דאָרף לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן.

[2] ווייסר. кантар — בעזמען.

[3] ווייסר. шалі.

[4] פּ. akręt — א שיפ.

קערונג — נעמענ פונ וואָג—מאָסנ, פונ געלט א. ד. גל. אייניקע סלאווישע ווערטער פונ דעמ געביט שטעלנ מיט זיכ פאָר ניט קיינ מוז־אנטלייונגענ, נאָר סינאָנימענ צו אל־טע גערמאנישע אָדער העברייִשע ווערטער, אשטייגער, טאָרגעווענ זיכ — דינגענ זיכ, סטשאָט — כעזשבנ, קלייט — קראָמ, דאָכאָד — האכנאָסע, פארנאָסע.

אינ דער צווייטער סובגרופע געפינענ מיר אזעלכע נעמענ פונ אָרטיקע טראנ־ספּאָרט־מיטלענ, ווי בריטשקע, ארבע א. אז. וו., א ריי טערמינעס, וואָס שפּיגלענ אָפּ די נייע טראנספּאָרט־טעכניק אינ די סלאווישע לענדער אינ 19־טנ יאָרהונדערט, א היפּשע צייט שפּעטער נאָכ דער יִדישער אימיגראציע אינ די מיזרעכ־סלאווישע לענדער, ווי, צומ ביישפּיל, פּאָיעזד, פאראָכאָד (די דובלעטנ „צוג" און „דאמשיפּ" זיינענ ארייִנ אינ שפּראכ אלס ליטערארישע טערמינעס), מאגיסטראל, פּערעסאדקע, רעלסנ, שפּאלנ.

## 4. פּראָפעסיעס, האנטווערקעריי, אינדוסטריע און דאָס געהעריקע רויוואַרג

### א) פּראָפעסיעס

אקושערקע, בורלאק, גארבער, דוואָרניק, ווינאָקור, זאגאָטאָווטשיק, זאקראָי־שטשיק, טאבונשטשיק, טאָלמאטש, טקאטש, טשעסלער, טשומאקעס, לאטוטניק, לעס־ניטשע, מולער, נאדרעזשטשיק, טאדאָווניק, סטאָליער, סטאָראָזש (סטרוזש), סטראפּ־טשע, פּאָזשארניק, פּאָזשארנע, פּאפּיראָסניצע, פּאָטשטאליאָנ, פּאָקאָיאָווע, פּראטשקע, קאָנאָוואל, קוכאר, קראוועצ, ראזסילנע, רימער, שאכטיאָר, שאכטיאָרקע.

סאכאקל 33 ווערטער. מיר האָבנ אינ דער דאָזיקער סובגרופּע ניט אייִנ־געשלאָסנ יענע פּראָפעסיעס, וואָס זיינענ ענג פארבונדנ מיט לאנדווירטשאפט, האנדל, טראנספּאָרט, ווי פּאסטעכ, פּריקאשטשיק, קוטשער, קאָניוכ א. אז. וו.

פאר אנטלייונגענ פונ דער סובגרופּע זיינענ טיילווייז פאראנ גערמאנישע דוב־לעטנ ווי, אשטייגער, פּראטשקע (וועשערנ), שאכטיאָר (קוילנגרעבער).

דאָס לעצטע גערמאנישע וואָרט איז מער אייִנגעבירגערט אלס ליטערארישער טערמינ.

### ב) האנטווערקעריי

באָיניע, דלאָטע, דראטווע, ווארשטאט, ווענטקע, זאקאז, טאָטשידלע, טאָקארניע, לאטע, מאסטערסקאיא, ניעוואָד, סטאמעסקע, סטאנאָק, סטרומענט, סטרונע, סטריגעווענ, סמאָלע, ספּעשקיעלע, ספּרוזשינע, פּאָדריאד, פּאָטשינקע, פּארטאטש, פּארטאטשענ, פּרא־וידלע, פּאסטריגע, פּאסטריגעווענ, פּארלאטענ, פּארסמאָליעווענ, פּארצירעווענ, פּאר־קאָוועַנ, קאָוואל, קאָוואדלע, קאָווענ, קוזניע, קוסטאר, קרופּאָדיאָרקע, רובטשיק, שטעכעווענ, שקיפּינאר.

סאכאקל 38 ווערטער, דערינענ אויכ אזעלכע ווערטער, וואָס באצייכענענ ארבעט־פּראָצעסנ און געצייג.

צו דער דאָזיקער סובגרופּע, אָבער גלייכצייטיק אויכ צו דער פאָלגנדיקער סובגרופּע, געהערנ אייניקע פּראָפעסיאָנעלע און דעריבער ווייניק פארשפּרייטע טערמינעס אפּ באצייכענענ געוויסע ארבעט־פּראָצעסנ, וואָס זיינענ לעכאטכילע געווענ שייעכ צו האנט־ווערקעריי, איצט—אויכ צו אינדוסטריע:

גווינטעווען, גרונטעווען, דובלעווען, דרעלעווען, הובלעווען, וועלצעווען, ווער־סטעווען, לאדעווען, לאמעווען, מײַסטרעווען, ניטעווען, פאלדעווען, פאלצעווען, פוגעווען, קאנטעווען, ריכטעווען, שאברעווען, שטאמעווען, שפאקלעווען [1].

סאכאקל 19 ווערטער, מיינסטנס פאָלאָניזמען (מיסטאמע אלטע אנטלײַונגען).

ג) אינדוסטריע

אודארניק, אודארניצע, בראָן, בראָווארנע, גוראלניע, דאָמנע, הודאָק, הוטע, וורו־באָווקע, זאבאָי, זאוואָד, זוואָנאָק, טארטאק, טיסקעס, טשוהונ, יוכטע, לאווע, לעביאָדקע, נאבאווקע, נאהאָרא, נאוויאד, כטאווקע, סיריאָ, סקיבע [2], סטאטשקע, סטאכאנאָ־ווער, סמענע, סעזאָניק, ספלאוו, ספעצאָווקע, פאָדריאד [3], פאָדריאטשיק, פראָגול, פראָגולשטשיק, פראָסטאָי, פריבאווקע, צעגעלניע, קײַלע, קליעט, ראשטשאָט, ראבאָטשי, ראזריאד, שאכטע.

סאכאקל האָבן מיר 44 ווערטער.

שטרענג פאנאנדערגרענעצן די טערמינען פון די לעצטע צוויי סובגרופעס איז אומעגלעך.

אינגאנצן האָבן מיר אין דער 4 גרופע 134 ווערטער.

די קליינע אבסאָליוטע צאָל פון אזוינע טערמינעס איז פארשטענדלעך: פארן אָקטיאבער איז די צאָל יידישע פראָלעטאריער געווען זייער קליין, דערבײַ זײַנען יידישע ארבעטער געווען קאָנצענטרירט איבערהויפט אין דער קוסטארישער אינ־דוסטריע, ווײַל קיין צוטריט צו די גרויסע אונטערנעמונגען האָבן זיי ניט געהאט. די אָקטיאברישע סאָציאליסטישע רעוואָליוציע האָט שארף געענדערט די לאגע: דאָס ספעציפישע געוויכט פון ארבעטער צווישן דער גאנצער יידישער באפעלקערונג איז היפש אויסגעוואקסן און וואקסט קעסיידער איבערהויפט אין דער גרויסער אינדו־סטריע און אין אזוינע צווײַגן, ווו פאר דער רעוואָליוציע זײַנען יידישע ארבעטער לאכלוטן ניט געווען. אלס רעזולטאט פון אזוינע פראָצעסן איז אומפארמײַדלעך דער וווּקס פון סלאוויזמען אינעם געביט פון אינדוסטריעלער טערמינאָלאָגיע.

אן ענלעכע פערספעקטיוו פון וווּקס האָט די טערמינאָלאָגיע פון דער צווייטער גרופע — נאטור און לאנדווירטשאפט — אדאנק דעם, וואָס די סאָציאליסטישע רעקאָנ־סטרוקציע פונעם סאָציאלן באשטאנד פון דער יידישער באפעלקערונג האָט שוין היפש פארגרעסערט דעם ספעציפישן געוויכט פון יענע יידן, וואָס לעבן פון לאנדווירט־שאפט.

---

[1] די באטײַטן פון די ווייניקער באקאנטע ווערטער:

פ. gwintować — מאכן ווינטארטיקע (винтообразные) אײַנשניטן; פ. dublować — ארומנייען די זויל; פ. drelować — עגבערן; פ. ładovać — אדופלייגן די זויל; פ. lamować — ארומנייען דעם ברעג מיט געווייסן שטאָף; פ. nitować צונויפשמעלצן; פ. fugować — אויסגלײַכן די קאנטן פון ברעטער באם צונויפלייגן זיי; פ. rychtować, אוקר. рихтувати — צופאסן; פ. szabrować — איבערשטוקאטורען; פ. sztamovać — אויסהאקן א לאָך מיט א שטאַמײַזע.

[2] א טערמין פון דער טאָרף־אינדוסטריע. ער איז אויך שײַעך צו ערד־ארבעט.

[3] דער דאָזיקער טערמין איז אנטשטאנען אינעם פעריאָד פון „גרינדערײַ" (אין 19 יאָרהונדערט) און אונטערשיידט זיך פאָנעטיש פון פאָדראד אין פאָריקער סובגרופע, וואָס באטײַט א קוסטארישע אונ־טערנעמונג אפ באקן מאצע

## 5. דער מענטש (זײַנ קערפּער, פיזישע אונ גײַסטיקע אײגנשאַפטנ א. ד. גל.)

איקרע, באַיבאַק, באַלעווענ, באָראָדאווקע, בולבעוואַטע (נאָז), בידנער, ברעמ, גאַווענדע, גרוביאַנ, געמבע, גריזשע, דיווטשינע, דיקאַר, האָרב, האָרבאַטער, האָלעפּופּניקעס, הוילע, הולטײַ, הולטײַקע, הוליאַקע, הוליע, הלאָטקע, הנידע, וויראָדאָק, וואָנצעס, ווירוטנער [1]), וויִעס, זאַיִקע, זאַדישקע, זאַלאָזעס, זוואַניע, זשוליק, זשוליקעוואַטע, זשמורענ זיכ, טשופּרינע, טשעפּקע, יאַבעדניק, יאַדעשליווער, יאָזשיק, יאָלעפּ, יאַסליע, כאַמ, כריסט, כריטש, לאָדער, ליאַדע, לאַדעשקע, לאָטרע [2]), ליטקע, ליידאַק, ליסינע, ליסע, לישײַ, מאָווטשונ, מאָט, מאָזאָליעס, מאָלאָדיעצ, מאָרדע, מוסקולנ, נאַדאָיעדליווע, נאַגניאָטקע [3]), נאַכאַל, נודניק, סוכאָזשילעס, סוכאָטע, סיבירניק (בייזער מענטש, פאַרברעכער), סיווע, סיניאַק, סמאַהע, סמאַרקאַטע, סמאַרקאַטש, סמוגלע, סטערווע, סעריאָזנער, סקולעס, סקולאַסטע, סקעליעט, סערצע, פּאָדלעצ, פּאַזעכע, פּאָטיליצע, פּאַטלע, פּאָכאָזשע, פּאַכווע, פּאַסקודע, פּאַסקודניאַק, פּוסקודניצע, פּאַרובקעס, פּאַרכ, פּוזע, פּוזאַטער, פּופּיק, פּוסטעפּאַסניק, פּיאַטעס, פּיגאַליצע [4]), פּליכ, פּלייכעוואַטער, פּלייצע, פּיזשיק, פּעמפּיק, פּראָמאַכ, פּריטשעפּע, פּרישטש, פּרישטשיק, פּרישטשעוואַטער, פּראַסק, קאָזאַק, קאָזאַטשקע, קאַט, קאַטעווענ, קאַליקע, קאַסאָקע, קאַרק, קראַסאַוויצע, קאַרליק, קאָראָסטע, קאַרטיאָזשניק, קודלעס, קוטשעראַווער, קוטשמעס, קולאַק, קורנאָסע, קילע, קלובעס, קרוצעל, קריזש, ראַזבאָיניקעס, רופּעטליווער [5]), רעברע, שאַרלאַטאַנ, שאַרלאַטושקע, שאָרסטקער, שושקענ זיכ, שלינע, שמאַראַוואָזניק, שמאַראָווידלע, שעפּעליאַווער, שטשופּלע, שעפּטשענ.

אינ דער דאָזיקער גרופּע קאָנ מענ אויכ אַרײַנעמענ א קליינע קאַטעגאָריע ווערטער, וואָס זײַנענ עטוואָס אָפּגעזונדערט אונ באַטײַטנ דעמ מענטשנס שלאָפקײַטנ אונ הייל־מיטלענ דערצו:

באַבסקע (סגולעס), באָלניצע, באַנקעס, זנאַכער, זנאַכערישער, טשאַכאָטקע, טשעכאָטניק, סקאָבקע, נאַריוו, ציִנגע, סקאָראָפּאָמאָשטש [6]), פליאַסטער, קאָלטונ, קאָלטונעוואַטע, קאַסטאָרקע, שאַלוויי.

ס א כ א ק ל פ א ר מ אָ ג ט ד י פ י נ פ ט ע ג ר ו פ ע 155 ו ע ר ט ע ר.

פאַר אַנ אומבאַדײַטנדיקער צאָל סלאַוויזמענ פונ דער דאָזיקער גרופּע זײַנענ פאַראַנ גערמאַנישע אָדער העברעיִשע סינאָנימענ. מע דאַרפ אָבער האָבנ אינ אויג דעמ אונטערשייד אינעמ באַטײַט פונ אַזוינע סינאָנימענ, ווי סערצע אונ האַרצ (סערצע

---

[1]) דיאַלעקטיזמ. אוקר. вирутний — אַנ עכטער. אינ ווײַסרוסישנ ייִדיש קומט עס מיטנ באַטײַט — פלינקער.

[2]) דיאַלעקטיזמ. א גאַנעוו, אַנ אויסוואורפ. מה״ד — שווינדלער, לײַכטזיניקער. ווײַסר. лотрыга — א שיקער, א פּוסטעפּאַסניק. סעמאַנטיש אונ פאָנעטיש שטאַמט דאָס וואָרט אינ ייִדיש פונ ווײַסרוסיש. די פאָלקס־עטימאָלאָגיע פאַרבינדט אַלפּיטאָעס „לאָטרע“ מיט „לאָט“ („שיקער ווי לאָט“).

[3]) אוקר. нагнятка — מאַזאָליע.

[4]) ר. пигалица, пиголица — אַנ אַרט מעווע, ווי אויכ פיגורעל, א דאַרער מענטש. אינ ייִדיש האָט דער דאָזיקער דיאַלעקטיזמ בלויז דעמ פיגורעלנ באַטײַט.

[5]) ווײַסר. ρупатлівы — א זאָרגעווודיקער.

[6]) אינ פאָלקלאָר־מאַטעריאַלנ.

איז ניט קיין אָרגאנ פונ מענטשלעכנ קערפער, נאָר א ווענדונג מיט לאסקע), וויראָדאָק אונ אויסוווּרף, דיווטשינעס אונ מיידלעכ (דאָס ערשטע וואָרט איז שייַעכ בלויז צו אוקראַיִנישע מיידלעכ), פארובקעס אונ באָכרימ (דאָס ערשטע וואָרט איז שייַעכ בלויז צו באָכרימ — אוקראַיִנער).

אינ דער מערהייַט פאלנ האָבנ דאָ, ווייַזט אויס, די סלאוויזמענ ארויסגעשטויסנ די קאָנקורירנדיקע מיט זיי גערמאנישע ווערטער, אפ וויפל די יִדנ האָבנ נאָכ זייַענדיק אינ דייַטשלאנד געמוזט געוויס פארמאָגנ גערמאנישע ווערטער פאר די געהעריקע קערפער־טיילנ, פיזישע אונ פסיכישע אייגנשאפטנ פונ מענטשנ.

## 6. דאָס סאָציַאלע לעבנ

אינ דער דאָזיקער גרופע נעמענ מיר אריינ אלצ, וואָס איז שייַעכ צו סאָציַאל־עקאָנאָמישע, פאָליטישע אונ יורידישע קאטעגאָריעס אונ באציִונגענ צווישנ מענטשנ, צו דער פונקציאָנירונג פונ מעלוכישע אונ געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס אונ אנשטאלטנ, צומ פארקער פונ מענטשנ אינעמ קאָלעקטיוו, אינ שטייגער אונ פאמיליע.

א) סאָציַאל־עקאָנאָמישע, פאָליטישע אונ יורידישע קאטעגאָריעס אונ באציִונגענ

אָבשטשעסטווענע, אופראווליאיעשטשע, אָטקופ, אָטקופשטשיק [1], איסק, אָפעקונ, אָפעקונשע, אָפריטשניקעס [1], ארטעל, ארטעלשטשיק, בונט, בונטאָוושטשיק, בונטעווענ, בעזשענצעס, בעזראבאָטנער, בראָדיאגע, גלאסנער [1], גראפיניע [1], דאָווערענאָסט, דיעלע, האָלאָדראנצעס, הייַדאמאק, הייַדוק, וויגאָוואָר, זאקאָנ, זלידניעס, זעמסטווע [1], טאקסע, טורמע, טשאסטנע פאָווערענע[1]), טשינ, טשינאָווניק, יאבעדע, כאבאר, כאבארניק, כאָדאטייַלאקיי, להאָטעס, להאָטניקעס, מאיאָווקע, מאָשענסטווע, מאָשענעווענ, מוזשיק, מיאטעזש, מיאטעזשניק, מיטניק, מענשעוויקעס, מענשעוויק, מעשטשאנינ, מעשטשאנישע, מעשטשאנסטווע, נאלאָג, נאקאז, נאראָדאָוואָליעצ, נייַמיט, סאָבראניע, סבאָר, סכאָד, סאָסלאָוויעס [1], סבאָרשטשיק, סטאטעטשנער, סוועטשני סבאָר [1], סיבירניק[2], סמיטשקע, ספראוונער, פאָדאטעק, פאָזעווענ[3], פאָגראָמ, פאָגראָמשטשיק, פאָליאק, פאָמעשטשיק, פאנ, פאניע, פאניענקע, פאנשטשינע, פאספאָרט, פראווע, פעטליוראָוועצ, פעטליוראָווטשטשינע, פעשקע, פראוואָזשיטעלסטווע [1], פראָסטאקע, פראָשעניע, פריגאָוואָר, פאנאבעריע, צאר, צאריזמ, קאוטסקיַאנסטווע, קאָרנילאָווטשטשינע, קאָרמאק, קערענשטשינע, קאזיאָנע, קאטאָרזשנע, קאטאָרושניק, קאָראָבקע [1], קופטשע, קיטייַעצ, ראזנאָטשינעצ[1]), ראסטראטשיק, ראוונאָפראוויע [1], שליאכטע, שליאכטיטש.

גאנצ באזונדער שטייענ דאָ די ווערטער, וואָס האָט מיטגעבראכט אונ פארוואָרצלט די אָקטיאבערישע סאָציַאליסטישע רעוואָליוציע:

באָלשעוויזאציע, באָלשעוויזירנ, באָלשעוויזמ, באָלשעוויק, לעניניזמ, לענינעצ, נאצפאָליטיק, סטאלינעצ, פיאטילעטקע, פוטיאָווקע, קאָלכאָז, קאָלכאָזניק, קאָלכאָזניצע קולאק, פידקולאקל, קאָמסאָמאָל, קאָמסאָמאָליעצ, קאָמסאָמאָלקע.

סאכאקל 121 ווערטער.

---

[1]) היסטאָרישע טערמינעס אונ פארעלטערטע ווערטער.

[2]) אינ פאָלקלאָר — א פאָליטישער, פארשיקטער אינ סיביר.

[3]) דיַאלעקטיזמ (בא מארקישנ). מישפעט זיכ. פונ — ארויסרופ צומ געריכט.

ב) באגריפנ פארבונדענע מיט אנשטאלטנ, ארמיי אונ זייער פונקציאָנירונג

אהער גייענ ארײַנ אויכ נעמענ פונ באאמטע אונ זייערע פונקציעס, די טעטי־קײַט־אָביעקטנ פונ אנשטאלטנ אונ אָרגאניזאציעס א. ד. גל., ווי אויכ טערמינעס, וואָס זײַנענ שײַעכ צו דער ארמיי אונ מילכאָמע.

אָביסק, אָבלאווע, אוריאדניק [1]), אוטווערדיענ, אוטשאסטאָק, אָטסטאווקע, אָטריאד, אָסטראָג, אָקאָפ, ארעסט, ארעסטאנט, ארעסטירנ, באראבאנ, באראבאניענ, בורמיטש [2]), בראָנעוויק, גווארדייעצ, דאָזאָרצע [1]), דאָקלאד, דאָקלאדעווענ, דאָלאָזשענ, דומע [1]), דעזשורנע, דעזשורסטווע, דראגונ, דרוזשינע, הראָמאדע, וואָלאָסט [1]), וויבאָרעס, ווינ־טאָווקע, וואָיענע, ווזוואָדנע, וולאסט, זאסטאווע, זאפאסנאָי, זשאלאָוואניע, זשאנ־דאר, זשערעב, טשאסאָוואָי, טרובאטש, טרובענ, טרעוואָגע, טשאטע, טשוטשעלע, יאסליע, נאגראדע, נאהײַקע, נאדזיראטעל [1]), נאָוואָבראנעצ, נאָוויגאָד, נאזנאטשענ, נאטשאל־ניק, נאטשאלסטווע, נאָרע, סאבליע, סאָטניע, סאָטסקע, סוויסטאָק, סווישטשענ, סוועדע־ניעס, סטאנאָוואָי [1]), סטאטיא, סאָלדאט, סאָלדאטשינע, סאָנד, סוד, סודיא, סודיעבנע, סטא־ראָסטע, סורגוטש, סישטשיק, סלאָוועסנאָסט [1]), סלוזשבע, סלוזשיטעל, סלעדאָוואטעל, סלעדסטוויע, סמעטע, סמאָטריטעל, סנאריאד, סעקרעטנע, סעקרעטאר, ספראווניק [1]), ספראוו־קע, פאָוועסטקע, פאָימאניק [1]), פאגאָנעס [1]), פאטראָנ, פאָלק, פאָלקאָווניק, פאָריאדקעס (פאָראָנדקעס), פאָמאָשטשניק, פולעמיאָט, פאָסט, פיקעס, פעטשאטקע, פעכאָטע, פער־ויזראדניק [1]), פריזיוו, פריזיווניק, פריסוטסטוויע [1]), פריסטאוו [1]), פרעדסעדאטעל, קא־זארמע, קאטאָרגע, קאזנא, קאָמאנדע, קאָמאנדעווענ, ראזוועדטשיק, רעשעניע, שטיק, שפאגע, שפאָרנ.

א באזונדער אָרט פארנעמט דאָ דער נײַער סאָוועטישער לעקסיקאָנ: אסאָאוויאָ־כימ, וווז, וואָזשאטע (מיטנ נײַעמ באטײַט), ווציק, ווצספס, זאוו, זאווקאָמ, זאמ, מאָפר, נקוו״ד, סאָווכאָז, סאָוונארקאָמ, סאָוועט, סאָוועטיזירנ, ססר, פיזקולטורניק, ציק, ריק.

ס א כ א ק ל 129 וו ע ר ט ע ר.

ג) פארקער אינעמ קאָלעקטיוו

אהערצו געהערנ די טערמינעס, וואָס זײַנענ פארבונדנ מיט אנדערע מינימ מענט־שלעכנ פארקער — מיט שפילנ, פארווײַלונגענ א. אז. וו.

באיאנ, באלאגאנ, באנדורע, בוכאנצעס, דודע, דריאזגעס, הוליאנקע, הארמאָניקע, וואטאגעס, וויטענ זיכ, זהרײַע [2]), זורנע, זשמורקעס, טאָווארישטשעס, טשאסטושקע, כאליאסטרע, כאָפטע, ליאמע [3]), מארשאלעק, סמיטשיק, סמיק, סטוסאקעס, פערע־פאלקעס, פריסאדקעס, סטיטשקעס, קאטאָק, קאטערינקע, קאלויטענ (מיט דער צונג), קאראהאָד, שאכמאטנ, שאשקעס, שקאָלעס.

ס א כ א ק ל 32 וו ע ר ט ע ר.

---

[1]) היסטאָרישע טערמינעס אונ פארעלטערטע ווערטער.

[2]) ווײַסר., אוקר. зграя — געזעמל, געדרענג (פונ מענטשנ).

[3]) היסטאָריש וואָרט, איבערגענומענ געוואָרנ אינ פעריאָד פונ דער ערשטע רוסישער רעוואָליוציע פונ דעמ ארעסטאנטנ־זשארגאָנ מיטנ באטײַט הוליאנקע, כאווערישע סודע (אינ רוסישנ האָט ляма דעמ באטײַט — שלונג, פיסק).

איגרושקע, איזשדעווענייע, איזשדעווענעץ, אימעניניק, אימענינניצע, באָבע, באַינקע, בעזדעטניק, האַלוזע, הײַטע, וויכאָוואַנעץ, זיידע, טאַטעניו [1], ליאַלקע, ליובאָווניק, ליובאָווניצע, ליובעניו, ליולענקע, מאַמעניו, מיזיניק, מיזינקע, ניאַנטשען, ניאַנקע, סעמײסטווע, פאַפּע, פּאַפּאַשע, פּילקע, פּלימעניק, פּלימעניצע, פּלאָימע [2], צאַצע (צאַצקע), צאַצקען זיך, קאָכאַנטשיק, פאַרקאָכען זיך, קאָליאַסקע, קאָלעקאָטקע, קוקלע.

ס א כ א ק ל 37 ו ו ע ר ט ע ר.

מיר האָבן לעפּיערעך א קליינע צאָל סלאַוויזמען פאַר באַגריפן פון פאַמיליען־לעבן, ווײַל אין דעם דאָזיקן געביט זײַנען די ייִדן מער ווי אַלץ געווען אָפּגעזונדערט פון זייערע שכנים, אַפילו ווי פיל געמישטע כאַסענעס זײַנען געווען שטרענג פאַרבאָטן דורך דער רעליגיע און זײַנען געווען פאַרבונדן מיט שמאַד. סלאַוויזמען זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין אָט דעם געביט אַדאַנק די סלאַווישע ניאַנעס און שטובמיידלעך. די באַגריפן, וואָס ווערן באַצייכנט דורך סלאַוויזמען, זײַנען קיין נײַס פאַר ייִדן ניט געווען און פלעגן פריִער איבערגעגעבן ווערן דורך גערמאַנישע ווערטער. די סלאַוויזמען האָבן דאָ אָדער אַרויסגעשטויסן די גערמאַניזמען אָדער זיי האָבן זיך אײַנגעלעבט אין דער שפּראַך צוזאַמען מיט זיי, ווי, אַשטייגער, „ליובאָווניק" און „געליבטער", „פאַרקאָכען זיך" און „פאַרליבן זיך". אויך אין אַנדערע געביטן באַמערקט זיך, וויִאַזוי סלאַוויזמען שטופּן צײַטנווײַז אַרויס גערמאַניזמען, וואָס באַצייכענען אַלטע באַגריפן, מיט וועלכע די ייִדן זײַנען געווען באַקאַנט אין די דײַטשישע לענדער.

א י נ ג א נ צ ן פ א ר מ אָ ג ט ד י 6־טע ג ר ו פּ ע 319 וו ע ר ט ע ר. 40 פּראָצ. פון זיי זײַנען פאַרבונדן מיט דער פונקציאָנירונג פון מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די ייִדישע מאַסן האָבן געהאַט אָנגערופן די אַנשטאַלטן, אָרגאַניזאַציעס און באַאַמטע אַזוי, ווי זייערע סלאַווישע שכנים, אַז צוזאַמען מיט די ייִדישע סאָלדאַטן האָבן אויך אַנדערע ייִדן געהאַט איבערגענומען רוסישע מיליטערישע טערמינען. מע דאַרף דערצו נעמען אין אַכט, אַז די דאָזיקע טערמינאָלאָגיע שפּיגלט מײנסטנס אָפּ א נײַע מיליטערישע טעכניק, וואָס האָט נאָך ניט עקזיסטירט אין דעם פּעריִאָד, ווען די ייִדן האָבן עמיגרירט פון די דײַטשישע לענדער קיין מיזרעך, און אַז פאַר זייער עמיגראַציע און אין די ערשטע יאָרהונדערטער נאָך איר האָבן די ייִדן אין מיליטער ניט געדינט. פּאַראַלעל מיטן אַלטן גערמאַנישן וואָרט „ביקס" האָבן מיר אין ייִדיש דעם סלאַוויזם „ווינטאָווקע" (לעפּיערעך א נײַער טערמין).

---

[1]) „טאַטע" און „מאַמע" רעכענען מיר ניט פאַר סלאַוויזמען, ווײַל זיי זײַנען פאַראַן אין זייער פיל שפּראַכן און געהערן צו די „פּאַראינדאָאייראָפּעיִשע" טערמינען פון קרויוועשאַפט.

[2]) דיִאַלעקטיזם. ווײַסר. плойма — אַסאַך. ייִדיש — א גרויס הויזגעזינד (איראָניש).

## 7. עמאָציִאָנעלֿע ווערטער, אַלֿגעמײַנע באַגריפֿן און פֿאָרשטעלֿונגען

אין דער דאָזיקער גרופּע גייען אַרײַן ווערטער, וואָס דריקן אויס געפֿילֿן, אלֿגע־
מיינע און אבסטראקטע באגריפֿן און פֿאָרשטעלֿונגען. מיר האָבן אהער אײַנגעשלֿאָסן
סובסטאנטיוון, אדיעקטיוון און באזונדערס צײַטווערטער, וואָס האָבן א מער אלֿגע־
מיינעם כאראקטער, און מע קען זיי ניט אַרײַננעמען אין אוואָסער ניט איז פּריִער־
געבראכטער גרופּע.

אָבוזע, אָבידיען, אָהולֿנע, אוואזשען, אוטשאדיען זיך, אויסטשוכען זיך, אויסלֿופּען,
אויקען, איזדעקעווען זיך, איזמוטשען זיך, אימפּעט, אָכקען, אָגהאָדעווען, אָנמוטשען זיך,
אָנסטראשען, אָנסטראָיען, אָנקאָרמען, באיקע (מײַסע), בילֿינע, באלֿאבאָטשען, באלֿא־
מוטשען, באָלֿבען, בויטיען, בוכען, בורטשען, בלֿאָנדזען, ברײַען, בריקען זיך, גאָ־
גאָטשען, גאדאיען, גוואלדעווען, גראמאָטע, גריזאָטע, דאָביווען, דאָווערייאיען, דאָלֿיע,
דאָסאדע, פּאָסטאווען, דאָקוטשען, דאָקוקע, דושעניו, דערדושען, דלֿיבען, דערדלֿיבען, דראַ־
פּען, דראקעס, דראָזש, דריגען, דרימלֿען (דרעמלֿען), האָדיוולֿע, האָדעווען, האלֿובען,
האָרבען זיך, האָרעוואניע, האָרעווען, האָרעפּאשניק, הוידען זיך, הולֿיען, וואַ־
לֿוואָדיען, וואנדרעווען, וואָרקען, וואָיען, וויגעדע, וויזוואָלֿיען, ווינטשעווען, וואָזגען
זיך [1]), וואָיעווען, ווישטשען, זאבאווע, זאבאווען, זאבאָבאָנעס, זאטשעפּען, זאיאווען,
זאפּאס, זגוואלֿטעווען, זדעקעווען, זשוזשען, זשערטעווען, טאָטשען, טאָלֿק, טאָפּטשען,
טופּען, טיאָכקע, טיאָכק, טיטשען, טעכלֿעווען [2]), טריוואלֿנסטער [3]), טרעפּעשטשען,
טרעבאָוואניעס, טשודאק, טשודנע, טשיקאווע, טשעפּען זיך, טשעקאוואָשטש, טשער־
פּען, יאוונע, יאסנע, יאָלֿקע (ביטערער), יורינ [4]), יוירונגי [1]), יוירנדיק, יוסטער, יענטשען,
כאָווען, כאָלֿיען, כאפּן, כיטראָסט, כיטראק, כיטרע, כיטרעווען, כיטרעקײַט, כלֿאָפּאָ־
טשען, כניקען, לֿאד, לֿאסקע, לֿאָפּניען, לֿאָפּען, לֿאקאָמער, לֿאשטשען, מאָדנער, מאָרדע־
ווען, מארודזען, מארקאָטנע, מוטנער, מוטיען, מוטשען, מלֿאָסנע, מעדלֿיעווען, מע־
שטײַען [5]), נאָווענע, נאָיען, נאראיען, נאראָד, נודאָטע, נודנע, נודניק, ניוועצ, נע־
בעך, נעטשאיאנע, נעסטשאסנע, סאָביראיען, סאָוועסט, סאמאָוואָלֿיעצ, סוואָבאָדע,
סוואָדקע, סומאטאָכע, סומנע, סטאָרטשען, סטארען זיך, סטאיען, סטראָגע, סטראַ־
שידלֿע, סטראשען, סטראשונעק, סטראשנע, סיפּען, סמאקעווען, סמאהעדיק, סמײַען,
ספּאָלֿאָשען, ספּאָקאָינער, ספּאָסאָבנער, ספּילֿשלֿיוער, ספּראווען זיך, ספּריטנע, סקאַ־
ווּטשען, סקוטשנע, פּאָדלֿאָסט, פּאָדלֿע, פּאָדראָבנע, פּאָהיבעלֿ, פּאוואָלֿיע, פּאָזוואָלֿיען,
פּאָזוואָלֿיעניע, פּאָטיעכע, פּאטשקען, פּאָיען, פּאָלֿזע, פּאָלֿיובען, פּאָלֿנער, פּאָפּעטשעניע,
פּאָסטארען זיך, פּאָסטאראיען זיך, פּאָסטעמקעס, פּאָסלֿושנע, פּאָסמאקעווען, פּאָס־
פּייען, פּאסקודע, פּאסקודסטווע, פּאָפּאדיען, פּאָפּאָוושטשינע, פּאָפּראווען זיך, פּאָ־
קאָרנע, פּאָרקען זיך, פּוכקער, פּויזשען, פּונקטואלֿנע, פּוסט, פּיטשעווקעס, פּלֿאָדזשען,
פּלֿאנעווען, פּלֿאקסיוער, פּלֿיטקע (פּלֿאכער), פּעטשאטעק, פּעסטעווען, פּעשטשען, פּראַ־

---

[1]) возиться.

[2]) ווײַסר. техлевацъ — פֿארשוועגדן, צעטרענצלֿען.

[3]) ווײַסר. трывалы — אויסטראָגעוודיקער, וואָס קען פֿילֿ אויסהאלֿטן, אויסטראָגן.

[4]) ווײַסר. юрыць — אופֿרעגן זיך (געשלֿעכטלֿעך). אין ייִדיש — אופֿרעגונג ביקלֿאָלֿ.

[5]) בא גאָדינערן (זאוו. טראקט).

פאנאָווע[1]), פראָסט, פראָסטער, פראָוואָרנע, פראוונע, פראצע, פראצעוונע, פראָרווע, פריטאָ־ליענ, פריטשינע, פריטשמעליענ, פריטשמעליעטער, פרימעטע, פרימער, פרייענ, פריקרע, פארהארטעוונ, פארזשאוורטער, פארזשאוורנ, פארטײַענ, פארטשאדענ זיכ, פארכלינענ זיכ, פארכליפענ, פארכמארעטער, פארכמארענ זיכ, פארסאָפּעטער, פארקאָכט, צוטשעפּענ, ציקאווע, צעגראָמירנ, צעכאפּנ, צעיושעטער, קאטשענ, קאטשקע (אינ באוועגונג), קאלעמוטנע, קאלופּענ, קאליע, קאליעטשענ, קאָנ, קאָנטשענ, קאָני־טשענ, קאָסע (косо), קאפּריזנע, קארבנ (метить), קאָרטשענ, קאָרטשעוונ, קאָר־מענענ, קוואפּענ, קוויטשענ, קוטשענ, קופּע, קוראזשענ זיכ, קירעווענ, קישענ, קלאָ־פּאָטשענ, קראפּירנ, קריוודע, קריוודענ זיכ, ראבעווענ, ראטעווענ, ראיענ, ראָסקאָש, ראָיענ זיכ, ריסעוונ, רעוונ, רעשענ, שאנעוונ, שאָרכענ, שטורמאָוושטשינע, שטשירענ, שטשיפּענ.

ס א כ א ק ל  ה אָ ב נ  מ י ר  א י נ  ד ע ר  ד אָ ז י ק ע ר  ג ר ו פּ ע 282 ו ו ע ר ט ע ר.

פאר א קליינעם טייל פונ די געבראכטע סלאוויזמענ האָבנ מיר קאָנקורענטנ — העברייִשע אָדער דײַטשישע סינאָנימענ אונ דובלעטנ. אינ אייניקע פאלנ זײַנענ די סינאָנימענ ניט קיינ רעשט פונ דער אמאָליקער ייִדישער שפּראכ, נאָר א פּראָדוקט פונ דער נײַער צײַט, וואָס איז ארײַנגעדרונגענ דורכ דער ליטעראטור אונ פּרעסע אינ דער רייד־שפּראכ.

מיר גיבנ עטלעכע בײַשפּילנ פונ אזוינע סינאָנימענ (אינ יעדער פּאָר איז דאָס ערשטע וואָרט א סלאוויזמ, דאָס צווייטע — פונ ניט קיינ סלאווישנ אָפּשטאמ): אָנ־מוטשענ — אָנמאטערנ, איזמוטשענ — אויסמאטערנ, אָבוזע — יאָכ, דאָליע — מאזל, גראמאָטע — איוורע, אָנסטראשענ — אָנשרעקנ, האָדעווענ — דערציִענ, דאָסטאווענ — צושטעלנ, דאָסאדע — אגמעסנעפּעש, זשאר — היצ, זאראזענ — אָנשטעקנ, וויזוואָ־ליענ — אויסלייזנ, ספּאָסאָבנער — פייִקער, ספּאָקאָינע — רויִק, סומנע, סקוטשנע — אומעטיק, פּאטשקענ — פארשמוצנ, פּאָזוואָליענ — דערלויבנ, פּריטשינע — סיבע, אור־זאכ, פּוסט — ליידיק, פּראָסט — פּאָשעט, פּאָלזע — נוצנ, שאנעווענ — שוינענ, ראבע־ווענ — רויבנ, ריסעווענ — מאָלנ, קאָנטשענ — ענדיקנ אונ אנד.

א ריי סינאָנימענ האָבנ דאָ וועזנטלעכע שאטירונגענ אינעמ באטײַט. „איוורע" האָט א שמעלערנ באטײַט (איז שײַעכ בלויז צו ייִדישער שריפט) אינ פארגלײַכ מיט „גראמאָטע"; „פּריטשינע" האָט א שמעלערנ באטײַט פאר „סיבע" (דאָס לעצטע באַ־טײַט סײַ אנ אורזאכ, סײַ א צופאל); „האָדעווענ" איז לויטנ באטײַט שמעלער פאר „דערציִענ", ווײַל דאָס ערשטע האָט אינ אויג די פיזישע דערציִונג, דאָס צווייטע וואָרט — דערציִונג ביקלאל (פיזישע אונ גײַסטיקע).

פאר דער מערהײַט ווערטער פונ דער געבראכטער גרופּע ווייס די רייד־שפּראכ ניט פונ קיינ סינאָנימענ אונ דובלעטנ. אזוי ווי די געהעריקע אלגעמיינע באגריפנ, פּאָרשטעלונגענ אונ געפילנ האָבנ געמוזט זײַנ באקאנט די ייִדנ נאָכ פאר זייער עמי־גראציע פונ די דײַטשישע לענדער אונ האָבנ דאָרטנ מיסטאמע געהאט גערמאנישע אָדער העברייִשע באצייכענונגענ, מוזנ מיר אָנעמענ, אז די דאָזיקע באצייכענונגענ זײַנענ ארויסגעשטויסנ געוואָרנ פונ דער רייד־שפּראכ דורכ סלאווישע ווערטער.

[1]) דיִאלעקטיזמ. ווײַסר. Прапанова פּאָרשלאג, בא די ווײַסר. ייִדישע שרײַבער.

## 8. פארשיידענע

אַ"ע ווערטער, וואָס האָבן ניט געפּאסט פאר די פאָריקע גרופּעס אָדער זיי האָבן גלײַכצײַטיק א געוויסע פארבינדונג מיט צוויי אָדער מיט מער גרופּעס, האָבן מיר באַדינגלעך אויסגעטיילט אין א ספּעציעלער גרופּע, כאָטש די דאָזיקע גרופּע קאָן אין א היפּשער מאָס (באַזונדערס די סובגרופּע „ג") פאנאנדערגעטיילט ווערן צווישן אנדערע גרופּעס.

מיר צעטיילן די דאָזיקע גרופּע אף דרײַ סובגרופּעס.

א) אדווערבן, אינטעריעקציעס, הילף־ווערטער

אבי, אומישנע, אזש, אָט־אָט, אי־אי, אי־אי, אָנ, א־נו, אָפּריטש, באָדאי, באַץ, בודטאָ־בי, ביסטרע, באָקאָם, דאָלאָי, דיבאָם, גאָלע, האָדזיע, הורא, היידא, העט, וואזשנע, וואָפּשטשע, וויאָ, וועדליק, ווארע, טאָ, טאק, טאקע, טעמפּ, טע־טע־טע, טיאָכ, טראסק, כאָדאָראָם, כאָטש, כאָטש־בי, כאי, כאפּ לאפּ, כיבע, מאלע, נא, נאט, ניבע־נימע, ניכע, נעכײַ, נעכײַ־בי, ספּריטנע, פּאזע, פּליוכ, פּאמעלעכ, פּאָפּערעק, פּאָרעטש, קרא־סטראָי, פּליוסק, פּראוודע, פּריטש, פּשיק, פּע, קאראול, קאָטאָרי, ראפּטעם, ראקאָם.

סאכאקל 63 ווערטער.

ב) רעליגיעזער קולט און זאבאָבאָנעס

איקאָנעס, דאָמאָוויק, וואָווקאָלאק, וואָראָזשביט, זאוטרעניע, מאָנאכ, מאָנאסטיר, מאָנאסטירישע, מאָנאשקע, מאסקע, צווינטער, קאָלאָקאָלניע, קאָליאדעס, קאָסטיאָל, קסיאָנדז, רוסאלקעס.

סאכאקל 16 ווערטער.

ג) פארשיידענע זאכן, האנדלונגען און אייגנשאפטן

אָבאָרוואנעץ, אויסכאָוועג, אויסקאָרעניען, אוספּייען, אָטשערעד, אײַנגעקאָרט־שעט, איינאדזען, אָפּטשוכען זיכ, אָפּלעאוכא, אָרודעווען, באטקאָוושטשינע, באָיקע, בולאווע, בידעווען, בליסקען, בלישטשען, בלישטשענדיקער, בריגאדיר, בריגאדע, גאווען, גאָלעש־טינט, גאָסטינעץ, גלאוונער, גלאטער, געפּראזשעטע, געקאָנטשעטער, גריזשען, גרעבליע, דאָברע, דנאָ, דעסיאטניק, דראָבנער, דרויבקעס, וויגרישנע, וועסלע, זשליאָקען, זשמעניע, טישטשע (קאפּאָרעס), טליִען, טראסקען, טרעשטשען, טרונע, טשמעל, טשעפּוכא, כליופּען, כליפּען, כראָמקען, כראָפּען, כרויקען, כריפּען, לופּען, ליאזג, מאָהילע, מאָהילניק, נאשאטיר, סווישטש, סליעד, סמאָקטשען, סמאָרקען, ספּאָטיקען זיכ, סאמע, סאָפּען, סקריפּען, סקריפּ, פּאָליארניקעס, פּארע, פּארנע, פּוכניען, פּיענע, פּיסאקעס, פּישנער, פּלאָשטשאדקע, פּליאזש, פּליאָטקעס, פּלי־סקען, פּליוכען, פּליט, פּליען, פּעטליע, פּראָפּקע, פּראָשעק, פּריִאָם, פּריבלודנע, פאר־בלאָנדזען זיכ, פארדריפּעטער, פארזשמורען זיכ, פארסאליעטער, פארשמאָלצעוועטער, פארפּליושקען, פארקאטשען, פארשמאָלצענער, פארשטשימען, צוגאָם, צעדראפּען, צע־כראסטעט, צעקאָשמעטע, צערעפּעטע, קאטעווען, קאלאנטשא, קאָלאָוואָראָט, קאָסטיאָר, קאפּען, קאראבקען זיכ, קאָרעק, קוליען זיכ, קיטאי, קינזשאל, קירקע, קישקע, קליאנ־טשען, קליִאָק, קראָק, קרוטע, קרופּנע, ראזגאָוואָר, ראניען, ראבער, ראָזגעס, ראָליע,

ראָזעווע, ריזשער, שוטקע, שושקענ זיכ, שטוקעס, שטשעטשינעדיקע, של̄יאיענ זיכ, שטשאָבענ.

סאכאקל̄ האָבנ מיר אינ דער דאָזיקער סובגרופע 126 ווערטער, פונ זיי וואָל̄טנ מיר א היפשנ טייל̄ פונ די צײַטווערטער געקאָנט אײַנשל̄יסנ אינ דער גרופע 7, ווענ ניט זייער מער קאָנקרעטער כאראקטער.

אינ אל̄געמיינ ציילט די 8-טע גרופע 205 ווערטער.

די צאָל̄ ווערטער פונ דער גרופע, פאר וועל̄כע עס זײַנענ דאָ ניט-סל̄אווישע סי-נאָנימענ, איז ניט גרויס:

וואָפּטשע — אינ אל̄געמיינ, אומישנע — בעקיוונ, אוספייענ — באווײַזנ, דערווײַזנ, איסקאָרעניענ — אויסוואָרצל̄ענ, פאמעל̄עכ — ל̄אנגזאמ, גאָסטינעצ — מאטאָנע, באט-קאָווּשטשינע — פּאָטערל̄אנד, אָפּטשוכענ זיכ — קומענ צו זיכ, דנאָ — דעק, טישטשע [1] — טויזנט, געפּראזשעטע — געפּרעגל̄טע אונ אנדערע.

פאר דער צווייטער סובגרופע האָבנ מיר ניט קיינ סינאָנימענ, ווײַל̄ די ווערטער זײַנענ שײַעכ צו א באשטימטנ רעל̄יגיעזנ קרײַז.

איצט קענענ מיר אונטערצייענ דעמ אל̄געמיינעמ סאכאקל̄ אינ דער פאָרמ פונ א טאבעל̄ע, וואָס ווײַזט דעמ ספּעציפישנ געוויכט פונ פארשיידענע גרופּעס אינ דעמ סל̄אווישנ ל̄עקסיקאָנ אינ יידיש.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 1 | גר. | וווינונג, בוייונג, הויז-אויסשטאטונג א. אז. וו. . . . | 441 | ווערטער |
| 6 | ″ | דאָס סאָציאל̄ע ל̄עבנ . . . . . . . . . . . | 319 | ″ |
| 2 | ″ | ל̄אנדווירטשאפט אונ נאטור . . . . . . . . . | 313 | ″ |
| 7 | ″ | עמאָציאָנעל̄ע ווערטער, אל̄געמיינע באגריפנ . . . | 282 | ″ |
| 8 | ″ | פארשיידענע . . . . . . . . . . . . . . | 205 | ″ |
| 5 | ″ | דער מענטש אונ זײַנע אייגנשאפטנ . . . . . . . | 155 | ″ |
| 4 | ″ | האנטווערקערײַ, אינדוסטריע, פראָפעסיעס | 134 | ″ |
| 3 | ″ | האנדל̄, פארקער, פארבינדונג . . . . . . . . . | 99 | ″ |
| | | סאכאקל̄ . . . . | 1948 | ווערטער |

די טאבעל̄ע ווײַזט די פאל̄שקײַט פונ באָראָכאָווס סכעמעס:

סל̄אוויזמענ פאר „אידייענ אונ באציונגענ פונ אל̄מענטשל̄עכנ ל̄עבנ" פארנעמענ זייער אנ אָנזיכטיק אָרט, צו זיי געהערט די גרופע 7, אינ א געוויסער מאָס אויכ אנדערע גרופּעס. די גרעסטע צאָל̄ אנטל̄ײַונגענ האָבנ מיר אינ די גרופּעס 1, 2, 6, 7, די קל̄ענסטע צאָל̄ אינ די גרופּעס 3 אונ 4. די קל̄יינע צאָל̄נ אינ די דאָזיקע גרו-פּעס האָבנ מיר שוינ פריער דערקל̄ערט. אינ דער רייד-שפּראכ האָבנ מיר געוויס מער אנטל̄ײַונגענ פונ די דאָזיקע געביטנ, ביפראט די ל̄עצטע יאָרנ, אָבער איבערנ מאנגל̄ פונ ספּעציעל̄ע אויספאָרשונגענ האָבנ מיר געמוזט באנוגענעג זיכ מיט דעמ, וואָס עס באגעגנט זיכ אינ ל̄יטעראטור אונ פרעסע.

ס'איז גאנצ פארשטענדל̄עכ די גרויסע צאָל̄ סל̄אוויזמענ אינעמ געביט פונ סאָ-ציאל̄נ ל̄עבנ. פאקטיש איז זי אינ דער רייד-שפּראכ נאָכ גרעסער, ווײַל̄ דער מאסנ-מענטש רופט אָנ די אנשטאל̄טנ אונ פונקציאָנערנ, צו וועמענ אימ קומט אויס זיכ

[1] בל̄ויז אינ דער קאָמבינאציע „טישטשע קאפּאָרעס".

צו ווענדן, מיט זייערע סלאווישע נעמען. די גרויסע צאָלן אין די גרופּעס 1, 2 און 7 זײַנען געוויס א רעזולטאט פון לאנגאָניקע עקאָנאָמישע און שטייגערישע פארבינ־דונגען צווישן ייִדן און סלאווון. בלויז ווירטשאפטלעכע, געשעפטלעכע באציִונגען, וואָס האָבן געגילטן צווישן ייִדן און סלאווון, בא דער אײַנגעשלאָסנקײַט פון דעם אינוויינייקסטן ייִדישן לעבן, זײַנען ניט גענוג אפּ צו דערקלערן די גרויסע צאָל סלאַ־וויזמען, וועלכע זײַנען שײַעך צום הויז און צו דער שטוב־ווירטשאפט: געוויס האָט דאָ געשפּילט א היפּשע ראָליע דער שטייגערישער שכײנישער צוזאמענבונד. אָט דער לעצטער צוזאמענבונד מאכט פארשטענדלעך פאר אונדז אויך די גרויסע צאָל סלאַ־וויזמען פאר עמאָציעס און אלגעמיינע באגריפן און פאָרשטעלונגען (דאָס פּערטע אָרט אין אונדזער טאבעלע).

אויב מע זאָל האלטן, אז א היפּשער טייל סלאווויזמען איז ארײַן אין ייִדיש ניט אומיטלבאר דורך אנטלײַונגען פון סלאווישע שפּראכן, נאָר דורך דער שפּראך פון די „מיזרעך"־ייִדן, וואָס האָבן פאר דער מאסן־אימיגראציע פון מײַרעוו גערעדט סלאוויש און שפּעטער צונויפגעמישט זיך מיט די „מײַרעוו"־ייִדן און איבערגענומען זייער שפּראך, באקומען מיר דעמאָלט נאָך א זייער איבערצײַגנדיקע דערקלערונג פאר דער גרויסער צאָל סלאווויזמען אין די גרופּעס 1 און 7.

---

מ. שאפּיראָ

# דער גראמאטישער מינ אינ ייִדיש

באַ אונדז אינ ראטנפארבאנד איז די שפּראכ־ארבעט אנ אָרגאנישער טייל פונ אונדזער גאנצער קולטור־בויונג. די אנטוויקלונג פונ דער ליטעראַרישער שפּראכ באַ די פעלקער פונ אונדזער פארבאנד, דאָס פארשטארקנ די ווירקונג אירע אפ דער שפּראכ פונ די ברייטסטע מאסנ — דורכ דער פּרעסע, דורכ דער קינסטלערישער ליטעראַטור, דורכ דער שול, דורכ דער גאנצער סיסטעמ פונ אונדזער פּאָליטופּקלער־ארבעט — איז איינע פונ די קאָנקרעטע אופגאבעס, איבער וועלכע ס׳ארבעט דער סאָוועטישער לינגוויסטישער געדאנק. א וויכטיקער רינג אינ דער דאָזיקער ארבעט איז דער קאמפּ מיט שפּראכלעכער אומיינהייטלעכקייט. אינעמ סאָוועטישנ ייִדיש איז עס אינ דער ערשטער ריי שייעכ צומ גראמאטישנ מינ, ווייל די גרעסטע וואקלונגענ אינ ייִדיש זיינענ כאראקטעריסטיש דאפּקע פארנ מינ־באנוצ. ארייַנטראָגנ דאָ א געוויסע אָרדענונג, אָנמערקנ, ווי ווייט סע לאָזט זיכ, געוויסע קלאָלימ, — דאָס איז, אָנ ספק, איינע פונ די ערשטע אופגאבעס, וואָס ס׳דארפ זיכ שטעלנ ייִדישע נאָרמאטיווע גראמאטיק. פארשטייט זיכ, אז רעגלאמענטירנ סטאמ אינ דער וועלט ארייַנ קאָנ מענ דאָ ניט, אז אָנבינדנ, לעמאָשל, דער מערהייט ייִדיש־ריידער א מינ־באנוצ, וואָס גייט זיכ פאנאנדער מיט זייער נאטירלעכנ מינ־באנוצ, איז אומעגלעכ. קלאָלימ דארפנ זייַנ א רעזולטאט פונ א ברייטער אונ מיזאמער פאָרש־ארבעט.

ליידער האָט מענ ביז איצט ווייניק געשריבנ וועגנ מינ אינ דער ייִדישער שפּראכ־ליטעראַטור. דער כ׳ זארעצקי האָט פארעפנטלעכט אנ ארטיקל וועגנ פּראגנ פונ נאָרמאטיווער גראמאטיק ביכלאל, דערינ אויכ וועגנ מינ[1]). דאָ האָבנ מיר, אייגנטלעכ, א פּראָיעקט פונ א ריי קלאָלימ וועגנ מינ פונ סובסטאנטיווג אינ ייִדיש אָנ א באגרינדונג פונ די דאָזיקע קלאָלימ. אויסער די גרענעצנ פונעמ ראטנפארבאנד זיינענ מיר באוווּסט צוויי ארטיקלענ: 1) ז. רייזענס „גראמאטישער מינ אינ ייִדיש"[2]) אונ 2) י. ווילערס „גראמאטישער מינ אינ מיזרעכ־גאליציִשנ ייִדיש"[3]). די דאָזיקע צוויי ארטיקלענ וואלגערנ אָנ עמפּירישנ מאטעריאל, דערהויפּט אפּ דער באזע פונעמ ליטוויש־ווייַסרוסישנ דיאלעקט (רייזענ) אונ פונעמ מיזרעכ־גאליציִשנ ייִדיש (ווילער), אונ

1) זע זשורנאל „ראטנבילדונג" נומ. 3, 1935 „די פּראָבלעמ פונ נאָרמאטיווער גראמאטיק".

2) „ייִדישע פילאָלאָגיע", 1 ב., העפטנ 1—3, 1924, ווארשע.

3) „שריפטנ פונ „ייִוואָ" ב. 1, פילאָלאָגישע סעריע 1, לאנדוי־בוכ, ווילנע 1926.

זיי קאָנען דעריבער אויסגענוצט ווערן בלֿויז אין גאָר א קלֿיינער מאָס באם דערלֿייזן פראגן וועגן רעגלֿאמענטירן דעם מין אינעם סאָוועטישן ייִדיש.

אין מײַן ארבעט וועל איך פּרוּוון ארויסברענגען די רעזולֿטאטן פון א גאנצער ריי פאָרשונגען וועגן מין־באנוץ אין ייִדיש און מאכן פון זיי די געהעריקע רעגלֿאמענטיר־אויספירן.

## I. אלֿגעמיינע טעאָריעס אין דער פראגע וועגן מין פון סובסטאנטיוון

דער מין פון סובסטאנטיוו איז א ספּעציפישע גראמאטישע קאטעגאָריע. פון אלֿע אנדערע גראמאטישע קאטעגאָריעס צייכנט זי זיך אויס מיט דעם, וואָס מיצאד דער קאָמוניקאטיווער פונקציע פון רייד האָט זי ניט אין דער הײַנצײַטיקער שפּראך קיין שום לאָגישן בארעכט. „דער טיש איז א גרויסער" זאָגט אונדז אגעוודיק אויסער דעם, וואָס דער ריידער מיינט מיטצוטיילן, אויך דאָס, אז דער טיש געהער צו א קלֿאס געגנשטאנדן פון מענלֿעכן געשלֿעכט. אָפּגעזען פון דער אומזיניקײַט פון אזא קלֿאסיפיקאציע פון געגנשטאנדן, איז די מין־קאטעגאָריע לאָגיש ניט בארעכטיקט ביכלֿאל, אפילֿע אין די פאלן, ווען די אײַנטיילונג פון געגנשטאנדן לֿויטן געשלֿעכט אנטשפּרעכט יאָ דער ווירקלֿעכקײַט, אשטייגער, בענעגייע צו לֿעבעדיקע וועזנס. אין־דערעמעסן, ס'איז אבסאָליוט איבעריק יעדן מאָל ווען מיר רעדן וועגן א פרוי, לֿעמאָשל, צו דערמאָנען, אז אזא לֿעבעדיק וועזן געהער צו געגנשטאנדן פון ווײַבלֿעכן געשלֿעכט, פונקט ווי ס'וואָלט איבעריק געווען צו דערמאָנען, אשטייגער, יעדן מאָל ווען מיר רעדן וועגן א טיש, אז ער געהער צו מעבל. אין דער לֿינגוויסטישער לֿיטעראטור ווערט אָפּט ארויסגעזאָגט א געדאנק, אז, אייגנטלֿעך, האָבן מיר צו טאָן ניט מיט מינים (געשלֿעכטן), נאָר מיט קלֿאסן, לֿויט וועלֿכע ס'ווערן פארטיילֿט אלֿע געגנשטאנדן. אזוי, לֿעמאָשל, שרײַבט וואנדריעס:

„דער מין אין אונדזערע אינדאָ־אייראָפּייִשע שפּראכן איז ניט עטוואָס אנדערש ווי א „קלֿאס", ענלֿעך צו די קלֿאסן אין די באנטו־שפּראכן. דער מין דריקט אויס א פּרוּוו פון אונדזער פארשטאנד צו קלֿאסיפיצירן אלֿע פארשיידנארטיקסטע באגריפן, וואָס זײַנען אויסגעדריקט דורך סובסטאנטיוון" [1].

פארשטייט זיך, אז דערפון קומט גאָרנישט ניט צו דער לאָגישקײַט פון דער מין־קאטעגאָריע, ווײַל פונקט ווי ס'האָט קיין זין ניט צו דערמאָנען אלֿעמאָל וועגן געשלֿעכט פונעם געגנשטאנד, פונקט אזוי איז ניט בארעכטיקט דאָס אונטערשטרײַכן אלֿעמאָל דעם קלֿאס, צו וועלֿכן ער געהער. אויסער דעם, איז קיינמאָל ניט קלֿאָר אין די אייראָפּייִשע שפּראכן דער פּרינציפּ, לֿויט וועלֿכן געגנשטאנדן טיילֿן זיך אפּ קלֿאסן, דאן ווען די טיילֿונג לֿויטן געשלֿעכט איז פאָרט בוילֿעט, שוין דערפאר גופע, וואָס די פאָרמאלֿע סימאָנים פונעם מין פאר אומבאלֿעבטע געגנשטאנדן און אבסטראקציעס פאלֿן אין גרונט צונויפ מיט די פאָרמאלֿע סימאָנים פון געשלֿעכט פאר לֿעבעדיקע וועזנס, פאר וועלֿכע די געשלֿעכט־אײַנטיילֿונג אנטשפּרעכט געוויינלֿעך דער

[1]) זע די רוסישע איבערזעצונג פון וואנדריעס בוך „שפּראך", ז. 97.

ווירקלעכקײַט, אומאָפּהענגיק דערפֿון, צי ס'איז זי נייטיק אונטערצושטרײַכן אין רייד, צי ניין.

קלאַס צי געשלעכט — קיין שום לאָגישע באַרעכטיקונג אין קאָמוניקאַציע האָט ניט די טיילונג אַפּ מינים פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿונעם הײַנטצײַטיקן ריידער־צוהערער.

און דאָך איז די מין־קאַטעגאָריע אין יענע שפּראַכן, וואָס פֿאַרמאָגן זי, אַזוי טיף פֿאַרוואָרצלט, אַז ס'איז אונדז אין דער מערהײַט פֿאַלן שווער צו דענקען דעם געגנשטאַנד אויסער זײַן אָנגעהעריקײַט צו דעם אָדער יענעם מין. די סיבע פֿון דער דאָזיקער דערשײַנונג ליגט טיף־טיף אין דער פֿאָרגעשיכטע פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון אַ קלאַנגען־שפּראַך באַ מענטשן.

ס'וועט ניט איבעריק זײַן אָפּצושטעלן זיך אין קורצן אַפּ דער פֿראַגע וועגן אויפֿקום פֿון דער מין־קאַטעגאָריע, דאָס וועט אונדז מיטהעלפֿן אין דער באַלויכטונג פֿון אייניקע פֿראַגעס בענעגייע צו דער מין־פּראָבלעם אין ייִדיש.

די בורזשואַזע לינגוויסטיק איז ניט אימשטאַנד געווען צו געבן וועלכן ניט איז באַפֿרידיקנדיקן ענטפֿער אַפּ דער פֿראַגע וועגן אויפֿקום פֿונעם גראַמאַטישן מין, ווײַל אַזאַ ענטפֿער איז באַדינגט פֿון אַ מעטאָדאָלאָגיש ריכטיקן קוק אַפּ דער אַנטשטייונג פֿון שפּראַך ביכלאַל.

אין דער סאָוועטישער לינגוויסטיק האָט אַמבריייטסטן באַלויכטן די דאָזיקע פֿראַגע דער אַקאַדעמיקער מאַר, וועלכער וועדעט דאָ אָן, פּונקט ווי אין זײַנע אַרבעטן וועגן אויפֿקום פֿון שפּראַך ביכלאַל, דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד פֿון שפּראַך־פֿאָרשונג. די פֿראַגע וועגן דער מין־קאַטעגאָריע באַלויכט ער אין שײַן פֿון זײַן טעאָריע וועגן סטאַדיאַלקײַט אינעם אַלגעמיינעם גלאָטאָגאָנישן פּראָצעס. סכעמאַטיש זעט אויס מאַרס קוק אַפּ דער דאָזיקער פֿראַגע אַזוי:

אַפּ די אָנפֿאַנגלעכע אַנטוויקלונג־סטאַדיעס איז ניט געווען קיין „טיילונג אַפּ געשלעכטן — ווײַבלעכן, מענלעכן און נאָך מיטעלן“ [1]. אַנטשטאַנען זײַנען צוערשט קלאַסן פֿון געגנשטאַנדן „אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טיילונג פֿון געגנשטאַנדן לויט דער אָנגעהעריקײַט צו פֿאַרשיידענע קאָסמישע, פֿריִער ווירטשאַפֿטלעכע, וועלטן“ [2] — „צו 'הימל[1]' — 'זון, 'הימל[2]' — ערד' און צו 'הימל[3]' — 'אונטער־אָקעאַן', 'יאַם'“ [3]. אַלס באַזע האָבן געדינט „די פּראָדוציר־פֿאַרהעלטענישן פֿונעם מענטשן־קאָלעקטיוו“.

צוויי קלאַסן פֿון געגנשטאַנדן האָבן אַנטשפּראָכן צו צוויי פּראָדוציר־סאָציאַלע גרופּירונגען: 1) שאַפֿנדיקע און אַקטיווע (די פּראָדוצירער אין קאָלעקטיוו און די פּראָדוציר־מיטלען, וואָס מאַגיש האָט מען זיי באַטראַכט אַלס פּראָדוצירער), 2) פּאַסיווע קרעפֿטן — באַלעבטע צי אומבאַלעבטע פּראָדוציר־אָביעקטן און רויוואַרג [4].

דרײַ קלאַסן פֿון געגנשטאַנדן האָבן אַנטשפּראָכן צו דרײַ גרופּירונגען: 1) דער שאַפֿנדיקער מענטשן־אַקטיוו, 2) די סאָציאַל פּאַסיווע אַרבעט־קראַפֿט פֿונעם קאָלעק־

---

[1]) נ. יאַ. מאַר. געקליבענע ווערק. 1 ב., ז- 50 (אין רוסיש)-

[2]) דאָרט, ז. 224.

[3]) דאָרט, ב. 2, ז 266.

[4]) דאָרט, ז. 267.

טיוו, 3) ארבעט־געצײַג, היימישע באַלעבאַטים אונ אויכ דאָס רויוואַרג אונ דער ארבעט־פּראָדוקט [1]). אונ ערשט, ווענ אינ דער וועלט־אָנשויונג פונעמ מענטשנ קומט אופ די פאָרשטעלונג וועגנ גײַסט, איז „די שפּעטערישע 'האנט — נעשאָמע', דער קוואַל פונ אנימיזמ פאַר אַלע געגנשטאנדנ, פארוואנדלט אינ א סאָציאַל מוטערלעכ־ווײַבלעכ וועזנ, בויט דאנ איבער די קאָסמישע צווישנפארהעלטענישנ פונ אלע געגנשטאנדנ אינ צווישנפארהעלטענישנ צווישנ שפּעטער פונ מענלעכנ אונ ווײַבלעכנ געשלעכט (פריער — געצײַג אונ שפּעטער) אונ ארבעטנדיקע פונ מיטעלנ געשלעכט (ד. ה. געשלעכט־לאָזע, פריער — פּראָדוקציע = ארבעט אונ דער פּראָדוקט)" [2]).

אלס איבערגאנג־סטאדיע פונ קאָסמישע צו געשלעכטלעכע פארהעלטענישנ דארפ באטראכט ווערנ די טיילונג פונ געגנשטאנדנ אפ לעבעדיקע וועזנס אונ אומבאלעבטע. די טיילונג אפ געגנשטאנדנ פונ מענלעכנ אונ געגנשטאנדנ פונ ווײַבלעכנ געשלעכט איז באדינגט פונ דער אָרגאניזאציע פונ דער געזעלשאפט. די עלטסטע פאָרמ איז געווענ די הערשאפט פונ דער מוטער — פרוי. פאטריארכאט איז א שפּעטערע פאָרמ. דעריבער באקומט זיכ, לעמאָשל, אז דאָס ערשטע געצײַג 'האנט' איז אינ דער מערהײַט שפּראכנ פונ ווײַבלעכנ געשלעכט, ד. ה. עס געהער צו דער סאָציאַלער גרופּע, וואָס אינ איר שפּיצ שטייט די פרוי. דאָס איז ריכטיק אויכ בענעגייע צו אזא מעטאל, וואָס הייבט אָנ שפּילנ די ראָליע פונ א נייטיקסטנ געצײַג נאָכ בייסנ מאטריארכאט (בראָנזע). פונ דעמ שטאנדפּונקט באקומט זיכ, אז אויב דער נאָמענ פונ א מעטאל האָט אינ דער אָדער יענער שפּראכ א פאָרמאלנ סימענ פונ ווײַבלעכנ געשלעכט, הייסט עס, אז אזא אויספורעמונג פונעמ נאָמענ זײַנעמ איז פאָרגעקומענ זייער פרי, נאָכ בייסנ מאטריארכאט.

אינ דער איבערגאנג־צײַט פונ מאטריארכאט צו פאטריארכאט זײַנענ אנטשטאנענ די סימאָנימ פונ מיטעלנ געשלעכט. אונ דער פאקט, לעמאָשל, וואָס די מערהײַט מעטאלנ איז אינ דער מערהײַט שפּראכנ אויסגעפורעמט אלס סובסטאנטיוונ פונ מיטעלנ געשלעכט, דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס די דאָזיקע מעטאלנ האָבנ אָנגעהויבנ דינענ אלס געצײַג אונ האָבנ באקומענ די אנטשפּרעכיקע פאָרמאלע סימאָנימ אינ דעמ פעריאָד פונ איבערגאנג צו פאטריארכאט. קיינ אויסנאמענ דארפנ אונדז ניט וווּנדערנ. אויב, לעמאָשל, „שטאָל" וואקלט זיכ אינ אייניקע שפּראכנ צווישנ מענלעכנ אונ מיטעלנ מינ, איז עס בלויז דערפאַר, וואָס דער דאָזיקער מעטאל געהער צו א שפּעטערער סטאדיע אינ פארגלײַכ מיט אנדערע מעטאלנ אונ ער הייבט אָנ צו שפּילנ אינ דער אנטשפּרעכיקער שפּראכ־סוויווע די געהעריקע ראָליע ערשט בייסנ פאטריארכאט. אונ דער פאקט, וואָס איינ אונ דער זעלביקער געגנשטאנד געהער צו פארשיידענע גראמאטישע מינימ אינ פארשיידענע שפּראכנ, איז ניט קיינ רעזולטאט פונ די פאָרמאלע צײַגער; דער דאָזיקער פאקט קאָנ בלויז ווײַזנ, אז די אויספורעמונג פונעמ נאָמענ פונעמ דאָזיקנ געגנשטאנד געהער צו פארשיידענע סטאדיעס אינ דער אנטוויקלונג פונ די דאָזיקע שפּראכנ. אויב, לעמאָשל, אינ רוסיש איז паук פונ מענלעכנ געשלעכט אונ אינ גריכיש איז דער נאָמענ פונעמ זעלביקנ געגנשטאנד פונ

[1]) דאָרט, ז. 267.
[2]) דאָרט, ב. II, ז. 254.

ווײַבלעכנ געשלעכט, דערווײַזט עס, אז

> „בא די רוסנ געהער די אויספורעמונג פונעמ נאָמענ פונ דעמ דאָזיקנ געגנ־שטאנד צו דער שפעטערער, דעהײַנע, פאטריארכאלער עפּאָכע פונעמ געזעל־שאפטלעכנ בוי״ [1]).

ס׳פארבלײַבנ צוויי געשלעכטנ דאָרט, ווו פריִער האָט מענ געוווּסט בלויז פונ צוויי קלאסנ געגנשטאנדנ; אזוי איז עס אינ די סעמיטישע, טיילווײַז, אלס איבערלעבּס

> „אינ די שפראכנ פונ דער פראָמעטייִדישער סיסטעמ, צ.ב. פונ די ראָמא־נישע — אינ דער פראנצויזישער שפראכ״ [2]).

אינ דער שײַנ פונ אזא צוגאנג צומ מינ פונ סובסטאנטיוונ, ווערט אונדז פאר־שטענדלעכ, פארוואָס אייניקע שפראכנ ווייסנ פונ אײַנטיילונג פונ געגנשטאנדנ לויט קלאסנ (ווי אינ די שפראכנ פונ די באנטו־נעגערס), אייניקע — פונ אײַנטיילונג אפ באלעבטע אונ אומבאלעבטע, אייניקע — פונ אײַנטיילונג פונ געגנשטאנדנ לויטנ גע־שלעכט די ערשטע געפינענ זיכ אפ דער סאמע פריִער סטאדיע, ווענ די צווישנ־פארהעלטענישנ צווישנ געגנשטאנדנ זײַנענ אינ דער וועלט־אָנשויונג פונעמ מענטשנ באטראכט געוואָרנ לויט דער אָנגעהעריקײַט צו פארשיידענע קאָסמישע וועלטנ, די צווייטע געפינענ זיכ אפ א שפעטערער אנטוויקלונג־סטאדיע, וועלכע אנטשפרעכט דעמ איבערגאנג פונ קאָסמישע פאָרשטעלונגענ צו געשלעכטלעכע, אונ די דריטע גע־פינענ זיכ שוינ אפ דער סטאדיע, ווענ די צווישנפארהעלטענישנ צווישנ געגנשטאנדנ אסאָציִירנ זיכ בלויז מיט געשלעכט־פאָרשטעלונגענ.

אינ אלע פאלנ, אפ אלע סטאדיעס, בא יעטווידער אײַנטיילונג פונ געגנשטאנדנ באצייכנט דער פאָרמאלער סימענ ניט די עצעמ נאטור פונעמ געגנשטאנד, נאָר די אָנגעהעריקײַט זײַנע צו א סאָציִאלער גרופע, אנ אָרגאניזירטער אפ א באשטימטנ אויפנ (קאָסמיש אָדער געשלעכטלעכ פאָרגעשטעלט). רעדנדיק וועגנ הילפסווערטער אפ צו באצייכענענ דעמ קלאס פונ געגנשטאנדנ, שרײַבט מאר, אז זיי ווײַזנ אָנ

> „ניט דעמ קלאס פונעמ וואָרט גופע, אלס אנ אימאנענטע באזונ־דערקײַט זײַנע (קורסיוו — מײַנער. מ. ש.), נאָר יענע סאָציִאלע גרו־פירונג, צו וועלכער ס׳געהער דער געגנשטאנד, וואָס איז באצייכנט דורכ אימ, דעמ וואָרט־באגריפ״ [3]).

אונ וועגנ ווײַבלעכנ געשלעכט פונ медь:

> „זי אנטפלעקט מיט א טייל וואָרט, וועלכער ווערט אויסגענוצט אלס קלאס־צייכנ, די אָנגעהעריקײַט צו א סאָציִאלער גרופע, וואָס אינ איר שפּיצ שטייט א פרוי״ [4]).

אפ א ווײַטערדיקער שטופע פונ סטאדיִאלער אנטוויקלונג ווערט פארלוירנ די פארבינדונג מיט דער געזעלשאפטלעכער פונקציע פונ רייד, „מיט דעמ גרונט־פאקטאָר פונ שפראכ־שאפונג״, אונ „דאָס וואָרט ווערט אופגענומענ אלס א פארקערפּע־רונג פונעמ דורכ אימ באצייכנטנ געגנשטאנד, מיט זײַנע מאטעריעלע, אינ דעמ קלאל

---

[1]) דאָרט, ב. 5, ז. 471.

[2]) דאָרט, ב. 2, ז. 267.

[3]) דאָרט, ב. 2, ז. 266.

[4]) דאָרט, ב. 5, ז. 418

אויך פיזישע אייגנשאפטן" [1]). די קלאנגלעכע פאָרמאלע סימאָנים ווערן דאן דער הויפט־קריטערי פאר דער אייַנטיילונג פון סובסטאנטיוון לויט מינים.

די אינדאָ־אייראָפּייִסטישע שפראך־וויסנשאפט, וועלכער ס׳פעלט דער מארקסיס־טישער קוק אף שפראך, ווי אף אן אויבערבוי־קאטעגאָריע, קאָן ניט ניט זייַן באַ־גרענעצט אין אירע פאראלגעמיינערונגען וועגן מין און זייַן אופקום, און זי וויל זיך דערקלערן אומעטום דעם גראמאטישן מין מיט האשאָרעס וועגן אנימיסטישער פאר־געשלעכטלעכונג פון עם געגנשטאנד גופע.

דאָ פאלן צונויפּ די ארויסזאָגונגען פון פארשיידענע אינדאָ־אייראָפּייִסטישע לינגוויסטן. אזא גיגאנט אין דער לינגוויסטיק, ווי יאקאָב גרים, פאָרמולירט אין זייַן קאפיטאלן ווערק „Deutsche Grammatik" אזעלכע האנאָכעס: צו מענלעכן געשלעכט געהער געוויינלעך „דאָס פריִערע, גרעסערע, הארטערע, ראשיקערע, שנעלערע, אק־טיוועדע, באוועגלעכערע"; צו ווייַבלעכן — „דאָס שפעטערע, קלענערע, ווייכערע, שטילערע, פאסיווערע, דאָס אופנעמענדיקע"; צו מיטעלן — „דאָס פראָדוצירטע, באַ־ווירקטע, דאָס שטאָפּארטיקע, דאָס אלגעמיינע, דאָס ניט־אנטוויקלטע, דאָס קאָלעק־טיווע" [2]).

גרים ברענגט ארויס א גוואלדיקן מאטעריאל וועגן מין, ארומכאפנדיק פארשיי־דענע גערמאנישע (טיילווייַז, אויך סלאווישע) שפראכן אין פארשיידענע פעריִאָדן פון זייער אנטוויקלונג, און ער בלייַבט אבסאָליוט אָפּהענגיק אנטקעגן די פילצאָליקע אויסנאמען פון די האנאָכעס זייַנע, אויסנאמען, וואָס מאכן צו נישט די דאָזיקע האנאָכעס און וואָס דערקלערן זיי איז ער ניט בעקויעך איבער די שוין דערמאָנטע טייַמים.

ס׳איז אינטערעסאנט: אזא אָנגעזעענער, פיל שפעטערער אינדאָ־אייראָפּייִסט ווי מעיע פאָרמולירט אייניקע האנאָכעס, וואָס דרינגען דירעקט ארויס פון מארס טע־אָריע, ס׳איז אָבער בא אים אבסאָליוט ניט פאראן קיין באגרינדונג פון די דאָ־זיקע האנאָכעס, אויסער ווידעראמאָל טאקע דעם זעלביקן אנימיזם, געווענדעט אף דער עצעם נאטור פון די געגנשטאנדן. מעיע, לעמאָשל, באטראכט די אייַנטיילונג אף באלעבטע און אומבאלעבטע געגנשטאנדן אלס פרימערע און די געשלעכטלעכע אייַנ־טיילונג אלס סעקונדערע; ער באהויפּט דערבייַ, אז די קעגנשטעלונג פון מענלעכן און ווייַבלעכן געשלעכט פון איין זייַט און מיטעלן געשלעכט פון דער צווייטער זייַט איז א קעגנשטעלונג פון באלעבטן און אומבאלעבטן („animé-inanimé") און דער ווייַבלעכער געשלעכט איז א סוב־מין אינעווייניק אינעם קלאס פון לעבעדיקע וועזנס („un sous-genre à l'intérieur du genre animè" [3]).

אויך בא א שפעטערן דייַטשישן אינדאָ־אייראָפּייִסטישן לינגוויסט לאָמאן אין א ספעציִעלער אָפּהאנדלונג וועגן דער מין־קאטעגאָריע לייענען מיר:

---

[1]) דאָרט, ב. 1, ז. 307.

[2]) ב. III, ז. 359.

[3]) זע: A. Meillet. Linguistique historique et linguistique générale. דאָס ארטיקל: Le genre grammatical et l'éltimination de la flexion.

„... אף דער דאָזיקער עלטערער צווייהײַט (וואָס מעיע רופט זי באַלעבּ־טער מין — אומבאַלעבּטער מין) שיכטעט זיך דאַן אָן אינעווייניק אין באַלעבּטן מין... א צווייטער, סעקסועלער אײַנטיילונג־פּרינציפּ, וואָס זײַן פאַרשפּרייטונג און מער קאָנסעקווענטע דורכפירונג... פירט צום באַזײַטיקן דעם Neutrum (ווי אין ליטווישן, אין הײַנצײַטיקן קעלטישן״ [1]).

און:

„... די אורשפּרינגלעכע אינדאָ־גערמאַנישע סיסטעם (מינים־סיסטעם. — מ. ש.) האָט קיין שום באַציִונג ניט צו געשלעכט...״ [1]).

אַן און פאַר זיך איז די אָנערקענונג פון פרימערקײַט פאַר דער אײַנטיילונג אף באַלעבּטע און אומבאַלעבּטע געווים ריכטיק. אָבער ווי נאַיִוו זעט אויס אין שײַן פון

מאַרס טעאָריע, אשטייגער, אַזאַ דערקלערונג מעיעס, אַז דאָרט, ווו ס'האָבּן געהערשט רעליגיעזע פאָרורטיילונגען, פּרעוואַלירן אין דער שפּראַך פאָרמעס פון באַלעבּטן מין (ווי אין אינדיע, רוים) און דאָרט, ווו ס'האָט געהערשט דער וועלטלעכער געדאַנק („la penslé laïque״); האַלטן זיך פעסט בלויז די פאָרמען פון אומבאַלעבּטן מין (ווי אין גריכנלאַנד. די אײַנטיילונגען לויט פאַרשיידענע פּרינציפּן שפּיגלען אָפּ די אַנט־וויקלונג פון דער קלאַנגען־שפּראַך לויט ברייטע סטאַדיעס. וועלכע כאַפּן אַרום פיל הונדערטער און אמאָל טויזנטער יאָרן אין דער פאָרגעשיכטע פון דער מענטשהײַט,

און מעיע פרוווט עס, אשטיינער דערקלערן מיט אונטערשיידן אין דער וועלט־אָנ־שויונג פון די גריכן צ. ב. פון די רוימער, מיט אונטערשיידן, וואָס כאַפּן אַרום א באַגרענעצטן צײַט־אָפּשניט, א נישטיקע גרייס לעגאַבּע דעם דויער פון די סטאַדיעס אין דער אַנטוויקלונג פון שפּראַכן!

פונעם געזאָגטן לאָזט זיך דערווײַל מאַכן איינִיקע אויספירן, וואָס וועלן אונדז שטאַרק צונוץ קומען באַם באַלויכטן די מין־פּראָבּלעם אין ייִדיש:

1) די אָדער יענע רעגלאַמענטירונג אָדער וויסנשאַפטלעכע קאָנסטאַטירונג פונעם מין־באַנוץ לויטן באַטײַט פון די געגנשטאַנדן, לויט זייער נאַטור, דאַרף פאַרשטאַנען ווערן בלויז אַלס קאָנווענציאָנעל־טעכנישער אײַנטייל־קריטערי, וועלכער קאָן אָפּט־מאָל זײַן באַקוועם אין דעם זין, וואָס ער גיט צופעליק א מינימאַלע צאָל אויסנאַ־מען און האָט דעריבער א פּראַקטישן ווערט, נאָר וועלכער שטיצט זיך אָבער ניט אף אַזאַ פאַקטישער, היסטאָריש באַגרינדעטער פאַרפעסטיקונג פון די אָדער יענע געגנשטאַנדן צו דעם אָדער יענעם מין, וואָס זאָל אַרויסדרינגען בעעמעס פון זייער נאַטור.

2) צווייִמינימדיקײַט פון א שפּראַך איז ניט דאַפקע א רעזולטאַט פון א זעלבסט־ווירקנדיקער טענדענץ אין דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער שפּראַך צו באַפרײַען זיך פון א באַלעבּסטנדיקן איבעריקן מין (מיטעלן, אשטייגער), וועלכער איז פריִער אומבאַדינגט יאָ געווען, צי פון דער מין־קאַטעגאָריע ביכלאַל. ווי מיר האָבּן געזען, קאָן צווייִמינימדיקײַט זײַן אַן איבערלעבּס פון א גאָר פריִער סטאַדיע, ווען אין דער וועלט־אָנשויונג פונעם מענטשן האָבּן זיך אַלע געגנשטאַנדן אַסאָציִירט אומבאַדינגט מיט זייער אָנגעהעריקײַט צו צוויי סאָציִאַל־פּראָדוצירישע גרופּעס, און קיין דרײַ־מינימדיקײַט זאָל גאָר ניט געווען זײַן אין דער געגעבּענער שפּראַך.

1) זע: Johannes Lohmann. Genus und Sexus, Gôttingen, 1932, s. 80.

3) יִדיש איז אַ יונגע שפּראַכ, אונ די סיבֿעס פֿונ די ענדערונגענ אינעמ מינ־באַנוצ, וועלכע זײַנענ פֿאָרגעקומענ אינ דער דאָזיקער שפּראַכ לֿעגאַבֿע די שטאַמ־שפּראַכנ (לֿעגאַבֿע דײַטש, אַשטייגער) איז אומעגלֿעכ צו געפֿינענ אינ די עלֿטערע סטאַדיעס פֿונ שפּראַכ־שעפֿערישנ פּראָצעס. זיי מוז מענ זוכנ ערגעצ אַנדערשוווּ, געוויס — אינ דער קעגנזײַטיקער ווירקונג פֿונ די פֿאַרשיידענע שטאַמ־שפּראַכנ פֿונ איינ זײַט, אינ ספּעציפֿישע היסטאָרישע, עקאָנאָמישע אונ סאָציִאַלֿ־שטייגערישע קאָנקרעטע אומשטאַנדנ פֿונ דער צווייטער זײַט.

## II. וועגנ צווײמינימדיקײַט אינעמ לֿיטוויש־ווײַסרוסישנ דיִאַלֿעקט

דער לֿיטוויש־ווײַסרוסישער דיִאַלֿעקט ווייסט ניט, ווי באַוווּסט, פֿונ קיינ דריטנ מינ, דאַנ ווענ אַלֿע איבֿעריקע יִדיש־דיִאַלֿעקטנ האָבֿנ אַלֿע דרײַ מיניִמ. אינ דער פֿרײַקײַט פֿונ יִדיש באַמ געברויכ פֿונ געשלֿעכט אונ באַזונדערס אינעמ אויספֿעלֿנ פֿונ אַ דריטנ מינ אינעמ לֿיטוויש־ווײַסרוסישנ דיִאַלֿעקט קומט, לֿויט רייזענענ, צומ אויסדרוק „די אינעווייניקסטע טענדענצ פֿונ אונדזער לֿאָשנ צו גיינ אַפֿנ וועג פֿונ די פּראָגרעסיווע שפּראַכנ, ווי ענגלֿיש אונ דעניש, לֿעמאָשלֿ, וועלכע זײַנענ אינגאַנצנ פּטור געוואָרנ פֿונ דעמ איבֿעריקנ באַלֿאַסט, פֿונ אַזאַ ריינ פֿאָרמאַלֿנ, פֿיקטיוונ אַטריבוט, ווי דער גראַמאַטישער מינ איז״.

דאָס דאַרפֿ הייסנ, אַז אויכ דער יִדיש פֿונ לֿיטע־ווײַסרוסלֿאַנד האָט אַמאָלֿ פֿאַרמאָגט דעמ דריטנ מינ, פֿונ וועלֿכנ ער איז סאָפֿקאָלֿסאָפֿ אינגאַנצנ פּאָטער געוואָרנ. אַזאַ האַשאָרע רופֿט אַרויס גאַנצ ערנסטע דערווידערונגענ:

1) דערלֿאָזנ מיר, אַז דער לֿיטוויש־ווײַרוסישער דיִאַלֿעקט האָט געהאַט דעמ דריטנ מינ, ווי דער פּוילֿישער, לֿעמאָשלֿ, דאַנ איז שווער אײַנצוזענ אַזעלֿכע ספּעציפֿישע עקאָנאָמישע, פּאָלֿיטישע, סאָציִאַלֿ־שטייגערישע צי רעלֿיגיעזע באַזונדערקײַטנ פֿונ די לֿיטוויש־ווײַסרוסישע יִדנ לֿעגאַבֿע דעמ לֿעבֿנ פֿונ די פּוילֿישע יִדנ, וואָס זאָלֿנ קאָנענ דערקלֿערנ אַזאַ טיפֿנ אונטערשייד אינ דער אַנטוויקלֿונג פֿונעמ מינ־באַנוצ צווישנ אָט די צוויי דיִאַלֿעקטנ, וואָס כאַפּנ אַרומ אַזעלֿכע טעריטאָריִעלֿ נאָענטע געגנטנ.

2) די „פֿאַרשווינדונג״ פֿונעמ דריטנ מינ, אויבֿ זי אָנעמענ אַלֿס רעאַלֿנ פֿאַקט, איז געגאַנגענ שטרענג לֿויט די טעריטאָריִעלֿע גרענעצנ פֿונעמ ספּעציפֿישנ וואָקאַלֿיזמ אונ קאָנסאָנאַנטיזמ, וואָס כאַראַקטעריזירנ דעמ לֿיטוויש־ווײַסרוסישנ דיִאַלֿעקט. ווי איז עס מעגלֿעכ צו דערקלֿערנ אַזאַ אייגאַרטיקע ענגע פֿאַרבינדונג צווישנ שפּראַכ־דערשײַנונגענ, וואָס קיינ שומ אינערלֿעכע פֿאַרבינדונג צווישנ זיכ האָבֿנ זיי ניט? פֿילֿ וואַרשײַנלֿעכער איז צו רעכענענ, אַז דער גאַנצער קאָמפּלֿעקס שטריכנ פֿונעמ לֿיטוויש־ווײַסרוסישנ דיִאַלֿעקט איז באַדינגט פֿונ איינ אונ דער זעלֿבֿער סיבֿע (פֿונ היסטאָרישנ כאַראַקטער), אונ אַז די צווײמינימדיקײַט פֿונעמ דאָזיקנ דיִאַלֿעקט איז פּונקט אַזוי אַלֿט, ווי זײַנ פּאָנעטיזמ.

3) וואָלֿט געווענ פֿריִער דער דריטער מינ אינ לֿיטוויש־ווײַסרוסישנ יִדיש, וואָלֿטנ געמוזט בלֿײַבֿנ שפּורנ פֿונ אַזאַ מינ־באַנוצ אינ פֿאַרגלֿיווערטע אויסדרוקנ, אינ שפּראַכלֿעכע פֿאַרשטיינערונגענ, אינ דער אידיִאָמאַטיק אונ פֿראַזעאָלֿאָגיִע, אינ

שפּריכ־ווערטער, אינ פאָלקס־לידער א. ד. גל. אזעלכע שפּורנ זײַנענ, דוכט זיכ, ניט געבליבנ אינעם דאָזיקנ דיאלעקט [1].

נאטירלעכער פונ אלצ איז צו רעכענענ, אז דאָ האָבנ מיר צו טאָנ מיט א קאָמ־פּלעקס דיאלעקטאלע באזונדערקײַטנ, וואָס די סיבע זייערע ליגט אינ דער געשיכטע פונ דער יידישער אײַנוואנדערונג קיינ ליטע אונ ווײַסרוסלאנד אונ וואָס זײַנענ פארבונדנ מיט די באזונדערקײַטנ פונ די שפּראכנ פונ דער ארומיקער באַ־פעלקערונג אינ די אויסוואנדער־יישוווימ.

דאָ קאָנ גיינ די וויסנשאפטלעכע פאָרשונג אויכ אינ א פארקערטער ריכטונג: די צווייימינימדיקײַט אינעמ יידיש פונ ליטע־ווײַסרוסלאנד צוזאמענ מיט די איבע־ריקע באזונדערקײַטנ זײַנע קאָנענ ווארפנ שײַנ אפ דער געשיכטע פונ דער אײַנוואנ־דערונג פונ יידנ אינ די דאָזיקע ערטער.

אינ די ווײַסרוסישע אונ ליטווישע געגנטנ האָבנ אָנגעהויבנ ארײַנדרינגענ די יידנ פונ מײַרעוו ערשט אינ דער צווייטער העלפט 14־טנ יאָרהונדערט, דאנ, ווענ קיינ פוילנ הייבט זיכ אָנ די דאָזיקע עמיגראציע פונ פריער, נאָכ אינ אָנהייב 13־טנ י. ה. [2]). ביז דער אימיגראציע פונ דײַטשלאנד זײַנענ שוינ געווענ יידישע יישוווימ אינ ווײַס־רוסלאנד, ליטע נאָכ פונ פריער, אהער האָבנ יידנ אויסגעוואנדערט פונ מיזרעכ — פונ אראביע, קליינ־אזיע, עגיפּטנ, גריכנלאנד אונ דעריקער פונ קאווקאז אונ פונ די וואָלגע־געגנטנ [3]).

נאטירלעכ איז צו פאָרשטעלנ זיכ, אז וואָס מיזרעכדיקער, איז דער שיכט פונ מיזרעכ־עמיגראנטנ צווישנ דער יידישער באפעלקערונג געווענ א גרעסערער. דער דאָזיקער שיכט, וועלכער האָט געבראכט אהער א פיל העכערע קולטור לעגאבע דער קול־טור פונ דער ארומיקער סלאווישער באפעלקערונג איז שפּראכלעכ, יעדנפאלס אינ די באציִונגענ צווישנ זיכ, געווענ אָפּגעשלאָסנ, נוצנדיק א מיזרעכדיקע צווייימינימדיקע שפּראכ מיט א באדײַטנדיקנ צומיש פונ העברייִזמענ אזוי, אז אונטער דער וויר־קונג פונ די דאָזיקע צווייימינימדיקע שפּראכנ איז זיי שפּעטער, ווענ די אומשטענדנ האָבנ זיי געצוווּנגענ אָנצונעמענ א גערמאנישע שפּראכ (אלט־יידיש), שווער געווענ איבערצושליסנ זיכ פונ צווייימינימדיקײַט אפ דרײַמינימדיקײַט.

אינ דער זעלביקער ריכטונג איז מעגלעכ צו זוכנ אויכ די סיבע פונ די אויס־שפּראכ־באזונדערקײַטנ אינעמ ליטוויש־ווײַסרוסישנ דיאלעקט.

א. א. הארקאווי קומט צומ אויספיר, אז די יידנ־אימיגראנטנ פונ מיזרעכ האָבנ װארשײַנלעכ אָנגענומענ דערנאָכ די שפּראכ פונ דער ארומיקער סלאווישער באפעל־קערונג, איידער זיי האָבנ באוויזנ צו אסימילירנ זיכ שפּראכלעכ מיט די יידנ־אימי־

---

[1]) א 4—3 ווערטער אָדער אויסדרוקנ ווי: „ס'ראָוו", „דאָס מענטש", „אנדערש" זאָגנ גאָר נישט ניט, זיי איז עפּשער מעגלעכ צו דערקלערנ אלס א רעזולטאט פונ „אנטלײַונג" באמ שכײַנישנ יידישנ דיאלעקט.

[2]) זע ד"ר י. שיפּער — „די קולטור־געשיכטע פונ די יידנ אינ פוילנ בייסנ מיטלאלטער, ז"ז. 264—263". מיט שיפּערנ סאָלידאריזירט זיכ אינ דער דאָזיקער פראגע אויכ דער סאָוועטישער היסטאָריקער הייליקמאנ אינ זײַנ: „История общественного движения евреев в Польше и России", стр 68

[3]) דאָרט, וועגנ דעמ זע אויכ:

А. Я. Гаркави. Об языке евреев, живших в деревнее время на Руси.

גראנטן פון מײַרעוו [1]). נאָר אויבֿ אזוי דארפן מיר איינצײַטיק רעכענען, אז די מיזרעכ־אימיגראנטן האָבן געדארפט אָנעמען די שפראכ פון דער ארומיקער באפעלקערונג אויכ אינ ליטע, און ליטוויש איז דאָכ ווידעראמאָל א צוויימינימדיקע שפראכ!

קעגן דער האנאָכע וועגן א פארשווינדונג פונעם דריטן מינ לאָזט זיכ ארויסרוקן נאָכ איינ דערווידערונג.

אינעם קאָמפּלעקס פון אלע סימאָנים, וואָס כאראקטעריזירן דעם ליטוויש־ווײַס־רוסישן דיאלעקט, זײַנען בלויז צוויי פון זיי ענג געבונדן צווישן זיכ: דאָס איז, פון איינ זײַט, די צווייִמינימדיקײַט, פון דער צווייטער זײַט, דאָס אָנווענדן די דאטיוו־פאָרמע אויכ אינ אקוזאטיוו. די ערשטע פון די דאָזיקע צוויי באזונדערקײַטן שטיצט זיכ אפ דער צווייטער אלס אפ א פאָרמאלן סימען. אינדערעמעסן, אלס פאָרמאלע צײַגער פון דער מינ־קאטעגאָריע אינ יִדיש דינען ניט בלויז די פאָרמעס פון מיטשטימונג צווישן אדיעקטיוו אָדער ארטיקל מיטן סובסטאנטיוו, נאָר אויכ די גאנצע דעקלינאציע־סיסטעם [2]). אינ דער דאָזיקער סיסטעם איז פאר אונדז וויכטיק: א) דאָס צונויפאלן פונעם נאָמינאטיוו און אקוזאטיוו פאר סובסטאנטיוון פונעם צווייטן און דריטן מינ — אינ אונטערשייד פון סובסטאנטיוון פון ערשטן מינ. ב) דאָס צונויפאלן פונעם דאטיוו און אקוזאטיוו פאר סובסטאנטיוון פונעם ערשטן מינ אינ אונטערשייד פון סובסטאנטיוון פון די איבעריקע צוויי מינים. די דעקלינאציע־סיסטעם איז א שטארקערער און מער וויכטיקער פאָרמאלער סימען איידער די פאָרמעס פון מיטשטימונג, ווײַל מיטשטימונג דרינגט ארויס פון א שוינ פעסטגעשטעלטן מינ פונעם סובסטאנטיוו, דאנ ווען די דעקלינאציע־סיסטעם און ספּעציעל די באזונדערקײַטן אינ דער דאָזיקער סיסטעם, וואָס מיר האָבן אָנגעוויזן בענגעייע צו יִדיש, האָבן זייער דערקלערונג אינ סיבעס, אנאלאָגישע צו די סיבעס, וואָס האָבן גוירעם געווען די מינ־קאטעגאָריע גופע.

אינ גרונט פון דער קלאסיפיקאציע פון סובסטאנטיוון לויט מינימ איז אפ א געוויסער סטאדיע אינ דער אנטוויקלונג פון שפראכ געלעגן די טיילונג אפ לעבעדיקע וועזנס און אומבאלעבטע; די דאָזיקע טיילונג האָט אויכ ארויסגערופן געוויסע אונטערשיידן אינ דער דעקלינאציע. אינ אייניקע שפראכן האָט זיכ עס ארויסגעדריקט אינעם צונויפאלן פונעם אקוזאטיוו מיטן געניטיוו בא סובסטאנטיוון, וואָס באצייכענען לעבעדיקע וועזנס און פונעם אקוזאטיוו מיטן נאָמינאטיוו — בא סובסטאנטיוון, וואָס באצייכענען אומבאלעבטע געגנשטאנדן (אזוי איז עס איצט אינ רוסיש, לעמאָשל). אינ אנדערע שפראכן, ווו דער געניטיוו איז מער ספּעציאליזירט, פאלט צונויפ דער אקוזאטיוו מיטן דאטיוו פאר סובסטאנטיוון פונעם ערשטן מינ, ד. ה. דאפקע פון דעם מינ, וועלכער שטאמט פונעם אמאָליקן קלאס שאפנדיקע און אקטיווע (לויט די קאָסמישע פאָרשטעלונגען).

מיר זעען, אזוי ארום, אז אינ יעסאָד פון דער דעקלינאציע־סיסטעם ליגט ניט אזוי די שוינ פארטיקע מינ־קאטעגאָריע, ווי די פאָרשטעלונגען, וואָס האָבן באדינגט די דאָזיקע קאטעגאָריע.

---

[1]) זע דאָס דערמאָנטע ווערק הארקאוויס.

[2]) כ׳מיינ דאָ די בייגונג פונעם באשטימיקן ארטיקל אָדער פונעם מיטשטימענדיקן אדיעקטיוו.

וועגן דער פֿאַרבינדונג צווישן דער דעקלינאַציע־סיסטעם און צווישן דער פֿעסט־קייַט פֿון דער טיילונג פֿון געגנשטאַנדן לויט מינים לייענען מיר בײַ יאַקאָב גרים:

„פֿלעקסיע און מין באַדינגען איינע דעם צווייטן און מיטן אונטערגייַן פֿון די פֿלעקסיע־טראַפֿן און וואָרטבילדונג־טראַפֿן ווערט שוואַכער אײַנצײַטיק דער כוש פֿונעם געשלעכט־אונטערשייד [1]).

אין ענגליש, ווו די פֿלעקסיעס זײַנען פֿאַרשוווּנדן, איז קימאַט פֿאַרשוווּנדן די טיילונג לויט מינים.

בײַ דער האַנאָכע, אַז אין ליטוויש־ווײַסרוסישן ייִדיש איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן דער דריטער מין, וואָלט נאַטירלעך געווען זיך פֿאָרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז דער דאָזיקער פֿאַרשווינדונג האָט טיילווײַז כאָטש מיטגעהאָלפֿן די פֿאַרשווינדונג פֿון אייניקע פֿלעקסיעס, אַז פֿריִער איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן דער אונטערשייד צווישן דאַטיוו און אַקוזאַטיוו אַזוי, אַז אָנשטאָט

| | |
|---|---|
| פֿאַרן ערשטן מין | דאַטיוו — דעם טיש, דעם העלד<br>אַקוז. — דעם טיש, דעם העלד |

און:

| | |
|---|---|
| פֿאַרן דריטן מין | דאַטיוו — דעם אויג, דעם קינד<br>אַקוז. — דאָס אויג, דאָס קינד |

איז געבליבן:

| | |
|---|---|
| פֿאַר ביידע די דאָזיקע מינים | דאַטיוו — דעם טיש, דעם העלד, דעם אויג, דעם קינד<br>אַקוז. — דעם טיש, דעם העלד, דעם אויג, דעם קינד. |

און ערשט אַזאַ פֿאַרשווינדונג פֿון דעם אונטערשייד צווישן ערשטן און דריטן מין אין דער דעקלינאַציע האָט מיטגעווירקט, ס׳זאָל אָפּגעריבן ווערן דער אונטערשייד צווישן די דאָזיקע צוויי מינים ביכלאַל. אַזאַ פֿאָרשטעלונג וועגן דער אורזאַכלעכער פֿאַרבינדונג צווישן ביידע דערשײַנונגען (פֿריִער ענדערונגען אין דער דעקלינאַציע, דערנאָך אויסגלײַך פֿון די מינים) איז באַרעכטיקט, ווײַל די פֿאַרשווינדונג פֿון די אונטערשיידן צווישן די בייגפֿאַל־פֿאָרמעס איז אַ פֿעסטגעשטעלטער פֿאַקט, אַ דערשײַנונג, וואָס באַמערקט זיך אין דער מערהײַט סינטעטישע שפּראַכן אויף זייער וועג צו אַנאַליטישן בוי.

נאָר אויב אַזוי, וואָלט דאָך נאַטירלעך געווען אויך צו דערוואַרטן, אַז די סובסטאַנטיוון, וואָס זײַנען אַמאָל געווען פֿונעם דריטן מין, זאָלן געווען איבערגיין אינעם ליטוויש־ווײַסרוסישן ייִדיש צום ערשטן מין, ווײַל די ענדערונגען אין דער דעקלינאַציע זײַנען דאָך געגאַנגען גראָד אין דער דאָזיקער ריכטונג (פֿון אויסגלײַכן דעם דריטן מין מיטן ערשטן מין).

אַן איבערפֿלעכלעכער קוק אויף דעם מין־באַנוץ פֿון סובסטאַנטיוון, וואָס אין אַנדערע דיאַלעקטן זײַנען זיי זיכער פֿונעם דריטן מין, דערווײַזט, אַז ס׳איז קלאָר ניט אַזוי. אָט זײַנען אייניקע אַזעלכע סובסטאַנטיוון: אויג, איי, האַרץ, לײַב, פֿעלד, קלייד א. א. אין אוקראַיִנישן און אין פּוילישן דיאַלעקט זײַנען זיי זיכער פֿון דריטן מין און אין ליטוויש־ווײַסרוסישן — פֿונעם צווייטן מין (ניט פֿונעם ערשטן). דאָס איז

---

[1]) Deutsche Grammatik, B. 3, s. 345.

ריכטיק אויך בענעגייע צו א גרויסער צאָל פארקלענער־נעמען, אויסגעבילדעטע פונ סובסטאנטיוונ פונ צווייטנ מינ; וועגנ שטאָפ־נעמענ וועט אויסקומענ רעדנ באזונדער.

פונעמ געזאָגטנ איז צו זענ, אז די טעאָריע וועגנ פארשווינדונג פונעמ דריטנ מינ אינעמ ליטויש־ווײַסרוסישנ דיאלעקט האָט אונטער זיך ניט קיינ פעסטנ באָדנ.

דאָ קאָנ האָבנ א ווערט אנ אנאלאָגיע מיט אנדערע שפראכנ, וואָס מע רעדט וועגנ זיי אינ דער לינגוויסטישער ליטעראטור, ווי וועגנ שפראכנ, וואָס אינ זיי איז פארשווונדנ געוואָרנ דער מיטעלער מינ. כ׳מיינ דאָ די הײַנטצײַטיקע ראָמאנישע שפראכנ. דער לינגוויסט מ. וו. סערגיִעווסקי רעדט, לעמאָשל, וועגנ פארשווינדונג פונעמ מינ אינ פראנצויזיש [1]). ער פרווט בעערעכדיק ווײַזנ, ווי אזוי ס׳איז פאָרגעקומענ אזא פארשווינדונג. דערבײַ ווײַזט ער אָנ פאלנ, ווענ סובסטאנטיוונ פונ מיטעלנ מינ האָבנ אָנגעהויבנ אריבערגיינ אינ מענלעכנ אָדער אינ ווײַבלעכנ מינ; בײַשפילנ נעמט ער פונ „וווּלגאר״־לאטיינישע דענקמעלער. סערגיִעווסקי שטעלט פאָר די זאך אזוי: אינ „וווּלגארנ״ (אייגנטלעכ, אומגענגלעכנ) לאטיינ, וועלכער איז פארשפרייט געוואָרנ צווישנ דער גאלישער (קעלטישער) באפעלקערונג נאָכדעמ, ווי יוליוס צעזאר האָט זי באצוווּנגענ, איז פארשווונדנ געוואָרנ מיט דער צײַט דער דריטער מינ; אזוי האָט זיך באקומענ, אז אינ איצטיקנ פראנצויזיש (אונ אינ די איבעריקע הײַנטצײַטיקע ראָמאנישע שפראכנ) איז קיינ דריטער מינ שוינ ניטאָ.

מיר האָבנ, הייסס עס, פאלנ, ווענ שפראכנ האָבנ זיך יאָ באפרײַט פונעמ דריטנ מינ. פארוואָס־זשע זאָל ניט מעגלעכ זײַנ, אז אזא פארשווינדונג איז פאָרגעקומענ אויך אינ ליטווישנ יִדיש?

דערופ איז מעגלעכ צו ענטפערנ: ס׳איז שווער מאסקימ צו זײַנ מיט סערגיִעווסקינ אינעמ דערקלערנ דעמ גאנג פונ דער שפראכלעכער אנטוויקלונג: מאר רעדט גאנצ קלאָר וועגנ דער צווייִמינימדיקײַט פונ פראנצויזיש, ווי וועגנ אנ איבערלעבס צווישנ „די שפראכנ פונ דער פראָמעטייִדישער סיסטעמ״ (זע אויבנ ז. 115). אונ אינדערעמעסנ: ס׳איז פיל נאטירלעכער פאָרצושטעלנ זיך די זאך אזוי, אז די שפראך פונ די קעלטישע שוואָטימ ביז דער רוימישער הערשאפט האָט קיינ מיטעלנ מינ ניט געהאט (ווי באוווּסט, האָט קעלטיש בלויז צוויי מינימ). אונ ווענ עקאָנאָמישע אונ פאָליטישע פאקטאָרנ האָבנ געצווּנגענ די אָרטיקע באפעלקערונג אָנייגענענ דעמ אומגענגלעכנ לאטיינ, איז איר דאָך שווער געווענ זיך צו באפרײַענ פונ דער ריינ געשלעכטלעכער (צווייִמינימדיקער) פאָרשטעלונג פונ סובסטאנצנ, וועלכע האָט זיך ארויסגעוויזנ פאר גענוג פעסט אפ גויוועער צו זײַנ די דרײַמינימדיקײַט פונ דער אָנגעייגנטער שפראכ, אונ וועגנ דעמ דאָזיקנ זיג פונ צווייִמינימדיקײַט רעדנ שוינ די „וווּלגאר״־לאטיינישע דענקמעלער. די דאָזיקע צווייִמינימדיקײַט ציט זיך, הייסט עס, פונ דער קעלטישער שפראכ, אינ וועלכער זי (די צווייִמינימדיקײַט) שטעלט טאקע פאָר מיט זיך אנ איבערלעבס.

וועגנ א ווארשײַנלעכנ אנאלאָגישנ וועג איז געווענ גערעדט אויבנ אויך בענעגייע צו דער צווייִמינימדיקײַט פונעמ ליטווישנ יִדיש.

---

[1]) М. В. Сергиевский. История французского языка, М. 1938, стр. 9—13.

פונעם קוק אף דער צווייִמינימדיקייט פונעם ליטוויש־ווײַסרוסישן דיִאלעקט, ווי אף אן אנטפּלעקונג פון א פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג־טענדענץ, וועלכע ווירקט אינעווייניק אין דער שפּראך, וויל מען מאכן וויכטיקע אויספירן פאר דער רעגלאמענטירונג פונעם מין. רייזען, למשל, לייגט פאָר זיך האלטן אָנעם פּרינציפּ: „בענעגייע געשלעכט — ניט מאכמיר זײַן, נאָר מייקל זײַן"; ער האלט, אז פון ליטע קאָן מען ניט פאָדערן כאזערן די סובסטאנטיוון, וואָס געהערן צום דריטן מין. אמאָל האָט געהאט געשריבן אויך זארעצקי אין זײַן „פּראקטישער גראמאטיק":

„...די יִדיש־שרײַבערס (און א פּשיטע שוין — ריידערס), וואָס ווייסן ניט אין זייער מוטער־דיִאלעקט פון קיין דריטן מין, דארפן אים ניט באנוצן — דערמיט העלפן זיי מיט דער פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג פון דער שפּראך, כאָטש זיי פארגרעסערן צײַטווײַליק דעם פּלאָנטער... [1]).

און:

„...אויך יענע יִדיש־שרײַבערס, וואָס געהערן צו א דרײַמינימדיקן דיִאלעקט, זאָלן זיך זען צופּאסן צום פּראָגרעסיווערן באנוץ, וועלכער וועט מיט דער צײַט ווערן דער הערשנדיקער" [2]).

פרעגן מיר אָפּ די פאראנענקײַט פון אוועלכער ניט איז פּראָגרעסיווער טענדענץ, בלײַבן הענגען אינדערלופטן אויך די פּראָגנאָזן וועגן דעם קומענדיקן זיג פונעם „פּראָגרעסיווערן באנוץ" (ד. ה. דעם צווייִמינימדיקן).

און ס'איז נאָך א פראגע, צי דרײַמינימדיקײַט איז מער באלאסט פאר דער שפּראך איידער צווייִמינימדיקײַט, און צי איז ביכלאל דאָ מעגלעך צו רעדן וועגן באלאסט, די מין־קאטעגאָריע איז פונעם שטאנדפּונקט פונעם הײַנצײַטיקן ריידער־צוהערער געוויס איבעריק. נאָר, ערשטנס, צי נאָר דער מין איז איבעריק? איבעריק זײַנען אויך פארשיידנסטע איבערכאזערונגען פון אנדערע, בעפיירעש נייטיקע גראמאטישע קאטעגאָריעס, ס'איז, למשל, איבעריק אונטערצושטרײַכן די מערצאָליקײַט פון געגנשטאנדן אין די מיטשטימענדיקע אדיעקטיוון; ס'איז איבעריק פילסימאָנימדיקײַט אף צו באצייכענען די מערצאָל פון סובסטאנטיוון גופע (ווי, למשל, איבעראקצענטירונג צוזאמען מיט א מערצאָל־סופיקס און מיט אינעווייניקסטער בייגונג). אזוי איז עס אויך מיט פערזאָן, מיט אייניקע פלעקסיעס אין דער דעקלינאציע אין געוויסע שפּראכן. דער פערזאָניקער פּראָנאָמ איז גאנץ גענוגנדיק אף צו באצייכענען צאָל און פערזאָן, און די אנטשפּרעכיקע פלעקסיע באם ווערב איז שוין אינגאנצן איבעריק. עמעס, אין אלע געבראכטע פאלן האנדלט זיך בלויז וועגן איבערפלוס פון פאָרמאלע סימאָנים אף צו באצייכענען א לאָגיש באַרעכטיקטע קאטעגאָריע, דאן ווען מיטן מין איז עס אנדערש — די קאטעגאָריע גופע איז אן איבעריקע. אָבער פאר דער שפּראך איז דאָך ניט וועזנטלעך דער דאָזיקער אונטערשייד, וועזנטלעך איז דאָס, וואָס איבעריקס האָבן מיר סײַ דאָ, סײַ דאָרט, און אזא שפּראך ווי ענגליש, איז קימאט באפרײַט סײַ פון דעם ניט נייטיקן מין, סײַ פון דעם איבערפלוס פון פאָרמאלע סימאָנים פאר נייטיקע גראמאטישע קאטעגאָריעס.

---

[1]) ז. 68.

[2]) דאָרט.

און נאָכ א זאכ: פֿונ זײַנ איבעריק מיצאד דער לֿאָגיק ביז זײַנ א באלֿאסט איז פֿאָלג מיכ א גאנג. די מינ־קאטעגאָריע ביכלֿאל און ספּעציִעלֿ דער דריטער מינ איז מעג זײַנ לֿאָגיש ניט בארעכטיקט, קיינ באלֿאסט איז ער דאָכ ניט, ווײַלֿ ער פֿאר־שווערט גאָרנישט ניט אינ דער שפּראכ. גראָד פֿאַרקערט, קוים איז שוינ די מינ־קאטעגאָריע פֿאראנ אינ א שפּראכ, פֿילֿט זי שוינ אויס א געוויסע נוצלֿעכע פֿונקציע.

אינ ייִדיש, לֿעמאָשלֿ, פֿארגרינגערט אָפּט דער מינ־אונטערשייד די פֿארבינדונג צווישנ די קאָמפּאָנענטנ פֿונ א צונויפֿגעזעצטנ זאצ. אינ „... די אנטוויקלֿונג פֿונעם בוים, וועלֿכע איז דאָ באשריבנ...‟ האָבנ מיר צו פֿארדאנקענ בלֿויז דער מינ־קאטעגאָריע פֿארנ ריכטיקנ פֿארשטיינ דעמ מיינ פֿונ דער ארויסזאָגונג. „וועלֿכער‟ וואָלֿט באטײַט, אז דער בוימ איז באשריבנ, ניט די אנטוויקלֿונג זײַנע.

אמאָלֿ העלֿפֿט מיט די מינ־קאטעגאָריע דער באטײַטלֿעכער דיפֿערענצירונג. אינ אייניקע שפּראכנ שיידנ זיכ אונטער אייניקע פֿולֿשטענדיקע האָמאָנימענ בלֿויז לֿויטנ מינ, צ. ב. אינ פֿראנצויזיש: le livre (בוכ) און la livre (פֿונט), le poêle (אויוונ) און la poêle (סקאָווערדע). אינ דײַטש: der Kiefer (קינבאק) און die Kiefer (טאנע). אויכ אינ ייִדיש: די זונ — דער זונ, די איילֿ (локоть) — דער איילֿ (масло), די דעק (אפּ א בעט) — דער דעק (פֿונ א שיפֿ), דער געריכט (суд) — דאָס געריכט (блюдо).

אינ ייִדיש ווערט אָפּט אָנגעווענדעט א פֿארשיידענער מינימ־געברויכ בא איינ און דעמ זעלֿביקנ סובסטאנטיוו אפּ צו מאָדיפֿיצירנ די פֿאָרשטעלֿונג וועגנ אנ אינדיווידועלֿנ געגנשטאנד אונ וועגנ שטאָפֿ, מאטעריאלֿ אָדער וועגנ עפּעס סומארס, קאָלֿעקטיווס. אינ אוקראַיִנע שיידט מענ, לֿעמאָשלֿ, אונטער: דאָס אײַזנ (שטאָפֿ) און דער אײַזנ (פּרענטע), דאָס גלֿאָז (שטאָפֿ) און די גלֿאָז (קיילֿע). ס׳מערקט זיכ אויכ אָנ א טענדענצ צו דיפֿערענצירנ אזעלֿכע ווערטער ווי: דער פֿארגעניגנ (удовольствие — אינדיווידועלֿער באגריפֿ) און דאָס פֿארגעניגנ (довольство, роскошь — סומארער באגריפֿ), דער נאכעס (וועגנ א מענטשנ) און דאָס נאכעס (סומאר).

אינ דער זעלֿביקער ריכטונג קאָנ מענ באמערקנ, באזונדערס אינ אוקראַיִנע, א טענדענצ צו וואריִירנ דעמ מינ פֿונ פֿארשיידענע סובסטאנטיוונ, וואָס האָבנ איינע און די זעלֿבע אפֿיקסאציע (די געשעעניש — אינדיווידועלֿ און דאָס לֿויפֿעניש — סומאר, די פֿארבערײַ — אינדיווידועלֿ און דאָס פּלֿאפּלֿערײַ — סומאר).

מערקווירדיק איז, וואָס פֿאר דיפֿערענצירונג פֿונ באטײַט ווערט אויסגענוצט אינ ייִדיש דאפּקע די קעגנשטעלֿונג פֿונעמ דריטנ מינ צו די איבעריקע צוויי מינימ, דאפּקע, הייסט עס, אזא קעגנשטעלֿונג פֿילֿט אויס אינ א גרעסערער מאָס א נוצלֿעכע פֿונקציע איידער די קעגנשטעלֿונג פֿונעמ ערשטנ מינ צומ צווייטנ. אזוי, אז צו באטראכטנ דעמ דריטנ מינ אלֿס א באלֿאסט איז פֿאראנ נאָכ ווייניקער גרונט איידער באטראכטנ אלֿס אזא באלֿאסט די קעגנשטעלֿונג פֿונעמ ערשטנ מינ צומ צווייטנ.

מיט דעמ אלֿעמענ מיינ איכ ניט צו זאָגנ, אז די מינ־קאטעגאָריע קאָנ דערמיט גופֿע האָבנ א בארעכט אינ דער שפּראכ פֿונעמ הײַנטצײַטיקנ ריידער־צוהערער. אָבער די פֿארשיידענע כקירעס וועגנ באפֿרײַענ זיכ פֿונ דעמ מינימ־אונטערשייד אינ שפּראכ

צי אפילע בלויז פונעם דריטנ מינ זייַנענ זייער ווייַט פונ דער לעבעדיקער שפראַכ־ווירקלעכקייַט אונ זייַנענ אנאלאָגיש מיט די אוטאָפּישע פאנטאזיעס וועגנ אנ אבסאָ־ליוט לאָגישער שפראַכ.

צו דער צוויימינימדיקייַט פונעמ ליטוויש־ווייַסרוסישנ דיאלעקט אינ ייִדיש ווייסנ מיר אנ אנאלאָגיע אינ דער דייַטשישער שפראַכ. דער נידער־דייַטשישער דיאלעקט האָט געוווּסט בלויז פונ צוויי מינימ — פונ א פערזענלעכנ מינ אונ זאַכלעכנ מינ; די דאָזיקע צוויי מינימ ווערנ אונטערגעשיידט דורכ די ארטיקלענ de אונ dat[1]). אונ דאָכ האָט עס ניט געווירקט אפ דער אנטוויקלונג פונעמ ליטעראַרישנ דייַטש. אינ דער ייִדישער ליטעראַרישער שפראַכ האָט אויכ פונקט אזוי געזיגט אונ ס'האלט זיכ פעסט דער באַנוצ פונ דרייַ מינימ בא דער איבערוועגנדיקער מערהייַט ייִדיש־ריידער, אונ באַמ רעגלאַמענטירנ דעמ גראַמאטישנ מינ מוז מענ זיכ מיט אזא פאקט רעכענענ.

## III. וועגנ דער רעגלאַמענטירונג פונעמ גראַמאטישנ מינ אינ ייִדיש

גראַמאטישע נאָרמאליזירונג, באַוווּסטזיניקע אריינמישונג אינ דער אנטוויקלונג פונ דער שפראַכ, אייַנשטעלונג פונ פעסטע נאָרמעס איז ניט קיינ נייַס אינ דער געשיכטע פונ ליטעראַרישע שפראַכנ. שטענדיק האָט אינ אָט דער ארבעט פונ טע־אָרעטיקער — לינגוויסטנ געפונענ איר אויסדרוק די שפראַכ־פּאָליטיק פונעמ הערשנדיקנ אָדער פונעמ פּאָליטיש אונ עקאָנאָמיש אופשטייַגנדיקנ קלאַס. אזוי איז עס געווענ אינ דער געשיכטע פונ דער פראַנצויזישער, דייַטשישער, רוסישער אונ אנדערע לי־טעראַרישע שפראַכנ[2]). אינ פראַגנ פונ שפראַכ־נאָרמאליזאַציע האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט דער שאַרפער קלאַסנקאַמפ, וואָס איז אָנגעגאנגענ אינ די אנטשפּרעכיקע פעריאָדנ אינעמ לעבנ פונ דער אָדער יענער נאַציאָנאַלער שפראַכ צווישנ דער פעאָדאַלער אריסטאָקראַטיע אונ דער אופקומענדיקער בורזשואַזיע, צווישנ דער קולטור־פּאָליטיק פונ דער בורזשואַזיע אונ דער קולטור־עקספּאַנסיע פונ די פריערדיק־קליינבירגערלעכע עלעמענטנ, שפּעטער — פונעמ פּראָלעטאַריאַט.

אינ אונדזער סאָציאַליסטישנ ראַטנפאַרבאַנד, ווו פיל אופגעריכטע פעלקער זייַנענ צוגעטראָטנ ערנסט אריינצוטראָגנ אָרדענונג אינ זייער שפראַכ, צו פאַרוואַנדלענ זי אינ א געשליפנ געווער פונ קאָמוניסטישער דערציִונג, איז אויכ אויסגעקומענ פירנ א דויערנדיקנ פאַרביסענעמ קאַמפ קעגנ די קלאַסנ־סאָנימ, קעגנ קאָלערליי מינימ נאַציאָ־נאַליסטנ־שאָוויניסטנ פונ איינ זייַט, קעגנ פאַרשיידנסטע לינקאַטשישע טענדענצנ פונ דער צווייטער זייַט. אינ אזא אקשאָנעסדיקנ קאַמפ אפ רעכטס אונ אפ לינקס איז גע־לייַטערט געוואָרנ אונ געשמידט געוואָרנ דער סאָוועטישער ייִדיש.

באַזונדערס איז עס שייַעכ צו פראַגנ פונ ייִדישער לעקסיק. אינ גראַמאטיק איז געבליבנ פיל מער אָפּצוטאָנ. אונ די ריכטונג אינ דער דאָזיקער ארבעט דאַרפ שטענ־דיק דיקטירט ווערנ פונ די קולטור־אינטערעסנ פונעמ פאָלק, פונעמ גאַנצנ סאָוועטישנ

---

1) זע: Dr. J. C. A. Heyse's ausführliches Lehrbuch der deutschen Sprache, 1838 B. 1, s. 444.

2) גענויער וועגנ דעמ זע: В. Жирмунский. Нац. язык и диалекты, стр. 11-14.

יִידישן פאָלק, ווייַל ס׳איז קלאָר, אז אין אונדזערע באדינגונגען איז שוין אומעגלעך צו רעדן וועגן ספּעציִעלע קולטור־אינטערעסן פון איין קלאס, וועלכע זאָלן קאָנען קעגנגעשטעלט ווערן צו די קולטור־אינטערעסן פון א צווייטן קלאס. דער ענד־ציל פון אלע ארבעטנדיקע אין אונדזער לאנד איז איינער און דער זעלבער. דאָס איז די פארוואנדלונג פון דער סאָציִאליסטישער געזעלשאפט אין א קאָמוניסטישער. און אויב אזוי דארף מען באם איינשטעלן די אָדער יענע נאָרמעס אין שפּראך נעמען אין אכט אין דער ערשטער ריי די אינטערעסן פון דער איבערוועגנדיקער מערהייַט ריידער, קאָרעגירנדיק דעם דאָזיקן פּרינציפּ בלויז אין יענע פאלן, ווען די שפּראך פון דער דאָזיקער מערהייַט גייט זיך פאנאנדער מיט די שוין פון לאנגאָנען אָנגענומענע פעסטע נאָרמעס פון דער ליטעראַרישער שפּראך.

בייס מיר גייען צו מיט דער דאָזיקער מאָס צו דער פראגע וועגן רעגלאמענטירן דעם גראמאטישן מין אין יִידיש, דארפן מיר זיך קלאָר מאכן פאָלגנדיקס: וואָס דארפן מיר פארשטיין מיט מ ע ר ה ײ ט; צי די מערהייַט יִידיש־ריידער אין די גרענעצן בלויז פונעם ראטנפארבאנד, צי די מערהייַט יִידיש־ריידער ביכלאל.? אויב בלויז אין ראטנפארבאנד, וואָלט די פראגע געווען פיל איינפאכער, ווייַל ס׳פאלט דאן אָפּ די נייטיקייַט צו רעכענען זיך מיטן פּוילישן דיִאלעקט, פונעם ליטוויש־ווייַסרוסישן דיִאלעקט בלייַבט בלויז מיזרעך־ווייַסרוסלאנד און א קלײנינקע טייל יִידישע יִישווים פון אוקראַיִנע (צאָפן־צו). דעריקער וואָלט אויסגעקומען זיך רעכענען מיטן מין־באנוץ אין דער גרעסטער טייל אוקראַיִנע.

אָבער אזא פארײנפאכטער צוגאנג צו דער פראגע וואָלט געווען צו קורצזיכטיק און ניט לאָגיש. ס׳האנדלט זיך דאָך וועגן נאָרמעס פון דער ל י ט ע ר א ר י ש ע ר שפּראך, מוז מען, אויב אזוי, אין זינען האָבן אייניקע וויכטיקע מאָמענטן: א) דער איצטיקער ליטעראַרישער יִידיש איז א רעזולטירנדיקע פון פיל צוניפלייג־גרייסן, און צווישן זיי פארנעמט ניט דאָס לעצטע אָרט די ווירקונג פונעם פּוילישן דיִאלעקט; ב) מיר שליסן קיינמאָל ניט אויס די מעגלעכקייַט, אז אונדזערע מאָסמיטלען אין דער ריכטונג פון נאָרמאליזירן, פארײנהייַטלעכן די שפּראך זאָלן קאָנען אויסגענוצט ווערן — אויב ניט אינגאנצן, איז טיילווייַז כאָטש — ד ו ר כ און פ א ר די ברייטע מאסן יִידישע ארבעטנדיקע אויך פון יענער זייַט גרענעץ, באזונדערס — דורך דער קאָמוניסטישער פּרעסע; ג) מיר שייַנט — און דאָס איז עפּשער דער וויכטיקסטער ארגומענט — ס׳איז קורצזיכטיק, בייס מע רעדט וועגן נאָרמעס פאר א שפּראך, וועלכע דארף גילטן אין איר לאנגע יאָרן, צו שטעלן פאר דער גילטונג פון די דאָזיקע נאָרמעס די איצט עקזיסטירנדיקע שיידוועגט צווישן די ארבעטנדיקע יִידן פון פּוילן און דעם סאָוועטישן יִידישן פאָלק.

באם איינשטעלן נאָרמעס פונעם ליטעראַריש־סאָוועטישן יִידיש מוז מען דעריבער זיך רעכענען מיט אלע דרייַ גרונט־דיִאלעקטן — מיטן אוקראַיִנישן, ליטוויש־ווייַסרוסישן, און אין אייניקע פאלן אויך מיטן פּוילישן.

באם רעגלאמענטירן דעם מין־באנוץ פון סובסטאנטיוון אין יִידיש, דארפן מיר אונטערשיידן צוויי קאטעגאָריעס סובסטאנטיוון: א) אזעלכע, וואָס דער מין־באנוץ פאר זיי איז א גאנץ זיכערער און רופט בא קיינעם ניט ארויס קיין ערנסטע ספּייקעס — פאר אזעלכע סובסטאנטיוון דארף די רעגלאמענטירונג באשטיין בלויז אינעם

פאָרמולירן די געהעריקע קלאָלים וועגן מין; ב) אזעלכע, וואָס זייער מינ־באַנוץ איז ניט פעסטגעשטעלט, איז וואַקלדיק, — פאַר זיי דאַרף די רעגלאַמענטירונג באַשטיין אין איינשטעלן דעם מינ־באַנוץ און אינעם אַרונטערפירן אים אונטער די געהעריקע קלאָלים.

צו דער ערשטער קאַטעגאָריע דאַרף מען צורעכענען קוידעמקאָל א גרויסע צאָל אפיקסירטע סובסטאַנטיוון, וואָס זייער מין קאָן גרינג באַשטימט ווערן לויט דער פאָרמע. אַזוי איז עס, לעמאָשל, אין גרונט מיט סובסטאַנטיוון אפ — ע, — הײַט, — קײַט, — ונג, — שאַפט, — טום, מיט סובסטאַנטיווירטע אינפיניטיוון. גלײַך טאַקע דאַרף מען באַמערקן, אַז ווײַט ניט מיט אַלע אַפיקסירטע סובסטאַנטיוון האַלט עס אַזוי. מע קאָן, לעמאָשל, ניט רעדן דערווײַל וועגן א שוין פעסטגעשטעלטן לי־טעראַרישן מין פאַר סובסטאַנטיוון מיטן פרעפיקס גע — צי מיט די סופיקסן — ניש, — ערײַ. די דאָזיקע סובסטאַנטיוון געהערן צו דער צווייטער קאַטעגאָריע — זייער מין דאַרף מען אפריער פעסטשטעלן און ערשט דאַן פאָרמולירן די געהעריקע קלאָ־לים פאַר זייער מינ־באַנוץ. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהערן אויך אין זייער איבערוועגנדיקער מערהײַט ניט־אַפיקסירטע סובסטאַנטיוון, א. ג. וואָרצלדיקע סוב־סטאַנטיוון, וואָס בענעגייע צו זיי קאָן די פאָרמע גאָרנישט ניט זאָגן. זייער ווייניק קאָן דאָ זאָגן אויך דער באַטײַט פון די דאָזיקע סובסטאַנטיוון. די דאָזיקע באַהויפּ־טונג דרינגט אַרויס סײַ פון אַלגעמיינע טעאָרעטישע האַנאָכעס וועגן אופקום פון מין, וועלכע ווײַזן, אַז זייער אָפט איז ניט מעגלעך צו זוכן די פּרינציפּן פון דעם מינים־אונטערשייד אין דער עצעם נאַטור פון די געגנשטאַנדן, סײַ פון אונדזערע ספּעציעלע אויספאָרשונגען פונעם מינ־באַנוץ פאַר אַזעלכע סובסטאַנטיוון. די דאָזיקע אויספאָרשונגען פירן צום אויספיר, אַז דאָ איז מעגלעך בלויז איין און איינציקער וועג, דעהײַנע: פעסטשטעלן דעם מינ־באַנוץ פאַר יעדן סובסטאַנטיוו באַזונדער און דערנאָך שוין געפינען אַזעלכע מנעמאָניש באַקוועמע קלאָלים, וואָס זאָלן קאָנען האָבן א גרויסן פּראַקטישן ווערט, האַגאַם ניט אַלעמאָל נעמען זיי אין אַכט דעם באַטײַט פון די דאָזיקע סובסטאַנטיוון.

וואָס איז שײַעך אַנדערע ניט־אַפיקסירטע סובסטאַנטיוון פון העברעיִשער, סלאַ־ווישער און פון אַנדערער אָפּשטאַמונג, איז בענעגייע צו זייער מינ־באַנוץ מעגלעך צו פאָרמולירן געוויסע קלאָלים, אויסמײַדנדיק אינדיווידועלע באַטראַכטונג פון יעדן סובסטאַנטיוו באַזונדער.

ווי געזאָגט, דאַרף אין דער ברייטסטער מאָס אָנגעווענדעט ווערן באַם רעגלאַ־מענטירן דעם מינ־באַנוץ דער מערהײַט־פּרינציפּ. צוליב דעם איז נייטיק אפריִער פעסטצושטעלן די וויכטיקסטע דיִאַלעקטאַלע באַזונדערקײַטן פונעם ייִדישן מינ־באַנוץ.

## אנדערע דיִאַלעקטאַלע באַזונדערקײַטן אינעם ייִדישן מינ־באַנוץ

די איינציק בולטע דערשײַנונג איז דאָ דאָס אויספעלן פונעם דריטן מין אינעם ליטוויש־ווײַסרוסישן דיִאַלעקט. גייען מיר איבער צום פּוילישן דיִאַלעקט, באַמערקן מיר, אַז דער מינ־באַנוץ אינעם דאָזיקן דיִאַלעקט שטייט פיל נעענטער צום מינ־באַנוץ אין נה״ד לעגאַבע די איבעריקע ייִדיש־דיִאַלעקטן. לאָמיר, אַשטייגער, באַטראַכטן אַזאַ טאַבעלע:

| סובסטאנטיוונ | מינ אינ אוקראַינישנ דיאלעקט | מינ אינ פוילישנ דיאלעקט |
|---|---|---|
| אויער . . . . . . . . . . . . | 1־טער | 3־טער |
| בוכ . . . . . . . . . . . . . | ״ | ״ |
| זאמד . . . . . . . . . . . . | דערהויפט ניט 3־טער | 3־טער |
| טוכ . . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| ליימ . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| מעל . . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| ראָד . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| שטאָפּ . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| שמאלצ . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| לאָכ . . . . . . . . . . . . | ניט 3־טער | דערהויפט 3־טער |
| ליד . . . . . . . . . . . . . | ״ ״ | ״ ״ |
| בלאט . . . . . . . . . . . . | דערהויפט ניט 3־טער | דערהויפט 3־טער |
| ברעט . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ ״ |
| בעט . . . . . . . . . . . . . | טיילווייַז ניט 3־טער | 3־טער |
| העמד . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| ליכט . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| פערד . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| ביינ . . . . . . . . . . . . . | ניט 3־טער אָדער טיילווייַז ניט 3־טער | לויט בירנבוימ: 3־טער |
| זאלצ . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| טאָל . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| יאָכ . . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| מארכ . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| פאס . . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| צינ . . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| קאלב . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| קאָרנ . . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| שטרוי . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |
| שלאָס . . . . . . . . . . . | ״ ״ ״ | ״ |

אינ דער טאבעלע איז אָנגעוויזנ דער אונטערשייד אינ מינ־באנוצ צווישנ אוקראַי־נישנ אונ פוילישנ דיאלעקט פאר א ריי וואָרצלדיקע סובסטאנטיוונ. בירנבוימס אָנ־גאבנ זייַנענ דאָ גענומענ אלס צייַגער פונעמ פוילישנ מינ־באנוצ. די מעגלעכע דער־ווידערונג, אז בירנבוימ אָריִענטירט זיכ דאָ מער אפנ מינ־באנוצ אינ נה״ד איידער

די לעבעדיקע שפראך אין פוילן איז וויניק באגרינדעט, ווײַל אָט רעכנט דאָך בירנ־בוים פאר סובסטאנטיוון פון 3־טן מין אלע סובסטאנטיוון אפ —קײַט, וועלכע זײַנען אין נה״ד פונעם צווייטן מין; פארקערט, דער פוילישער דיאלעקט פון ייִדיש ווײַכט אויך דאָ זעלטן אָפּ פונעם מין־באנוץ אין נה״ד.

אפן ערשטן בליק קאָן זיך דוכטן, אז די באזונדערקײַט פונעם פוילישן דיאלעקט באשטייט אין אָפּטערן באנוצן דעם דריטן מין אין פארגלײַך מיטן אוקראאיִנישן דיאלעקט. קוקן מיר זיך אָבער נעענטער צו צו די סובסטאנטיוון אין דער געבראכטער טאבעלע, באמערקן מיר, אז כוץ „זאמד“ זײַנען זיי אלע פונעם דריטן מין אויך אין נה״ד, און די באזונדערקײַט פונעם פוילישן דיאלעקט באשטייט דאָ סאמע אין דער נאָענטקײַט צום מין־באנוץ אין נה״ד. אזא האנאָכע ווערט באשטעטיקט אויך מיט אנדערע פאקטן, אין דער ערשטער ריי — אפן מין פון סובסטאנטיוון מיטן סופיקס —ערײַ, וועלכע זײַנען, ווי מיר וועלן שפעטער עס ווײַזן, אין דער גרעסטער מערהײַט זייערער פונעם דריטן מין אינעם אוקראאיִנישן ייִדיש און פונעם צווייטן מין אינעם פוילישן ייִדיש — פונקט פארקערט פון דעם, וואָס מיר וואָלטן געקאָנט דערווארטן פון דער האנאָכע וועגן גרעסערער פארשפרייטקײַט פונעם דריטן מין אינעם פוילישן דיאלעקט. ס׳איז אינטערעסאנט: צווישן וואָרצלדיקע סובסטאנטיוון איז פאראנ בלויז איינ־און־איינציקער, וועלכער איז אינעם אוקראאיִנישן דיאלעקט פונעם דריטן מין און אין פוילישן, — ס׳ראָוו פונעם ערשטן מין, דאָס איז דער סובסטאנטיוו „טייג“, און גראָד דער דאָזיקער סובסטאנטיוו געהער צום ערשטן מין אויך אין נה״ד!

נאָך בוילעטער איליוסטרירן די ריכטיקײַט פון דער פאָרמולירטער האנאָכע (וועגן א גרעסערער נאָענטקײַט פונעם מין־באנוץ אינעם פוילישן דיאלעקט צום מין־באנוץ אין נה״ד) יענע וואָרצלדיקע סובסטאנטיוון, וואָס אין נה״ד ענדיקן זיי זיך אפ e און זײַנען דאָרט פונעם צווייטן מין:

| סובסטאנטיוון | מין אין אוקר. דיאלעקט | מין אין ליטוו.־ווײַסר. דיאלעקט | מין אין פוילישן דיאלעקט |
|---|---|---|---|
| (ג) אָל . . . . . . . . . | טיילווײַז 1־טער | 1־טער, 2־טער | 2־טער |
| זופ . . . . . . . . . | דערהויפט 1־טער | דערהויפט 1־טער | „ |
| זײַט . . . . . . . . . | 2־טער | 1־טער, 2־טער | „ |
| מיל . . . . . . . . . | „ | מערהײַט 1־טער | „ |
| . . . . . . . . . . | „ | „ „ | „ |
| פלאם . . . . . . . . . | 1־טער | 1־טער | טיילווײַז 2־טער |
| צונג . . . . . . . . . | 1־טער, 2־טער | דערהויפט 1־טער | 2־טער |
| קלאָג . . . . . . . . . | טיילווײַז 1־טער | 1־טער, 2־טער | „ |
| רוט . . . . . . . . . | 2־טער זעלטן 1־טער | דערהויפט 1־טער | „ |
| שארפ . . . . . . . . . | טיילווײַז 1־טער | „ „ | „ |
| שלייפ (висок, Schläfe) | דערהויפט 1־טער | „ „ | „ |
| שלייפ (шлейф, Schleppe) | 1־טער | 1־טער | 1־טער, 2־טער |

ווי מיר זעען, פאַלט אויך דאָ צונויף דער מין־באַנוץ אין פּוילישן דיאַלעקט מיטן מין־באַנוץ אין נה״ד.

ווידער, פאַרקערטע פאַלן זײַנען פיל זעלטענער און זיי האָבן זיך זייער באַזונדערע דערקלערונג. פון סובסטאַנטיוון, וואָס אין נה״ד ענדיקן זיי זיך אָפּ e—, זײַנען אויסגעפאָרשט דורך אַן אַנקעטע[1]) וועגן מין פון סובסטאַנטיוון 27, בלויז 6 פון זיי ווײַכן אָפּ אין פּוילישן ייִדיש פונעם נײַ־הויכדײַטשישן מין־באַנוץ.

לאָמיר זען, וואָס איז עס פאַר סובסטאַנטיוון:

| סובסטאַנטיוון | דער מין אין אוקר. דיאַלעקט | דער מין אין ליט.־ווײַטר. דיאַלעקט | דער מין אין פּוילישן דיאַלעקט |
|---|---|---|---|
| אש . . . . . . . . . | 3־טער | דערהויפּט 2־טער | 3־טער |
| זײַד . . . . . . . . . | 1־טער, 2־טער, 3־טער | „ „ | דערהויפּט 3־טער |
| קרײַד . . . . . . . . | 1, 3־טער, זעלטן—2־טער | דערהויפּט 2־טער | „ „ |
| גרוב . . . . . . . . | 1־טער, 2־טער | 2־טער | טיילווײַז 1־טער |
| זאָק . . . . . . . . . | טיילווײַז 2־טער | דערהויפּט 2־טער | 1־טער |
| טינט . . . . . . . . | 1־טער, 2־טער | „ „ | דערהויפּט 1־טער |

אש, זײַד, קרײַד, טינט זײַנען שטאָף־נעמען, און אַזעלכע סובסטאַנטיוון זײַנען, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, זעלטן פונעם צווייטן מין סײַ אינעם פּוילישן, סײַ אינעם אוקראַיִנישן דיאַלעקט.

„גרוב" איז אין פּוילישן דיאַלעקט בלויז טיילווײַז פונעם ערשטן מין, אין דער מערהײַט איז דער דאָזיקער סובסטאַנטיוו פונעם צווייטן מין — ווי אין נה״ד. און בנוגע צום ערשטן מין פאַרן סובסטאַנטיוו „זאָק" אינעם פּוילישן דיאַלעקט איז מעגלעך צו דערקלערן אַזאַ אָפּווייכונג פונעם מין־באַנוץ אין נה״ד מיט אַ סעמאַנטישן איבערוק: אין נה״ד האָט die Socke דעם באַטײַט פון שקאַרפּעטקע, און דער ייִדישער סובסטאַנטיוו „זאָק" איז אַ לעקסישער אַדעקוואַט פונעם דײַטשישן der Strumpf, וועלכער געהער צום ערשטן מין.

אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז לויט אַלע געבראַכטע אָנגאַבן פאַרנעמט דער אוקראַיִנישער דיאַלעקט לויטן מין־באַנוץ דעם מיטל־פּונקט צווישן דעם פּוילישן און דעם ליטוויש־ווײַסרוסישן דיאַלעקט, שטייענדיק נעענטער צום ערשטן. דאָס איז ניט צופעליק: די אוקראַיִנער ייִדן זײַנען פיל נעענטער געשטאַנען צו פּוילן אַלס פאַרמיטלער צווישן דעם פּוילישן פּריצנטום און דעם אוקראַיִנער פּויערטום.

[1]) געניוע ידיעות וועגן דער דאָזיקער אַנקעטע — זע ווײַטער.

פארשטייט זיך, אז די גאנצע צײַט האָבן מיר אין זינען ניט קיין פולשטענדיקע צונויפאלונג פונעם מיז־באנוצ אינעם פוילישן ייִדיש מיטן מין־באנוצ אין נה״ד, נאָר בלויז א שטארקערע נאָענטקײַט זייערע לעגאבע די איבעריקע ייִדיש־דיאלעקטן. די דאָזיקע נאָענטקײַט דריגגט ארויס פון די ספעציפישע שפראך־פאר־העלטענישן אין פוילן אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער אײַנוואנדערונג פון די מײַרעוודיקע ייִדן אינעם דאָזיקן לאנד. כ׳ברענג דאָ א ציטאטע פון א בוך, וואָס ס׳האָט אָנגעשריבן א באַרימטער בורזשואזער שפראך־היסטאָריקער אלעקסאנדער בריקנער:

„...אין יענער צײַט (13־טער ביז אנ ערעך סאָפ 18־טער יאָרהונדערט) איז די פוילישע שפראך געווען אזוי ווײַט דורכגעזאפט מיט דײַטשישע שפראך־עלעמענטן, אז ס׳האָט זיך גערדאכט, אז די פוילישע שפראך וועט בלײַבן שטיין אפן זעלביקן צושטאנד, אפ וועלכן ס׳האָט זיך געפונען דער דיאלעקט פון די קאשובן...,ווי דער גאנצער ווערטערדיקער אויצער איז דורכגעזאפט ביזן מארך מיטן דײַטשישן עלעמענט, ווי נישט בלויז די ווערטער, נאָר אויך גאנצע ווענדונגען און דער סאמע זאצבוי זײַנען מער דײַטש, ווי סלאוויש״[1]).

דערצו, דארפ מען צוגעבן, האָבן גוירעמ געווען די קלאסן־פארהעלטענישן אין לאנד, די ספעציפישע וואָג, וואָס די דײַטשישע שטאָטישע בורזשואזיע האָט פארנומען צו יענער צײַט אין די פוילישע „גראָד״־ערטער (שפעטערדיקע שטעט).

ד״ר שיפער מאכט פון דעמ אלעמען דעמ אויספיר, אז „קומענדיק קיין פוילן און רייסן, האָבן די דײַטשישע, טשעכיש־שלעזישע און אונגארישע ייִדן, וואָס האָבן געבילדעט דעם ראָוו ביניען פון דער ייִדישער אײַנוואנדערונג, געפונען זייער גינסטיקע באדינגונגען פאר זייער מיטגעבראכטער „ייִדיש־דײַטשישער״ אומגאנג־שפראך״[2]).

מיר מיינען, אז דאָס איז שווערער צו באהויפטן בענעגייע צו אוקראיִנע, ווו די סלאווישע ווירקונג האָט געמוזט לאָזן פיל טיפערע וואָרצלען, און ווו ס׳איז קיין אָנהאלט ניט געווען פאר דײַטשישער ווירקונג אין די באציִונגען צווישן ייִדן מיט דער ארומיקער באפעלקערונג.

---

פון אנדערע דיאלעקטאלע באזונדערקײַטן איז נייטיק זיך אָפצושטעלן אפ דער אייגנארטיקײַט פונעם מין־באנוצ אינעם ליטוויש־ווײַסרוסישן דיאלעקט פאר דער מערהײַט שטאָפנעמען און סומארע באגריפן. רייזען רופט אָן דעם מין פון אזעלכע סובסטאנטיוון פסעוודאָפלוראל, ווײַל מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א צווייערלייִקער פאָרשטעלונג וועגן אזעלכע סובסטאנטיוון: אָט ווערן זיי באטראכט אלס סובסטאנטיוון אין מערצאָל און אויסערגעשלעכטלעך, אָט — אלס סובסטאנטיוון פון צווייטן מין אין איינצאָל. דער דאטיוו און אקוזאטיוו זייערער גייט מיטן ארטיקל „די״ אָנשטאָט „דער״, ווי בא סובסטאנטיוון אין מערצאָל (פון די

---

1) ציטירט לויט דעמ דערמאָנטן בוך שיפערס, ז. 269;
2) דאָרט, ז. 270.

מילך), לויט מיטשטימונג קומט „מײַנע" אָנשטאָט „מײַן" (*מײַנע מילך*) — ווי בא סובסטאנטיוו אין מערצאָל; אָבער דער מיטשטימענדיקער פרעדיקאט קומט אין איינצאָל (די מילך *איז* גערונען געוואָרן).

די אייגנארטיקײַט אינעם מין־באנוץ פאר שטאָפֿנעמען און סומארע באגריפֿן ווי־דערשפרעכט צו דער האנאָכע, אז דער מין פון סובסטאנטיוו איז ניט פארבונדן מיט דער עצעם־נאטור פון די געגנשטאנדן. דערופֿ דארפֿ מען זאָגן, ערשטנס, שליסט ניט אויס די דאָזיקע האנאָכע וועגן מין און וועגן זײַן אופקום קיין *צונויפאלונג* פון גראמאטישן מין בא איי ניקע געגנשטאנדן פון איינ־ און דער זעלבער נאטור, פאר שטאָפֿנעמען, אשטייגער. ווײַל אויב דער מין (געשלעכטלעכע פאַרגעשטעלט) איז אָפהענגיק פון דער געזעלשאפטלעכער פאָרמאציע, מיט וועלכער ס'פאלט צונויפ די אויסבילדונג פון זײַן פאָרמאלן סימען, איז דאָך קיינמאָל ניט אויסגעשלאָסן, אז די פאָרמאלע סימאָנים פאר געשלעכט זאָלן געווען אופקומען אין איין פעריאָד פאר איי ניקע געגנשטאנדן פון דער זעלביקער נאטור. אזוי איז עס געווען, לעמאָשל, מיט מעטאלן (זע אויבן ז. 114). צווייטנס, האָבן מיר פאר זיך אין דעם א. ג. פסעוו־דאָפלוראל גאָר אן אנדערע דערשײַנונג. אייגנטלעך, רעדט זיך דאָ ניט וועגן גע־שלעכט־פאַרשטעלונגען, נאָר וועגן צאָל־פאַרשטעלונגען. אינדערעמעסן, שטאָפ איז ניט אינדיווידואליזירט און ער ווערט פאַרגעשטעלט, אומאָפהענגיק פון זײַן שפראכלעכער אויספורעמונג, אויסער צאָל. די דערמאָנטע וואקלונגען („פון *די* מילך" און „די מילך *איז* גערונען געוואָרן") רירן דאָ אָן דעריבער ניט דעם מין, נאָר די צאָל. און בענעגייע דעם מין קאָן זײַן גילטיק איינע פון די צוויי האשאָרעס: א) די טיילווײַזע פאַרשטעלונג וועגן מערצאָל האָט גוירעם געווען דעם צווייטן מין פונעם סוביעקט (די מילך איז גערונען געוואָרן), „די" — ווײַל אין דאטיוו־אקוזאטיוו ווערט געברויכט דער דאָזיקער ארטיקל (איבער דער מערצאָליקײַט); ב) אויך דער סוביעקט אין „די מילך איז גערונען געוואָרן" איז א מערצאָל, פונקט ווי אין דאטיוו־אקוזאטיוו צי ווי בא מיטשטימונג פון „מײַנע", און דער פרעדיקאט ווערט דאָ אָנגעווענדעט לויט א. ג. *צעשטערטער מיטשטימונג*.

וואָרשײַנלעכער איז די ריכטיקײַט פון דער צווייטער האשאָרע, ווײַל אָט האָבן מיר דאָך געוויס צעשטערטע מיטשטימונג אין „מײַנע מילך איז גערונען געוואָרן"; פארוואָס־זשע זאָלן מיר ניט אײַנזען אזא צעשטערטע מיטשטימונג אויך אין „די מילך איז גערונען געוואָרן"? דער פאקט גופע, וואָס דאָ ווערט די מיטשטימונג צעשטערט, קאָן דערקלערט ווערן מיט דער וואקלדיקײַט פון דער פאַרשטעלונג וועגן מערצאָליקײַט, אנאלאָגיש צום אָפט געברויכטן „כעוורע ארבעטן", ווו די צעשטערטע מיטשטימונג קאָן דערקלערט ווערן מיט דער וואקלדיקײַט פון דער פאַרשטעלונג וועגן איינצאָליקײַט.

און אויב אזוי בלײַבט ניט בא אזעלכע פסעוודאָפלוראלישע סובסטאנטיוון קיין איין פאָרמע אפילע, וואָס זאָל באשטעטיקן זייער אָנגעהעריקײַט צום צווייטן מין אינעם ליטוויש־ווײַסרוסישן דיאלעקט, זיי ווערן אופגענומען, אלס ניט־אינדיווידוא־ליזירטע, אויסערגעשלעכטלעך, ווײַל געשלעכט איז שײַך בלויז צו אינדיווידן. דאַן פאלט שוין אָפ אויך די פראגע וועגן דעם, צי ווערט באשטימט זייער מין לויט דער נאטור פון די געגנשטאנדן — מיט מין האָבן מיר דאָ ביכלאל ניט צו טאָן.

רייזען ברענגט אָבער נאָך איין פאַל פון אײנצאָליקער אָנווענדונג פון שטאָפּנעמען — די קאָנגרויִרונג פונעם פראָנאָם „עס" (די מילך איז הייס — מע דארף עס אויסטרינקען). דערויף דארף מען באמערקן: דער פראָנאָם „עס" באשטעטיקט דאָ אן איבעריק מאָל, אז דער סוביעקט „די מילך" איז ניט קיין סובסטאַנטיוו פון צווייטן מין אין איינצאָל, אנדערש וואָלט געדארפט זײַן: „...מע דארף זי אויסטרינקען" „עס" איז גראָד אזא פראָנאָם, וואָס קאָן פארטרעטן סײַ א סובסטאַנטיוו אין איינצאָל, סײַ א סובסטאַנטיוו אין מערצאָל און אפילע א גאנצע ריי קאָאָרדינירטע סובסטאַנטיוון („מע דארף עס אויסטרינקען" הייסט: מע דארף אָט דאָס אָ, אָט דאָס אַלץ אויסטרינקען). די אָנווענדונג פון „עס" אָנשטאָט „זיי" קאָן גרינג דערקלערט ווערן, אין א גרעסערער מאָס נאָך ווי צעשטערטע מיטשטימונג באם פּרעדיקאַט, מיט דעם פאָרשטעלן שטאָפּ אויסערצאָליק: די שפּראַך איז דאָ ווי אין פארלעגנהײַט, צי זאָל זי אָנווענדן דעם פראָנאָם אין איינצאָל, צי אָנווענדן אים אין מערצאָל, און געפינט אן אויסוועג אין אָנווענדן דעם פראָנאָם „עס", וועלכער קאָן זיך באציִען סײַ אפ איינצאָל, סײַ אפ מערצאָל.

---

וועגן אנדערע דיִאַלעקטאַלע באזונדערקײַטן וועט באקוועמער זײַן ריידן באם באהאנדלען באזונדערע קאטעגאָריעס סובסטאַנטיוון. דערווײַל לאָמיר מאכן אייניקע אויספירן, וואָס מיט זיי איז פארבונדן דאָס אָנווענדן דעם מערהײַט-פּרינציפּ:

1) סובסטאַנטיוון, וואָס זײַנען זיכער פונעם דריטן מין סײַ אינעם אוקראַיִנישן, סײַ אינעם פּויִלישן דיאַלעקט, דארפן געוויס רעגלאַמענטירט ווערן, אַלס סובסטאַנטיוון פונעם דריטן מין.

2) באם פעסטשטעלן דעם מין-באנוץ אינעם פּויִלישן דיִאַלעקט קאָן גענומען ווערן אין אכט, אויב די פאַראַנענע מאטעריאַלן זײַנען ניט גענוג, אויך די נעענטערקײַט זײַנע צום מין-באנוץ אין נה"ד.

3) באם רעגלאַמענטירן דעם מין פון שטאָפּנעמען אָדער פון סומארע באגריפן דארף מען זיך רעכענען בלויז מיטן אוקראַיִנישן און מיטן פּויִלישן דיִאַלעקט.

4) סובסטאַנטיוון, וואָס זײַנען געוויס ניט פונעם דריטן מין אין איינעם פון די צוויי דרײַמיניִמדיקע דיִאַלעקטן (אוקראַיִנישן און פּויִלישן) דארפן ניט רעגלאַמענטירט ווערן אַלס סובסטאַנטיוון פונעם דריטן מין.

די דאָזיקע אויספירן דרינגען ארויס דירעקט פונעם אויבנגעזאָגטן וועגן די דיִאַלעקטאַלע באזונדערקײַטן פונעם יִדישן מין-באנוץ.

דאָס אָנווענדן דעם מערהײַט-פּרינציפּ פאָדערט נאָך צו פארענטפערן אזעלכע פראגן:

1) וויִאזוי רעגלאַמענטירן דעם מין-באנוץ פאר סובסטאַנטיוון, וואָס זייער מין איז פארשיידן אינעם אוקראַיִנישן און אינעם פּויִלישן דיִאַלעקט, אין די פאלן, ווען מיטן ליטוויש-ווײַסרוסישן דיִאַלעקט קומט ניט אויס זיך צו רעכענען (בענעגייע צו שטאָפּ-באגריפן, אשטייגער)? אנדערש גערעדט: בייס סע קומט אויס אויסצווויילן צווישן פּויִלישן מין-באנוץ און אוקראַיִנישן — וועלכן געבן דעם פאָרצוג?

אויבן האָבן מיר געזאָגט, אז מע קאָן ניט אינגאנצן איגנאָרירן דעם פּויִלישן דיִאַלעקט. דאָס הייסט אָבער ניט, אז מיט אים דארפן מיר זיך רעכענען אין דער

ערשטער ריי. דער ענטפער אפ דער געשטעלטער פראגע קאָנ זייַנ בלויז איינער: דעמ פאָרצוג דארפנ מיר אָפּגעבנ אינ אזעלכע פאלנ דעמ מינ־באנוצ אינ אוקראַינע, ערשטנס, דערפאר, ווייַל מיר פארנעמענ זיכ פאָרט מיט ארייַנטראָגנ אָרדענונג אינעמ סאָוועטישנ ייִדיש, וועלכער האָט באוויזנ אָנצונעמענ א גאנצנ קאָמפּלעקס ספּעציפישע שטריכנ (לעקסישע אונ גראמאטישע), וואָס גיבנ אימ צו גאָר אנ אנדער אייכעס; צווייטנס, געשיכטלעכ האָט אינ דער אנטוויקלונג פונעמ ליטערארישנ ייִדיש פיל שטארקער געווירקט דער אוקראַינישער דיִאלעקט איידער דער פּוילישער[1].

ווִיאזוי רעגלאמענטירנ סובסטאנטיוונ מיט וואקלונג צווישנ ערשטנ אונ צווייטנ מינ?

דאָ זייַנענ מעגלעכ פארשיידענע פאלנ:

א) דער מינ אינעמ אוקראַינישנ דיִאלעקט פאלט צונויפ מיטנ מינ אינעמ ליטוויש־ווייַסרוסישנ אונ ווידערשפּרעכט דעמ מינ אינעמ פּוילישנ דיִאלעקט. אינ אזא פאל דארפ מענ מיטנ פּוילישנ דיִאלעקט זיכ ניט רעכענענ. דאָס שטימט מיט דער אייַנשטעלונג וועגנ פּוילישנ ייִדיש, וואָס מיר האָבנ אָקאָרשט וועגנ איר גערעדט.

ב) דער מינ אינעמ אוקראַינישנ דיִאלעקט פאלט צונויפ מיטנ מינ אינעמ פּוילישנ דיִאלעקט אונ ער ווידערשפּרעכט דעמ מינ אינעמ ליטוויש־ווייַסרוסישנ דיִאלעקט. אויכ דאָ איז דער ענטפער קלאָר: מע דארפ זיכ רעכענענ בלויז מיטנ מינ אינעמ אוקראַינישנ דיִאלעקט, ווייַל אפילע אויב ס'זאָל אויסקומענ אויסצוּווײלנ צווישנ אוקראַינישנ אונ ליטוויש־ווייַסרוסישנ דיִאלעקט, וואָלט מענ גערדארפט אָפּגעבנ דעמ פאָרצוג דעמ אוקראַינישנ מינ־באנוצ, ווייַל ער שטעלט פאָר די מערהייַט ייִדיש־רייַדער אינעמ סאָוועטישנ ייִדיש, אונ ער האָט געהאט א שטארקערנ אייַנפלוס אפ דער ליטערארישער שפּראכ, באזונדערס אפ וויפל ס'האנדלט זיכ וועגנ מינ. ווער שמועסט, ווענ מיטנ מינ אינעמ אוקראַינישנ דיִאלעקט פאלט נאָכ צונויפ דער מינ אינעמ פּוילישנ דיִאלעקט.

א דריטע מעגלעכקייַט — אז לויטנ מינ־באנוצ זאָל דער אוקראַינישער דיִאלעקט זייַנ קעגנגעשטעלט צו די איבעריקע צוויי דיִאלעקטנ בא וואקלונג צווישנ ערשטנ אונ צווייטנ מינ — דארפ מענ קאטעגאָריש אויסשליסנ. צווישנ אלע אויסגעפאָרשטע סובסטאנטיוונ (העכער 700) איז קיינ איינער ניטאָ, וואָס זאָל קאָנענ אילוסטרירנ אזא פאל. דאָס איז ניט צופעליק, אויב נעמענ אינ אכט, אז דער אוקראַינישער ייִדיש פארנעמט דאָ דעמ מיטלפּונקט צווישנ דעמ ליטוויש־ווייַסרוסישנ אונ פּוילישנ.

---

דאָס זייַנענ די וויכטיקסטע מאָמענטנ, וואָס מע דארפ אינזינענ האָבנ באמ רעגלאמענטירנ דעמ מינ־באנוצ אינעמ ליטערארישנ ייִדיש. ס'איז דאָ ניט אָנגערירט די פראגע וועגנ פאלנ, ווענ דעמ מינ־באנוצ אינ יעדנ איינציקנ דיִאלעקט איז שווער פעסטצושטעלנ, וועגנ דעמ — באמ באהאנדלענ די קאָנקרעטע קאטעגאָריעס סובסטאנטיוונ אָדער אפילע די באזונדערע סובסטאנטיוונ.

---

[1]) זע וועגנ דעמ ע. ספּיוואקס ארטיקל „צו דער פּראָבלעמ פונ לעקסישער פארייניקייַטלעכונג אונ רעגולירונג אינעמ ליטערארישנ ייִדיש, „אפנ שפּראכ־פראָנט“ 1937—1 №.

## גראמאטישער מינ פונ סובסטאנטיוונ לויט באַזונדערע גרופּעס

לויט דער קאָמפּליצירטקייַט פונ דער אופגאבע צו רעגלאַמענטירנ דעמ מינ פונ סובסטאנטיוונ, לויט די שוועריקייַטנ, וואָס שטייענ אפנ וועג צו דערלייזנ די דאָזיקע אופגאבעס אינ אָנווענדונג צו פארשיידענע סובסטאנטיוונ איז מעגלעכ אָנצומערקנ פאָלגנדיקע פיר גרופּעס: א) וואָרצלדיקע סובסטאנטיוונ פונ גערמאנישער אָפּשטאמונג, ב) אפּיקסירטע סובסטאנטיוונ, ג) סובסטאנטיוונ פונ ניט־גערמאנישער אָפּשטאמונג, ד) קאָמפּאָזיטנ.

דער מינ פונ קאָמפּאָזיטנ ווערט באַשטימט, כוץ קנאפּע אויסנאמענ לויטנ מינ פונעמ גרונט־טייל. דער מינ פונ סלאוויזמענ, אינטערנאציאָנאליזמענ קאָנ באַשטימט ווערנ אינ דער גרעסטער מערהייַט פאלנ לויט דער ענדונג; דאָס איז ריכטיק אויכ בענעגייע צו העברייִזמענ, כאָטש פאר זיי קומט אויס מאכנ מערער אויסנאמענ. פאר אפּיקסירטע סובסטאנטיוונ איז דעמ מינ גרינג צו באַשטימענ טיילווייַז לויטנ אפּיקס, נעמענדיק אינ אכט אויכ דעמ באַטייַט פונעמ סובסטאנטיוו. דאָ קאָנענ אופקומענ געוויסע שוועריקייַטנ, אָבער יעדנפאלס קאָנ דאָ גיינ די באַהאנדלונג לויט די אפּיקסנ, ניט לויט באַזונדערע ווערטער.

דער גרעסטער פּלאָנטער הערשט אינעמ מינ־באַנוץ פאר וואָרצלדיקע סובסטאנטיוונ פונ גערמאנישער אָפּשטאמונג. דאָ איז שווער זיכ אָנצושפּארנ אפ וואָסערע ניט איז באַטייַטלעכע אָדער פאָרמאלע קריטעריענ. דער איינציק זיכערער וועג איז דאָ אופצוזאמענ ווי ווייַט מעגלעכ פולער די דאָזיקע סובסטאנטיוונ, אויספאָרשנ דעמ מינ־באַנוץ פאר יעדערנ פונ זיי אינדיווידועל אונ דערנאָכ שוינ צופּאסנ צו זיי די קלאָלימ, וואָס זייַנענ שוינ פאָרמולירט געוועזנ אינ דער יִדישער שפּראַכ־ליטעראטור אָדער ארויספירנ נייַע קלאָלימ אפנ סמאכ פונ געזעצמעסיקייַטנ, וואָס ס'לאָזט זיכ אָנמערקנ בענעגייע צומ מינ פונ אזעלכע סובסטאנטיוונ. מיט אָט דעמ וועג זייַנענ מיר טאקע געגאנגענ באַמ דערלערנענ דעמ מינ פונ וואָרצלדיקע סובסטאנטיוונ פונ גערמאנישער אָפּשטאמונג.

אייניקע ווערטער — וועגנ די קוועלנ אונ מאטעריאלנ.

אינ גרונט פונ אונדזער פאָרש־ארבעט ליגט די „אנקעטע וועגנ מינ פונ זאכווערטער". אינ אונדזער רעשוס זייַנענ געוועזנ 222 פארפולטע עקזעמפּליארנ פונ אזא אנקעטע: 141 פונ זיי שטעלנ פאָר דעמ אוקר. דיִאלעקט (פארשיידנסטע פונקטנ פונ דער גרעסטער טייל אוקראַיִנע), 71 אנקעטעס שטעלנ פאָר דעמ ליטוו.־ווייַסר. דיִאלעקט (פארשיידנסטע פונקטנ פונ ווסר אונ אויכ אייניקע צאָפנדיקע פונקטנ פונ אוקראַיִנע); בלויז 10 אנקעטעס שטעלנ פאָר דעמ פּוילישנ דיִאלעקט.

די אנקעטע שליסט איינ 305 סובסטאנטיוונ: פונ זיי כאַזערנ זיכ איבער 21 מיט דיפערענצירטנ באַטייַט. מיר האָבנ זיכ ניט באַגרענעצט מיט דער דאָזיקער צאָל סובסטאנטיוונ. באַ אונדז איז אויסגעפאָרשט דער מינ פונ העכער 700 סובסטאנטיוונ. אויסגענוצט געוואָרנ זייַנענ, אויסער די אָנגאבנ פונ דער מינ־אנקעטע[1] פאָלגנדיקע מאטעריאלנ:

[1]) פאר די מאטעריאלנ פונ דער מינ־אנקעטע נוצ איכ אומעטומ ווייַטער פאָלגנדיקע קירצונגענ: „אוק" — לויט די מאטעריאלנ, וואָס שטעלנ פאָר דעמ אוקר. דיִאלעקט, „ל" — לויט די מאטעריאלנ, וואָס שטעלנ פאָר דעמ ליטוו.־ווייַסר. דיִאלעקט, „פ" — לויט די מאטעריאלנ, וואָס שטעלנ פאָר דעמ פּוילישנ דיִאלעקט.

1) בירנבוימס ווערטער־ביכל צו זײַן גראַמאַטיק [1] (געקירצט: „ביר“).
2) ליפשיצעס רוסיש־ייִדישער ווערטערבוך (געקירצט: „ליפ“).
3) די קאָנסטאַטאַציע פון דעם אָדער יענעם מין־באַנוץ אין רייזענס אַרטיקל וועגן מין (געקירצט: „רייז“).
4) דאָס זעלביקע — אין ווילערס אַרטיקל (געקירצט: „וויל“).
5) אייניקע זאַרעצקיס פאָרשלאַגן (געקירצט „זאַר“).
6) דער מין פון אַ ריי סובסטאַנטיוון אין די ווערק פון פאָלגנדיקע שרײַבער:
א) לינעצקי (געקירצט: „לינ“), ב) מענדעלע („מענד“), ג) שאָלעמ־אַלייכעם („ש״א“),
ד) פּערעצ („פּער“), ה) ווײַסנבערג („ווײַס“).
7) אייניקע רעזולטאַטן פון אַ מינדלעכן אויספרעג, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט צווישן ייִדיש־ריידער, וואָס שטעלן פאָר דעם אוקר. דיִאַלעקט (געקירצט „מינד“).
8) דער מין פון אַ ריי סובסטאַנטיוון אין איגנאַצ בערנשטיינס זאַמלונג ייִדישע שפּריכווערטער (געקירצט „בערנ“).
9) דאָס זעלביקע — אין גינזבורג־מאַרעקס זאַמלונג ייִדישע פאָלקס־לידער (געקירצט: „גינ“).
10) דער מין פון אַ ריי סובסטאַנטיוון אין אייניקע אַלט־ייִדישע מאַטעריאַלן:
א) נאַכמען בראַסלאָווערס מײַסעלעך (געקירצט: „נ״ב“), ב) פּראָגער בריוו,
ג) פאַרשיידנסטע שײַלעס־טשוּוועסן, ד) שמואל־בוך, ה) ספר מדות.

בענעגייע צו די סובסטאַנטיוון, וואָס זײַנען אַרומגעכאַפּט אין דער מין־אַנקעטע זײַנען די קנאַפּע אָנגאַבן וועגן פּוילישן דיִאַלעקט טיילווײַז דערגאַנצט דורך די מאַטעריאַלן וועגן מין־באַנוץ בא פּערעצן, ווײַסנבערגן, אויך לויט בירנבוימס ווערטער־ביכל, אין אייניקע פאַלן — לויט ווילערן (מיזרעך־גאַליציע).

גרופּע 1.

## וואָרצלדיקע סובסטאַנטיוון פון גערמאַנישער אָפּשטאַמונג

די גלידערונג פונעם וואָרט אַפּ וואָרצל און אַפּ אַפּיקסן איז היסטאָריש גענומענע רעליאַטיוו: אַ שפּראַכלעך־פּאַלעאָנטאָלאָגישער אַנאַליז קאָן דערווײַזן די הינטערשטעליקייַט פון אַזאַ גלידערונג און די מעגלעכקייַט צו געפינען אינעם „וואָרצל“ פאַרשיידענע סעמאַנטישע אָנשיכטונגען פון גאָר אַלטער אָפּשטאַמונג. דאָ מיינען מיר מיט „וואָרצלדיקע סובסטאַנטיוון“ אַזעלכע סובסטאַנטיוון, וואָס אַפּ איצטיקן עטאַפּ אין דער געשיכטע פון דער שפּראַך לאָזן זיי זיך ניט גלידערן באַטײַטלעך. דערבײַ קאָן מען אונטערשיידן צווישן אַזעלכע סובסטאַנטיוון עכטע און אומעכטע וואָרצלען. מיט „אומעכטע“ מיינען מיר אַזעלכע, וואָס האַגאַמ ס'איז זיי אומעגלעך גלידערן באַטײַטלעך, האָבן זיי אָבער אין זייער באַשטאַנד אַזאַ טייל, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ מער־ווייניקער קאָנטיקן געוועזענעם אַפּיקס. דאָס זײַנען דערהויפּט סובסטאַנטיוון, וואָס ענדיקן זיך מיט אַ טראַפּיקן ל (ניט קיין פאַרקלענער־סופיקס), ווי

[1]) Salomo Birnbaum. Praktische Grammatik der Jidischen Sprache, ss. 103—175.

גאָפּל, שיסל, סובסטאַנטיװונ מיט —ער, מיט טראַפיקנ נ אָדער —ענ, אמאָל אויכ מיט —עמ, װאָס אַנטשפּרעכט דעמ en אינ נה״ד (בוידעמ — Boden). אומעכטע װאָרצלענ זײַנענ אויכ א גרויסע צאָל סובסטאַנטיװונ מיט אַנ ענדע —ט (שריפט, קונסט). בא אײניקע פונ אַזעלכע אומעכטע װאָרצלענ איז נאָכ איצט אויכ גרינג צו דערקענענ דעמ געװעזענעמ װאָרצל, װי צ. ב. שריפט, קונסט — פונ שרײַבנ קענענ. עכטע װאָרצלדיקע סובסטאַנטיװונ פונ גערמאַנישער אָפּשטאַמונג זײַנענ דערהויפּט אײנטראַפיקע.

אינ דער גרופּע 1 האָבנ מיר אַרײַנגענומענ בלויז אײנטראַפיקע װאָרצלדיקע סובסטאַנטיװונ, צװישנ זיי אויכ סובסטאַנטיװונ מיט אַנ ענדע —ט, אויכ אַזעלכע, װאָס אינ ײִדיש זײַנענ זיי װאָרצלדיקע אונ אינ דײַטש האָבנ זיי דעמ סופיקס e—, אַזעלכע װי ביקס, זעג, גאַל אדג.

מיט „סובסטאַנטיװונ פונ גערמאַנישער אָפּשטאַמונג״ איז געמײנט דאָ ניט דאַפקע עכטע גערמאַניזמענ, נאָר אויכ אַזעלכע סובסטאַנטיװונ פונ ניט־גערמאַנישער אָפּשטאַמונג, װאָס זײַנענ פונ אײנ זײַט ניט קײנ אינטערנאַציאָנאַליזמענ אונ פונ דער צװײטער זײַט איז זײער „אַלטגעזעסנקײַט״ אינ דײַטש אויסער יעדנ סאָפעק אַזוי, אַז לויט דער גרעסטער װאַרשײַנלעכקײַט זײַנענ זיי געקומענ אינ ײִדיש פונ די פאַרשײדענע דײַטשישע דיאַלעקטנ. ס'זײַנענ דעריבער אַרײַנ אינ דער גרופּע 1, באַנאַנד מיט אַזעלכע עכטע גערמאַניזמענ װי אײַז, בעט, פוס, קלײד, אויכ אַזעלכע ניט־גערמאַנישע סובסטאַנטיװונ, װי פלאַצ, פעכ, פעלצ (ראָמאַניזמענ) אדג. שוינ אָפּגערעדט פונ, אַשטײגער, אַזא עכט דײַטשיש װאָרט װי, צומ בײַשפּיל, קאָפּ, װאָס איז אויכ געקומענ אינ דײַטש פונ לאַטײנ[1].

אונדזער אויספאָרשונג כאַפּט אַרומ בא 500 סובסטאַנטיװונ פונ דער גרופּע 1 — אַלע, װאָס ס'האָט זיכ אײַנגעגעבנ אויפצוזאַמלענ, אויסער װערב־טעמעס, װעלכע זײַנענ פאָר געשטעלט אינ א גאַנצ היפּשער מאָס, אָבער װײַט ניט אויסשעפּיק; דאָס װאָלט פאַר אונדזערע צילנ געװענ אַבסאָליוט איבעריק, װײַל דער מינ פונ װערב־טעמעס איז אונטערגעװאָרפנ אונטער א מער־װײניקער פעסטנ קלאַל.

װי געזאָגט, איז שװער צו פאָרמולירנ װעלכע ניט איז פעסטע קלאָלימ װעגנ מינ פונ די סובסטאַנטיװונ פונ דער גרופּע 1. דאָכ לאָזט זיכ, אָפּנ סמאַכ פונ די פאַראַנענע אָנגאַבנ װעגנ מינ־באַנוצ פאַר די דאָזיקע סובסטאַנטיװונ, אָנמערקנ אײניקע געצמעסיקײַטנ. לאָמיר צוערשט פאָרמולירנ א רײ האַנאָכעס; װײַטער װעלנ אַרויסעבראַכט װערנ די מאַטעריאַלנ, װאָס האָבנ געגעבנ א סמאַכ פאַר די דאָזיקע האַנאָכעס.

האַנאָכע 1. װאָרצלדיקע סובסטאַנטיװונ, װאָס אינעמ הײַנצײַטיקנ ליטעראַרישנ דײַטש (אינ נה״ד) זײַנענ זיי פונעמ צװײטנ מינ אונ ענדיקנ זיכ אָפּ e-, זײַנענ אינ ײִדיש דערהויפּט פונעמ צװײטנ מינ.

[1] coppa האָט באַטײַט אינ לאַטײניש טעצל, אינעמ אומגאַנגלעכנ לאַטײנישנ אַרגאָ אויכ קאָפּ — אַנאַלאָגיש צו דעמ, װאָס פאַרנ זעלביקנ באַגריפ פאַרמאָגט, לעמאָשל, דער רוסישער אַרגאָ דאָס װאָרט тыква, דער דײַטשישער אַרגאָ — Kürbis — тыква. װעגנ דעמ זע: В. Жирмунский. Нац. язык и диалекты, стр. 161—162.

האנאָכע 2. נעמען פון שטאָפן און פון סומארע באגריפן זײַנען אין יִידיש דערהויפט פונעם דריטן מין, זייער זעלטן — פונעם צווייטן מין.

האנאָכע 3. נעמען פון פליסיקײַטן זײַנען דערהויפט פונעם ערשטן מין.

האנאָכע 4. סובסטאנטיוון מיט אן ענדע ־ט זײַנען דערהויפט פונעם צווייטן מין.

האנאָכע 5. סובסטאנטיוון, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר ווערב־טעמעס און באצייכענען א טווּנג אָדער א רעזולטאט פון א טווּנג, זײַנען דערהויפט פונעם ערשטן מין.

האנאָכע 6. סובסטאנטיוון — ווערב־טעמעס, וואָס באצייכענען מאטעריעלע געגנשטאנדן, זײַנען דערהויפט פונעם צווייטן מין.

האנאָכע 7. דער מין פון סובסטאנטיוון פון גערמאנישער אָפּשטאמונג, וועלכע זײַנען ארײַן אין לעקסיקאָן פון די סלאווישע שפּראכן, ווערט באשטימט אין יִידיש לויטן מין־באנוץ אין די אנטשפּרעכיקע סלאווישע שפּראכן.

האנאָכע 8. דער מין פון א ריי סובסטאנטיוון פון דײַטשישער אָפּשטאמונג איז באדינגט פונעם מין פון זייערע סלאווישע אדעקוואטן — אָפּהענגיק פון דער סאָציאַלער פונקציע, וואָס ס'האָבן אויסגעפילט די באצייכנטע געגנשטאנדן אין דער אנטשפּרעכיקער עפּאָכע.

האנאָכע 9. דער מין פון א ריי סובסטאנטיוון אין יִידיש איז באדינגט פונעם מין פון זייערע דובלעטן.

האנאָכע 10. א ריי סובסטאנטיוון אין יִידיש, וואָס זײַנען געווען פארבונדן מיט פאָרשטעלונגען וועגן הייליקס, מיסטישעס, פארבאָרגנס, זײַנען אין יִידיש געווען און טיילווײַז זײַנען זיי איצט אויך פונעם דריטן מין (עמפּאטישער באנוץ פון דריטן מין).

די פאָרמולירטע האנאָכעס וועלן אונדז העלפן ארײַנטראָגן א געוויסע אָרדענונג אינעם דערלערנען דעם מין פון די וואָרצלדיקע סובסטאנטיוון. די ריכטיקײַט פון די האנאָכעס וועלן מיר ווײַזן טיילווײַז באַם באטראכטן דעם מין פון סובסטאנטיוון פון דער גרופּע 1, טיילווײַז — אין צוזאמענהאנג מיטן דערלערנען דעם מין פון סובסטאנטיוון, וואָס געהערן צו אנדערע גרופּעס.

א. וואָרצלדיקע סובסטאנטיוון, וואָס זײַנען אין נה"ד פונעם צווייטן מין און ענדיקן זיך אף e (צוליב קורצקײַט וועלן מיר זיי ווײַטער רופן e־סובסטאנטיוון).

לויט דער האנאָכע 1 זײַנען זיי אין יִידיש דערהויפּט פונעם צווייטן מין. אינדערעמעסן, פון 170 ‎e-‎ סובסטאנטיוון, וואָס ס'כאפּט ארום אונדזער אויספאָרשונג, זײַנען 123, ד. ה. העכער 72 פּראָצ. זיכער פונעם צווייטן מין, בלויז 16, ד. ה. באַ 9½ פּראָצ. זײַנען זיכער ניט פונעם צווייטן מין, און דער מין פון 31 וואקלט זיך צווישן צווייטן מין און איינעם פון די איבעריקע צוויי מינים. אינעם צעטל 1 (זע) זײַנען איבערגערעכנט אלע אָנגעזאמלטע e־סובסטאנטיוון לויט דעם פאקטישן מין־באנוץ.

## צעטל 1. e-סובסטאנטיוונ

זיכער פונעמ צווייטנ מינ:

אייל (מאָס), אמ, אקס, באק, בארשט, בויד, בינ, ביקס, בייַטש, בלומ, בראָש, גאל, גאס, גאָב, גריל, גרייס, גרעב, דיק, דינ, דעק, דריז, האק, הויב, הילפ, היצ, הייכ, הייל, העלפט, וואנצ, וואָכ, וואָל, ווונד, וויג, ווייַל, זאכ, זאלב, זאָרג, זונ (מערצ.: זונענ), זיט, זינד, זייפ, זייַט, זעט, זעל, טאש, טויב, טרויב, טרעפ, טרער, יויכ, לארכ, לונג, לינז, ליפ, לייַסט, לענג, לענד, מי, מיט, מיל, מילכ, מיצ, מיק, נאָז, (נ)אָל, ניר, נעצ (פונ נאט), ערד, פאָק, פויק, פיל, פלאָג, פאנ, פארב, פאָנ, פור, פייַג, פייַל (פונ פייַלנ), פלאש, פלוימ, פליג, פראנדז, פרייד, צוואנג (אָפּצווענגע), ציג, ציכ, קאנ, קארש, קאָרט, קויל (Kohle), קיכ, קירכ, קייט, קלאָג, קלויז, קלעמ, קעל, קעלט, קראָ, קרוינ, קרענק, קרעצ, רו, רוט, רויז, ריב, ריפ, רער, שאנד, שאָל, שול, שויב, שוועל, שטוב, שטימ, שטעל, שטראָפ, שירצ, שייד, שער, שפול, שפייַז, שפראכ.

זיכער פונעמ ערשטנ מינ:

גלאָק, גליטש, לויג, לאָמפ, פאק, פלאמ, פונק, קוואל, קנויל, שטערנ (בא א מענטשנ), שלייפ (шлейф—schleppe), שפאלט, שפיצ, שענק.

זיכער פונעמ דריטנ מינ:

וועש, מינצ.

מיט וואקלדיקנ מינ:

אש, בריק, בייַל גארב, גנאָד, גרוב, גרויפ, גריצ, דיל, וואָג, זאָק, זופ, זויל, זייַד, זייַל. טינט, מייַל, עק (סאָפ, ראנד), פאלב, פאלד, פאָלג, פיי (א פוטער), קרייַד, שלאנג, שופ, שטאנג, שלאנג, שלייפ (Висок—Schläfe), שנעק, שפינ, שרויפ.

אָנמערקונגענ צומ צעטל 1.

1) די זיכערקייַט אָדער וואקלדיקייַט פונעמ מינ־באנוצ איז דאָ (אונ אויכ אומעטומ ווייַטער) פעסטגעשטעלט לויט פארשיידנסטע מאטעריאלנ פונ אונדזער אויספאָרשונג; אלס קריטערי פאר וואקלדיקייַט האָבנ דאָ אונדז געדינט אויכ ספייקעס, וואָס ס׳רופט זיי ארויס דער מינ־באנוצ אינ מייַנ דיאלעקט (ווינ יצער געגנט).

2) אינעמ צעטל גייענ אריַינ אלע צונויפגעזאמלטע סובסטאנטיוונ, אפילע אזעלכע, וואָס זייער מינ וועט אונדז אויסקומענ שפעטער באהאנדלענ אינ אנ אנדער סובסטאנטיוונ־ריי ווי, לעמאָשל, שטאָפּ־נעמענ (אש, זייַד). אויכ אינ די איבעריקע צעטלענ, וואָס זייַנענ געבראכט ווייַטער, גייענ אריַינ סובסטאנטיוונ לויט א געוויסנ קריטערי אומאָפּהענגיק פונ דעמ, צי פיגורירנ זיי אינ אנדערע צעטלענ לויט אנ אנדער קריטערי, צי נייַנ. בלויז אפ אזא אויפנ וועלנ מיר פולער אונ אָנזיכטיקער קאָנענ רעווידירנ די ריכטיקייַט פונ די אָנגעמערקטע געזעצמעסיקייַטנ.

ס׳איז קעדייַ צו באמערקנ: פאר דער מערהייַט פונ יענע e־סובסטאנטיוונ, וואָס זייַנענ זיכער ניט פונעמ צווייטנ מינ (זע דאָס צעטל 1), קאָנ זייער מינ דערקלערט ווערנ מיט אנדערע געזעצמעסיקייַטנ: דער גלאָק, דער שענק לויט דער

האנאָכע 8 (אסאָציאַציע מיט трактир, звонок); דער גליטש — לויט דער האנאָכע —5; דער לויג — לויט דער האנאָכע 2 (שטאָפּנעמענ זײַנענ זעלטנ פונעם צווייטנ מינ); דער פאַק, דער שפּיצ, דער שלייפּ (шлейф) — לויט דער האנאָכע 7; דער קוואל קאָנ דערקלערט ווערנ מיטנ דײַטשישנ der Quel, וועלכער באגעגנט זיך אינ פּאָעזיע אָנשטאָט die Quelle; דאָס וועש, דאָס מינצ — לויט דער האנאָכע 2.

אונדז בלײַבט צו באטראכטנ די e-סובסטאנטיוונ מיט וואקלדיקנ מינ אונ זענ, וויאזוי דארפ דער מינ־באנוצ פאר זיי רעגלאמענטירט ווערנ.

דאָס אש. אוק — 3, (זעלטנ — 1), ל — 2 אָדער 1, פּ — 3; ביר — 2 אונ 3, ליפּ — 2, אויכ 3.

די אש פאלט אָפּ, ווײַל אינ אוקראיִנישנ אונ אינ פּוילישנ דיאלעקט איז אזא מינ־באנוצ ווייניק פארשפּרייט, אינ ליטוויש־ווײַסרוסישנ דיאלעקט איז די אש גע־וויס פּסעוודאָפּלוראליש. דער אש ווערט אינ פּוילישנ דיאלעקט געוויס ניט גע־ברויכט, אינ אוקראיִנישנ — זעלטנ, אינ ליט.־ווײַסר. — בלויז טיילווײַז. דאָס אש איז שטארק פארשפּרייט אינ אוקר. דיאלעקט אונ נאָכ מער אינ פּוילישנ, וועלכער גייט זיך דאָ אפּילע פאנאנדער מיט נה״ד (אונ דאָס איז דאָכ פאר דעמ דאָזיקנ די־אלעקט ניט כאראקטעריססיש). דאָס אש שטימט אויכ מיט דער האנאָכע 2.

די בײַל. ביר — 2, ליפּ — 2. דאָס שטימט מיט דער האנאָכע 1.

די בריק (דער בריק). אוק — 2 אונ 1, ל — 1 (זעלטנ — 2), פּ — 2; ביר — 2, ליפּ — 2, אויכ 1, בערנ — 2, ווײַס — 2, בערג — 2, רייז — 1, אויכ 2, פּער — 2, לינ — 2.

דער גארב. רייז — 2. קיינ אנדערע אָנגאבנ זײַנענ ניטאָ. מינד — 1. דאָס איז א וואָרט, וואָס קומט פונ די ענגע באציִונגענ צווישנ ייִדנ אונ דער ארומיקער סלאַ־ווישער באפעלקערונג אפנ געביט פונ לאנדווירטשאפטלעכער טעטיקײַט אונ אויסטויש. די ווירקונג פונעמ ערשטמיניקנ דער סנאָפּ אפנ מינ פונ גארב איז דאָ, זעט אויס, פיל שטארקער פונ דער אנאלאָגיע מיט e־סובסטאנטיוונ (האנאָכעס 8 אונ 9).

די גנאָד. רייז — 2. קיינ גענוגנדיקער סמאכ פאר אָפּווײַכונגענ פונ דער הא־נאָכע 1 איז דאָ ניטאָ.

די גרוב. אוק — 1 אונ 2, ל — 2, פּ — 1, אויכ 2 אונ 3; ביר — 2, ליפּ — 1, בערנ — 1, רייז — 2, זאר — 2. די גרוב ווערט, הייסט עס, גענוצט אינ ליט.־ווײַסר. דיאלעקט, אינ אוקר. דיאלעקט — טיילווײַז אונ איז טיילווײַז פארשפּרייט אויכ אינ פּוילישנ דיאלעקט. דאָס שטימט מיט דער האנאָכע 1.

די גרויפּ. רייז — 2. זע די באמערקונג צו גנאָד.

די גריצ. רייז — 2, בערנ — 2. ס׳בלײַבט דאָ גילטיק די האנאָכע 1, באזונדערס נאָכ ווענ מע באנוצט אויכ די גריציע (לויט ליפּשיצנ).

דער דיל. ביר — 2. אינ דער אומגאנג־שפּראכ ווערט דער דאָזיקער סובסטאנ־טיוו זעלטנ גענוצט. אָנשטאָט אימ נוצט מענ „פּאָדלאָגע“, „פּאָל“. אינ ליטעראטור באגעגנט זיך אָפּטער דער דיל (ווי מיר שײַנט), האגאמ דערקלערנ אזא מינ־באַ־נוצ איז שווערלעכ. דאָ האָט סײַדנ געווירקט דער מינ פונ „דער פּאָל“ (האנאָכע 9) אונ דער מינ פונ пол אינ רוסיש (האנאָכע 8).

די וואָג. ביר — 2, רייז — 2, ליפ — 2 (פאר וואָג אלס אדעקוואט פון вес). קיין סמאכ אפ צו דיפערענצירן דעם מינ־באנוץ אָפהענגיק פונעם באטײַט איז דאָ ניטאָ, ווײַל וואָג אלס אדעקוואט פון весы געהער צום צווייטנ מינ (אינ איינשטימונג מיט דער האנאָכע 6) און וואָג אלס אדעקוואט פון вес איז פונעם צווייטנ מינ לויט אלע אונדזערע אָנגאבנ. דעריבער איז אינ ביידע פאלנ: די וואָג.

דער זאָק (די זאָק). אוק — 1, אויכ 2, ל — 2, זעלטענער — 1, פ — 1; ביר — 1, — ליפ — 1, רייז — 2, מענד — 1, וויל — 1.

דער זאָק איז שטארק פארשפרייט אינ אוקראַינע און דאָמינירט אינ פוילנ. די זאָק איז בלויז טיילווײַז פארשפרייט אינ אוקראַינע און דאָמינירט אינ ווײַס־רוסלאנד — ליטע.

דער זופ. אוק — 1, אויכ 2, ל — 1, אויכ 2, פ — 2; ביר — 2, ליפ — 2, רייז — 2. אינ אוקר. דיַאלעקט און אינ ליט.־ווײַסר. דיַאלעקט ווירקט שטארק די אסאָציַאציע מיטנ ערשטמיניקנ רוסישנ אדעקוואט суп. די זופ איז אמערסטנ פארשפרייט אינ פוילישנ דיַאלעקט. אינ ראטנפארבאנד איז, הייסט עס, מער פארשפרייט דער זופ. ליפשיצעס די זיפ איז עפשער מעגלעכ צו דערקלערנ דערמיט, וואָס, ווי מיר איז באקאנט, דיפערענצירט מענ אינ אייניקע ערטער פונ אוקראַינע דער סופ (מיט פלייש, פאסאָליעס, קארטאָפל אדג.) און די זיפ (א פיסנע פליסיק געריכט).

די זויל. רייז — 2, ווײַס — 2. קיינ סמאכ פאר אָפווײַכונגענ פונ דער האנאָכע 1 איז דאָ ניטאָ.

די זײַד. אוק — 2, 1 און 3, ל — 2 אויכ 1, פ — 3, אויכ 2 און 1; ביר — 2, ליפ — 2, רייז — 2. די זײַד איז שטארק פארשפרייט סײַ אינ אוקר. דיַאלעקט, סײַ אינ ליטוו.־ווײַסר. דיַאלעקט און טיילווײַז אינ פוילישנ דיַאלעקט. פונ די געזעצמעסיקײַטנ, וועלכע אנטשפרעכנ די האנאָכעס 1 און 2 איז דאָ, זעט אויס, גיווער די ערשטע.

זײַל. ביר — 1 און 2, ליפ — 2. קיינ אנדערע אָנגאבנ — ניטאָ. מינד — 1, געוויס אונטער דער ווירקונג פונ דעם סלאוויזמ דער סטויפ (ליפשיצ גיט דעמ דאָזיקנ טײַטש פאר столб באנאנד מיט די זײַל). ליפשיצעס דײַטשישער מינ־באנוץ פאר זײַל קאָנ מענ עפשער דערקלערנ דערמיט, וואָס פונ דער אומגאנג־שפראכ האָט ער דאָ דעמ מינ־באנוץ ניט געקאָנט נעמענ, ווײַל דאָס וואָרט ווערט זייער זעלטנ גע־נוצט און אויב דער זײַל גיט דאָ אָנ אפילע בירנבוימ זיכ פאנאנדערגייענדיק מיט נה״ד, דארפ מענ אזוי רעגלאמענטירנ. פונ די געזעצמעסיקײַטנ, וועלכע אנטשפרעכנ צו די האנאָכעס 1 און 8 איז גיווער די צווייטע.

דער טינט. אוק — 1 און 3, ל — 2, אויכ 1, פ — 1; ביר — 2, רייז — 2, ש״א (אינ „מאָטל פייסיס״) — 2. דער טינט איז גענוג פארשפרייט סײַ אינ אוקר. דיַאלעקט, סײַ אינ ליטוו.־ווײַסר. דיַאלעקט און איז אויכ שטארק פארשפרייט אינ פוילישנ דיַאלעקט, וועלכער גייט זיכ דאָ אפילע פאנאנדער מיט נה״ד. די טינט אינעמ ליט.־ווײַסר. דיַאלעקט איז א פסעוודאָפלוראל, בירנבוימ אָריַענטירט זיכ דאָ, זעט אויס, אפ נה״ד, רייזענ — טיילווײַז אפנ ליטוו.־ווײַסר. דיַאלעקט. פאר דער טינט רעדט אויכ די האנאָכע 3.

די מײַל. רייז — 2, ליפ — 2. מיט דעמ דאָזיקנ סובסטאנטיוו קומענ זייער זעלטנ מיטשטימענדיקע ווערטער. קיינ סמאכ פאר אָפווײַכונגענ פונ דער האנאָכע 1 איז דאָ ניטאָ.

**דער עק** (ראַנד, ראָג). אין נה״ד איז פּאַראַנ das Eck (ווינקל, שפּיץ) און die Ecke (ראַנד, ראָג). אין יִדיש ווערנ ניט דיפערענצירט באַם מינ־באַנוץ אָט די צוויי באַטײַטנ און מע נוצט אין אַלע פאַלנ דער עק. דאָס שטימט מיט די פאַראַנענע אָנ־גאַבנ: אוק — 1. ל — 1; פּ — 1; ביר — 3. ליפּ — 1. קלאָר, אַז בּירנבוים אָרִיענ־טירט זיך דאָ אַפ נה״ד, ווײַל דאָס עק ווערט אין יִדיש ניט גענוצט אין קיינ איינעמ פונ די גרונט־דיִאַלעקטנ.

**די פאַלד** (די פאַלב) (נה״ד die Falte). ביר — 2, ליפּ — 2 (די פאַלד). קיינ סמאַך פאַר אָפּווײַכונגענ פונ דער האַנאָכע 1 איז דאָ ניטאָ. מעגלעך, אַז פאַלב ווערט אָפּט גענוצט אַלס סובסטאַנטיוו פונ ערשטנ מינ לויט אַסאָציִאַציע מיט דער פאַל־באַנ, דאָך איז ניט באַקוועמ צו רעגלאַמענטירנ אַ דיפערענצירטנ מינ־באַנוץ פאַר צוויי סובסטאַנטיוונ, וואָס זײַנענ נאָך נעענטער צווישנ זיך איידער געוויינלעכע דובלעטנ — דאָס זײַנענ פאָנעטישע וואַריאַציעס פונ איינ און דעמ זעלבנ וואָרט.

**די פּאָלג**. אין יִדיש איז עס ניט קיינ אומגאַנג־וואָרט. אין דער ליטעראַרישער שפּראַך קאָנקורירט דערמיט נאָך איצט די פּאָלגע. דעריבער איז דאָ פאַראַנ נאָך וויינִיקער גרונט אָפּצוּווײַכנ פונ דער האַנאָכע 1.

**דער פיי**. דאָס איז אין נה״ד ניט קיינ ריינער e-סובסטאַנטיוו — ס'ווערט גע־נוצט אויך die Feh (אָנ אַנ ענדע־e). רייז — 2. קיינ אַנדערע אָנגאַבנ זײַנענ ניטאָ. און דאָך מיינענ מיר, אַז דאָ דאַרפ מענ רעגלאַמענטירנ דער פיי, ניט די פיי־ לויט אַנאַלאָגיע מיט אַלע אַנדערע נעמענ פאַר פוטערנ: דער פיזעמ, דער טכויר, דער קאָטיק, דער סויבל, דער מאַרדער (אייניקע נעמענ פונ פו־טערנ פאַלנ צונויפ מיט די נעמענ פונ די אַנטשפּרעכיקע בּאַלעכאַיִמ), אויך: דער פו־טער און אַלע קאָמפּאָזיטנ מיט פוטער אַלס גרונט־טייל: דער בערנ־פוטער, דער קעצנ־פוטער אאַז. אויך: דער פעלצ. אין אַזאַ ריי איז אונדז שווער צו נוצנ די פיי.

**דער קרײַד** (די קרײַד). אוק — 1 און 3 (זעלטנ — 2), ל — 2, אויך 1, פּ — 3; ביר — 2, רייז — 2, זאַר — 2.

**דאָס קרײַד** ווערט גענוצט בלויז אין פוילנ. אין ראַטנפאַרבאַנד קאָנקורירנ דע־ריקער די קרײַד און דער קרײַד; די קרײַד איז מער פאַרשפּרייט אין ליט־וויש־ווײַסרוסישנ דיִאַלעקט און איז זעלטענער אין אוקראַיִנישנ; מיט דער קרײַד איז עס פאַרקערט.

**די שאַרפּ** (острие). אוק — 2, פּיל זעלטענער — 1, ל — 1, אויך 2, פּ — 2; ביר — 2, ליפּ — 2. פאַר די שאַרפּ רעדט דאָ אויך די האַנאָכע 1.

**די שופּ** ביר — 2. ליפּ — 2. פאַר די שופּ רעדט אויך — די האַנאָכע 1, אויך — די האַנאָכע 9 (די אַסאָציִאַציע מיט דעמ פאַרשפּרייטערנ דובלעט די ליסקע).

**דער שטאַנג**. רייז — 2, מינד — 1. זעט אויס, אַז מער פאַרשפּרייט איז דער שטאַנג.

**די שלאַנג**. אוקר. — 2 און 1, ל — 2 און 1, פּ — 2 און 1; ביר — 2, ליפּ — 2. דער שלאַנג קאָנקורירט אומעטומ מיט די שלאַנג, אָבער די שלאַנג ווערט, זעט אויס, מער גענוצט. פאַר די שלאַנג רעדט אויך די האַנאָכע 1.

ד י ש ל ײ פ (висок – Schläfe). אוק — 1, אויכ 2, ל — 1, אויכ 2, פּ — 2; ביר — 2, רייז — 2, פּער — 2, ליפּ — 2. פאר ד י ש ל ײ פ קומט צו די האנאָכע 1.

ד ע ר ש נ ע ק (די שנעק). די אומגאנג־שפּראכ ווייסט דעריקער פונעם פיגוראלנ באטײַט: ד ע ר ש נ ע ק מיינט: דאָס קליינס, דאָס קליינע מענטשל, דאָס פּיצל. פאר אָט דעמ באטײַט גיט אָנ בירנבוימ דעמ ערשטנ מינ, אונ דאָס שטימט מיטנ פאקטישנ מינ־באנוצ. ש נ ע ק אינ באטײַט פונ улитка (die Schnecke) געהער צו זאָלאָגישער נאָמענקלאטור. אלס e-סובסטאנטיוו, וואָס אינ דער אומגאנג־שפּראכ ווערט ער ניט גענוצט, וואָלט נאטירלעכ געווענ צו רעכענענ אימ צומ צווייטנ מינ. ס'איז אָבער א פראגע, צי ס'איז דאָ קעדײַ צו דיפערענצירנ, האגאמ אנאלאָגישע פאלנ זײַנענ אינ יִדיש פאראנ, צ. ב.: ד אָ ס פ א ס ק ו ד ס ט װ ע אינ ד ע ר פ א ס ק ו ד ס ט װ ע (וועגנ א פּערזאָנ פונ מענלעכנ געשלעכט).

ד ע ר ש פּ י נ. ביר — 2, בערנ — 2, רייז — 2, מינד — 1. אינ אוקראִינע נוצט מענ, זעט אויס, בלויז ד ע ר ש פּ י נ. אינ ליטוויש־ווײַסרוסישנ דיִאלעקט איז אויכ טיילווײַז פארשפּרייט דער ש פּ י נ (לויט אייניקע מינדלעכע יעדיִעס). בא בירנבוימענ איז אָנגעגעבנ ד י ש פּ י נ מיסטאמ לויט נה"ד אונ מעגלעכ לויטנ מינ־באנוצ אינ פּוילנ. אינ ראטנפארבאנד איז, הייסט עס, מער פארשפּרייט ד ע ר ש פּ י נ, האגאמ דאָס שטימט ניט ניט מיט דער האנאָכע 1, ניט מיט דער טענדענצ, וואָס ס'לאָזט זיכ אָנמערקנ צוצורעכענענ נעמענ פונ אינזעקטנ (אונ פונ קליינינקע באלעכאִימ ביכלאל) צו סובסטאנטיוונ פונ צווייטנ מינ. עפּשער האָט דאָ געווירקט די אסאָציִאציע מיט די ערשטמיניקע סלאווישע אדעקוואטנ (האנאָכע 8).

ד ע ר ש ר ו י פּ. ביר — 2, רייז — 2, מינד — 1; אינ ליטוו.־ווײַסר. דיִאלעקט איז, זעט אויס, אויכ גענוג פארשפּרייט ד ע ר ש ר ו י פּ (לויט אייניקע מינדלעכע יעדיִעס). אויכ דאָ אָריִענטירט זיכ, זעט אויס, בירנבוימ אפנ מינ־באנוצ אינ נה"ד אונ מעגלעכ אויכ אפנ פּוילישנ דיִאלעקט. אינ ראטנפארבאנד איז געוויס מערער פארשפּרייט ד ע ר ש ר ו י פּ.

מיר האָבנ אויסגעשעפּט די פראגע וועגנ פאקטישנ מינ־באנוצ אונ וועגנ דער רעגלאמענטירונג פונעמ מינ פונ e־סובסטאנטיוונ.

אויב נעמענ אינ אכט די געבראכטע מאָטיוונ פארנ מינ־באנוצ פונ יענע e־סובסטאנטיוונ, וואָס אינ צעטל 1 זײַנענ זיי אָנגעגעבנ אלס סובסטאנטיוונ מיט וואקלדיקנ מינ, דאנ באקומט זיכ אזא בילד: פונ 170 e־סובסטאנטיוונ זײַנענ 139 פונעמ צווייטנ מינ, 24 — פונעמ ערשטנ, 3 — פונעמ דריטנ, אונ פאר 4 פונ זיי מוז גילטיק זײַנ סײַ דער באנוצ פונעמ ערשטנ מינ, סײַ דער באנוצ פונעמ צווייטנ מינ. די דאָזיקע ציפערנ באשטעטיקנ אמבעסטנ די ריכטיקײַט פונ דער האנאָכע 1.

## ב. ש ט אָ פּ נ ע מ ע נ אונ ס ו מ א ר ע ב א ג ר י פ נ.

זיי איז מענ געווינט צו רעכענענ אינ יִדיש דערהויפּט פאר סובסטאנטיוונ פונעמ דריטנ מינ. באטראכטנ מיר אָבער גענויער די דאָזיקע סובסטאנטיוונ, קומענ מיר צומ אויספיר, אז אזא האנאָכע איז ריכטיק בלויז טיילווײַז.

צווישנ וואָרצלדיקע סובסטאנטיוונ־גערמאניזמענ איז אויסגעפאָרשט 66 אזעלכע סובסטאנטיוונ — קימאט אלע, וואָס ס'האָט זיכ אײַנגעגעבנ אופצוזאמלענ. צווישנ זיי

זײַנען בלויז 23 פונעם דריטנ מינ, 23 זײַנען פונעם ערשטנ מינ, אונ 17 — פונעם צווייטנ מינ. פאר 3 פונ זיי איז גילטיק א צווייענדיקער מינ־באנוצ. אָט זײַנען די דאָזיקע סובסטאנטיוונ:

## צעטל 2. שטאָפנעמענ אונ סומארע באגריפנ

פונעם ערשטנ מינ:

אייל*[1]) ביר*, גיפט*, דראָט*, וואקס, וווּרשט*, ווײַנ, זאפט*, זופ, טוי, טינט, מארכ*, פעכ*, פיי, פלאקס, רויג, רויכ, שוימ*, שווייס, שטאָל*, שטאָפ*, שמוצ, שנאפס.

פונעם צווייטנ מינ:

גריצ, וואָל, ווייצ*, זאלצ*, זופ, זייפ, זײַד, יויכ, לופט, ליכט* (שײַנ), ליימ*, מילכ, מעל, פארב, רײַז*, שטרוי*, שמאלצ*, שפײַז.

פונעם דריטנ מינ:

אויבס, אײַז, אש, בלוט, בלײַ*, בלעכ*, ברויט, גאָלד, גלאָז, געלט, גראָז, היי, וועש, טייג*, מינצ, מיסט, מעש, פיכ, פלייש, צינ*, צײַג, קרויט; אויכ: פאָלק.

מיט א צווייענדיקנ מינ־באנוצ:

דער/דאָס ארצ*, דער/די זאמד*, דער/די קריידט*.

פאר די סובסטאנטיוונ פונעם צווייטנ מינ אינ צעטל 2 קאָנ מענ דערקלערנ דעמ באנוצ פונעמ דאָזיקנ מינ מיט אנדערע גערזעצמעסיקײַטנ: די גריצ, די וואָל, די זייפ, די זײַד, די יויכ, די פארב, די שפײַז — לויט דער האנאָכע 1; די לופט, די ליכט — לויט דער האנאָכע 4; די מילכ, די מעל, די שמאלצ — לויט דער האנאָכע 6[2]); די מעל — אויכ לויט דער האנאָכע 8 (פרג. מיטנ געזאָגטנ וועגנ דער גארב, זע אויבנ ז. 140); די זאלצ, די שטרוי, די ליימ — לויט דער האנאָכע 8.

אנדערש איז עס מיט שטאָפנעמענ פונעמ ערשטנ מינ. אינ צעטל 2 איז פאראנ גאנצע 23 אזעלכע סובסטאנטיוונ, צווישנ זיי — 14 נעמענ פונ פליסיקײַטנ (האנאָכע 3), 1 נאָמענ פונ א פוטער (פיי) אונ 8 אנדערע סובסטאנטיוונ. אלע די דאָזיקע צי־פערנ וועגנ מינ פונ שטאָפנעמענ ווײַזנ, אז באמ דיסקאָנטירנ די האנאָכעס, וואָס דערקלערנ דאָ דעמ באנוצ פונ צווייטנ מינ אונ די האנאָכע 3 פאר נעמענ פונ פלי־סיקײַטנ, בלײַבט אינ גרונט גילטיק די האנאָכע 2.

אונדז בלײַבט מאָטיווירנ דעמ אָנגעגעבענעמ מינ אינ סאָפעק־פאלנ (אינ צעטל 2 זײַנען זיי באצייכנט מיט א שטערנדל).

---

[1]) מיט א שטערנדל זײַנען באצייכנט אינ צעטל 2 (אונ אויכ אינ די ווײַטערדיקע צעטלענ) די סוב־סטאנטיוונ, וואָס פאר זיי וועט דער אָנגעגעבענער מינ־באנוצ באגרינדעט ווערנ אינ דער ווײַטערדיקער האנדלונג. ניט באצייכנט זײַנען דאָ די סובסטאנטיוונ, וואָס דער אָנגעגעבענער מינ פאר זיי קאָנ ניט ארויסרופנ קיימ שומ ספייקעס אָדער וואָס ער איז שוינ באגרינדעט געוואָרנ פריִער.

[2]) פארוואָס איכ באטראכט די דאָזיקע דרײַ סובסטאנטיוונ פאר ווערב־טעמעס, וועלנ מיר דערקלערנ בייס מיר וועלנ רעדנ וועגנ סובסטאנטיוונ — ווערב־טעמעס.

דער אייל. רייז — 2, ביר — 3, מינד — 1. בירנבוים גיט אָן דעם מינ־באנוץ ווי אינ נה״ד; ס׳איז אָבער קיינ סאָפעק ניט, אז קאָנקורירנ קאָנענ בלויז דער אייל אונ די אייל. רייזענ גיט אָן די אייל, מעגלעכ, אונטער דער ווירקונג פונ׳עם ליט.־וויַסר. דיִאלעקט, ווו די אייל איז א פסעוודאָפלוראל. פאר דער אייל רעדט אויכ די׳ האנאָכע 3.

דער ארצ, דאָס ארצ. מינד — 1, זאר — 3 (ווי אינ נה״ד). קיינ אנדערע אָנגאבנ זיַינענ ניטאָ.

דער ביר. רייז — 3, מינד — 1. אינ ליטוו.־וויַסר. דיִאלעקט — פסעוודאָפלוראליש: די ביר. אינ אוקר. דיִאלעקט ווערט, זעט אויס, גענוצט דערהויפט דער ביר, ניט דאָס ביר. שוינ אָפגערעדט פונ דעמ, אז דאָס ביר ווערט ניט גענוצט אויכ אינ ליטוו.־וויַסר. דיִאלעקט, פאר דער ביר רעדט אויכ די האנאָכע 3.

דאָס בליַ. ביר — 3, ליפ — 3, מינד — 3, אויכ 1, נה״ד — 3, וויל — 2, זאר — 2, פער — 2. פאר 3 אונ קעגנ 2 קומט צו די האנאָכע 2.

דאָס בלעכ. ביר — 3, מינד — 3, נה״ד — 3, פער — 2, וויל — 2. פאר דאָס בלעכ אונ קעגנ די בלעכ איז אויכ די האנאָכע 2.

דער גיפט (яд). מינד — 1. ליפשיצ גיט אָן דער גיפט אלס אדעקוואט פונ жало. פאר דער גיפט איז פאראנ אזעלכע מאָטיוונ: 1) האנאָכע 3 (גיפט־סאמ ווערט פאָרגעשטעלט דערהויפט ווי א פליסיקיַיט — פרג.: „איַינעמענ סאמ״, „איַינעמענ א רעצעפט״), 2) דער גיפט איז געוויס פארשפרייט אינ אוקר. דיִאלעקט, 3) גיפט אלס אדעקוואט פונ жало איז געוויס פונ ערשטנ מינ (ווי בא ליפשיצנ אונ ס׳איז ניט נייטיק דיפערענצירנ די באטיַיטנ פונ גיפט לויטנ מינ־באנוץ, וויַיל גיפט פונ א בינ איז לויטנ אינהאלט נאָענט צו גיפט־סאמ, 4) האנאָכע 9 (אסאָציִאציע מיט דער סאמ).

דער דראָט. ביר — 1, ליפ — 1, רייז — 1, מינד — 3, אויכ 1, נה״ד — 1, זאר — 2, וויל — 2. קעגנ די דראָט איז אויכ די האנאָכע 2.

דער וורשט. רייז — 1, מינד — 1. אינ דער אומגאנג־שפראכ איז פיל פארשפרייטער דער קאָלבאס; לויט דער האנאָכע 9 וואָלס געדארפט זיַינ: דער וורשט, לויט דער האנאָכע 4 — די וורשט. דאָ איז, זעט אויס, גויוועד די האנאָכע 9.

די ווייצ. ביר — 1, רייז — 1, נה״ד — 1 (der Weizen), מינד — 2; אינ ליט.־וויַסר. דיִאלעקט (לויט מינדלעכע יעדיִעס) — 2. זעט אויס, אז דער ווייצ איז אָנגעגעבנ אונטער דער ווירקונג פונ נה״ד, ווארשיַינלעכ, אויכ לויטנ מינ־באנוץ אינ פוילנ. אינ ראטנפארבאנד איז פארשפרייט דעריקער די ווייצ.

די זאלצ. ליפ — 2, מינד — 2, ביר — 3 (ווי אינ נה״ד), דוכט זיכ, אז אינ ליטעראטור באגעגנט זיכ ניט דאָס זאלצ. די האנאָכע 2 טרעט דאָ אָפ איר אָרט דער האנאָכע 8 (אסאָציִאציע מיטנ מינ פונ די סלאווישע ווערטער sol ,сіль .соль).

דער זאמד, די זאמד. אוק — 2, אויכ 1 אונ 3, ל — 2, אויכ 1, פ — 3; ביר — 3, ליפ — 1, רייז — 1, מינד — 2, נה״ד — 1, וויַס — 3, פער — 3, אה״ד — 3, מה״ד — 1 אונ 3. דאָס זאמד פאלט אָפ, וויַיל ס׳איז פארשפרייט בלויז אינ פוילישנ דיִאלעקט. אינ די ראטנפארבאנדישע יִידיש־דיִאלעקטנ איז גאנצ פארשפרייט סיַי

די זאמד, סײַ דער זאמד (די זאמד — מער אין אוקראַינע, דער זאמד — מער אין ווײַסרוסלאַנד).

ד ע ר ז א פ ט. אוק — 2, אויך 1, ל — 2, אויך 1, פ — 1; ליפ — 1, רייז — 1 נה״ד — 1, מינד — 1 און 2. פאר ד ע ר ז א פ ט רעדן אויך די האנאָכעס 2 און 3, אויך 8 און 9 (אסאָציִאַציעס מיטן מין פון די סלאווישע אדעקוואטן און פונעם יִדישן דובלעט ד ע ר ס אָ ק).

ד אָ ס ט ײ ג. אוק — 3, ל — 1 און 2, פ — 3, אויך 1 און 2; בירנבוים גיט דאָ אָן דעם ערשטן מין ווי אין נה״ד. ליפ — 3, רייז — 1, וויל — 3, מינד — 3.

ד י ל י כ ט (־שײַן). ליפ — 2, אין ליט־ווײַסר. דיִאַלעקט — 2, וויל — 2, פער — 2, בא נאדירן — 2, נה״ד — 3, רייז — 3. פאר ד י ל י כ ט קומט צו די האנאָכע 4 און זייער ווייניק דערווידערט דאָ די האנאָכע 2, ווײַל ל י כ ט (־שײַן) איז ניט קיין טיפישער שטאָפנאָמען, דאָס איז אן אבסטראקציע.

ד י ל ײ ם. אוק — 2, ל — 2, פ — 3; ביר — 2, ליפ — 2, רייז — 2 און 3, זאר — 2, וויל — 3, בערג — 2. זעט אויס, אז אפילע אין פוילישן דיִאַלעקט איז גע־נוג פארשפרייט אויך ד י ל ײ ם, ווען בירנבוים גיט אזוי אָן, זיך פאנאנדערגייענדיק מיט נה״ד.

ד ע ר מ א ר כ. ביר — 3, מינד — 1, ל י פ — 1. בירנבוים גיט דאָ אָן דעם מין־באנוץ ווי אין נה״ד. פאר ד ע ר מ א ר כ איז אויך דער מאָטיוו, וואָס מ א ר כ ווערט אָפט אופגענומען ניט אלס שטאָפ, נאָר אלס אינדיווידועלער געגנשטאנד און אויב אזוי איז גילטיק די האנאָכע 9 (אסאָציִאַציע מיטן דובלעט ד ע ר מ ו י ע כ).

ד י מ ע ל. אוק — 2, אויך 3, ל — 2, אויך 1, פ — 3; ביר — 3, רייז — 2 און 3, זאר — 2, ווײַס — 3, ש״א — 2. זעט אויס, אז דאָ, ווען ס׳רעדט זיך וועגן א פראָדוקט, ארום וועלכן ס׳איז פאָרגעקומען די ענגסטע בארירונג מיטן סלאווישן פויערישן ארום, איז זייער שטארק געווען די אסאָציִאַציע מיטן סלאווישן צווייט־מיניקן אדעקוואט (רוסיש, פויליש) — לויט האנאָכע 8. פאר ד י מ ע ל רעדט אויך די האנאָכע 6.

ד ע ר פ ע כ. ביר — 3, מינד — 1. פאר ד ע ר פ ע כ איז אויך די האנאָכע 3. בירנבוים גיט דאָ אָן דעם מין־באנוץ ווי אין נה״ד.

ד אָ ס צ י ן. ביר — 3, רייז — 3, נה״ד — 3. אה״ד — 3, מה״ד — 3, אין ליט.־ווײַסר. דיִאַלעקט — פסעוודאָפלוראליש. ד אָ ס צ י ן שטימט מיט דער האנאָכע 2.

ד ע ר ק ר ײַ ד (ד י ק ר ײַ ד). אוק — 1 און 3 (זעלטן — 2), ל — 2, אויך 1, פ — 3; ביר — 2, רייז — 2, זאר — 2. ד אָ ס ק ר ײַ ד ווערט גענוצט אין פוילן. אין ראַטנפארבאנד קאָנ־קורירן דעריקער ד י ק ר ײַ ד און ד ע ר ק ר ײַ ד; ד ע ר ק ר ײַ ד איז מער פאר־שפרייט אין אוקראַינע און איז זעלטענער אין ליטע־ווײַסרוסלאנד. מיט ד י ק ר ײַ ד איז פארקערט.

ד י ר ײַ ז. ביר — 1, ליפ — 2, מינד — 2, נה״ד — 1. אין אוקראַינע איז געוויס פארשפרייט ד י ר ײַ ז. אין ליטוויש־ווײַסרוסישן דיִאַלעקט נוצט מען אויך די ר ײַ ז (לויט אייניקע מינדלעכע ידיִעס — מיסטאמע אלס פסעוודאָפלוראל). ד ע ר ר ײַ ז איז אָנגעגעבן בא בירנבוימען געוויס לויטן מין־באנוץ אין נה״ד און מעגלעך אויך אין פוילישן דיִאַלעקט. אין די ראַטנפארבאנדישע יִדיש־דיִאַלעקטן איז, הייסט עס, מער

פארשפרייט די רײַז, און אזוי מוז מען רעגלאמענטירן, האגאמ אזא מינ־באנוץ איז דאָ שווער צו דערקלערן: סײַ der Reis, סײַ די סלאווישע אדעקוואטן פונעמ דאָזיקן וואָרט זײַנען פונעמ ערשטן מינ, די ראָמאנישע אדעקוואטן (אינ פראנצויזיש, שפאניש, איטאליעניש) — אויכ. מעגלעכ, אז דעמ באנוץ פונ די רײַז אינ איינצאָל האָט גוירעמ געווענ דער אָפטער באנוץ פונ דעמ דאָזיקנ סובסטאנטיוו אינ מערצאָל (אפילע אינ אוקראַינע). מיר גופע איז באקאנט דער פארשפרייטער אויסדרוק: „די רײַז זײַנען שוינ פארטיק" — אנאלאָגיש צו די גריפּנ..., די פאסאָליעס... א.ד.גל., ווײַל אינ די ערטער פונעמ ייִדישנ ייִשעוו איז רײַז אלס פעלד־געוויקס ניט געווענ באקאנט, און מיט רײַז מיינט מען בלויז די קערנער.

דער שוימ. בּיר — 1, ליפּ — 1, מינד — 1, זאר — 2, וויל — 2. פאר דער שוימ קומט צו די האנאָכע 3. זארעצקי גיט אָנ די שוימ מיסטאמ אונטער דער ווירקונג פונעמ ליטוו.־ווײַסר. פּסעוודאָפּלוראל.

דער שטאָל. אוק — 1, 2 און 3, ל — 2 און 1, פּ — 3, אויכ 2 און 1; בּיר — 1, ליפּ — 1, רייז — 2, פּער — 1, מינד — 3 און 1. אינ נה"ד — 1, אָבער אינ מה"ד — 3 (אינ דער ניבעלונגענ־ליד באגעגנט זיכ אויכ 1). דער שטאָל איז שטארק פארשפרייט אינ אוקר. דיַאלעקט (אזוי גיט אָנ אויכ ליפשיצ), גענוג פאר־שפרייט איז ער אינ ליט.־ווײַסר. דיַאלעקט און אויכ אינ פוילישנ דיַאלעקט (אזוי גיבנ אָנ בירנבוימ און אזוי באגעגנט זיכ בא פּערעצנ). אפילע אינ מה"ד איז שוינ, זעט אויס, געווענ פארשפרייט דער באנוץ פונ ערשטנ מינ פאר דעמ דאָזיקנ סובּ־סטאנטיוו (ניבעלונגענ־ליד) און אינ נה"ד איז בלויז der Stahl. אנדערש איז עס מיטנ באנוץ פונעמ דריטנ מינ. אינ אוקר. דיַאלעקט איז ער זעלטענער, אינ ליט.־ווײַסר. דיַאלעקט איז ער אויסגעשלאָסנ, בלויז אינ פוילישנ איז ער גענוג פאר־שפרייט אָבער אויכ ניט אינ קיינ גרעסערער מאָס ווי דער באנוץ פונעמ ערשטנ מינ. דעריבער מוז מען דאָ רעגלאמענטירנ דער שטאָל.

דער שטאָפּ. אוק — 1, אויכ 3 און 2, ל — 2, אויכ 1, פּ — 1; בּיר — 1, ליפּ — 1, רייז — 1, זאכ — 2, נה"ד — 1. דער שטאָפּ איז פיל מער פארשפרייט. קעגנ די שטאָפּ רעדט אויכ די האנאָכע 2.

די שטרוי. בּיר — 3, ליפּ — 2, גינ — 1 (ליטע); אינ פוילישנ דיַאלעקט — 3, וויל — 2 [1]) ווײַס — 3, לינ — 2, ש"א — 2, אה"ד strewi — 3, מה"ד strô — 3, נה"ד — 3. אויסערנ פוילישנ דיַאלעקט נוצט מענ ניט דאָס שטרוי. דאָ ווײַזט זיכ ארויס די נאָענטקײַט צומ דײַטשישנ מינ־באנוץ. דער שטרוי איז אויסגעשלאָסנ. די אסאָציַאציע מיטנ מינ פונ די סלאווישע אדעקוואטנ איז דאָ גענוג שטארק (האנאָכע 8).

די שמאלצ. אוק — 2, אויכ 3, ל — 2, פּ — 3; בּיר — 3 (ווי אינ נה"ד), ליפּ — 2, רייז — 2 און 3, ש"א — 2, אינ ליטעראטור, דוכט זיכ, שטענדיק 2. קעגנ די שמאלצ איז דאָ אומעגלעכ צו דערווידערנ, דאָס שטימט אויכ מיט דער האנאָכע 6.

מיר האָבנ אזויארומ באגרינדעט דעמ מינ, וואָס איז אָנגעגעבנ אינ טעטל 2 פאר אלע פאלנ, ווענ ער קאָנ ארויסרופנ וועלכע ניט איז ספייקעס. פאר איייניקע סובּ־

[1]) ווילער דערקלערט עס מיט דער ווירקונג פונעמ פוילישנ Miezza—אלטע שטרוי.

סטאנטיוונ האָבנ מיר דאָ אָנגעווענדעט אויכ די האנאָכע 3. די דאָזיקע האנאָכע באַזירנ מיר אפ אזא רײַ סובסטאנטיוונ: דער ווײַנ, דער ספּירט, דער קעראָסינ (דער גאַז), דער בראָנפנ, דער שנאפּס, דער מעד, דער אָלים, דער עסיק, דער בוימל, דער טינט, דער נאפט, דער אייל, דער ביר, דער גיפט (־סאַם), דער זופּ, דער זאפט, דער טוי, דער פּעכ, דער שוימ, דער שווייס. דאָס וואסער איז עפּשער דער איינציקער אויסנאַמ. די גריצ, די יויכ שטימענ מיט דער האנאָכע 1.

ס׳איז קלאָר, אז דאָ קרייצנ זיכ איבער פארשיידנסטע סיבעס, וואָס האָבנ גוירעמ געווענ דעמ באַנוצ פונ ערשטנ מינ פאר די סובסטאנטיוונ פונ דער געבראַכטער רײַ; נאָר דער פאקט, וואָס איינ און דערזעלבער מינ איז כאראקטעריסטיש פאר איינ באַטײַטלעכער רײַ, מוז שוינ ווירקנ אפנ מינ פונ אזעלכע סובסטאנטיוונ פונ דער דאָזיקער רײַ, וואָס דער מינ זייערע איז וואקלדיק.

## ג. סובסטאנטיוונ מיט אנ ענדע ־ט.

לויט רייזענעס זײַנען זיי דערהויפּט פונעמ צווייטנ מינ. אויכ לויט זארעצקינ זײַנען די סובסטאנטיוונ מיט א געוויסנ סופיקס ־ט פונעמ צווייטנ מינ. אינ דײַטש איז עס אויכ אזוי. אָפּט זײַנען נאָכ באַ אזעלכע סובסטאנטיוונ גאַנצ אָנזיכטיק די שפּורנ פונעמ געוועזענעמ וואָרצל, צ. ב.: מאכט, קונסט, שריפט, שלאכט — פונ מעגנ, קענענ, שרײַבנ, שלאָגנ. הייזע רופט אָנ אזעלכע סובסטאנטיוונ — סובסטאנטיוונ פונ דער מיטלפאָרמ, אויכ אומעכטע שטאמענ[1] (וועגנ פּרעפיקסנ האנדלט זיכ דאָ ניט).

אָבער באַמ אָנווענדנ די האנאָכע וועגנ סובסטאנטיוונ מיט אנ ענדע ־ט אינ זארעצקיס פאָרמולירונג קומענ אופ באַדײַטנדיקע שוועריקײַטנ, ווײַל ס׳איז זייער אָפּט שווער פעסטצושטעלנ, צי האָבנ מיר צו טאָנ מיט עכטע צי מיט אומעכטע שטאמענ, אנדערש געזאָגט, צי איז דער ענדע ־ט א וואָרטבילדנדיקער, צי ניינ.

באַנעגייע צו ייִדיש וועט צוועקמעסיקער זײַנ צו רעדנ וועגנ סובסטאנטיוונ פונ גערמאנישער אָפּשטאמונג מיט אנ ענדע ־ט אומאָפּהענגיק פונעמ כאראקטער פונעמ דאָזיקנ קלאנג, ווײַל, ערשטנס, די געזעצמעסיקײַט, וואָס כאפּט ארומ סובסטאנטיוונ מיט א געוועזענעמ וואָרטבילדנדיקנ ענדע ־ט, ווירקט שוינ אינ סאָפעק־פאלנ אויכ אפנ מינ פונ סובסטאנטיוונ מיט א וואָרצלדיקנ ענדע ־ט ארנ, צווייטנס, צוליב נאָרמאטיווע צילנ איז פיל באַקוועמער אויסצומײַדנ פאָרמולירונגענ, וואָס פאָדערנ אינ יעדנ קאָנקרעטנ פאל נעמענ אינ אכט שפּראכגעשיכטלעכע מאָמענטנ. אינ צעטל 3 (זע) איז איבערגערעכנט א מעגלעכ גרעסערע צאָל וואָרצלדיקע סובסטאנטיוונ פונ גערמאנישער אָפּשטאמונג, וואָס אינעמ הײַנטצײַטיקנ ייִדיש קאָנ מענ זיי רעכענענ פאר וואָרצלדיקע, אפילע אזעלכע, ווי וועלט, וואָס געשיכטלעכ איז עס גאָר א געוועזענער קאָמפּאָזיט[2]. שוינ אָפּגערעדט דערפונ, אז אהער גייענ ארײַנ אויכ e־סובסטאנטיוונ מיט אנ ענדע ־ט (אינ נה״ד כאפּט ארומ די געזעצמעסיקײַט ניט בלויז סובסטאנטיוונ מיט אנ ענדע ־ט, נאָר אויכ מיט de-, d- סאָפּ וואָרט).

---

[1]) זע די דערמאָנטע גראמאטיק הייזעס. ב. 1, ז. 392, אויכ ז. 455.

[2]) מה״ד — werlde, אה״ד wer: weralt (גאָטיש — wair), לאטייניש — vir) באטײַט מאנ, alt — עלטער, wer-alt — מענטשנ־עלטער.

## צעטל 3. וואָרצלדיקע סובסטאנטיוונ מיט אנ ענדע ־ט

פונעמ ערשטנ מינ:

**ארט*, בלאט (פונ א בוימ), גיפט, גרונט, דאָרשט*, דופט, דראָט, הוסט, העפט*, ווורשט, ווינט, זאפט, מוט, פראכט, פראָסט, קויט, ראָסט, שייַט, שניט, שרינט, שפאלט, שריפט* (шрифт).**

פונעמ צווייטנ מינ:

**אכט, אמט*, בארשט, בלאט* (צייַטונג), ברוסט, ברעט*, גלוסט, דינסט* (קירכע־לעכער טערמינ, שטעלע), האנט, הויט, וואנט, וועלט, ווערט*, זיט*, זייַט, זעט, טראכט, טרייסט*, לאסט, לוסט, לופט, ליכט [1]), לייַסט, מאכט, מיט, נאכט, נעסט*, פעסט, פראכט, פורכט, פליכט, פרוכט, צוכט, צייַט, קאָרט, קונסט, קייט, קעלט, רוט, רעשט*, שטאָט, שיכט, שלאכט, שריפט* (געשריפטס).**

פונעמ דריטנ מינ:

**אָרט, בלוט, בעט*, ברויט*, וואָרט, מיסט*, רעכט*.**

מיט א צווייענדיקנ מיג־באנוצ: דער/די בלאט* (פונ א בוימ), די/דער הוט*, דער/די שיכט*.

ארומגעכאפט איז 76 סובסטאנטיוונ מיט ענדע ־ט, — דוכט זיכ, קימאט אלע אזעלכע וואָרצלדיקע סובסטאנטיוונ פונ גערמאנישער אָפשטאמונג. 43 פונ זיי זייַנענ פונעמ צווייטנ מינ, אונ דעמ מינ פונ די איבעריקע 33 סובסטאנטיוונ איז אָפט מעג־לעכ צו דערקלערנ מיט אנדערע געזועצמעסיקייַטנ: דער גיפט, דער זאפט — לויט די האנאָכעס 2 אונ 3, דער ווורשט — לויט די האנאָכעס 2 אונ 9, דער דאָרשט, דער הוסט, דער שניט — לויט האנאָכע 5, דער גרונט, דער פראכט — לויט האנאָכע 7 (грунт, фрахт), דעמ טיילווייַז פארשפרייטנ דער הוט איז מעגלעכ צו דערקלערנ, ווי מיר שייַנט, מיט דעמ, וואָס דאָס איז א פארגרעסער־נאָמענ, אונ פארגרעסער־נעמענ איז מענ געווינט צו רעכענענ אינ ייִדיש פאר ערשט־מיניקע (פרג. מיט דער קאמ, דער שפאָנ, וועלכע זייַנענ פארגרעסערונגענ פונ דאָס קעמל, דאָס שפענדל; די בויד פונ דאָס בייַדל (אָנשטאָט דער בויד) דערקלערט זיכ מיט דער האנאָכע 1, אלס e־סובסטאנטיוו (die Bude), די מויד — מיטנ נאטירלעכנ געשלעכט. דאָס וואָרט איז פונעמ דריטנ מינ סיי אינ די סלאַ־ווישע שפראכנ, סיי אינ נה״ד. אנדערש איז עס מיט דאָס אָרט (אינ נה״ד — der Ort). ווייניק וואַרשייַנלעכ איז, אז דאָ זאָל גילטיק זייַנ די האנאָכע 8, ווייַל דער באגריפ איז דאָ ניט געבונדנ דירעקט מיט ענגע באציִונגענ צווישנ ייִדנ אונ דער ארומיקער סלאווישער באפעלקערונג. מיר שייַנט, אז דאָס אָרט דארפ מענ דערקלערנ מיט דער האנאָכע 10 (ווענג עמפאטישנ באנוצ פונ דריטנ מינ). די ריכ־טיקייַט פונ דער דאָזיקער האנאָכע באזירנ מיר אפ א גאנצער ריי פאקטנ פונעמ מינ־באנוצ אינ ייִדיש. אָנ אזא האנאָכע וואָלט שווער געווענ צו דערקלערנ דעמ

[1]) באגרינדנ בלייַבט בלויז די ליכט (свеча); די ליכט (־שייַנ) איז שוינ מאָטיווירט גע־ווענ אויבנ.

באַגעגנטן באַנוץ פֿונעם דריטן מינ פֿאַר א גאַנצער ריי סובסטאַנטיוונ פֿונ דער אַנט־שפּרעכיקער קאַטעגאָריע. אזוי, לֿעמאָשלֿ, טרעפֿנ מיר אינ איגנאַצ בֿערנשטײַנס זאַמ־לֿונג יִדישע שפּריכווערטער: דאָס גענעם (זז. 5, 57), דאָס העקדעש (ז. 83), דאָס כומעש (ז. 104), דאָס אָלֿמאַלֿכעסשאָמאַיִם (ז. 19), דאָס בֿייס־אַמיקדעש (ז. 31), דאָס בֿעסמעדרעש (ז. 52), דאָס גאַנײדנ (ז. 57), דאָס אײַענאָרע (ז. 128); בֿא בֿערגעלֿסאָנענ: דאָס מעדינעסהאַיאָמ; בֿא ווײַסנבֿערגנ: דאָס בֿעסמעדרעש, דאָס בֿײסאַלֿמענ. ס'איז אויכ בֿאַוווּסט: דאָס מאַלֿכאַמאָוועס, דאָס בֿעזדנ (־שעלֿ־מײַלֿע), דאָס מאָקעמקאָ־דעש, דאָס הײלֿיקע אָרט אונ פֿונדאַנענ — דאָס אָרט. אנ אָנווײַזונג אפֿנ עמ־פֿאַטישנ באַנוצ פֿונ דריטנ מינ באַגעגענענ מיר אויכ בֿא ווילֿערנ. א באַשטעטיקונג פֿאַר דער האַנאָכע 10 האָבֿנ מיר אויכ אינ א ריי פֿאַקטנ פֿונעם מינ־באַנוצ אינ אַלט־יִדישע מאַטעריאַלֿנ, ווו מיר טרעפֿנ: דאָס געט[1]), דאָס מקום[2]), דאָס שער[3]), דאָס קנס[4]), דאָס יתום[5]), דאָס מת, דאָס טבעת[6]), דאָס יהודי[7]), דאָס פּקיד[8]).

מיט האַנאָכע 10 דאַרפֿ מענ, מײנענ מיר, דערקלֿערנ אויכ דאָס לֿאָשנ (דאָס הײלֿיקע לֿאָשנ — לֿשון קודש), דאָס קאָלֿ (דאָס בת קול), אונ עפּשער דעמ פֿאַר־שפּרײטנ באַנוצ פֿונ דריטנ מינ פֿאַר העבֿרײִזמענ מיט ־עס (אכדעס, אײדעס, כסי־דעס). בֿירנבֿוימ גיט אָנ בֿא אַלֿע אזעלֿכע סובסטאַנטיוונ דעמ דריטנ מינ[9]). די דאָ־זיקע סובסטאַנטיוונ דריקנ אויס דערהויפּט אַבסטראַקציעס מיט א רעלֿיגיעז־מאָראַלֿישנ אינהאַלט.

ספּעציִעלֿ פֿאַר אָרט (מקום) דאַרפֿ מענ נעמענ אינ אַכט דעמ ספּעציפֿישנ באַטײַט, וואָס מקום האָט געהאַט — דעמ באַטײַט גאָט.

אינעמ צעטלֿ 3 בֿלײַבֿנ שוינ זײער ווײניק סובסטאַנטיוונ ניט פֿונעמ צווייטנ מינ, וואָס זײער מינ זאָלֿ ניט קאָנענ דערקלֿערט ווערנ מיט אַנדערע געזעצמעסיקײַטנ. דאָס באַשטעטיקט די גילֿטיקײַט פֿונ דער האַנאָכע 5 פֿאַר וואָרצלֿדיקע סובסטאַנטיוונ. אונדז בֿלײַבֿט צו מאָטיווירנ דעמ אָנגעגעבֿענעמ מינ אינ צעטלֿ 3 פֿאַר צווייפֿלֿ־פֿאַלֿנ.

די אמט. נה"ד — 3, מינד — 1 אונ 2. אינ שמועלֿ־בֿוכ — 3[10]).

---

[1]) שו"ת, מהר"ם מינץ, קראָקע 1617, סמ"ד, (.... איך וואָלט דש גט האָבן געבן מיד נאָך סוכות דאָ שפּראך זיא זיא וואָלט דאז גט ניט נעמען...).

[2]) שו"ת „פּני־יהושע", 1715, אמסטערדאַם, ס' ס"ב (...האב איך גיפינדן דאס מקום פון דער וואַ־ריץ איז ווייס גיוועזין...).

[3]) ספר־מדות, איזנא 1542 (מדת הרצון דער אישט דש דרייציהנד שער).

[4]) ש"ת מהר"ם מינץ, קראָקע, 1617, ס' צ' (...דא וואלט ער יששכר ניט לאָזן אום דש קנס קומן...).

[5]) שו"ת הרמ"א, קראָקע 1640, ס' ע"ה (...אוב דאש יתום שרה בת בועז ז"ל..)

[6]) שו"ת ר' מרדכי זיסקינד רוטנבורג, 1746, אמסטערדאם ס' ט"ז (...בין איך תכף להערל גנגן און הב דש טבעת...)

[7]) שו"ת מהר"ם מלובלין, זאַמלונג, „מנהיר עיני חכמים", ווענציע, 1618 (...מען וועט אין דאָך פון דאש יהודי וועגין ניט אום ברענגן).

[8]) שו"ת „פּני־יהושע", אמסטערדאם, 1715 ס' נ"ח (...האָט דאָס פּקיד זיין שרײַבער דיא עצמות גיפינן).

[9]) אינ ספר־מדות, מדת הרצון: ...אונ' ווער אין דען גרונד וויל גין פון דעם חסידות...- אין שו"ת הרמא: ...זי זאָל נאָר איין זאָגן אויף דאש עדות דז אייך גישריבן האב געבן...

[10]) דו זולסט אין מיינם לנט אל מול דש אמט הון (האָבנ מ. ש.).

אינעם הײַנטצײַטיקן ייִדיש האָבן מיר דאָ א וואקלֿונג בלֿויז צווישן ד ע ר א מ ט און די א מ ט. פאר די א מ ט איז פאראן צוויי מאָטיוון: 1) די האנאָכע 4, 2) דאָס דאָזיקע וואָרט ווערט אין דעם אומגאנג־שפּראך זעלטן געניצט, אָנשטאָט דעם נוצט מען: די ש ט ע לֿ ע, ד י ד אָ לֿ ז ש נ אָ ס ט (א מ ט אין באטײַט פון ведомство ווערט געניצט נאָך זעלטענער), און אין אזעלכע פאלן איז גילטיק די האנאָכע 9.

ד ע ר אָ ר ט. רייז — 1, נה״ד — 2. דאָ פאלט ניט צונויף די האנאָכע 9 מיט דער האנאָכע 4, גאָר זי ווידערשפּרעכט איר. זעט אויס, אז דאָ איז גיוועוער די האנאָכע 9 (די שטארקערע אסאָציִאציעס מיט די ערשטמיניקע דובלֿעטן ד ע ר ס אָ ר ט, ד ע ר מ י ן, ד ע ר א ו י פ ן).

ד ע ר בֿ לֿ א ט (ד י בֿ לֿ א ט) (פון א בוים). אוקר — 1, אויכ 2, לֿ — 1, אויכ 2, פּ — 3, זעלֿטענער 1; גינ — 1 (לֿיטע), רייז — 3, לֿיפּ — 3 (אויכ 2) בערג — 1, נה״ד — 3, מינד — 1. ד אָ ס בֿ לֿ א ט פאלט אָפּ, ווײַלֿ אזוי רעדט מען בלֿויז אין פּוילֿן. אין ראטנפארבאנד איז שטארק פארשפּרייט סײַ ד י בֿ לֿ א ט, סײַ ד ע ר בֿ לֿ א ט.

ד י בֿ לֿ א ט (צײַטונג). דאָ זײַנען די אָנגאבן עטוואָס אנדערע: בערג — 2, מינד — 2. דאָ קומען צו די האנאָכעס 8 און 9 (די אסאָציִאציעס מיטן מין פון газета און מיט די דובלֿעטן ד י צ ײַ ט ו נ ג, ד י ג א ז ע ט ע).

ד אָ ס בֿ ע ט. אוק — 3, זעלֿטענער 2, לֿ — 2, פּ. — 3; ביר — 3, לֿיפּ — 3, בערנ — 3, גינ — 3 (כוץ אין לֿידער פון לֿיטע), רייז — 3, אין אלט־ייִדישע מאטעריִאלֿן — 3 [1]), ווילֿ — 3, בערג — 3. אויסערן לֿיט.־ווײַסר. דיִאלֿעקט איז אומעטום פארשפּרייט ד אָ ס בֿ ע ט. אויבֿ אין אזעלֿכע פאלֿן זיך רעכענען מיטן לֿיט.־ווײַסר. דיִאלֿעקט, וואָלֿט מען ביכלֿאלֿ זיך געדארפט אָפּזאָגן פונעם 3־טן מין אין ייִדיש.

ד אָ ס בֿ ר ו י ט. אוק — 3, לֿ — 1 אויכ 2, פּ. — 3; בערנ — 3, רייז — 3, זאר — 3 (אלֿס שטאָפּ), 1 (אלֿס לֿאבן), נה״ד — 3. דאָס ברויט (שטאָפּ) שטימט מיט דער האנאָכע 2.

ד י בֿ ר ע ט. אוק — 2, לֿ — 2, פּ — 3, אויכ 2; ביר — 3, לֿינ — 2, זאר — 2, ש״א — 2.

ד ע ר ד אָ ר ש ט. ביר — 1, רייז — 1, זאר — 1, מינד — 1, נה״ד — 1 — ד ע ר ד אָ ר ש ט שטימט אויכ מיט דער האנאָכע 5.

די דינסט (קירכלֿעכער טערמינ, שטעלֿע) לֿיפּ — 2, מענד — 2, נה״ד — 1. ד י ד י נ ס ט שטימט אויכ מיט דער האנאָכע 4.

ד י ה ו ט. (ד ע ר ה ו ט). אוק — 2, אויכ 1, לֿ — 2, פּ — 1; ביר — 1, רייז — 1, נה״ד — 1, אין אלט־ייִדישע מאטעריִאלֿן — 1 [2]). פאר ד ע ר ה ו ט רעדט דאָ אויכ דאָס אויבנגעזאָגטע (זע ז. 149). אין ראטנפארבאנד איז אָבער מער פארשפּרייט ד י ה ו ט (אנקעטע).

ד ע ר ה ע פ ט זאר — 1, מינד — 1, ווילֿ — 2, נה״ד — 3. פאר ד ע ר ה ע פ ט קומט צו דער מאָטיוו, וואָס אפילֿע אפן צווייטמיניקן רוסיציזם האָט דאָ זיך ארויסגעוויזן די ווירקונג פון ערשטמיניקן דובלֿעט דער ט ע ט ר א ד.

1) שמואלֿ־בוך (אוף שטונד ער בון דער ערידין און זאצט זיך אוף ד ש ב ע ט).
2) שו״ת „פּני—יהושע״, אמשטערדאם, 1715, ס׳ נ״ד (...האב איך אויך דער קאנט אז דאס איז ד ער ה י ט גיוועזין).

די וואָרט. אוק — 2, ל — 2, זעלטענער 1, פּ — 2 און 1; ליפּ — 2, רייז — 1, מינד — 2, בערג — 1, לינ — 2. די וואָרט איז, הייסט עס, פארשפרייטער פונ דער וואָרט, שטימט מיט דער האנאָכע 4 און פאלט צונויפּ מיטנ מינ פונ די סלאווישע אדעקוואטנ (цена, ціна, цана cena, wartość).

די זיט. אינ איינצאָל ווערט דער דאָזיקער סובסטאנטיוו זעלטנ גענוצט. דאָס איז אנ e־סובסטאנטיוו, און קיינ סמאכ אָפּצוווײַכנ פונ האנאָכע 1 איז דאָ ניטאָ.

די טרייסט. ביר — 2, ליפּ — 2, רייז — 2. די טרייסט שטימט אויכ מיט דער האנאָכע 4.

די ליכט (свеча). אוק — 2, זעלטענער 3, אויכ 1, ל — 2, פּ — 3; ביר — 3, ליפּ — 2, אויכ 3, רייז — 3, וויל — 3, מינד — 2. ס׳קאָנקורירנ דאָ די ליכט און דאָס ליכט. אינ אוקר. דיאלעקט זײַנענ זיי ביידע גענוג פארשפרייט. וואָס איז שײַעכ די איבעריקע צוויי גרונט־דיאלעקטנ איז די ליכט ווערט גענוצט אינ ליט.־ווײַסר. דיאלעקט, דאָס ליכט — אינ פּוילישנ. הייסט עס, אז אינ ראטנפארבאנד איז מער פארשפרייט די ליכט. פאר די ליכט זײַנענ אויכ די האנאָכעס 4 און 6.

דאָס מיסט. אוק — 3, ל — 2, פּ — 3; ביר — 1, ליפּ — 1, בערנ — 3, מינד — 3, ש״א — 1. זעט אויס, אז אינ אוקר. דיאלעקט איז טיילווײַז פארשפרייט אויכ דער מיסט, די מערהײַט אָבער נוצט דאָס מיסט, בירנבוימ אָריענטירט זיכ אפּ נה״ד. מיט דאָס מיסט שטימט אויכ די האנאָכע 2.

די נעסט. אוק — 2, ל — 2, אויכ 1, פּ. — 2; ביר — 3 (ווי אינ נה׳ד), ליפּ — 2, וויל — 2. די נעסט שטימט אויכ מיט דער האנאָכע 4.

דער פראכט. רייז — 1, נה״ד — 2. דאָ איז גיוועער די האנאָכע 7 (фрахт).

דאָס רעכט. דאָ איז פארבליבנ דער נײַהויכדײַטשישער מינ־באנוצ, נאָכמער ווענ די סלאווישע אדעקוואטנ זײַנענ אויכ פונ דריטנ מינ. די רעכט איז א מער־צאָל־פאָרמע.

די רעשט. אוק — 3 און 2, אויכ 1, ל — 2, אויכ 1, פּ — 2, זעלטנ 1 אָדער 3; ביר — 2, ליפּ — 1, רייז — 1, פּער — 2, מינד — 1 און 2, ווײַס — 2, נה״ד — 1. דאָס רעשט פאלט אָפּ. די רעשט איז גענוג פארשפרייט אינ אוקראינישנ, שטארק פארשפרייט — אינ ליטוו.־ווײַסר. און דאָמינירט אינ פּוילישנ דיאלעקט, וועלכער גייט זיכ דאָ פאַנאנדער אפילע מיט נה״ד; זעט אויס, דאָ ווירקט סײַ דאָס פּוילישע וואָרט resta (האנאָכע 8), סײַ די ענדונג — ט (האנאָכע 4).

דער שיכט (די שיכט). רייז — 2, זאר — 1, נה׳׳ד — 2, מינד — 2, אויכ 1. די שיכט שטימט מיט דער האנאָכע 4. דער דאָזיקער סובסטאנטיוו ווערט ווייניק גענוצט אינ דער אומגאנג־שפּראכ. אינ דער ליטעראַרישער שפּראכ איז ארײַנ דער שיכט, קענ זײַנ, לויט אסאָציאציע מיטנ מינ פונעמ רוסישנ אדעקוואט слой (האנאָכע 8).

די שריפט (געשריפטס). רייז — 2, נה״ד — 2, אזוי אויכ לויט דער האנאָכע 4. אנדערש איז עס מיט שריפט אינ באטײַט טיפּאָגראפישער שריפט. דאָ פילט זיכ שטארק די גילטיקײַט פונ דער האנאָכע 7 (шрифт). מע דארפ דעריבער דיפערענצירנ: די שריפט (געשריפטס), דער שריפט (טיפּאָגראפישער).

## ד. ניט־אפיקסירטע ווערב־טעמעס.

לויט זארעצקינ זייַנעג זיי אלע פונעמ ערשטנ מינ מיטנ אויסנאמ דאָס (די שפּיל). די פראגע איז דאָ אָבער עטוואָס קאָמפּליצירטער. צוערשט איז נייטיק אויס־צוקלאָרנ, וואָס אייגנטלעכ דארפ מענ פארשטיינ מיט „ווערב־טעמעס"? הייזע [1]), רעדנ־דיק וועגנ מינ פונ Verbal-Stämme, רעכנט אהער ארייַנ באנאנד מיט אזעלכע ווי Bruch, Schluss, Schlaf אויכ אזעלכע ווי Milch, Wand, Geld. אונ בעעמעס, מע קאָנ אונטערשיידנ אזעלכע טיפּנ ווערב־טעמעס: 1) ווערב־טעמעס, וואָס גייענ ארייַנ אינ באשטאנד פונ א פעריפראסטישנ ווערב מיט טאָנ, געבנ: א גיי טאָנ — א גיכנ גיי טאָנ, א שפּיל טאָנ — א גרינגנ שפּיל טאָנ, א האָרעווע טאָנ — א שטארקנ האָרעווע טאָנ. 2) ווערב־טעמעמ, וואָס באצייכענענ א רעזולטאט פונ א טווּנג (דאנק, הוסט); אָנזיכטיקע שפּורנ פונ טווּנגענ (בונד, גוס, שניט, בראָכ). אייניקע ווערב־טעמעס פונעמ דאָזיקנ טיפּ באצייכענענ אמאָל א רעזולטאט פונ א טווּנג, אמאָל די טווּנג גופע אָדער זיי שטייענ אפּ דער גרענעצ צווישנ טווּנג אונ רעזולטאט פונ טווּנג (גאנג, שפּיל). 3) ווערב־טעמעס, וואָס באצייפענענ מאטע־ריעלע געגנשטאנדנ (שמאלצ, דרוק אינ באטייַט פונ דרוקערייַ). צומ טיפּ 3 דארפ מענ צורעכענענ אויכ אייניקע פארגעסענע ווערב־טעמעמ ווי מילכ (פונ מעלקנ).

מיר וועלנ באטראכטנ אלע טיפּנ ווערט־טעמעס.

ווערב־טעמעס פונעמ טיפּ 1 זייַנענ אלע פונעמ ערשטנ מינ, אָנ שומ אויסנא־מענ — אינ פולער איינשטימונג מיט דער האנאָכע 5.

אנדערש איז עס מיט ווערב־טעמעס פונעמ טיפּ 2.

### צעטל 4. ווערב־טעמעס פונעמ טיפּ 2

(באצייכענענע רעזולטאט פונ טווּנג, אמאָל — די טווּנג גופע)

פונעמ ערשטנ מינ:

בונד, בראָכ, גוס, דאנק, דאָרשט, דופּט, דרוק (־דריקונג), האס, הוסט, ווונק, וווּקס, זאצ, טאנצ, טויט, טייַטש, טרונק, לוינ, מאָרד, מיינ, פּרווו*, פּייַנ*, פאל, פלייַס, צוואננג (טווּנג), קוק, קוש, קלאנג, קנייטש, קריג, ריס, שאָס, שטאָכ, שטרייַט, שטרייַק, שלאק, שלאָפּ, שמערצ, שניט, שפּאלט, שרעק*.

פונעמ צווייטנ מינ:

הילפ, זאָרג, זינד, לויב*, לייד, נוצ, פלאָג, פּאָלג, פליכט, שאנד, שולד, שטראָפ, שפּיל, שפּראכ.

דאָס צעטל 4 ווייַזט די ריכטיקייַט פונ דער האנאָכע 5. פונעמ צווייטנ מינ פּי־גורירנ אינ צעטל 4 דערהויפּט e־סובסטאנטיווּנ (דאָ איז גיוועןער די האנאָכע 1). פליכט איז א סובסטאנטיוו מיט אנ ענדע ־ט (האנאָכע 4). בלויז 6 אויסנאמענ פונ דער האנאָכע 5 האָבנ ניט קיינ דערקלערונג: די לייד, די נוצ, די לויב, די פּייַנ, די שולד, די שפּיל.

ס׳בלייַבט מאָטיווירנ דעמ מינ־באנוצ לויטנ צעטל 4 אינ סאָפעק־פאלנ.

---

[1]) זע די דערמאָנטע גראמאטיק הייזעס, ב. 1, ז. 454.

די ליוב. ביר — 3, ליפּ — 2, נה״ד — 3, מינד — 2. דאָס ליוב — בלויז אין פּוילישן דיִאַלעקט (ווי אין נה״ד). דאָ ווירקט עפּשער דער מין פון די סלאַווישע אדעקוואטן (хвала, похвала, chwala, pochwala) — לויט האנאָכע 8.

דער פּיַין. ביר — 2, ליפּ — 1, מינד — 2, אויכ 1, רייז — 1. זעט אויס, אז דער פּיַין איז גענוג פאַרשפּרייט אינ אוקר. דיִאַלעקט און ווערט גענוצט אינ ליט.־ווייַסר. דיִאַלעקט. פאַר דער פּיַין קומט נאָכ צו די האנאָכע 5.

דער פּרוּוו. אינ פּוילישנ דיִאַלעקט — די פּרוּוו, אינ ליטוו.־ווייַסר. — די פּרוּוו (לויט רייזענס באַהויפּטונג), רייז — 1, ליפּ — 2, מינד — 1 און 2. גענוג פאַר־שפּרייט איז, זעט אויס, סיַי דער פּרוּוו, סיַי די פּרוּוו. אינ אזא פאַל דאַרפ מענ זיכ רעכענענ מיט דער באַמערקטער געזעצמעסיקיַיט (לויט האנאָכע 5).

דער שרעק. ביר — 1, ליפּ — 1, מינד — 2, אויכ 1. נה״ד — der Schrecken. זעט אויס, אז אינ אוקר. דיִאַלעקט איז אויכ גענוג פאַרשפּרייט דער שרעק. פאַר דער שרעק איז אויכ האנאָכע 9 (אסאָציִאַציע מיט דער פּאַכעד).

### צעטל 5. ווערב־טעמעס, וואָס באַצייכענענ מאַטעריעלע געגנשטאַנדנ

פונעם ערשטנ מינ:

באַנד, בליצ, גליטש, דעק (פונ א שיפּ), העפט, זוימ *, טייל *, פּלעק, קוואַל, קלעק, רויב *, קנופּ, ראָסט, שטראַל, שטראָמ, שטריכ, שטריק *, שלאָס, שפּינ, שרויפּ.

פונעמ צווייטנ מינ:

באַרשט, באָד, בײַטש, גאָב, גרוב, דרוק * (דרוקערײַ), דעק (אפּ א בעט), האַק, הויב, וווּנד, וויג, זופּ, זאַלב, זיפּ, טרער, ליכט, מאָס, מיל, מעל, פּויק, פאַרב, פּור, צוואַנג (אָפּצוווּנגע), צאַמ *, צוימ *, שמאַלצ, שפּינ, שפּײַז, שער, שטימ, שטעל, שײַנ.

פונעמ דריטנ מינ:

בילד, ברוכ *, גליק *, ווערק, וועש, קלייד.

32 סובסטאַנטיוונ אינ צעטל 6 זײַנענ פונעמ צווייטנ מינ — אינ איינשטימונג מיט דער האנאָכע 6. צווישנ די 20 סובסטאַנטיוונ פונעמ ערשטנ מינ זײַנענ בלויז 9 אויסגעשפּראָכענע באַצייכענונגענ פונ מאַטעריעלע געגנשטאַנדנ (דעק, העפט, זוימ, קוואַל, ראָסט, שטריק, שלאָס, שפּינ, שרויפּ), די איבעריקע 11 קאָנענ אמאָל זײַנ פאָרגעשטעלט אלס ניט־מאַטעריעלע געגנשטאַנדנ (באַנד, בליצ, גליטש, טייל, פּלעק, קלעק, קנופּ, רויב, שטראַל; שטראָמ, שטריכ) און זיי שטייענ אפּ דער גרענעצ צווישנ באַצייכע־נונג פונ אַבסטראַקטנ רעזולטאַט פונ טוּונג און מאַטעריִאַליזירטנ באַגריפּ. צווישנ די 6 סובסטאַנטיוונ פונעמ דריטנ מינ זײַנענ 2 פונ זיי סומאַרע באַגריפנ (ברוכ, וועש) און דער מינ זייערער שטימט מיט דער האנאָכע 2.

אזוי אַרומ באַשטעטיקט דאָס צעטל 5 די ריכטיקײַט פונ דער האנאָכע 6. וועגנ אייניקע סאָפּעק־פאַלנ אינ צעטל 5.

דאָס ברוכ. דאָס איז א סומאַרער באַגריפּ, און ס׳ווירקט דאָ דער פאַרשפּריי־טער דובלעט דאָס ברוכוואַרג. ס׳איז דאָ גיוווער די האנאָכע 2.

דאָס גליק. ביר — 3, ליפ — 3, בערנ — 3, רייז — 3, אינ ליטוו.־ווײַסר. דיאַ־לעקט — 1, גינ — 1 (ליטע), נה״ד — 3. קעגנ דאָס גליק איז דאָ שווער צו דער־ווידערנ.

די דרוק (דרוקערײַ). ביר — 2, ליפ — 2, רייז — 2, מינד — 2, נה״ד — 1. אינ נה״ד ווערט זעלטענער דיפערענצירט דער מינ־באַנוצ פאַר איינ אונ דעמ זעלביקנ וואָרט מיט סעמאַנטישער מאָדיפיקאַציע. א שוואַכע דערווידערונג קעגנ די דרוק קאָנ דאָ זײַנ אויכ דער פאַרשפּרייטער אויסדרוק גרייט צומ דרוק, ווײַל, ערשטנס, איז דאָ דרוק גענומענ גיכער מיטנ באַטײַט פונ דרוקנ (גרייט צומ דרוקנ) אונ, צווייטנס, ווייסט יידיש פונ פיל פאַלנ, ווענ פאַר סובסטאַנטיוונ פונעמ צווייטנ מינ קומענ פּרעפּאָזיציעס צונויפגעגאָסנ מיט דעמ. אויסער דעמ ווירקט דאָ דער צווייטער מינ פונעמ דובלעט דרוקערײַ (אונ עפשער אויכ טיפּאָגראַפיע). דעריבער דאַרפ מענ דיפערענצירנ: די דרוק (דרוקערײַ) אונ דער דרוק (אונטערדריקונג, דריקונג, דאָס דריקנ).

דער זוימ. ליפ — 1, רייז — 1, מינד — 1, טײַלווײַז 2, נה״ד — 1.

דער טייל. אוק — 2, אויכ 1, ל — 2 אונ 1, פ — 1 אונ 2; ביר — 1, ליפ — 1, וויל — 3, מינד — 1 אונ 2, נה״ד — 1. דער טייל איז פאַרשפּרייט סײַ אינ אוקר., סײַ אינ פוילישנ, סײַ אינ ליט.־ווײַסר. דיאַלעקט. דאָ קומט נאָכ צו די ווירקונג פונעמ דובלעט דער כײַלעק.

די צאַמ. אוק. — 2, אויכ 1, ל — 1, אויכ 2, פ — 2; מינד — 2, אויכ 1, ליפ — 2.

די צוימ. ביר — 1, ליפ — 2, רייז — 1, פער — 2. זעט אויס, אַז אינ פוילישנ דיאַלעקט איז אויכ פאַרשפּרייט טײַלווײַז דער צוימ (פערעצ נוצט אזוי). מיר שײַנט, אַז די ווירקונג פונעמ סלאַווישנ צוויימיניקנ אדעקוואַט (узда, вузда, uzda) האָט געראָד דאָ געמוזט זײַנ באַזונדערס שטאַרק, ווײַל די באַלעגאָליש־פורמאַנישע סוויווע איז באַזונדערס ענג צוזאַמענגעבונדנ געווענ מיט דער אַרומיקער סלאַווישער באַפעל־קערונג, איז געשטאַנענ צו איר אַמנאָענטסטנ אַפילע שטייגעריש. דאָ האַנדלט זיכ וועגנ א געשפאַנ־דעטאַל אונ מע דאַרפ דאָ דעריבער רעגלאַמענטירנ די צוימ (לויט האַנאָכע 8).

דער רויב. רייז — 2, אינ אַלטיידישע מאַטעריאַלנ — 1 [1]), נה״ד — 1, מינד — 1, אויכ 2 אונ 3. זעט אויס, אַז אינ אוקר. דיאַלעקט איז מער פאַרשפּרייט דער רויב. קעגנ די רויב רעדט אויכ די האַנאָכע 2 (רויב איז א סומאַרער באַגריפ). אינ פוילישנ דיאַלעקט איז מיסטאַמ דער רויב (ווי אינ נה״ד). רייזענ איז דאָ באַווירקט פונעמ ליטוו.־ווײַסר. דיאַלעקט, ווו די רויב איז א פסעוודאָפּלוראַל.

דער שטריק. אוק — 1, ל — 2, זעלטענער 1, פ. — 1, אויכ 2; ביר — 1, ליפ — 1, בערנ — 1, גינ — 2 (ליטע), רייז — 1, זאַר — 2, נה״ד — 1, ש״א — 1, אויכ 2. אינ אוקר. איז, הייסט עס, אַמערסטנ פאַרשפּרייט דער שטריק, אינ ליטע־ווײַס־רוסלאַנד איז מער פאַרשפּרייט די שטריק, אָבער ס'ווערט גענוצט אויכ דער שטריק. אינ פוילישנ דיאַלעקט איז געוויס מער פאַרשפּרייט דער שטריק (אַנקעטע, בירנבוימ, נה״ד).

---

1) שמואל־בוכ (אונ' טײַלטנ דענ גרושנ רויבא דו מיט וואַרנ זי ורא).

און אָט זײַנען אייניקע פאַרגעסענע וואָרצלדיקע ווערב־טעמעס:
געלט, דאכ, טראָפּ, מילכ, שוואמ, שפּור (אויכ מילצ?).

2 פון זיי שטימען מיט דער האנאָכע 6 (די מילכ, די מילצ); דאָס געלט שטימט מיט דער האנאָכע 2 (א סומארער באגריפ); דער טראָפּ קאָן מען דערקלערן אלס קירצונג פונעמ ניט־וואָרצלדיקן דער טראָפּן; דער שפּור איז ניט בוילעט מאטעריאַליזירט. מיט דער האנאָכע 6 שטימען ניט: דער דאכ, דער שוואָמ. פארן סובסטאנטיוו דער שוואמ דארפ מען דאָ באגרינדן דעמ מין־באַנוצ: מינד — 1, ביר — 1, בערג — 1, נה״ד — 1.

צולעצט דארפ מען באמערקן: צו ווערב־טעמעס זײַנען דאָ ניט צוגערעכנט אזעלכע וואָרצלדיקע סובסטאנטיוון, וואָס ווערבן זײַנען אויסגעבילדעט פון זיי (און ניט פארקערט), אזעלכע, ווי בלוט, בעט, גלאָז, זאלצ אדג.) [1]).

פּאָנעטיש־מאָרפאָלאָגישער קלאל.

זארעצקי פּאָרמולירט אזא קלאל: וואָרצלדיקע טעמעס מיט א, אָ, ו, וואָס אינ מערצאָל באקומען זיי דעמ סופיקס —(ע)נ, זײַנען פונעמ צווייטן מין, די, וואָס באַקומען דעמ סופיקס—ער, זײַנען פונעמ דריטן מין. לאָמיר זען, צי שטימט דער דאָזיקער קלאל מיט דער ווירקלעכקײַט.

צווישנ וואָרצלדיקע סובסטאנטיוונ האָבן מיר אָנגעציילט 123, וואָס קאָנען ארונטערפאלן אונטערן פּאָרמולירטן קלאל. אָט זײַנען זיי:

## צעטל 6. וואָרצלדיקע סובסטאנטיוונ מיט א, אָ, ו

א. דער מינ שטימט מיט דעמ פּאָרמולירטן קלאל:

e־סובסטאנטיוונ: די אקס, די באק, די בלומ, די גאָב, די גאל, די גאס, די וונד, די וואָל, די וואנצ, די וואָכ, די זופּ, די זאלב, די זאָרג, די זונ (מערצאָל: זונען), די טאש, די לונג, די (נ)אָל, די פּלאָג, די קלאָג, די קאנ, די קראָ, די קארש, די קאָרט, די שלאנג, די שאָל, די שול, די שופּ, די שפּראכ, די שפּול.

אנדערע סובסטאנטיוונ: די אמט, דאָס אָרט, די ברוסט, דאָס גוט, דאָס גראָז, דאָס דאָרפ, דאָס הארצ, דאָס האָלצ, דאָס וואָרט, די זאלצ, די טראכט, דאָס לאנד, די לאסט, די לופט, די מאכט, די מאָס, דאָס פּאָלק, די פרוכט, די צאמ, די צאָל, טיילווײַז די קונצ *[2]), די קראפּט, די שאל *, די שטאל, טיילווײַז—די שטול* [2]), די שלאכט, די שמאלצ.

ב. דער מינ שטימט ניט מיטן פּאָרמולירטן קלאל:

e־סובסטאנטיוונ: די גרוב, דער גלאָק, דער גארב, דער האָז, דער זאָק, דער קוואל, די רוט, דער שטאנג, די שטוב, דער שפּאלט.

אנדערע סובסטאנטיוונ: דער ארט, דער ארצ, דער באנ, דער באנד, די באָד, דער בוכ *, דער בונד, דער בלאט (פונ א בוימ), די בלאט (צײַטונג), דאָס

[1]) פּאָטענציעל קאָן מען פונ יעדנ סובסטאנטיוו אויסבילדנ א ווערב.

[2]) ווי מיר וועלנ זענ ווײַטער, מוז גילטיק בלײַבנ סײַ דער קונצ, סײַ די קונצ; אזוי אויכ: דער שטול און די שטול.

בלוט, די גלאָז (стакан), דאָס גלאָז (שטאָפּ), דער גרונט, דער דאכ, דער דראָט, דער האלדז, דער הוט, דער וואלד, דער ווונק, דער וורשט, דער זאל *, דער זאמד, דער זאפט, דער זאצ, דער זומפּ, דער טאט, דער טאָל, די טוכ *, דאָס יאָר, דער לאמ, די לאָכ *, דער לאצ, דער מאָנ, דער פלאצ, דער פרווו, דער פאכ, דער פאל, די פאס *, דער פוקס, דער פלאקס, דער צוג, דער קאלב, דער קאמ, דער קארב, טיילווײַז — דער קונצ *; דער קלאנג, דער קלאָצ *, דער קנופּ, די ראָד *, דער שאנק, דער שוואמ, דער שוואנ *, דער שטאר *, דער שטאָל, דער שטאָפּ, טיילווײַז — דער שטול *, דער שטראל, דער שטראָמ, דער שלאָס, דער שמערצ, דער שפּאָנ *, דער שפּור *.

דאָס צעטל 6 ווײַזט, אז דער פּאָרמולירטער קלאל איז איז גרונט ריכטיק בלויז פאר e־סובסטאנטיוונ, דערצו ניט דער גאנצער קלאל, נאָר איינ טייל זײַנער („סובסטאנטיוונ, וואָס האָבנ אינ מערצאָל דעמ סופיקס — (ע) נ געהערנ צומ צווייטנ מינ"), אונ דער דאָזיקער טייל איז ניט מער אונ ניט ווייניקער ווי א דירעקטער פויעל־יוצע פונ דער האנאָכע 1 (וועגנ e־סובסטאנטיוונ), ווײַל גראָד e־סובסטאנטיוונ האָבנ דערהויפּט אינ מערצאָל דעמ סופיקס — (ע) נ. אגעוו, פאר e־סובסטאנטיוונ וואָלט דער קלאל געדארפט ארומכאפּנ ניט בלויז די, וואָס האָבנ אלס וואָרצל־וואָקאל א, אָ אָדער ו נאָר אויכ אלע אנדערע, צ. ב.: די בריק, די ביקס, די בריוו, די טרער, די מיל, די קויל, די רער אדג. אָבער אפילע אזא פארברייטערטער קלאל וואָלט ניט געווענ באקוועמער פונ דער האנאָכע 1: אויכ ער וואָלט געפאָדערט מע זאָל קענענ אונטערשיידנ סובסטאנטיוונ, וואָס אינ נה"ד ענדיקנ זיי זיכ מיט e, ווײַל גילטיק איז ער דעריקער פאר e־סובסטאנטיוונ.

מיר זעענ דעריבער ניט קיינ נויטווענדיקײַט אינ דעמ פּאָרמולירטנ פאָנעטיש־מאָרפאָלאָגישנ קלאל.

ס'איז נייטיק צו באגרינדנ אינעמ צעטל 6 דעמ אָנגעגעבענעמ מינ־באנוצ אינ סאָפעק־פאלנ (אויסער די פאלנ, ווענ דער מינ־באנוצ איז שוינ באגרינדעט געוואָרנ פריִער, אינ אנ אנדער צוזאמענהאנג).

דער באנ. אוק — 1, אויכ 2, ל — 1, פּ — 2; זאר — 2, נה'ד — 2, מינד — 1, אויכ 2, בערג — 2. די באנ איז שטארק פארשפּרייט איז אוקר. אונ דאָמינירט אינ ליטוו.־ווײַסר. דיִאלעקט. דעמ ערשטנ מינ איז דאָ, זעט אויס, גוירעמ די אסאָציִאציעס מיט поезд (אויכ אינ יִידיש דער פּאָיעזד) — לויט די האנאָכעס 8, 9.

דער בוכ. אוק — 1, ל — 1, פּ — 3; רייז — 3, זאר — 1, בערג — 1, ש"א (אינ „מאָטל פּייסיס") — 3. ס'איז קלאָר, אז סײַ אינ אוקר, סײַ אינ ליט.־ווײַסר. דיִאלעקט נוצט מענ דעריקער דער בוכ. רייזענ גייט, זעט אויס, ארויס פונ דער האנאָכע, אז מיט ליטע דארפ מענ זיכ דאָ ניט רעכענענ, ווײַל זי ווייסט ניט פונ קיינ דריטנ מינ. אָבער גראָד דאָ, ווו דער אוקר. אונ דער ליט.־ווײַסר. דיִאלעקט זײַנענ קעגנגעשטעלט צומ פּוילישנ, וועלכער שטייט אינעמ מינ־באנוצ נעענטער צו נה"ד, מוז מענ רעגלאמענטירנ דעמ מינ־באנוצ פונ אוקראיִנע אונ ליטע־ווײַסרוסלאנד — דער בוכ. דערפאר קומט נאָכ צו דער מאָטיוו, וואָס בוכ ווערט אופגענומענ אלס א פארגרעסער־נאָמענ (ביכל איז ניט קיינ פארקלענער־נאָמענ) — אנאלאָגיש צו דער קאמ, טיילווײַז — דער הוט.

דער זאל. אוק—2, אויך 1, ל—1, אויך 2, פּ—1; נה״ד—1, מינד—1 און 2, בערג—1, לינ—3(!). דער זאל איז גענוג פארשפרייט אפילע אין אוקר.־דיִאלעקט. אין רוסיש איז אויך зал מער פארשפרייט פון зала און אוואדע שוין פון зало. דער סובסטאנטיוו איז דערצו אן אינטערנאציאָנאליזם, און בײַ אינטערנאציאָנאליזמען ווערט באשטימט אין ייִדיש דער מין לויט דער ענדונג: א קאָנסאָנאנט אין סאָף איז א גענוגער סמאך צו רעגלאמענטירן דעם באנוץ פון ערשטן מין. אין נה״ד איז עס אויך א סובסטאנטיוו פון ערשטן מין. קעגן דער זאל איז דאָ אומעגלעך צו דערווידערן.

די טוך. אוק—2 און 1, ל—2, פּ—3; ביר—3, זאר—1, מינד—1 און 2, נה״ד—3. ס׳קאָנקורירן דאָ אלע דרײַ מינים. דעם דריטן מין דארף מען דאָ אָפּ־ווארפן—אים באנוצט מען ניט אין אוקר. דיִאלעקט, אין ליטוו.־ווײַסרוסישן—אוואדע ניט. בלײַבט אויסוויילן צווישן ערשטן און צווייטן מין. די טוך ווערט גענוצט אין ליטע־ווײַסרוסלאנד און איז שטארק פארשפרייט אין אוקראַיִנע. דער טוך איז פארשפרייט טיילווײַז אין אוקראַיִנע.

די לאָך. אוק.—1 און 2, ל.—2, פּ—3, זעלטענער 1 און 2; ביר—3, ליפ—1, 2 און 3, בערג—2, מינד—1 און 2. דאָס לאָך פאלט אָפּ, ווײַל אזוי רעדט מען בלויז אין פוילן (ווי אין נה״ד), דערצו אויך דאָרט ניט אומעטום. די לאָך ווערט גענוצט אין ליטוו.־ווײַסר. דיִאלעקט און איז גענוג פארשפרייט אויך אין אוקראַיִנישן דיִאלעקט.

די פּאס. ליפ—2, ביר—3, בערג—3, מינד—1, אויך 2. דאָס פּאס פאלט אָפּ, (אזוי רעדט מען ניט אין אוקראַיִנע און ניט אין ווײַסרוסלאנד). לויט אייניקע ידיִעס, איז אין ליטע־ווײַסרוסלאנד פארשפרייט די פּאס, אין אוק־ראַיִנע—אויך.

די קונץ (דער קונץ). די קונץ איז שטארק פארשפרייט אין אוקראַיִנע און דאָמינירט אין פוילן; דער קונץ איז בלויז טיילווײַז פארשפרייט אין אוקראַיִנע, אָבער דאָמינירט דערפאר אין ליטע־ווײַסרוסלאנד.

דער קלאָץ. אוק—1, אויך 2, ל—2, זעלטענער—1, פּ—1; ביר—1, ליפ—1, בערג—1, רייז—1, זאר—2, נה״ד—1. דער אויספיר איז קלאָר.

די ראָד. אוק—2, זעלטן 3 אָדער 1, ל—1 און 2, פּ—3, ביר—3; ליפ—3 אויך 2, ווײַס—3, לינ—2, נה״ד—3. דער ראָד פאלט אָפּ (בלויז טיילווײַז אין ליטוו.־ווײַסר. דיִאלעקט און זעלטן אין אוקר.). דאָס ראָד—אין פוילישן, טיילווײַז אין ליט.־ווײַסר. און זעלטענער אין אוקראַיִנישן דיִאלעקט. די ראָד איז מער פארשפרייט אין אוקראַיִנע (אנקעטע, לינעצקי, אויך ליפשיץ) און טיילווײַז אויך אין ליט.־ווײַסר. דיִאלעקט.

די שאל. אוק—2, זעלטענער 1, ל—1, זעלטענער 2, פּ—1; ביר—2, ליפ—2, מינד—2, בערג—2, ש״א—1, ווײַס—1 און 2. אין סאָוועטישן ייִדיש איז פיל מער פארשפרייט די שאל (אין אוקר., טיילווײַז—אין ליט.־ווײַסר. דיִאלעקט). אפילע אין פוילן ווערט אויך גענוצט טיילווײַז די שאל, אויב ס׳גייט אזוי אָן בירנבוים, פאנאנדערגייענדיק זיך דאָ מיט נה״ד.

די שטול (דער שטול). אוק—2, אויך 1, ל—2 און 1, פּ—2, זעלטענער 1;

ביר — 1, ליפּ — 1, בּערנ — 2, נ״בּ — 1, זאר — 1, וויל — 1, נה״ד — 1, מינד — 1 אונ 2, ווייַס — 2, לינ — 1, פּער — 1. אינ דער אומגאנג־שפּראַכ איז אומעטום מער פּאר־שפּרייט די שטול (кресло) — דאָס ווייַזנ די אנקעטע־מאטעריאלנ אונ דער מינ־בּאנוצ אינ בּערנשטיינס זאמלונג שפּריכווערטער. דערפּאר אָבּער איז אינ ליטעראטור פעסטער אייַנגעוואָרצלט דער שטול.

דער שפּור. אוק — 1, אויכ 2, ל — 1, אויכ 2, פּ — 1, אויכ 2; זאר — 1, מינד — 1. דער שפּור איז מער פארשפּרייט איידער די שפּור.

ו. נעמענ פונ לעבּעדיקע וועזנס.

דער קלאל, אז אינ גרונט אנטשפּרעכט דער גראמאטישער מינ פונ נעמענ פונ לעבּעדיקע וועזנס דעמ בּיִאָלאָגישנ געשלעכט, איז ריכטיק בּלויז פאר לעבּעדיקע וועזנס פונ א גאנצ באשטימטנ געשלעכט, אונ דערבּייַ ניט פאר די אנטשפּרעכיקע פארקלענער־נעמענ, וועלכע זייַנעג שטענדיק פונ דריטנ מינ. צווישנ וואָרצלדיקע זייַנעג עס אזעלכע סובּסטאנטיוונ ווי:

דער אָקס, די גאנדז, דער האָנ, די הונ, דער לאמ, דער קאלבּ, דער שעפּס; אויכ: דער מאנ, דער יונג; טיילווייַז: דער בּער, דער וואָלפ, דער לייבּ, דער פוקס ווענ מע האָט אינזינענ די קעגנשטעלונג צו: די בּעריכע, די וואָלפיכע, די לייבּיכע, די פוקסיכע).

אנ אינטערעסאנטער אויסנאמ איז דאָס ווייַבּ (נאָכ אינ מה״ד das wîp, אינ נה״ד אויכ das Weib). דאָס אנטשפּרעכט די אָנשויונגענ פונעמ מענטשנ אינ א באַ־שטימטער סאָציִאל־עקאָנאָמישער פאָרמאציע, ווענ דאָס ווייַבּ איז באטראכט געוואָרנ אלס זאכ אָדער אלס שוואכע באשעפעניש צוגלייַכ מיט יונגע באלעכאִימ.

אָפט אָבּער קומט אונדז אויס האָבּנ צו טאָנ מיטנ א. ג. עפּיצענישנ מינ (genus epicoenicum), ווענ באמ אָנרופנ דעמ לעבּעדיקנ וועזנ איז ניט באוווּסט דער בּיִאָלאָגישער געשלעכט, אָדער ווענ מיר נעמענ אימ ניט אינ אכט. סובּסטאנטיוונ פונ עפּיצינישנ מינ זייַנענ צווישנ וואָרצלדיקע פאראנ אזוינע:

די בּינ, די גריל, דער העכט, דער האָז, די וואנצ, די טויבּ, די לויז, די מויז, די מילבּ, די מיק, דער פיש, די פלוי, די פליג, דאָס פערד, די פראָש, די קראָ, דער ראָבּ, דאָס רינד, דער שוואנ, די שוואלבּ, דער שטאר, די שלאנג, די שפּינ.

קלאָר, אז בּענעגייע צו epicoenica קאָנ שוינ קיינ רייד ניט זייַנ וועגנ אנט־שפּרעכונג פונעמ גראמאטישנ מינ מיטנ פונ בּיִאָלאָגישנ געשלעכט.

ווי ס׳איז צו זענ, זייַנענ נעמענ פונ אינזעקטנ אלע פונעמ צווייטנ מינ, אויכ די פלוי, האגאמ אינ נה״ד — der Floh (אָבּער אינ מה״ד — diu flô — פונ צווייטנ מינ!)

נעמענ פונ פיש זייַנענ פונעמ ערשטנ מינ (דער פיש, דער העכט) אויסער פאלנ, ווענ די פאָרמע איז גוירעמ דעמ באנוצ פונ אנ אנדער מינ, צ. בּ. די פלאָטיטשקע. די פיש איז א מערצאָל־פאָרמע.

וועגנ אייניקע סאָפעק־פאלנ:

דאָס פערד. אוק. — 3, אויכ 1, ל — 1, פּ — 3, ביר — 3, גינ — 1 (ליטע, ווייַסרוס־לאנד), רייז — 3, ווייַס — 3, אויכ 1.

**די פראָש.** רײַז—1, אויך 2, מינד—1, אויך—2, ליפ—2, פאַר די פראָש רעדט דאָ די האַנאָכע 9 (אַן אַסאָציִאַציע מיטן מער פאַרשפּרייטן דובלעט די זשאַבע).

**דער שוואַן.** אין דער אומגאַנג־שפּראַך—זעלטן געניצט. קיין סמאַך פאַר אָפּ־ווײַכונגען פונעם מין־באַנוץ אין נה״ד איז דאָ ניטאָ.

**דער שטאַר.** זע די באַמערקונג צו **דער שוואַן.**

ספּעציִעל דאַרף מען פאַרצייכענען: **דאָס קינד, דער מענטש.**

**ז. אַנדערע וואָרצלדיקע טעמעס.**

פאַר די איבעריקע וואָרצלדיקע טעמעס איז שווער אויסצוגעפינען אַוועלכע ניט איז געזעצמעסיקייט. ס׳בלײַבט דעריבער צו רעגלאַמענטירן זייער מין אינדיווידועל פאַר יעדן סובסטאַנטיוו.

## צעטל 7. אַנדערע וואָרצלדיקע סובסטאַנטיוון.

פונעם ערשטן מין:

באַרג, בויך, בוים, ביין, ברוק, בריוו, הויפּ, וועג, זאַק, טאָג, טאָפּ, טוץ*), טײַך, יאָך, מאַרק, נוס*, פעלד, צאָן, צוועק, ציל, קאָפּ*, קאַרב, קנאָפּ, קרוג, ראָק, רינג* שאָד, שויס, שטיין, שטעג, שטערן (אין הימל).

פונעם צווייטן מין:

באַנק (מעבל), באָרד*, האַלב, האָר, היים, טיר, ליד*, נעץ, פאָר, פרײַז*, פײַל, (стрела), פעל, קריג*, רייפ*, רעם, שווערד, שטיק*, שפּיז*, שילד*, שיפ.

פונעם דריטן מין:

אויג, איי, הויז (מערצאָל—הײַזער), העמד, לײַב, מאָל, מויל*, פעלד, רײַך*.

מיט אַ צווייענדיקן מין־באַנוץ:

**דער** (די) פּוס*, **דער** (די) באַנק* (פינאַנצ.), דער (די) בריוו*.

אונדז בלײַבט מאָטיווירן דעם מין אין אייניקע סאָפּעק־פאַלן.

**דער באַנק** (**די באַנק**) (פינאַנצ.). מינד—1 און 2, אין צײַטונגען—1 און 2, נה׳ד—2, נה״ד דיפערענצירט ניט באַם מין־באַנוץ **באַנק** (מעבל) און **באַנק** (פי־נאַנצ.). זייער ווארשײַנלעך איז, אַז דער צווייטער שטאַמט פונעם ערשטן (פרג. אין רוסיש меняльная лавка), האַגאַם דעם צווייטן סובסטאַנטיוו רעכנט מען איצט פאַר אַן אינטערנאַציִאָנאַליזם פון איטאַליעניש‌ער אָפּשטאַמונג. דירעקט האָט דער טערמין געמעגט קומען פון איטאַליעניש אַלס אינטערנאַציִאָנאַליזם, אין ייִדיש איז, לויט מײַן מיינונג, פאַראַן אַ סמאַך צו דיפערענצירן: **די באַנק** (מעבל) און **דער באַנק** (פינאַנצ.). די מאָטיוון זײַנען אַזעלכע: 1) **באַנק** (פינאַנצ.) איז אַן אינטערנאַציִאָ־נאַליזם מיט אַ קאָנסאָנאַנטישער ענדונג, 2) אין רוסיש איז אויך банк (האַנאָכע 7—פרג. מיט **פראַכט**), 3) אין ייִדיש איז, ווי געזאָגט, שטאַרקער די טענדענץ צו די־פערענצירן דעם מין־באַנוץ לויטן באַטײַט, 4) דער פּאַקטישער געברויך איז גענוג

וואקלדיק און ער קאָנ ניט זײַנ קײנ שטערונג צו רעגלאמענטירנ דער באנק אפּנ סמאכ פונ די אָנגעװײזענע טײַמימ.

די באָרד. ביר—2, ליפּ—2, בערנ—2, אינ אַלטײִדישע מאַטעריאַלנ—1 [1]). װיל—2, נה"ד—1.

דער בריװ (די בריװ). אוק—2, אויכ 1, ל—2, אויכ 1, פּ—1; ליפּ—1, אויכ 2, בערנ—1, רײז—2, זאר—2, בערג—1, מינד—1 און 2, אינ אַלטײִדישע מאטעריאַלנ—בלויז 1 (אינ 6 ערטער)[2]). נה"ד—1. אינ אוקר. דיִאַלעקט איז דער בריװ פאַר־שפּרײט ניט װײניקער װי די בריװ (ליפשיצ, בערגעלסאָנ, טײלװײַז די אנקעטע־מאטעריאַלנ), אינ ליט.־װײַסר. דיִאַלעקט איז אויכ גענוג פארשפּרײט דער בריװ. אינ פּױלישנ דיִאַלעקט װערט גענוצט בלויז דער בריװ. אינ ראטנפאַרבאַנד איז דאָכ מער פארשפּרײט די בריװ (לויט די געבראכטע אָנגאַבנ). דעריבער דארפ מענ דאָ דערלאָזנ א צװײיענדיקנ מינבאנוצ.

דער טוצ. מינד—1, ביר—3, ליפּ—3. פאר דער טוצ זײַנעג דאָ פאָלגנ־דיקע מאָטיװונ: 1) דאָס טוצ װאָלט מענ געדארפט אָנעמענ בלויז דאנ, װענ אזוי זאָל מענ נוצנ סײַ אינ אוקר, סײַ אינ פּױלישנ דיִאַלעקט. אינ פּױלישנ איז עס אזוי (בירנבוימ, אינ נה"ד — das Duzend). אינ אוקראַיִנישנ איז, װי דאָס װײַזט א מינדלעכער אויספרעג, פיל מער פארשפּרײט דער טוצ; ליפשיצ גיט דאָ אָנ דאָס טוצ דײַטשמעריש, װײַל אינ דער אומגאנג־שפּראכ נוצט מענ בא טוצ זײער זעלטנ מיטשטימענדיקע װערטער (אדיעקטיװנ, באשטימיקנ ארטיקל). און אויב אזוי מוז מענ נעמענ אינ אכט אויכ דעמ ליטװיש־װײַסרוסישנ דיִאַלעקט. 2) טוצ איז אינ דײַטש א ראָמאניזמ, נאָענט צו אנ אינטערנאציִאנאַליזמ (אינ סלאַװישע שפּראכנ — געענדערט בלויז פאָנעטיש). די קאָנסאָנאנטישע ענדונג מוז דאָ דעריבער װירקנ.

די ליד. אוק—2, ל—2, פּ—3, אויכ 2; ביר—3, ליפּ—2, בערנ—3, גינ—3, אויכ 2 (אוקראַיִנע), רײז—3, זאר—2. די ליד װערט אמערסטנ גענוצט אינ אוקראַיִנישנ און אינ ליט.־װײַסר. דיִאַלעקט און איז גענוג פארשפּרײט אפילע אינ פּױלישנ (האגאמ אינ נה"ד איז das Lied).

דאָס מויל. אוק—3, ל—1, פּ—3; ביר—3, ליפּ—3, בערנ—3, װײַס—3, מענד—2 (זעט אויס, אונטער דער װירקונג פונעמ ליטװיש־װײַסרוסישנ דיִאַלעקט).

דער נוס. אוק—2 און 1, ל—1, פּ—2; ביר—2, ליפּ—1, רײז—1, זאר—1, מינד—1, נה"ד—2. ס'איז קלאָר, אז רעגלאמענטירנ מוז מענ דאָ דער נוס, נאָכ־מער, װענ דער דאָזיקער סובסטאנטיװ װערט אויפגענומענ אלס פארגרעסער־נאָמענ.

די פרײַז. אוק—2, ל—2, אויכ 1, פּ—1, אויכ 2; ביר—1, ליפּ—2, רײז—1, מינד—2. די פרײַז איז פארשפּרײט אינ גאנצ אוקראַיִנע (בא ליפשיצנ אויכ די פרײַז), אינ דער מערהײַט ליטע־װײַסרוסלאנד און טײלװײַז אויכ אינ פּױלנ. דערצו קומט נאָכ צו די האנאָכע 8 (אסאָציִאציע מיט די סלאַװישע אדעקװאטנ).

דער פּוס. אוק—1, אויכ 2, ל—2, פּ—1; ביר—1, ליפּ—1, בערנ—1, גינ—2

---

[1]) א. שו"ת מהר"ם מלובלין (שו"ת־זאמלונג „מנהיר עיני חכמים", 1618, װענעציע (...אוני איין יהודי מפּרילו'ק... האט איין שװארצין באָרד...) ב. שו"ת ב"ח החדשות—1785, קאָרעצ (...אוני דער אנדיר האָט איין שװארצין באָרד געהאט...).

[2]) 4—אינ די פּראָגער בריװ, 2—אינ שײַלעס־טשוװעס.

(ליטע), רייז—1, זאר—1, וויל—1, ווײַס—1, בערג—1 און 2, ש״א—1 און 2, נה״ד—1.

דער קאָפּ. אוק—1, אויכ 2, ל—2, אויכ 1, פּ—1; ביר—1, ליפּ—1, גינ—1 און 2 (ליטע, ווײַסרוסלאנד), רייז—1, אינ אלטײִדישע מאטעריאלנ—1 (אינ 5 ערטער)[1], בלויז אינ איינ אָרט—2[2]), ווײַס—1, בערג—1, ש״א—1, אויכ 2, נה״ד—1. קלאָר: דער קאָפּ.

די קריג (מילכאָמע). אוק—2, ל—2, פּ—2, אויכ—1; ביר—1, ליפּ—1 (מיל־כאָמע) און 2 (מאכלויקעס), רייז—2, זאר—1, מינד—1 און 2. בלויז ליפּשיצ דיפע־רענצירט: די קריג (מאכלויקעס) און דער קריג (מילכאָמע); די אומגאנג־שפּראכ פלעג נוצנ בלויז מילכאָמע, ניט קריג; קריג האָט אויסגעזענ דײַטש־מעריש און דעריבער גיט אָנ ליפּשיצ דעמ ערשטנ מינ (ווי אינ נה״ד). די אנקעטע־מאטעריאלנ דערווײַזנ אָבער, אז אויכ פאר קריג אינעמ באטײַט מילכאָמע ווערט אומעטום אָנגעגעבנ דער צווייטער מינ. און אינדערעמעסנ, ס׳איז שווער צו דיפע־רענצירנ לויטנ מינ־באנוצ אָט די צוויי באטײַטנ פונעמ וואָרט קריג, ווײַל אינ טאָכ זײַנענ זיי זייער נאָענט צווישנ זיכ.

דער רינג. גינ—(ליטע), רייז—1, נה״ד—1, מינ—1.

די רײפּ. אוק—2, ל—1, אויכ 2, פּ—2, ליפּ—2, זאר—1. קלאָר, אז אויב אפילע פוילנ גייט זיכ פאנאנדער מיט נה״ד און נוצט די רײפּ, דארפ מענ אזוי רעגלאמענטירנ (ווי אינ אוקראַינע, פוילנ און א טייל ליטע־ווײַסרוסלאנד).

דאָס רײַכ. אינ ײִדיש ניט פארשפּרייט, אינ אלט־ײִדישע מאטעריאלנ—3[3]). אינ אזעלכע פאלנ איז ניטאָ קיינ סמאכ אָפּצוווײַכנ פונעמ מינ־באנוצ אינ נה״ד.

דער שויס. ביר—2, ליפּ—1, רייז—1, פער—2, ווײַס—2, מינד—1 און 2; נה״ד—1. רייזענ האָט, זעט אויס, אינ זינענ דעמ מינ־באנוצ אינ ליטע־ווײַסרוסלאנד, אינ אוקראַינע אויכ דערהויפּט דער שויס.

די שטיק. אוק—2, זעלטנ 1 אָדער 3, ל—2, זעלטענער 1, פּ—3; ביר—3, ליפּ—3, בערנ—3, גינ—1 (ווײַסרוסלאנד), 2 (גראָדנע), רייז—3, לויט רייזענס—3 אינ פוילנ און אינ אוקראַינע, נה״ד—3, מינד—1 און 2. דער שטיק פאלט אָפּ. דאָס שטיק איז ווייניק פארשפּרייט אינ אוקראַינע (לויט די אנקעטע־מאטעריאלנ), וועגנ ליטע־ווײַסרוסלאנד איז שוינ אָפּגערעדט. אינ סאָוועטישנ ײִדיש איז פיל מער פאר־שפּרייט די שטיק (דער גרעסטער טייל אוקראַינע און ליטע־ווײַסרוסלאנד).

די שילד. ביר—2, ליפּ—2, מינד 1 און 2, נה״ד—3. אפילע בירנבוימ ווײַכט דאָ אָפּ פונעמ מינ־באנוצ אינ נה״ד און גיט אָנ באגלײַכ מיט ליפּשיצנ די שילד. דארפ אזוי בלײַבנ.

די שפּיז. אוק—2, ל—1, אויכ 2, פּ—2, אויכ 1, ביר—2, ליפּ—2, רייז—2, פער—2, נה״ד—1.

מיר האָבנ פארענדיקט מיט וואָרצלדיקע סובסטאנטיוונ. די געבראכטע צעטלענ קאָנענ דינענ איינצײַטיק אלס פּראָעקט פאר רעגלאמענטירנ דעמ מינ פונ אלע אזעלכע

---

[1]) 3—אינ שײַלעס־טשוּוועסנ און 2—אינ די פּראָגער בריוו.

[2]) אינ שו״ת „גבורת אנשים״, פונ ר׳ מאיר כ״ץ (דעסוי, 1697).

[3]) שמואל־בוכ (און׳ וערשטו צו מיר קומן אין דש הימיל רייך).

סובסטאנטיוון. די פאָרמולירטע האנאָכעס קאָנען זײַן א באזע פאר קלאָלימ וועגן מינ, האגאמ בענעגייע צו וואָרצלדיקע סובסטאנטיוונ קאָנען קלאָלימ ווייניק וואָס געבן, דאָ איז נייטיק בלויז א זוכצעטל, לויט וועלכן מע זאָל קאָנען געפינען אינ סאָפעק־פאלן דעמ מינ פונ יעדן סובסטאנטיוו באזונדער. אונדז האָבן די האנאָכעס געדינט בלויז אפ ארײַנטראָגנ וועלכע ניט איז אָרדענונג אינ דער דערלערנונג פונ זייער מינ. די האנאָכעס האָבן אויכ מיטגעהאָלפן צו באגרינדן דעמ פאָרגעלייגטן מינ־באנוצ אינ פארשיידענע פאלן. מיר זײַנען דעריבער ניט אָנגעקומען צו קיין אנ־דערע האנאָכעס אָדער קלאָלימ, וועלכע האָבן אונדז דאָ ניט געקאָנט דינען פאר רעגלאמענטיר־צילן. מיר האָבן פארשוויגן, צ. ב. דעמ קלאל, אז וואָרצלדיקע סוב־סטאנטיוון, וואָס זײַנען אויסגעבילדעט פונ אדיעקטיוו, אזעלכע ווי ג ר יי ס, ל ע נ ג, ה יי כ אדג. זײַנען פונ צווייטן מינ, ווײַל קיין סאָפעק־פאלן האָבן מיר דאָ ניט.

קלאָלימ וועגן מינ פונ סובסטאנטיוון וועלן מיר ברענגען אינ סאָפ פונ אונדזער ארבעט וועגן מינ, נאָכדעמ, ווי מיר וועלן האָבן באהאנדלט אויכ דעמ מינ פונ אלע אנדערע סובסטאנטיוון.

---

ר. לערנער

# צו דער געשיכטע פון דער ליטעראַרישער שפּראַך אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט

(די שפּראַך פון כ. הורוויצעס „צאָפנאַס פאַנייאַך")

סאָף 18־טער אָנהייב 19־טער יאָרהונדערט קומט אויף אפּ דער באַזע פון דער גערעדטער מאַסן־שפּראַך אַ נײַע וועלטלעך־אויפקלערערישע ליטעראַטור אין ייִדיש.

דער אַלטער רעליגיעז־מוסערדיקער ספרים־אינווענטאַר און זײַן שפּראַך־קאַנאָן האָט געשטאַמט פון די גווירים־באַלעבאַטישע און קלעריקאַלע שיכטן. די דאָזיקע שיכטן, צוזאַמען מיט דער קאָהאָלש־ראַבאָנישער אָליגאַרכיע, האָבן עקספּלואַטירט די ייִדישע מאַסע און מיט זייער עקאָנאָמישער מאַכט, מיט זייער ברייטער דייע אין קאָהאָל און אין די וואַאַדן האָבן זיי זי געהאַלטן אין האַכנאָע פאַר גאָט און ייִדישקײַט. די אָפּיציעלע מאַכט האָט געשטיצט די דאָזיקע אָליגאַרכיע, וואָס האָט פאַר דער מאַסע געשאַפן אַ רעליגיעז־מוסערדיקע ליטעראַטור און האָט פאַר איר געפלאַנצט ייִדישקײַט אין כיידער, אין דער יעשיווע, אין בעסמעדרעש.

פאָלגנדיקער אויסצוג פון „עץ חיים" (קיצור שני לוחות הברית) קאָן סײַ לויטן אינהאַלט, סײַ לויט דער שפּראַך דינען אַלס מוסטער פון דער דערמאָנטער ליטעראַטור אין יענעם פּעריאָד:

„אונזרי חכמים שרײַבן דו זאָלשט ניט פיל שמועות מאַכן מיט דײַן אייגנן ווייב און מכל שכן מיט איין פרעמד ווײַב פשיטא ניט... ווי גשריאַן אויף די זעלביגי לייט וואָש גיאַן מיט פרעמדי ווײַבר טאַנצן זי זענן בעונותינו הרבים עובר אויף פיל עבירות מן טאָר דאָך אפי׳ קיינ געלט ציילין אין איין פרעמדה אשה איר הנט אריין דען פיללייכט ווערט ער ערנצט אויף איר זעהן דאָ איז ער ניט פטור פון דש גיהנם ווען גלײַך ער ווער איין גרושר למדן און הט פיל מעשים טובי׳ גטן פר לירט אל זיין שכר דר דורך אונ געלט ציילין איז דאָך איין קליינע זאַך זעהט וויא אונזרי תורה וויל עש ניט ליידן צו טאָן מיט איין פרעמדי אשה מכ״ש ווען ער זי אָן ריר׳ אונ׳ טאַנצט מיט איר דענשט מאָל שפרינגט דער שטן אונ טנצט מיט זי דען דענש׳ מאָל ווען זי טאַנצן מיט אננדר זעהן זי זיך מיט איין לושטיג גישטאַלט אן ובפר׳ ווען זי אין היפשי קליידר גין אונ זענן רויט אויף אירן פני׳ דעש׳ גלײַכן ווען איינר

טנצט מיט מיידן אבר ווען איינר מיט איין כלה אויף איין חתנה לשם מצוה טנצט זאָל ער זי דאָך ניט אן רירן מיט זייני בלוסי הנט נייארט דורך איין טיכל"[1]).

די מאסע איז געווען אסאך פרייַגייַסטיקער — האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט לעבן מיטן פרומען סייפער און האָט זיך געצויגן צו דער „וואָכעדיק"־וועלטלעכער ליטעראטור. די גוויריש־לאמדישע שיכטן האָבן געקעמפט קעגן דעם. נאָך סאָף 18־טער יאָרהונדערט געפינען מיר אין דעמזעלבן „עץ חיים":

„די לייט וואָש וואָנין אין ישובים אובר הבן צו קיינם צו גין צו הערן לערנן אזו זאָלן זיא צום וויניגשטן לייאנין אין טייטשי ספרים די דאָ שרייבן פון יראה אָבר ניט איסטאריאה ביכר צו לייאנן וואש אייטל הבל שרייבט האט מן נאָך איין עבירה ווען מן זי לייאנט".

ס'איז געווען א ראבאָנישע צענזור (האסקאָמעס), און מע האָט פּאָשעט ניט דורכגעלאָזט קיין וועלטלעכע ביכל. ס'איז, אשטייגער, באוווסט, אז אקסנפעלד האָט 20 יאָר געקעמפט מע זאָל דרוקן זייַנע ווערק און האָט עס ניט געפּויעלט. אפ „צפנת פענח" איז אויך געווען די „האסקאָמע" פונעם זעלווער מאגיד.

די נייַע שפראך האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער נייַער וועלטלעכער ליטעראטור: 1790 — ד"ר מארקוזעס „ספר הרפואות"; 1813 — ריקצוק דער פראנצויזן"; 1817 — כ. הורוויצעס — „צפנת פענח" (געווען פארטיק שוין עפשער אין 1810) א. אנד. אפילע מענדל לעפינס „קוהלת" (געווען פארטיק שוין אין 1789 אָבער געדרוקט אין 1873) און „משלי" (1814) איז שוין געווען ניט די אייגנטלעכע„געטלעכע" מוסער־ און „צאינה וראינה"־ליטעראטור, וואָס פריִער. זי האָט שוין געהאט אן אנדער אייַנשטעל־ לונג און איז געווען בעפיירעש קעגן דעם גייַסט און דער טראדיציע פון די אלט־ פרענקישע מוסער־ספאָרימ מיט זייער „דראש", ניסימ, אוילעמהאבע א. ד. גל.

ניט קיין אלציינע איז דאָ אין יענעם פעריִאָד געווען סייַ די שטעלונג צו יִדיש, סייַ די שפראך גופע פון דער דאָזיקער ליטעראטור. פאר מארקוזען, אשטייגער, איז קלאָר, אז ער מוז שרייַבן אין דער פאָלקשפראך, קעדיי צו דערגרייכן דעם ציל:

„ווי בלייַבט אָבר מיט זייער פראָג וואָס גאנצע חברותות וועלין פראגין: פאר וואָס האָב איך מיין ספר גישריבן אויף פולש טייטש אונד ניט אוף לשון קודש: איך ווייס עס וועלין זיך זייער וויניג גפינדין: וואָס מיך פר ענטפרין וועלין קענן: בין איך גינייט אליין מיך צו פר ענטפרין: איך זאָג איך האָב גימוזט שרייבין אויף טייטש: וואָרים איך וויל מיט מיין ספר מציל זייַן כמה אלפים מענשין".

אין דער זעלבער צייַט ווערט אָבער זייַן עצעם באציִונג צו דער דאָזיקער שפראך קלאָר פון אזא אויסצוג, אשטייגער:

„אין ריין טייטש לשון האָב איך פיל מאָהל גיוועלט שרייבן, וואלט מיך דער עולם ניט דער למדן אונד ניט דער פראסטאק פאר שטאנדן: איך האָב זאָ לאנג גימוסט ווארטין: ביז איך האָב מיר קאליע גימאכט מיין לשון: אונד האָב גילערנט שלעכט טייַטש צו ריידן: וויא איהר רעט

---

[1]) „עץ חיים" אוסטרהא 1814, ז. כ. II-a.

פאלש... איך שעם מיך אונד מוז אויס מיר זעלביר לאכין ווי פאלש מיר ריידין... נאָך מער שעם איך מיך ווען איך מוז מענכיס מאהל פאר דארבן איין וואָרט לשון קודש אונד האלב לשון קודש אונד האלב אידעש... פון לומדים בעט איך מחילה מאה פעמים: ווען איך איין מאָל איין וואָרט צורייס פון לשון הקדוש גימישט מיט שלעכט טייטש בני אשכנז ווען זייא אמאָל זעהן מיין ספר: ניט זייא ווערין מיך פאר שטיין: אונד לאחין וועלין זייא דאָך[1]:

דאָס איז די שטעלונג צו דער שפּראַך. און זײַן שפּראַך גופא האָט נאָך טאקע גענוג עלעמענטן פונעם ארכאַישן שפּראַך־קאַנאָן. באַנאַנד מיטן „פּויליש־טײַטש", מיט מאסנטימלעכער אידיאָמאטיק און מיט אומגאַנגלעכע סלאַוויזמען איז די שפּראַך דורכ־גענומען מיטן פרום־ייִדישלעכן „רבותי אחינו בית ישראל, ח״ו (כאַסוועשאָלעם), „אהובי רבותי" א.ד.גל., מיט גאַנצע שטעלן העברעיִש. ס'איז דאָ נאָך אויך שטאַרק אָנ־זיכטיק דער שיכט דײַטשמעריזמען, ווי אויך דער נה״ד זאַצבוי.

די באַציִונג צו ייִדיש ווי צו אַ פאַרדאָרבן דײַטש טרעפן מיר אויך שפּעטער באַם העברעיִש־מאַסקילישן שרײַבער מ. א. גינצבורג אין דער האַקדאָמע צו זײַן העברעיִשער איבערזעצונג פונעם זעלביקן ווערק קאַמפּעס: „העברעיִש איז דאָס איינ־ציקע שײַנדל... און נאָך וואָס זאָל מען זען אַזוינע טײַערע געשעענישן „אין די שמוציקע קליידער, וואָס ס'האָט אַף זיי אָנגעטאָן דער דרוקער פון וואָלינ"[2]). און ווען ניט די „האַסקאָמע" פון אַבֿרהם אַבלי צום זעלביקן ווערק, וואָלט ניט פאַר־שטענדלעך געווען, וואָס האָט געשטויסן מ. א. גינצבורגן אָנצוטאָן זײַן „מסע קאָ־לאָמבוס" אין די זעלביקע „שמוציקע קליידער". נאָר אַבֿרהם אַבלי זאָגט צום סאָף פון דער האַסקאָמע:

„והנה אחרי אשר החכם הנ׳ל הוא דובר צחות ודבש וחלב תחת לשונו למשוך בקסת הסופר בכתב אשורית הנ׳ל לזאת יתאוו מטעמותיו, ולמען היות שכר לפעולתו העתיקו גם ללשון אשכנז הנהוג בבני עמינו למען יתענגו בו גם ההדיוטים והנשים[3]).

פונדאַנען ווערט אויך קלאָר, ווי פאַלש ס'איז ז. רייזענס באַהויפּטונג, ווען ער זאָגט נאָך אַ „שוואַכ" מ. א. גינצבורגן „וואָס אין דער צײַט, ווען די ייִדישע שפּראַך איז אַזוי געווען פאַרהאַסט בײַ די מאַסקילים און די ליטעראַרישע טעטיקײַט אין איר מיצאַד דער ייִדישער אינטעליגענץ איז געווען גלײַך נול, האָט ער (ד. ה. מ. א. גינצבורג) דאָך זי ניט פאַראַכט און האָט זי באַנוצט אַלס מיטל אויפצוקלערן דאָס פאָלק"[4]) . די האַסקאָמע פון ר׳ אַבֿרהם אַבלי זאָגט עפּעס אַנדערש. ער רעדט וועגן

---

[1]) פון דער ערשטער „האַקדאָמע".

[2]) „בהבגדים הצואים אשר הלביש אותם המדפיס מוואלין".

[3]) און נאָכדעם, ווי דער אויבנדערמאָנטער קענער רעדט גלאַט און פּערל שיטן זיך פון זײַן מויל בײַס ער שרײַבט אין העברעיִש, וואָס דאָס איז זײַן גוסט. און קעדיי האָבן אַ לוין פאַר זײַן אַרבעט, האָט ער עס איבערגעזעצט אויך אַף אַ געוויינלעכן ייִדיש־טײַטש, קעדיי ס'זאָלן דערפון האַנאָע האָבן אויך די פּראָסטאַקעס און די ווײַבער.

[4]) ז. רייזען „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע", 1923, ז. 217.

„שכר לפעולתו" און נאָכ „סכאר" האָט מען געדארפט אָנקומען דאפקע צו די „הדיוטים", ד. ה., צום פאָלק, וואָס האָט, ווײַזט אויס, גערנער געלייענט כ. הורוויצעס „צפנת פענח" איידער די העברעיִישע איבערזעצונג גינצבורגס. עמעס, אינ דער פאָררעדע צו דער יִדישער איבערזעצונג שרײַבט גינצבורג, אז ער האָט עס געמאכט בעסער איידער אנדערע (אויכ געמיינט כ. הורוויצעס איבערזעצונג):

„דיזע איבערזעצונג דער אנטדעקונג פאָן (אמעריקא) האָב איך פאָן מיינע עברעאישע איבערזעצונג אויף א ריינען אידיש־דייטש איבער גישריבין אהן דעם מיש מאש פאָן לשון קודשע, פויילישע, רוסישע, טערקישע ווערטער, וואָס מאן זונסט אין דער אידישין שפראך צו זאמען מישט".

דאָ איז געמיינט די שפראכ פונ כ. הורוויצעס „צפנת פענח", וואָס איז גראָד אינ גרונט א פאָלקסטימלעכע אונ א געגוג ריינע.

צום בעסטנ קענ דאָס אונדז באווײַזנ אנ אנטקעגנשטעלונג פונ צוויי אלציינע טעקסטנ:

„צפנת פענח"

„און דאָס דריטע שיפיל אין וועליכין קאָלאָמבאָסיס זאכין זענין געלאָדין גיוועןְ, פון זײַן פאר מעגין, וואָס אין סאנט דאמינגא איז גיוועןְ, האָט דער גאָבערנעהר דאָס אמיסנע אוף גילאדין אוף א שלעכטער שיף, דאָס איז גראָד גבליבן, און איז גליקליך אוועק גיגאנגין ביז קיין שפאניע, אז זייא האָבין די פלאָט פון סאנט דאמינגא אויס גירעכט, האָבין זייא מיט כוונה גילאָזט קאָלאָמבאָסיס זאכין, אוף לאדין אוף דעם ערגסטין שיפיל, און השם יתברך האָט בהשגחה זיינס מציל גיוועןְ, אובר נארישע מענטשין האָבין גיזאָגט, אז מען זעהט דאָ אָן אז קאָלאָמבאס איז גיוועןְ א מכשף, און דאָס איז אלץ דורך כישוף גיטאָן גיוואָרין, עס איז אובר שקר". לט' Ib.

די אנטדעקונג פאָן אמעריקא

נור דרייא שיפן זינד פאָן דיא גאנצע פלאָטע גיבליבין. צווייא זינד שאדהאפט גיוואָרדין און האָבן זיך אוהם גיקערט נאָך היספאניאָלע, אונ דיא דריטע וואָס איז באלאָדן גיוועזן מיט קלומבוס נאָך געלאָזענעם פר מעגן האָט קיין שאָדן גיליטין און איז גאנצר הייט אוועק נאָך שפאניען, אָב גלייך אפאנדא האָט נאָר דריבער קאָלומבוס פר מעגן אוף איהר גילאדן וויל זיא וואָר דיא ערגשטע שיף פאָן אלע, די דומע שפאניער האָבן דריבער גיזאָגט דאָס קאלומבוס איז איין צויבערער (מכשף) דער דעם שטורים דורך טייפלין גימאכט האָט זיינע פיינד אומ צו בריינגען" (] ,60 ,61).

מ. א. גינצבורג איז אליינ ניט זיכער אינ זײַנ „ריינענ יִדיש־דײַטש". ער פילט, אז די דײַטשמעריזמענ זײַנענ ניט נאטירלעכ אונ אומפארשטענדלעכ אונ ער טײַטשט זיי אויס מיטנ אומגאנגלעכנ יִדישנ, העברעיִישנ אונ סלאווישנ וואָרט:

„צווירן (פאָדים)", „בוים וואָל (באוויל)"; וויהערין (הירזען)"; „טהירן (חיות)"; „שווייניך (חזירים)"; שטים (קול)"; „רעטין (ראטעווען)"; „לעווע

ליב)" ; „שוה (שיך)" ; „זע (עזערע)" ; „מער (ים)" ; „שוויין הירט (חזירים פאסטוך)" גנבע (גאָב, מתּנה)" א. אז. וו.

מען מיר נאָכ א ווערק פונעם זעלביקן פעריאָד, — „דער ריקצוק דער פראנ־צויזן" (ווילנע, 1813), טרעפן מיר דאָ אויכ דעם געמיש פון יידיש מיט דײַטשמע־ריש סײַ אינ לעקסיק, סײַ אינ פאָרמעס און אינ דער וואָרטשטעלונג. מיר טרעפן דאָ:

„ריקצוק" און „צוריק גאנג" ; „זיין (נאפּאָליאָנס) שם" און „נאפּאָליאָן זיין גרושר נאָמן" („סאָלדאט" און „בעלי מלחמות"; „מער אלש" און „מער ווי" ; „צוריק גאנג דר פראנצויזן" און „צוריק גאנג פון די פראנצויזן" ; „וואר" און „איז געווען" ; „ווערט" (ווען דש שון זיין ווערט זאָגט נאפּאָליאָן) און „וועט" („ער וועט גוויש ונאָרט האלטן", „ער וועט זייא נאָך (מאָסקווא) פירן") ; „נאפּאָליאָן האָט עפנטליך ער קלערט דש רוסלאנד אלי טאָג נעהנטער צו זייער אומגליק איזט" און... „איז אויך גיזאָגט גיוואָרן..., אז דער קיניג..."

אינ גרונט פארמאָגט שוינ אָבער אויכ די דאָזיקע ליטעראטור דעם פרײַערנ זאצ־בוי, די מאסנטימלעכע רייד, דעם אומגאנגלעכנ סלאוויזמ א. ד. גל. כ. הורוויצעס „צפנת פענח" האָט שטיפּ געהאלטנ פארנ „אָנהויב און מוסטער" אינ דעם פראט:

„פאר קולטורפייק (שפּאצירט בא נ. שטיפּ) באווײַזט זיכ דאָס פאָלק־סטימלעכע יידיש, ספּעציעל דאָס אוקראַינישע יידיש, צום ערשטנ מאָל אינ כ. הורוויצעס איבערזעצונג. צום ערשטנ מאָל איז דאָ די גערעדטע שפראכ גענומענ פאר א באזע, — קאָנסעקווענט אינ א גרויסנ פארנעמ — אינ א וועלטלעכ־באלערנדיקנ בוכ, וואָס איז פּאָפּולער געווענ אפּ איי־ראָפּעישע שפראכנ, אינ א בוכ, וואָס האָט ארײַנגעבראכט אינ די יידישע מאסנ נײַע אייראָפּעישע בירגערלעכע קולטור און האָט יענע צײַט געקענט א וועג ווײַזנ דער יידישער ליטעראטור"[1]).

וואָס אנבאלאנגט דער אָנהייבלעכקײַט פון „צפנת פענח", וואָלט עפשער געדארפט זײַנ א רייד פון א גאנצער ריי אָנפאנגלעכע אויסגאבנ, וואָס אלע צוזאמענ שאפנ זיי דעם סטיל און די שריפט־שפראכ פון דער דערמאָנטער עפּאָכע. ס'איז אָבער א פאקט, אז „צפנת פענח" איז, ווײַזט אויס, געווענ דאָס פּאָפּולערסטע בוכ צו יענער צײַט. אָט וואָס גאָטלאָבער דערציילט [2]):

„דאָס סייפער איז אזוי שטארק פארברייטערט געוואָרנ, אז קימאט אלע יידנ האָבנ עס געלעזנ; פון ווײַבער האָט מענ ניט וואָס צו ריידנ: זיי האָבנ פארבויגנ דעם „צענע אורענע" מיט די טכינעס, אפילע די „באָבע־מײַסע" און מע האָט נאָר געלייענט דעם „קאָלומבוס" [3]).

און אויב דאָס איז אזוי געווענ, איז עס ניט נאָר אדאנק דעם וועלטלעכנ אינ־האלט פונעם דאָזיקנ ווערק, נאָר אינ א גרויסער מאָס אויכ אדאנק דער שפראכ.

„דער „קאָלומבוס", — שרײַבט גאָטלאָבער, — איז אזוי ריינ געשריבנ, אז מענ קאָנ אימ לייענענ און פארשטיינ אומעטום אינ רוסלאנד, פוילנ, גאליציענ, רו־מעניענ, און אינ יעדנ אָרט, ווו יידנ געפינענ זיכ"[4]).

---

1) „אפנ שפראכפראָנט", 1932, נומ. 2—3. שפּ. 7.

2) גאָטלאָבער רופט עס „קאָלאָובוס". מעגלעכ, אז אינ פאָלק האָט עס אזוי געהייסנ.

3) א. ב. גאָטלאָבער: „זיכרוינעס", „די יודישע פאָלקסביבליאָטעק", 1888, ב. 1, ז. 255.

4) דער זעלבער, דאָרטנ.

און אָט דעם דאָזיקן „ריין־געשריבענעם" יִדיש פון הורוויצעס „צאָפנאס פאַ־ נייאַכ" איז טאַקע קעדײַ געניַיער און ברייטער צו באהאנדלען.

---

## איינִיקע ביבליִאָגראַפישע אָנמערקונגען

1. כײַקל הורוויצעס „צאָפנאס פאנייאַכ" („צפנת פענח") איז שוין לאנג א ביב־ לִיאָגראַפישע זעלטנהײַט. דער עקזעמפּליאַר, וואָס ס'פאַרמאָגט דער קאבינעט פאר יִדישער קולטור בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוססר, איז א דעפעקטער,— אָן א שארבלאט. ז. רייזען גיט אָן דעם טיטל [1]) : ספר צפנת פענח ; דער איבערזעצער איז אָנגעוויזן אפן שארבלאט : ...ה"ה הרבני הנגיד החכם המפורסם מוהרר ח יי ק י ל ה ל ו י ה ו ר ו ו י ץ מק'ק אומאין... הובא לבית הדפוס ע'י הרבני המופלא מוהרר יוסקא היילפרין מק'ק א ו מ א י ן בן הרב הגאון המנוח מוהרר א ל י ע ז ר ל י פ מ ן זללה'ה שהיה אב'ד בק'ק ט ר ע ב א ו ו ל י ובק'ק זבאריז : ועל ידי הרבני הנגיד מ' יעקב במ' צ ב י ה י ר ש ה ל ו י ה ע ר ש י ן ז א ה ן מפה בדפוס הרבני הנגיד מוה ד'ר י ש ר א ל במהורר א ב ר ה ם ב י ק ... ברדיטשוב/ בשנת ל מ צ י א ו ת ארץ החדשה לפ'ק (1817).

די אידענטישקײַט פון אונדזער עקזעמפּליאַר מיט דעם, וואָס געפינט זיך אין ביבליִאָטעק פון „ייוואָ", איז צו זען דערפון, וואָס אפן בלאט נ'הII (נ'הI ענדיקט זיך „דאָס ערשטע בוך") איז אָנגעגעבן : ה ו ד ע ה /די ביכר אלע דרייא טייהלין גי־ פינין זיך צו פאהר קופין אין בארדיטשוב אצל הרבני הנגיד מוהר'ר יעקב ב'ם צבי ה ע ר ש י ן זאָהן הנקרא יעקב ציפעס".

2. דער עקזעמפּליאר האָט אין זיך : א) „דאָס ערשטי בוך", די בלעטער י — י'ג, ט'ז — י'ח, כ'ב — נ'ה, אײַנגעטיילט אין 20 דערציילונגען, מיט איבערשריפטן : „דאס ערשטי בוך דיא צוואנציגסטע דערציילונג" א.ד.גל. יעדער בלאט האָט צוויי שפאלטן. ב) 23 בלעטער, וואָס בא זיי איז די פאגינאציע פון אויבן אָפּגעריסן, אָבער אונטן איז דאָ די פאגינאציע פונעם בויגן : 1 בלאט פונעם בויגן ס'ד, 20 בלעטער פון 10 בויגנס (ס'ה — ע'ד) און 1 בלאט פונעם בויגן ע'ה. אזויווי נאָכדעם גייען די בלעטער ק'נ, קנ'א א.אז.וו. דארף מען רעכענען, אז מיר האָבן דאָ די בלעטער קכ'ה, קמ'ט.

דאָס גאנצע צווייטע בוך פעלט. דאָס דריטע בוך הייבט זיך אָן פון א מיט „דיא זיבין און דרייסיגסטע דערציילונג" און ענדיקט זיך בלאט קע'ח מיט דער „צווייא און פופציגסטע דערציילונג". ווײַטערדיקע בלעטער פעלן. פונעם דײַטשישן עקזעמפּליאר אָבער איז קלאָר, אז ס'מוז פעלן ביז צום סאָף ניט מער ווי 4־5 בלעטלעך.

3. דאָס בוך איז געדרוקט מיט „מרובע" (קוואדראט־אויסיעס), ניט פונקטירט, כוץ אין זעלטענע פאלן: „א שטאָט זי הייסט נאָמברע דעדיאָס" (קכ'חa), לאָמיר אין גאָטס נאָמין דאָ בלייבין" (דאָרט), ב שאפין (ק'לb) א. ד. גל.

דער אָנהייב פון יעדער אבזאץ האָט גרעסערע אויסיעס : „**זייא האָבין** גיקענט זייער גוט"... (קכ'חa). אויך אינמיטן אבזאץ קומען געוויינלעך מיט גרעסערע

---

[1]) אין „יִוואָ־בלעטער", ב 5, נומ, 1, יאנוואר 1933, ז.ז. 29־40.

אויסיעס: נעמענ פונ שטעט, לענדער, מענטשנ, פעלקער א.ד.גל. (מיט גרעסערע אויסיעס: נעמענ פונ מענטשנ, שטעט א. אז. וו. בא קאמפענ אויכ).

4. דאָס בוכ איז א באארבעטונג פונ דעמ בוכ Die /Entdeckung von Amerika ein /Unterhaltungbuch/ fur Kinder und junge Leute /von/ Johachim Campe'n [1]) די ביכער זייענ דאָ אויכ אײַנגעטיילט אינ Erzählung'ג.

1 טייל האָט 20 דערציילונגענ (שטימט מיט „צפנת פענח") 300 זײַטנ;
2 „ „ 16 „ פונ 20 (אָבער ניט נומ. 20 פונ 1) ביז 35, 286 ז.
3 „ „ 16 „ 36 „ 51 ,266 ז.

5. בא קאמפענ פירט זיכ יעדע דערציילונג אינ דער פאָרמ פונ א שמועס; דער פאָטער דערציילט די מײַסע די קינדער; די קינדער פרעגנ אינמיטנ איבער, דער פאָטער דערקלערט אונ דערציילט ווײַטער א. אז. וו. דורכגעזעצט מיט מוסער־האסקלס פונעמ „ליבנ גאָט", וואָס טוט קיינ אוולעס ניט א. אז. וו.
אינ „צפנת פענח" איז דאָס אלצ געגעבנ ווי א דערציילונג, ניט ווי א שמועס.

---

## I. דער סטיל פונ „צאָפנאס פאנייאכ"

אויבנ איז שוינ דערמאָנט געווענ, אז דער אינהאלט איז דאָ דער זעלביקער, וואָס אינ קאמפעס בוכ. באארבעט, ניט איבערדערציילט. דאָ זײַנענ ארויסגעלאָזט די שמועסנ, די כקירעס, אָבער צוזאמענ דערמיט אויכ בילדונג־מאטעריאל, אשטייגער, די שטעל אינ קאפּ. 39 (40) וועגנ דער געאָגראפיע פונ דאָרעמ־אמעריקע אונ די פאסאטנ־וױנטנ.

דאָ איז ניט אזוי שטארק דער מאָראליזירנדיקער טאָנ, דאָס קלעריקאלע, אָבער דאָכ געננוג באלעבאטיש־קלעריקאליש, פרומ־ייִדישלעכ. רעדט דורכויס מיט גאָט:

„ל יידער גאָטעס, דער מלך האָט די מורדים מעהר גיגלייבט איידער קאלאָמבאסין" [2]) (ל'ג Ia).

„השם יתברך הוא, האָט זיך נוקם גיוועזן, פאר דיא אנקסטין און אומרעכט, וואָס מע האָט דאָ קאלאמבאסין אָן גיטאָן" [3]) (ל'ט IIa).

„עס איז די השגחה פון גאָט ברוך הוא" (ל'ט IIa).

„גאָטס ווילין איז אובר גיוועזן, אז די שפאניר זאָלין נאָך אזו געך ניט איין נעמין, דיא פעראָאנישע לענדיר" (ק'ל Ia).

אונ אמאָל אפילע אפּ אייגנבאראָט:

גאָט ברוך הוא האָט דיא וועלט ב שאפין, און האָט ב שאפין דיא ערד ענגע, און פוןביידע זייטין ערד ענגע, האָט ער ב שאפין דאָס גרויסע

---

[1]) בא אונדז איז די פערטע אופלאגע, 1796, Braunschweig אינ 3 ביכער, קליינער פארמאט 12°.

[2]) בא קאמפענ האָבנ מיר דאָ:

„Und leider! war der König ungerecht genug, den Empörern mehr als dem wackern Kolumbus zu glauben" II, 175 (13).

[3]) בא קאמפענ:

„Aber der Himmel rächt die dem schuldlosen Manne angethane Schmach diesmal sichtbarlich"

ים וואָס הייסט ים אוקיאנוס און כדי אז דער גרויסער ים זאָל נישט דורך רייסן דיא ערד ענגע... האָט גאָט ווידר בשאפין אוף דער ענגע, זייער גרויסע בערג [1])... (ק״ל Ib).

ניט אומזיסט, זעט אויס, געהאט די „האסקאָמע״ פונעם זעלווער מאגיד. צו דער דאָזיקער קאטעגאָריע דארפ מען צורעכענען אויכ די נעמען פון די כאדאָשים („טבת״ אדג.) ווי אויכ די דאטע:

„דאָס אליס (די אנטדעקונג פונעם וועלט־יאם) איז געוועזן אין דעם יאָהר וואָס מע רעכינט, זינד גאָט האָט דיא וועלט בשאפין, פיניף טויזענט צוויא הונדערט, דרייא און זיבעציק יאָהר״ [2]).

ביכלאל איז דאָס באארבעט ריכטיק; אמאָל — פעלערן קעגן אָריגינאל. אשטייגער, באם איבערגעבן דעמ דײַטשישן „auf der Stelle“ אזוי לייענען מיר בא קאמפע׳ן:

Denn er erhielt den Antrag, sobald er Kolumbus Aufführung strafbar würde befunden haben, ihn auf der Stelle abzusetzen, und, an seiner statt, die Regierung des Insel zu übernehmen“ I (14) 190.

כ. הורוויץ גיט עס איבער אפ אזא אויפן:

„דער מלך האָט איהם (באפאדיאלאן) מיט גיגעבין גישריבנס, אז ווי באלד ער וועט זעהין, אז קאלאָמבאס איז א חייב האָט ער כח (קויעכ) אז ער זאָל קאלאמבאסין אָפּ ווארפין פון זיין שטעל, און זאל שוין קיין שני למלך ניט זיין״ (ל׳ח Ib).

דאס זעלבע די קאָנסטרוקציע מיט „ohne“:

בא קאמפען:

„So hatten über dreihundert Spanier nach und nach ihren Tod gefunden ohne dass nur ein Einziger entronnen war, welcher von dem Schicksale der übrigen hätte Nachricht geben können“.

דאָ ווערט עס אויסגעטײַטשט אפ אזא אויפן:

„זייא זענין גיוועזן מעהר וויא דרייא הונדרט, פון דיא איז נאר איין איינציגיר אנטלופין גיווארין דער איז צו ריק גיקומין צי פיצעראין קיין לימא און דער איינער האָט איהם די אלע פינצטערע בשורות (פסורעס) גיבראכט״ (קס׳ז Ib).

אָפטמאָל צוגעגעבן אייגענע באמערקונגען, — וואָס איז אזוינס „מאיץ״ (מאיס), „באָחטאָ״ (Бухта), „פלאָהט״ (Flut) א. אנד.

די מאָמענטן, וואָס כאראקטעריזירן מינדלעכמעסיקײַט און פאָלקסטימלעכקײַט אינעם סטיל פון „צפנת פענח״ זײַנען אזוינע:

[1]) בא קאמפען:

„Erstlich hat die Natur diese Zandenge von quarien, um sie gegen den Stoss der beiden Weltmeere zu befestigen, mit einem sehr hohen Kettengebirge belastet“.

[2]) אינעם אָריגינאל האָבן מיר דאָ: „Jm Jahre 1513“

ד י ר ע ק ט ע  ר י י ד. צו דער מאניר פון גערעדטער שפראך געהער דאָ די דירעק־טע רייד: מע גיט איבער יענעמס געדאנק מיט יענעמס ווערטער. דירעקטע רייד — דאָס איז ביכלאַל די באַליבטע מאניר פון דער גערעדטער שפראך, — עס באַלעבט די האנדלונג דורך דעם, וואָס מע דראמאטיזירט זי. טיילווייַז קאָמפּענסירט עס אויך קאָמפּליציר־טערע שפראך־אויספורעמונג. מיר טרעפן דאָ די גאנצע צייַט דירעקטע רייד:

„ער האָט גיזאָגט צו דיא שפאניר שעהמט אייך עס איז זייער א גרויסע חרפה (כארפע) און א בושה (בושע), אז איבר אזו א נארשקייט זאָלט איר אייך קריגין" א.אז.וו. (קכ׳ט Ib).

אונ ווייַטער:

„קאמאגרא זאָגט אובר צו די שפאניר, אזו ווייניק לייט וויא איר זענט איצונד, טאָהרט איר אייַך ניט דער וועגין א הין צו גיין א.אז.וו. (קכ׳ט IIb).

אינטערעסאנט איז די פאָרמע מיט „בזה הלשון", — ווי ער וואָלט דערבייַ אליינ געווענ:

„אלמאגרא האָט אלץ אויס גיהערט, וואָס זיינע אופיציהרין האָבין איהם גיזאָגט, און ער האָט זייא גיענטפערט, בזה הלשון, איר האָט מיר זייער א גוטע עצה (אייצע) גיגעבין נאָר צו אזו א זאך, מוז מען האָבין, זייער א שלעכט הארץ" א.אז.וו. (קס׳ט IIa).

„דער גוברנעהר פיצערא, האָט אובר דאָס בשום אופן נישט גיוואָלט גלייבין, און ער האָט גיזאָגט צום גלח (גאלעכ) ב ז ה  ה ל ש ו ן, איך קען גאָר ניט גלייבין אז דאָס זאָל אמת (עמעס) זיין" א. אז. וו. (קע׳ח IIb).

אינ דייַטש איז עס דאָ גאנצ פּאָשעט: „אלמאגרא האָט אויסגעהערט אונ איז ניט מאסקימ געווענ".

דירעקטע רייד קומענ דאָ אָפּט אפילע אינ א בייַזאצ מיט „אז", ד. ה. אָנגע־הויבנ מיט אומדירעקטע רייד אונ אריבער צו דירעקטע:

„...ער האָט איהם גיזאָגט א ז ניט אזו בענאלקאצא מיט אלמאגראין וועל איך דיר איבער געבין, איך וועל דיר נאָך ווייזין ספּאָסאָבים אז דוא זאָלסט גאָר די גאנצע מדינה אָפּ נעמין" (קס׳ב Ia).

אינ אָריגינאל האָבנ מיר דאָ:

„...und er bot sich gegen diesen Feldherrn, dass er ihm Mittel an die Hand geben wollte, sich nicht nur der Person des Almagro zu bemächtigen, sondern auch sich in kurzen Zeit zum Herrn des ganzes Landes zu machen" III (47).

מיר טרעפנ דאָ דירעקטע רייד אויכ דאנ, ווענ מע פירט אונטערהאנדלונגענ דורכ בריוו אָדער דורכ מענטשנ:

„...ער האָט אלמאגראין פאָהר גיגעבין א נייַע ב טריגערייע, נאָך וואָס זאָלין מיר צום הויף שיקין מענטשין, ווייסין מיר ניט, אויב מען וועט זיך קענין פאר גלייכין, אודר ניט, בעסיר לאָזין מיר זיך פאר לאָזין אויף דעם שפאנישן קייסיר, און וויא ער וועט צווישין אונדז מאכין, אזו וועט מוזין בלייבין (ק׳ע IIa).

אין אָריגינאַל האָבן מיר דאָ:

„...und schlug vor, die entscheidung des unglücklichen Zwistes, den unter ihnen enstanden wäre, auf den Ausspruch der Kaisers ankommen zu lassen" (210).

## אַרײַנפירן און ווענדונגען צום לייענער

מיר טרעפן דאָ אַ ספּעציעלע פיגור אפ איבערצוגעבן אינטימקייט און אפ שאפן אַ קאָנטאַקט מיטן לייענער: דאָס זײַנען די אַרײַנפירן און די ווענדונגען צום לייענער.

„דאס קאָן איטליכיר פאר שטיין אז פראנק, האָט בוודאי זייער גיוואָלט שני למלך זיין" (ל'ה).

„עס קען זיך איטליכר פאָהר שטעלין דיא שמחה (סימכע) וואָס עס איז גיוועזן, צווישין דיא צווייא חברים (כאַווײרים), אז זיי זענין זיך צום הוף גיקומין" (קל'א Ib).

„איטליכר מענטש קען זיך משער זײַן, דיא גרויסע שמחה (סימכע) וואָס דאָ איז גיוועזן" (כ'ז Ia).

„עס זאָל קיינים קיין וואונדער ניט זיין, פארוואָס דער גרויסער און שטארקער מלך, איז ניט אַ קעגין די שפּאַניר" (קמ'ה Ib).

„אזוי פיהל ווייסט מען נאָך, אז מאנקא קאפאן, מיט זיין ווייב, און זייערע קינדער... זייא האָבין אָן גיהויבין צו מאכין דאָס פּעראַאַנישע לאנד פאר אַ מלוכה (מעלוכע)" (קמ'ה Ia).

„דאָס מעג מען הערין, וואָס דער ליבער גאָט האָט פאר אַ ווינדערליכי זאכין בּ שאפין" (כ'ה IIb).

„הערט נאָר צו וואָס די אינדיאַניר האָבין זיך נעבין מיישב (מעיאַשעוו) גיוועזן"... (כ'ח II-Ib).

דאָ ווירקט נאָך טיילווײַז דער סטיל פונעם מוסער־סייפער: דאָרט טרעפן מיר אויך אַזוינע אַרײַנפירן ווי: „נוא איר ליבה לײַט ווען איר זעהט איין מהלוקת איז ערגיר אז..."; „נו זעהט מייני ליבה פריינד דוד המלך איז דאָך גוועזן איין גיוועלטיגר שטארקר קיניג... „דאָש איז שון ווישגלך" א. אז. וו.

מיר טרעפן דאָ אויך באַריידעוודיקײַט און רייד־פאַרשווענדונג (פלעאָנאַזם).

„אלמאגרא האָט אלץ אויס גיהערט און ער האָט זייא גיענטפערט בזה הלשון איהר האָט מיר זייער אַ גוטע עצה (אייצע) גיגעבין, נאָר צו אזו אַ זאך, מוז מען האָבין זייער אַ שלעכט הארץ, און מען מוז אויך צו דעם זיין זייער אַ פאלשיר מענטש אז מען זאָל דאָס אלץ טאָהן וואָס איר הייסט מיר אז איך זאָל דאָס טאָהן איך בין אובר קיין שלעכטיר מענטש קיין מאָהל נישט גיוועזין, און איך האָב אויך נישט אזו אַ שלעכט הארץ, אז איך זאָל אייער עצה (אייצע) פאָלגין עס וואָלט פיהל בעסיר גיוועזן, איך זאָל גיין קיין לימא, און זאָל זיך דאָרטין מיט פיצעראַין שלאָגין, און אזוי וויא איך האָב מעהר חיל (כאַיל) פון איהם וועל איך דאָך איהם בודאי גובר (גויווער) זיין וועט עס פיהל שעניר און ערליכיר זיין פאר דער וועלט,

איך קען אובר דאָס אויך נישט טאָהן, איך זאָל אָנהייבן אבער־גיר קרינ צו מאכין, אז שפאניער מיט שפאניער זאָלין זיך שלאָגין, דאָס טאָהר איך אויכ נישט טאָהן" (קס'ט 16-IIa).

מיר טרעפנ דאָ אָבער אויכ אזא איבערכאזערונג, וואָס פילט אויס אָפטמאָל די פונקציע פונ סינאָנימישער אקצענטירונג.

„דיביידע זאכין איז גאָר ליגין, עס איז שקר וכזב" (קע'ו IIb).

„דער גובערנעהיר פיצארא, האָט פון אלייס גאָר קיין וואָרט ניט גיוויסט ער האָט פון קיין שום זאך גאָר נישט גיוויסט" (קס'ט Ib).

אמאָל — דערקלערנדיק:

„איצונד האָבין שון נאָר שפאניער מיט שפאניער צו טון אלמאגרא מיט פיצערא'ס ברידער, ווייל מען האָט שון די פעראאניר פאר טריבין". (קס'ח IIa).

אינ דייטש האָבנ מיר דאָ: „Jetzt hatten also nur Spanier mit Spanier zu thun". אָפטמאָל ווערט איבערגעכאזערט א שטיק אינהאלט:

„אלמאגרא האָט פארלאנגט, אז מען זאָל איהם דיא רעזידענט שטאָט ראסקא אָפּ געבין, אז ער זאָל דרינין אליין גובערנעהיר זיין אזוי ווי זיין פאטענט ווייזט אויס, וואָס דער קייזיר פון שפאניע האָט איהם גישיקט, און פיצערים ברידער האָבין זיך פאר שפאהרט איין שטאט און האָבין איהם דיא רעזידענט שטאט, נישט געוואָלט אָפּ געבין אלמאגרא מיט זיין חיל (כאיל) זענין גיגאנגין צו דער שטאט און זיך גישטעלט ב דיא טויערין פון ראסקא" (קס'ח 16).

ווענ דער דאָזיקער שטעלונג פונ ביידע צדאָדימ איז שוינ גערעדט געוועג פריִער, טאקע באלד פאר דער דאָזיקער ציטאט. אינ אָריגינאל האָבנ מיר דאָ:

„Almagro blieb bei seiner Foderung, und die Pizarro's bei ihrer absclägigen Antwort" III (48), 195.

## II. לעקסיק אונ פראזעאָלאָגיע

ריידנדיק וועגנ דער שפראכ פונעמ דערמאָנטנ פעריִאָד, באצייכנט זי שטיפ אינ אלגעמיינ אלס „פאָלקסטימלעכע שפראכ", „לעבעדיקע גערעדטע שפראכ", „די גערעדטע מאסנ־שפראכ". אויב דאָס איז טיילווייַז ריכטיק בענעגייע דער סינטאקסישער אויספורעמונג פונ די רייד, איז עס אָבער ניט אינגאנצנ ריכטיק בענעגייע דעמ לעקסישנ באשטאנד. בייס מע רעדט וועגנ „פאָלקסטימלעכקייַט", וועגנ „גערעדטער שפראכ" אלס באזע פאר דער ליטערארישער שפראכ פונעמ דערמאָנטנ פעריִאָד, דארפנ אויכ דיסקאָנטירט ווערנ די ניט־פאָלקסטימלעכע ווירקונגענ. דאָס זייַנענ די עלעמענטנ, וואָס ציִענ זיכ נאָכ פונעמ אלטנ שפראכ־קאָנענ פונ איינ זייַט, אונ דער אנדערשפראכיקער, טיילווייַז אינטערנאציִאָנאלער עלעמענט, וואָס איז דאָ שוינ שטארק אָנזיכטיק, אונ וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר א גאָר וויכטיקנ קאָמפּאָנענט אינ דער ספעציפיק פונ דער נייַער שריפט־שפראכ, וואָס ס'ווערט געשאפנ אינעמ דאָזיקנ פעריִאָד. אונ דאָס איז שייַעכ ניט נאָר צו אזוינע ווערק ווי מארקוזעס „ספר

הרפואות" א. ד. גל., נאָר אין א היפשער מאָס אויך צו „צפנת פענח", ווו דאָס מאסנטימלעכע איז שוין אָן שום סאָפעק דאָס איבערוועגנדיקע.

נעמען מיר, אשטייגער, די העברעיִישע לעקסיק: שוין אָפגערעדט פון די פרומ־יִדישלעכע „גאָט ברוך הוא", „השגחת הבורא" א. אנד. נוצט כ. הורוויץ העברעיִיז־מען, בייס ער האָט און נוצט אליין אפילע אין אנדערע ערטער דאָס פאסיקע יִדישע וואָרט:

„ערמה", „רמאות" („און אזו האָט אלץ פיצערא איהם מ ד ח ה ג י ו ו ע ן מ י ט ר מ א ו ת") אפ א צווייט אָרט נוצט ער דאָ אליין „באטריגעריַי"; „מעביר מן העולם" (זיין) — אין אסאך אנדערע ערטער — „אומברענגען"; בעלי מלחמה" — אין אנדערע ערטער — „זעלניר"; איז שון א ש ל י ש אָפ גיברענט, און א ש ל י ש האָבין שון די פעראָאניר צו ריק אָפ גינומין, און א ש ל י ש האלטין פיצערים ברידער".

פון העברעיִזמען טרעפן מיר נאָך דאָ אזוינע, ווי:

„אבנים טובות", „שבוים", „חצר המלך", „חייבי מיתניקעס", „תכסיסי מלחמה", „הנהגות", „יועצים" א. אנד. ווי אויך אזוינע פעריפראזן פונעם טיפ: „מכפר (זײַן)", „חברותה (גימאכט)", הפוס (גיזעסן)", „בוחר (גיוועזן)", „שבח והודיה (אָבגעבן)" א. אנד.

צו דער קאטעגאָריע „פאָלקסטימלעך" געהער דאָ ווידער ניט די שיכט אנדער־שפראכיקע לעקסיק, טיילוויַיז אינטערנאציִאָנאליזמען פונעם טיפ:

„פרעוויִאנט", „זענק בליַי", „פאראדירן", „בארבארישער" (מינהעג), „קאָמ־פלעמענט", „וואסאל", „שילקרעט" (טשערעפאכעס), „ערד ענגע", „פאָרווערף", „באטאליע", „דעקרעט", „פארדאָן", „פעסטלאנד", „האפין", „גאליאָטין", „מאיץ", „גיזעגילט", „זאמד בענק" א. אנד.

דאָס איז א ניַיס אין דער ליטערארישער שפראך, און א וויכטיקער צושטיַיער צום באריַיכערן די דאָזיקע שפראך. ט יי ל ו ויַ ז קומט דאָ די דאָזיקע לעקסיק אונטער דער ווירקונג פונעם אָריגינאל [1].

און ניַי איז דאָ ניט בלויז דאָס אינטערנאציִאָנאלע וואָרט, נאָר אָפטמאָל אזוינע גערמאניזמען אפילע ווי: „פאהר ווערף", „פעסטלאנד", „פולמאכט", „האפין" און אפילע אזא וואָרט ווי „באוועגונג". דאָס איז טיילוויַיז צו זען דערפון וויִאזוי כ. הורוויץ אָפערירט מיטן וואָרט „Bewegung" פונעם אָריגינאל:

„Die Kälte war so stark, dass nur eine u n a u f h ö r l i c h e B e w e g u n g
sie vor dem Erfrieren schützen konnte. Aber zu einer solchen ununterbroche-
nen B e w e g u n g fehlte es ihnen bald an Kräften" III (47) 175.

אין „צפנת פענח":

„און אז זייא זענין גיקומין, אין גיבערג אריין, האָבין זייא גיטראָפין זייער גרויסע קעלטין, און שנייען, וואָס וויא שפאניער האָבין זיך גימוזט א ל ץ ב וו ע ג י ן, כדי זייא זאָלין זיך דער ווארימען, און דערצו האָבין זייא,

---

1) כ'זאָג טיילוויַיז, וויַיל מיר טרעפן אויך פארקערט, אשטייגער, אין אָריגינאל האָבן מיר „und liessen um gnade bitten" אין צ. פ. — „און האָבין איהם גיבעטין אום פ א ר ד אָ ן" (מ'ט IIa).

קיין עסין ווארג אויך נישט גיהאט, דיא שפאניער זענין אזו אפ גישלאפט גי־ווארין, פון דעם ב ווענונג..." (קס"ד Ia).

דער דאָזיקער נײַער וואָרטשטאָפּ ווערט דאָ ארײַנגענומענ ניט מעכאניש. ס'איז דאָ אלעמאָל קענטיק די שטרעבונג שטענדיק אינ אזוינע פאלנ געבנ דאָס אומגאנג־לעכע ייִדישע וואָרט אָדער דעמ מאסנטימלעכנ אויסדרוק. אזוי ווערט דאָס וואָרט „unaufhörlich" אָפּהענגיק פונ קאָנטעקסט איבערגעזעצט מיט „אלצ" — אינ אנ אנ־דער אָרט: „טאָג ב טאָג".

אינ אזוינע פאלנ קומט אָפּט צו הילפ דער מאסנטימלעכער סלאוויזמ. אזוי ווערט „Zweikamf" איבערגעזעצט אפּ „פּאייעדיניק" („Поединок"); „Schutz" — אפּ „אופּייעקא" („Опека"); Erlaubnis — אפּ „פּאזוואָליען" א. ד. גל., אינ לעצטנ פאל ווערט אזא וואָרט אויסגעטײַטשט אָדער דערקלערט: „איהם גיבעטין פארדאָן (דאָס הייסט מען זאָל זייא מוחל זיין"); מאטאהלין (דאָס הייסט אייזין ווארג אויך גאָלד זילביר ציעהען בלייא מעש קופּיר)".

גאָר פונ אנ אנדער קוואל גייט דאָ דער אומגאנגלעכער סלאוויזמ. מיר טרעפנ דאָ א מענגע סלאוויזמענ. דאָס איז אָנ סאָפעק א רעזולטאט פונ דעמאָקראטישער שטעלונג צו דער אומגאנג־שפּראכ. דער סלאוויזמ, ווי געזאָגט, קומט דאָ אפילע צו פארבײַטנ דאָס ניט־אומגאנגלעכע אָדער ווייניקער פארשטענדלעכע גערמאנישע וואָרט. סלאוויזמענ טרעפנ מיר דאָ פונעמ טיפּ:

„ריקע", „טשאָלנע" (א שיפל), „טשערעפּאכעס", „סקאלקעס", „פּראגנען", „שליאכעצקי", „שליאכטיטש", „טשוואלאווען", „אָכאָטניקעס" (באלאָגימ), „ספּאָסאָביס" (פאראנ אויכ אינ „משלי"), „בונט", „פּאָטיטשקע", „בעשערענגו", „איזראדזין", „פּאזוואָליען", „פּאָיעדינאָק", „ראפּטעמ", פּאדאניס", „פּאלקיס", „פּראוועדניקעס", „ציקאווע", „זאטשעפּעט", „סטארין", „גיקאוויט" (אינ קייטנ), „ראטעווען", „פּאָדטווערדזין", „זיך איז בינטאוויט", ספּלאוויס", „פּליטין", „וויגאָדיס", „פּאָקאָינע", „ראבעווען", „דאָקוטשעט", „איז קאסאוויט", „קע־ראווין" (די שיפּן), „סיטעס" (מע זאָל פּיש חאפּין), „איבערפּראווין" (איבער וואסערין) אונ פיל אנדערע.

עס פילט זיכ דאָ אויכ ערטערווײַז אומבאהאָלפנקײַט אינ וואָרטשאפונג: אָנשטאָט „קריגספאָנ" ווערט געגעבנ באשרײַבעריש: א פּאָהן, ווען זי ווײַזט אוף א מלחמה" (קס7 IIa); „קול" אָנשטאָט: „טאָן" (ק'ע Ia); „דיא בושע (אוועקגעלייגט)" אָנשטאָט: „מאסקע" (דאָרט).

דײַטשמעריזמענ זײַנענ דאָ, כוץ זעלטענע אויסנאמענ, אינגאנצנ ניטאָ. ארכאיִז־מענ טרעפנ מיר דאָ זייער ווייניק: „געפּאוולט" (קאפּאבל), „באָרטן" (ברעג).

מיר טרעפנ דאָ (זעלטנ) אויכ אופּטוענ אינ לעקסיק: „אינדזיליאניר" (אינדזל־אײַנוווינער) [1], „קאָנטרע ווינטין"[2]).

פּראזועאָלאָגיע טרעפנ מיר דאָ ביכלאל ווייניק, ביפּראט — מאסנטימלעכע. צו מאסנ־טימלעכער פּראזועאָלאָגיע געהער דאָ: „זיך קאראוש מאכן"; „אין גרויס לאסקא זײַן;

[1] אינ אָריגינאל איז דאָ: „die Bewohner dieser Inselen".

[2] אינ אָריגינאל איז דאָ: „Widrige Winden".

„אויס צו קאוואסטק״; „ליגן אין דער ערד (מיט זייער מלך)״; „א בראָך גיהאט״; „ביטער אוו פינצטער״ א. אנד.

צו „לאָמדישער״ פראזעאָלאָגיע געהער דאָ: „מושלם אין אלע מעלות״; „קריעה גיריסין״; „שלום ושלוה״; „נבהל ונשתומם״; „כלל הדבר״; „מעשים רעים״; עוקר מן השורש זיין״ א. אנד.

## III. זאצבוי

מיר האָבן א באגריפ וועגן זאצ, ווי וועגן א געדאנקלעכ־אינטאָנאציאָנעלן איינס, דערביי ווערן געוויינלעכ די וויכטיקסטע זאצגלידער איינגעגלידערט אינ זאצ. דאָ אָבער טרעפן מיר אָפטמאָל א מין „נאָכזאָג״. דער „נאָכזאָג״ האָט דאָ די פונקציע פונ דערקלערן, דעטאליזירן, קאָנקרעטיזירן דאָס אלגעמיינע, צו כאראקטעריזירן אונ אויסצוטייטשן. אזוי טרעפן מיר דעמ „נאָכזאָג״ אינ „צפנת פענח״:

דערקלערנדיק: דעטאליזירט, קאָנקרעטיזירט דאָס אלגעמיינע.

„וויא דער מלך פערדינאנד האָט דער זעהין דאָס גרויסע עשירות וואָס מען האָט איהם גיבראכט גאָלד און פעריל״ (קל״ד Ib).

„אז פיצעריס חיל זענין גיקומין אונטיר ראסקא האָבין זיךביידע חיילות אויסגישטעלט, איין הארמייע א קעגין דער אנדעדער, פיצעריס חיל און אלמאגריס חיל״[1] (ק״ע IIb).

„ער (אלמאגרא) האָט זייא ווידער דער מאנט, אָן דער הייליגיר פריינדשאפט, וואָס זייא האָבין צווישין זיך גישלאָסין, ער און זיין ברודר פיצערא און דער גלח, בשעת אז זייא האָבין חברותה גימאכט״[2] (קע״ב Ib).

דער גאָרער ריידשטייגער איז געבויט אפ דער לעבעדיקער אינטאָנאציע. דאָס סינטאקסישע געוועב פונ די רייד איז דאָ מערסטנטייל איינפאכ. ס׳איז ווייטמעגלעכ אויסגעמיטן די קאָמפליצירטע סינטאקסישע קאָנסטרוקציע. אונ אויב ס׳טרעפט אזוינס, איז עס אָפטמאָל אומבאהאָלפן אינ דער אויספורעמונג. קאָאָרדינאציע איז דאָ אָפט ליבער פונ סובאָרדינאציע. מיר טרעפן דאָ קאָאָרדינאציע אפילע דאָרט, ווו ס׳איז פאראנ אטריבוטיווע פארהעלטעניש:

„עס זענין גיוועזן אכט צעהין שיפין, און האָבין דרינין גיהאט גרויסע אוצרות (אויצרעס)״ (ל״ט IIa).

„האָט ער פון דאָרטין א וועק גיזעגילט קיין מערב (מייַרעוו) זייט און האָט גיפונין זייער א שיין און גרויס פעסט לאנד, און דאָס לאנד איז א טייל פון נארד אמעריקא״ (נ״ה).

אזא זאצבוי טרעפן מיר אויכ שפעטער אינ דער ליטעראטור:

„איך האָב דער ווישט דעם סופר (סופער) שטייענדיק אין מיטן שטוב און האָט זיך גישלאָגן מיט איין אלטן יודין״[3].

---

[1]) בא קאמפע האָבן מיר דאָ:

„Jetzt standen die beiden Heere einander im Gesichte“, III (49) 218.

[2]) אינ אָריגינאל:

„Er erinnerte sie an die heiligen Bande der Freundschaft, welche ihr Bruder mit ihm beschworen hätte“ III (50) 226.

[3]) א. מ. דיק: „יעקעלע גאָלדשלעגער אודר מזל טוב״, זשיטאָמיר, 1868, ז. 5.

„דער אייבערשטער האָט מיר צו גישיקט פאר אים א מויד. א בת טובים און א קרעמרקע און האָט אין זיך גרויסע מעלות (מײַלעס)“[1]).

„איהר קאָנט באגעגענען, למשל, סוכות א אידען אין מיטען „פיפטע עוועניו“ מיט א לולב און ניט איין אתרוג און האָט קיין מורא ניט, מע זאָל איהם דערפאר אײַנזעצען“[2]).

ענלעכ דערצו:

„דער צווייטער: א ברייטגופיקער, פעסטגעבויטער, מיט אויגנ רויִקע, זיכערע און וואָס האָט א טעווע צו קוקנ פונ אונטנ ארופ“[3]):

## אייגנארטיקע קאָאָרדינאציע מיט „דער“

אָפט ווערט דאָ דער בײַזאצ אויסגעמיטנ דורכ דעמ, וואָס דער צווייטער זאצ ווערט אָנגעהויבנ מיטנ פראָנאָמ „דער“:

„אונ דאָס קאָמאנדע, איבער דעמ חיל (כאִיל) האָט געהאט א גוויסער אופיצהר, דער האָט גיהייסין אלפאנסא פאָן אלפאראדע“ (קס״ז Ib).

אנקעגנ: „אזו האָט ער איבער גיגעבין דאָס קאָמאנדע, זיין גיטרייען אופיצהר וועלכער ער האָט גיהייסין ארגאניץ“ (קפ״ע IIb).

„איינר איז גיוועזן ער האָט יהייסין אָוויעדא, דער איז מיט גיגאנגין מיט קאלאָמבאסין ווען ער איז גיגאנגין צום אנדערין מאָהל פון שפאניע“ (ל״ד I).

„און אז די שפאניר זאנין שון פון דער אינדזיל אוועק גיגאגגין, איז ווידר גיוואָרין זייער א גרויסיר שטורים ווינט, דער האָט גידוערט צוויי מעת לעת (מעסלעס)“ (י״ה IIb).

דאָס אופנעמענ דעמ קאָנטאקט מיטנ צווייטנ זאצ דורכ דעמ פראָנאָמ „דער“— דאָס איז אויכ א טייל פונ דער אינטאָנאציע־סיסטעמ אינ דער גערעדטער שפראכ. „דער“ באקומט אינ זאצ אנ אקצענט, ער ווערט באטאָנט. אקעגנ אינ א זאצ מיט א בינדוואָרט, מיט א פערזאָניקנ פראָנאָמ („ער“, „זי“ א.אז.וו.) פאלט די באטאָנונג אפ דעמ פרעדיקאט (אפ דער אקציע) אָדער אפ אנדערע זאצגלידער; דאָס בינדוואָרט, דער פראָנאָמ בלײַבט אומבאטאָנט, דעריבער פארטונקלט. דער באטאָנטער „דער“ הויבט אזוי ארומ די וואָג פונעמ סוביעקט,—באלעבט דעמ גאנצנ זאצ. אונ ווײַל דאָס כאזערט איבער דעמ סוביעקט פונ דעמ פריִערדיקנ זאצ, שאפט זיכ א נאטירלעכע פארבינדונג צווישנ די זאצנ.

די דאָזיקע קאָנסטרוקציע איז באקאנט אינ אלט יידיש. מע באגעגנט זי אויכ אינ דער קלאסישער ליטעראטור:

„אינ א פאָר טאָג וועט דאָ אָנקומענ דער ר׳ לייב שפיניצער אונ וועט אוואדע דאָ בא אײַכ וועלנ אײַנשטיינ. דער וועט בלויז בא ר׳ מאנינ וועלנ א כאפ טאָנ די עטלעכע רענדלעכ“[4]).

---

[1]) דאָרט, ז. 8.

[2]) שאָלעמ־אליייכעמ, אלע ווערק, ב. 3. „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות“ „בערל־אײַזיק“, ניו־יאָרק, 1927, ז. 251.

[3]) מ. דאניִעל „אפנ שוועל“, מאָסקווע, 1928, ז. 55.

[4]) י. אקסנפעלד „דער אויצער אָדער די געגארטע וועלט“, אָדעס, תר״ל. איבערגעדרוקט ווינער „י. אקסנפעלדס ווערק“, קיִעוו, 1931, ז. 275.

„ער דערלאנגט אראָפּ פונעם טשוואָק דעם טפילים־זאק און גיט יעכיִע־ליקן. דער ווערט נאָר אין איין סימכע"[1]).

אויך אין א הײַנטצײַטיקן קינסטלערישן טעקסט:

„מע האָט ערגעץ עקסטרע אוועקגערופן דעם שאכט־פאַרוואַלטער. דער האָט זיך אויסגעדרייט אף צוריק און נאָך אים די איבעריקע צוויי"[2]).

די דאָזיקע קאָנסטרוקציע איז באקאנט אויך אין די דײַטשישע מונדארטן[3]):

."Wir hatten eine Kuh, die Wog ihre 10 Centner"

## בײַזאצן מיט „וועלכער"

ס'ווערט דאָ אָבער ניט אויסגעמיטן קיין בײַזאצן. פארקערט, אָפטמאָל טרעפן מיר דאָ בײַזאצן דאָרט, ווו מע קאָן אויסקומען אָן זיי. דער בײַזאץ קומט ביכלאל מיט „וואָס":

„זיי האָבין ווייטער דער ציילט, אז דיא שבוים (געפאנגענע), וואָס די אינ־דזיליאניר האפין"... (כ'ב Ia).

„דער ווייל זענין אָן גיקומין די צווייא שיפין, וואָס פיצערא האָט א וועק גישיקט קיין פאנאמאָ און ניקארנאאָ" (קמ'ד).

„קאלאָמבאס נעביך, נאָך אזו פיהל שטראפאצין און אנקסטין און צרות, וואָס ער האָט אוף דעם וועג ביז אהער אויס גישטאנין" (ל'ב Ia).

„השם יתברך הוא, האָט זיך נוקם גיווען, פאר די אנקסטין און אומרעכט, וואָס מע האָט דאָ קאלאָמבאסין אָן גיטאָן" (ל'ט).

ס'זײַנען דאָ שוין אָבער בורייט פאַרגעשטעלט בײַזאצן מיט „וועלכער". די בײַזאצן מיט „וועלכער" קומען דאָ אָבער אף אן אייגנארטיקן אופן. קענטיק, אז צו יענער צײַט איז דער דאָזיקער פראָנאָם נאָך ניט גענוג באנומענ געוואָרן אלס אזעל־כער. דער בײַזאץ מיט „וועלכער" קומט דאָ נאָרמאל אָנשטאָט „וואָס". אָבער דערבײַ ווערט איבערגעכאזערט דער סוביעקט אָדער דער אָביעקט, וואָס אים וואָלט באַ־דארפט פארטרעטן דער פראָנאָם. דאָס טרעפט צומאָל אויך באם בײַזאץ מיט „וואָס", אשטייגער:

„קאָלאָמבאסיס שונאים (סאָנים) האָבין דעם מלך אָן גירעט, אז ער זאָל אהין שיקין פאר איין אובר קאָמאיסאר איינים וואָס ער האָט גיהייסין אגאָ־דא" (כ'ט IIa).

אָבער דאָס טרעפט זייער זעלטן.

די איבערכאזערונג קומט פאָר אָדער דורך א פערזאָניקן פראָנאָם, אָדער דורך דעם סובסטאנטיוו (סוביעקט־אָביעקט), וועלכן דער בינד־פראָנאָם פארטרעט.

„מע האָט באלד ארויס גישטעלט א פאָהן, וועליכי זי ווײַזט אף מלחמה (מילכאָמע)" (קס'ו IIa).

---

[1]) דער זעלבער, דאָרט, ז. 282.

[2]) מ. אלבערטאָן „שאכטעס", מאָסקווע, 1931, ז. 259.

[3]) זע: O. Weise. Syntax d. Altenburger Mä.·

„מיט דיא ערגסטע ערטיר האָט ער די א ו פ י צ י ה ר י ן בלוהנט, ו ו ע ל י כ י זיי האָבין אין אלע מלחמות (מילכאָמעס) זייער פיהל בוויזין" (קע׳ד Ia).

„די צוועליפ אופיציהרין האָבין זייער פיהל ג ו ט ע פ ר י י נ ד גיהאט ו ו ע ל י כ י ד י ג ו ט י פ ר י י נ ד וואָלטין זיי געהרין, אין דער נויט געהאָלפן" (קע׳ד Ib).

„דרייא פון דיא גרויסע ריצעריס זענין גוועז, פיצעראיס ברידיר, ו ו ע ל י כ י זיין פאָטיר האָט ז י י א גיבאָהרין, מיט זיין רעכט ווייב" (קמ׳ג Ia).

„וועלכער" איז דאָ אוניוועראַל, ער פארבײַט דאָ אנדערע בינדווערטער.„ וועלכער" קומט דאָ אָנשטאָט „ווו":

„זיי זענין גיגאנגין ווייט אין די בערג אריין, און זענין אָן גיקומין צו א לאנד ו ו ע ל י כ י ס דער קאציקא פון דעם לאנד איז שון גיוועז מיט די שפאניר אין פריינד שאפט".

אָנשטאָט „בעיס" (קעגנזאצ):

„דער שלעכטור וועג האָט גידוערט, פינף און צוואנציג טאָג, ו ו ע ל י כ י ס אופ א גלייכין וועג אזו ווייט צו גיין, העט מעהר ניט גידארפט צו גידוערין נאָר זעקס טאָג".

מיר טרעפנ דאָ אויכ א ספעציעלנ טיפ בײַזאצ מיט „וואָס" אונ „וועלכער", וואָס איז אייגנטימלעכ דעמ פאָלקסטימלעכנ שטייגער פונ זאצבוי:

„און צו דעם איז נאָך א סיבה (סיבע) גיוועז, ו ו ע ל י כ י ס דורך דיאביידע זאכין, האָט אלמאגרא גמוזט צוריק גיין קיין פערא"[1]) (קס׳ה Ia).

„און צו דעם אלים האָט ער זייער פיהל שטורים ווינט גיליטין, ו ו אָ ס מ ע ן ה אָ ט ג י מ י י נ ט אז אלע שיפין וועלין אינטיר גיין" (ל׳ג IIa).

„און אוף דעם פער דעק איז גיוועז א ווילדע קאץ, וואָס א שפאניר האָט א מאָהל גיחאפט, ו ו ע ל י כ י ב דעם כאפין האָט ער דער קאצ איין הינטערשטין פיס אָפגיהאקט" (מ׳א IIb).

„זיינע ליגין, האָבין דיא וועלט גיגלייבט מעהר וויא צווייא הונדערט ייאָהר, ו ו אָ ס מ ע נ ט ש י ן ה אָ ב י ן ג י מ י י נ ט, אז דאָס איז אלץ אמת (עמעס)" (קע׳ו IIa).

„און אז זיי זענין גיקומין, אין גיבערג אריין, האָבין זייא גיטראָפין זייער גרויסע קעלטין, און שנייען, ו ו אָ ס ד י ש פ א נ י ע ר האָבין זיך געמוזט אלץ ב וועגין" (קס׳ד Ia).

דער דאָזיקער טיפ בײַזאצ איז פארשפרייט אינ דער אנאָנימער ליטעראטור. ער איז אויכ פאָרגעשטעלט אינ דער קלאָסישער ליטעראטור:

„האָט ער גערעכענט אז מן הסתם איז ער זינדיג פון פריערדיגען גלגול, ו ו ע ל כ ע ס א י י ג נ ט ל י ך א י ז ד אָ ס א ת י ר ו ץ א ו י ף ד ע מ וואָס דאָס טרעפט אז דעם צדיק געהט שלעכט אויף דער וועלט"[2]).

[1]) אינ אָריגינאל האָבנ מיר דאָ:

„Dieses und noch ein besonderer unangenehmer Vorfall nöthigen den Almagro wieder nach zurück zu kehren“.

[2]) אנאָנימ „א וואונדערליכע געשיכטע פון א צוריקגעקומענעם פון יענער וועלט", פיעטרקוב, תרע׳ג, ז. 4.

בא דיקן:

„מוז איך אייך איין שייני היסטאָריע דער פון דער ציילן וועלכי איך בין דער בייא גיוועןװ"[1].

„און האָבן גטרינקן שווארצי קאווי פון א פאָר שווארצי שאָלן וועלכי זייא האָבן עש גיהאלטין איין גיוויקלט אין זייערי בלאָווי נאָז טיכלך"[2].

בא שאָלעמ־אלייכעמען:

„וואָס זאָגסטו עפּעס, עליע, אפ קאלומבוסן? מעג ניט זײַן פּאָני די קאָפּאָרע פאר זײַן מינדסטן נאָגל, וואָס אכוץ בראָנפן און אכוץ פּאָגראָמען ווייסט ער ניט ווער עס האָט אים געשלייערט"[3].

„די בראָכעס זאָל איך האָבן, וואָס די קיסליצעס זײַנען בעסער און געשמאקער פון די היגע ארענדזשעס מיט די גרייפּ־פרוטס, וואָס מע ווייסט אפילע ניט, וויאזוי מע שנײַדט דאָס און מיט וואָס מע עסט דאָס"[4].

„בא אים אין דער קאָראָבקע האָט זיך געפונען פון קאָלבוי: קנעפּ און קנעפּלעך, נאָדלען און נאָדל־טעשלעך, גארעס און זײַד... און נאָך אסאך מינים סכוירע, וואָס איז שווער אלצדינג זיך אָנגעדענקען און אויסרעכענען אפן קאָפּ"[5].

„הייבט זיך אוף פריִער דער לאָמזשער כאזן מיט די הונגעריקע אויגן... גייט צו קלוימערשט אזוי זיך, פון יויצע וועגן... און נאָך אים — די גאנצע כאליאסטרע קינדער, וועלכע ס'איז גלײַך צו דערקענען, אז דער אפּעטיט איז בא זיי, דאנקען גאָט, נישט צו פארזינדיקן"[6].

בא בערגעלסאָנען:

„זיי (די ווײַבלעך) עסן אָן טעלער פון די געבראכטע טעפּלעך און שמייכלען צו צו די יונגעלײַט, וואָס מע קאָן ניט וויסן, צי זײַנען זיי זייערע העלפער, צי זייערע געליבטע"[7].

בא מ. נאדיר:

„דאָס צימער, וואָס ער האָט געלאָזט אויסקלעפּן די ווענט מיט שווערע געוואנטן, פארהאנגען אלע פענצטער מיט סאמעט־שטאָפּ און נישט ארײַנגעלאָזט פון דרויסן קיין שײַן, קיין זערנע ליכט"[8].

„דער פענונביקסלער האָט געקראָגן אן אײַנלאדונג צו קומען אהינצו ספּעציעל מיט דער אָקסנפּאָסט — לעקאָוועד דער ערשײַנונג פון... „צווייטן באנד לידער" פון א געוויסן שרײַבער, וואָס מיר הויבן נישט אָן צו וויסן גאָרנישט וועגן זײַן ערשטן באנד לידער"[9].

---

1) א. מ. דיק: „יעקעלע גאָלדשלעגער אודער יעקעלע מזל טוב" זשיטאָמיר, 1868, ז. 5.
2) דער זעלבער, דאָרטן, ז. 11.
3) ש'א.: „מאָטל פּייסי דעמ כאזנס", 2־טער טייל, קיִעוו, 1922, ז. 44.
4) דער זעלבער, דאָרט, ז. 102.
5) ש'א: „פּעסעלע דעמ רעבנס", אלע ווערק, „מײַסעס פאר יִדישע קינדער", ב. 1, ניו־יאָרק, 1927. ז. 162.
6) דער זעלבער. „בלאָנדזנדע שטערנ", 2־טער טייל, קיִעוו, 1927, ז. 49.
7) ד. בערגעלסאָן: „אָפּגאנג" אין „אייגנס", קיִעוו, 1920, ז. 43.
8) מ. נאדיר: „פּען און ביקס", „מאָרגנפרײַהײַט", פונעמ 25־טנ אווגוסט, 1930.
9) דער זעלבער, דאָרט, „מאָרגנ־פרײַהײַט" פונעמ 21 דעקאבער, 1930.

ווי אויך אין א וויסנשאפטלעך־פובליציסטישן טעקסט.

צו מינדלעכמעסיק־פאָלקסטימלעכן שטייגער פון זאצבוי דארף מען צורעכענען אויך פאָלגנדיקע קאטעגאָריע:

„דאָס גרויסע לאנד וואָס זייא האָבין גיטראָפין, איז אויף א טייל ערטיר גאָר נישט גיוועזן, קיין מענטשען און אויף א טייל ערטיר זענין יוא גיוועזן מענטשין נאָר זייא זענין גיוועזן ווילדע מענטשין" (קע׳ה IIa).

„דיא צווייא גרויסע מעניר, האָבין איטליכיר זיינע גוטע פריינט גיהאט" (קס׳ג Ib).

„קוויסקאיציס לייט האָבין איהם א טייל גיראטין, אז ער זאָל מיט דיא שפאניר שלום מאכין און א טייל האָבין איהם גיזאָגט, אז..." (קס׳ב IIb).

„דיא ביידע צדדים (צדאָדים) זענין איטליכר ב זיך זייער גרויס גיוועזן" (קס׳ב IIa).

די דאָזיקע דערשיינונג איז באוווסט אין דער לינגוויסטישער ליטעראטור מיטן נאָמען אנאקאָלוט. די דאָזיקע דערשיינונג שפיגלט אָפּ דעם געדאנקען־גאנג פון א נעם ריידער, וואָס ביים ער הייבט אָן צו ריידן, ווייסט ער נאָך ניט, וואָס פאר א ראָליע וועט שפילן אין זאץ די גרופּע, וואָס מיט איר הייבט ער אָן דעם זאץ.

מיר טרעפן שוין אָבער דאָ אויך (זעלטן) ביי־זאצן מיט „אין וועלכן", „מיט וועלכן":

„און דאָס דריטע שיפל אין וועליכין קאלאָמבאָסיס זאכין זענין גילאָדין גיוועזן..." (ל׳ט Id).

## אויספורעמונג פונעם אטריבוטיוון אָרט־ביי־זאץ

„ער איז גיגאנגין דורך אזעליכי וויסטע ערטיר, וואָס ער מיט זיינע לייט האָבין גאָר נישט גיקענט קריגין קיין שום לעבענס מיטל" (קע׳ו Ia).

„אורליינא האָט דערציילט, אז ער איז דורך גיגאנגין, לענדיר וואָס אין דיא פעלדיר וואלגירט זיך גאָלד און אבנים טובות" (קע׳ו Ia).

„און באלד איז ער גיקומין אויף אזעליכי ערטר, וואָס דאָרטין זענין גיוועזן ווילדע מענטשען" (דאָרט).

אָבער באלד טאקע דאָ:

„לסוף איז ער גיקומין אויף דעם אורט, וויא[1] דאָס וואסיר מארגאנין פאלט אין דעם גרויסין וועלט ים (יאם) אריין" (דאָרט).

דער ביי־זאץ, — ניט צוגעשטעלט צום סובסטאנטיוו, צו וועלכן עס ציט דער ביי־זאץ:

„אלמאגרא האָט פאר לאנגט, אז מען זאָל אים דיא רעזידענט שטאט ראסקא אָפּ געבין, אז ער זאָל דרינין אליין גובערנעהיר זיין, אזו ווי זיין פּאטענט וויזט אויס, וואָס דער קייזיר פין שפאניע האָט איהם גישיקט" (קס׳ח IIa).

„באלבאָא האָט א צייט לאנג גיוואָרט אז דיא שיף זאָל צו ריק קומען וועליכי ער האָט גישיקט קיין היספאניאָלאָ" (ק׳ל Ia).

---

[1] אזוי שרייבט ער אין אנדערע ערטער אויך: „וויא" (ניט: „וור").

„מיט די ערגסטע ערטיר האָט ער די אופיציהרין בלוהנט, וועליכי זיי האָבין אין אלע מלחמות (מילכאָמעת) זייער פיהל ב וויזין" (קע'ד Ia).

## דער סינטאקסישער „אָנשפאר"

זייער אנ אינטערעסאנטע קאָנסטרוקציע איז דער סינטאקסישער „אָנשפאר". אויבנ האָבנ מיר שוינ געזענ, ווי ס'ווערט אויסגעמיטנ דער בייזאצ דורכ דעמ, וואָס דער צווייטער זאצ הויבט זיכ אָנ מיטנ פראָנאָמ „דער". פאראנ אָבער פאלנ ווענ דער סוביעקט אָדער אָביעקט ווערט איבערגעכאזערט דורכנ פראָנאָמ „דער" אינ די ראַ־מענ פונעמ זאצ גופע:

„מאדאמ גארין, דיא איז אויך דאָרטין ארום גיפאָהרין, צו זוכין איהר מאן" (קע'ו Ib).

„ווארין דער מלך פון דעם גאָלד רייכין פעראָ דער איז זייער א שטארקר מלך[1] (קכ'ט IIb).

„קאנדאמינא דער איז גיוועזן א פראנצויזישער מענטש, זייער א גילעהרנ־טער מאן, דער איז אויס צו קאוואסטץ גיפאָהרין, דורך דעם אמצאָנין לאנד[2]" (קע'ו IIa).

אמאָל ווערט די דאָזיקע קאָנסטרוקציע איבערגעריסן דורכ א בייזאצ:

„אלע מענטשין וואָס דער בייא זענין גישטאנין, וויא אלמארגא האָט זיך בא דיא פיצעריס גיבעטין... דיא אלע האָבין גיוויינט אוף אלמאגרא קוקנדיג"[3] (קע'ב IB).

„דער אופיציהר האָט אזו פיהל דער ציילט, אז דער וואָס האָט צו גיהערט איהם דער ציילין, דער האָט זיך גימוזט שרעקין"[4] (קע'ג IIa).

„דיא פיינסטע און דיא בעסטע אופיציהרין וואָס זיי האָבין זייער פיהל גרויסע זאכין ב וויזין דיא אלע האָט ער גאָר נישט גיגעבין"[5] (קע'ד IIa).

אפ דעמ זעלביקנ אויפנ ווערט אויכ איבערגעכאזערט אָרטבאשטימונג:

„ערשט אז ער (אורליינא) איז אָן גיקומין אוף דעם גיוויסין אורט, וואָס... דאָ האָט ער ערשט פאר זיינע לייט אויס גיזאָגט זיין פלאן[6]) (קע'ה IIB).

---

[1]) אינ דייטשישנ אָריגינאל איז דאָ: „den der König dieses reichen Landes, ein mächtiger Herr, würde ihnen wacker entgegen gehen" III (36) 11.

[2]) „Kondamine, ein franösicsher gelernter, der ganze sogenannte Amazonenland durchreiste III (50) 242.

[3]) „Viele harte Kriger konnten bei diesen rührenden Bitten eines so ehrwürdigen greises sich der Tränen nicht enthalten" III (50) 26.

[4]) „...und machte dem Kaiser eine su starke Schilderung... dass man davon erschrecken musste" III (50) 242.

[5]) „Die würdigsten und tapfersten Männer... wurden ganz übergangen" III (50) 233.

[6]) „Orellana entdeckte seinen Vorsatz nicht eher, bis er denjenigen Ort erreicht hatte, wo..." III (50) 239.

ווי ס'איז צו זען פונעם פארגלייַך מיטן אָריגינאַל, קומט דאָ די דאָזיקע קאָנ־סטרוקציע זעלבשטענדיק. מיר טרעפן זי אויך אין כ. הורוויצעס „ייִכעס־בריוו", וואָס ער האָט געשריבן צו זײַן ברודערס זון:

„ערשט זיין זין הרב הגאון המפורסם ר' שעפטיל רב דק'ק פוזנא דער האָט נאָך זיין פאָטערס טויט דעם של'ה גידריקט. ר' שעפטיל האָט געהאט א זין ושמו הגאון ר' וואָלף ‑הלוי הורוויץ, דער איז גיוועזן רב בק'ק קראטשניק אחר זיין רב בק'ק הערדנע דער האָט גיהאט א זין, ושמו ר' בנימין הלוי הורוויץ, דער איז גיוועזן מיין פאָטערס פאָטער... מיין פאָטער ע'ה האָט גיהאט א ברידער המפורסם מוהר'ר משה, ער איז גיוועזן רב בק' ביטשאטש דער איז איבער (אָבער) קיין הורוויץ ניט גיוועזן" [1]).

די דאָזיקע קאָנסטרוקציע איז באקאנט אויך אין עלטערן ייִדיש. מיר טרעפן זי אין די פּראָגער פּריוואט־בריוו:

„דיא לייט, דיא דאָ זיין הער קומן... דיא האָט מן ניט וועלין איין לאָזן" [2]).

„דיא לייט, דיא זיין הער קומין דיא האָבין מוזין ג'ימי' אויף דען בית חיים ליגין" [3]).

אין די „זיכרוינעס" פון גליקל האמיל:

„אלזאָ איזט גכ' תוך ב'ה גיוועזין איין געשטין איי אלטי פלעקין (Polakin) דיא הערט ג'כ די שמועה... זאָגט זיא צו די ווײַבר: ארשרעקט[?]איך ניט" [4])..

„ווען איר עש האָבין וואָלטיט זוא וויל איך... דאָז מיידלי ביזעהין אונ' אייך תכף זאָגין אויב עש ח'ו מסוכן איזט... דיא זאָגין: יוא" [5]).

אלזו איז אייניר דער בייא גישטאנדין בשמו ליפמן, דער האָט גיפראָגט..." [6]).

„בהנוביר איזט איין אלטיר מאן איין פּאָלאק גיוועזין גאשט דען האָבין זיא גידונגין" [7]).

„דר ווערט (ווירט) דר האָט איין היפשה טאָכטער דיא וואר איין כלה" [8]).

„ווער דר היימ שון די ברכות גזאָגט האָט דער דארף זיא ניט ווידר אין דיא שול זאָגנ" [9]). און אנדערע.

## די קאָנסטרוקציע מיט „ווי" אָנשטאָט פּארטיציפּישער און גערונדיווישער קאָנסטרוקציע

מיר טרעפן דאָ נישט קיין זאצפארבינדונג מיטן פּארטיציפּ אָדער גערונדיוו. אָנ־שטאָט דעם — דורכויס די פאָלקסטימלעכע קאָנסטרוקציע מיט „ווי":

1) ציטירט לויט: מנשה אונגער: חייקל הורוויצעס „ייחוס־בריוו", פילאָלאָג. שריפטן פון ייִוואָ, באנד 3, ווילנע, 1929, שפּ. 86—87.

2) פּראָגער פּריוואט־בריוו, נומ. 1, ז. 1.

3) דאָרט, נומ. 2, ז. 3.

4) „זכרונות מרת גליקל האמיל פר/־מ, 1896, ז. 86.

5) דאָס זעלבע, דאָרט.

6) דאָרט, ז. 88.

7) דאָרט.

8) „קב הישר", הוראָדנאָ, תקנ'ה (1795); דאָס זעלבע אין „קב הישר" פולנאָה, תקע'ד (1814).

9) „עץ חיים — אנאָנים.

„וו י א דיא שפאניר האָבין דאָס דער הערט, אייז זייא א שאיעדערניש אין זייערי לייביר דורך גיגאנגין" (כ׳ב !a).

וו י א דער מלך פערדינאנד האָט דער זעהין דאָס גרויסע עשירות וואָס מען האָט איהם גיבראכט... איז דער מלך פערדינאנד גיוואָרן מלא שמחה" (קל׳ד I!-Ib).

„דיא שיף, וואָס באלבאהא האָט גישיקט קיינ היספאניאָלא, וו י א זי איז גיקומין בּ דעם בּארטין פון יאקאטאן איז דיא שיף צו בראָכין גיוואָרין (קל׳א I).

„אונ וו י א פּיצערא איז אָן גיקומין מיט זיינע לייט קיין פּאנאמא, האָט ער מיט זיך גיבּראכט זייער פיהל זילבּערנע און גילדינע כלים".

„דער קייסיר קארל מיט אלע זיינע מיניסטערס, וו י א זיי האָבּין דער זעהין, דאָס עשירות, וואָס פיצערא האָט דאָ מיט זיכ געבּראכט... האָבּין זייא זיך אלע זייער גיווינדערט" (קמ״ב Ib).

„און וו י א זייא זענין דורך גיגאנגין אין דיא גידעכטע וועלדיר... האָבּין זייא זיך אלץ זאטשעפּעט אין דיא צווייגין" (קע״ז IIa).

דעם דאָזיקנ טיפּ זאצפארבינדונג טרעפנ מיר דערהויפּט אינ דער אנאָנימער ליטעראטור:

„איך האָבּ אין דער היים גילאָזט איין ווייבּ מיט קינדער דרום האָבּ איך זייער גיוויינט. וו י א דער מלכות האָט דער הערט אזו איז ער זייער דער שראָקין גיוואָרין" [1]).

„אזו באלד פאָרט דער קאָמיסאר אין דעם שטעטעל און דער קנעכט פּאר פירט אים גלייך צום עושר, וו י א דער קאָמימאר קומט אריין צו אים אין קלייט און זעהט דאָרט פיל סחורה אזו פרעגט ער זיא ווער ביסטו" [2]).

אונ אזוי אינעמ גאנצנ ביכל.

„דער דר מלך גישיקט זיינע לייט אז זיי זאָלן זיי מזיק זיין ווי די משפחה פון דעם חכם האָבּן זיי דר זעהן איז אוף זיי גיפאלן א גרוסר פחד" [3]).

ווי דער גזלן האָט דער זעהן א מענטש האָט ער אָן גיהובן צו שרייען" [4]).

אונ אנדערע.

וו י א ער איז גיקומן אין וואלד האָט ער גיפונן איין פיסטן בום איין אויס גיהיילטן האָט ער זיך אין דעם בוים בא האלטין" [5]).

בּא אקסנפעלדנ:

„אנומלט בין איך גיגאנגין פונים הייליגין אָרט, האָבּ איך אָן גיקלאפּט אין

---

[1]) אנאָנימ „מעשה גור אריה", פיעטריקוב תר״ע (1910), ז. 10.

[2]) דאָרט, ז. 40.

[3]) נאכמענ בראצלאווערס „ספורי מעשיות", ווארשע, 1881, ז. 21.

[4]) דאָרט.

[5]) אנאָנימ „מעשה די אומגליקליכע גבירתה שרה לעווין שטיין", זשיטאָמיר, 1873, ז. 7—8 (אזוי מיט „ווי"—קימאט אומעטומ אינ ביכל, בלויז איין מאָל זיצנדיק דאָרט ביַ ר׳ בעריש אין שטוב האָט זי גיזעהן), ז. 5.

אייער מאנס קבר אוין, ווי איך בין צוריק גיגאנגין, דער זעה איך
אייער חיימין״ [1]).

באַ עטינגערן:
„זי איז דאָך אליין מודה, אז ווי זי איז ארייגגיקומען אין שטוב
אריין, האָט זי נאָר אים אליין דער ווישט״ [2]).

און באַ לינעצקין:
„ווי אוך שטעה אזו און איין פלאטערניש און ווייס גוט וויא אוך בין
אין דער וועלט הער אוך אונטר מור האָט אויסגעשאָסען א געלעכטר״ [3]).

די דאָזיקע קאָנסטרוקציע איז באַקאנט אויכ אינ די בײַערישע, עסטר. עלזאסישע און אנדערע מונדארטנ [4]).

ו אָ ר ט ש ט ע ל ו נ ג

דער ווערטער־סיידער איז דאָ אינ גרונט א נאָרמאלער ווי אינ הײַנטצײַטיקנ ליטעראַרישנ ייִדיש. די אָפּווייכונגענ זײַנען דאָ צו דער גערעדטער שפּראַכ (זע, אשטייגער, פּריִער: „נאָכזאָג״).

אהער געהער אויכ דאָס שטעלנ דעמ פּערזאָניקנ ווערב אפנ דריטנ אָרט:
„דער פראנצ פיצערא אין זיינע יונגע יאָהרין פלעגט ער חזירים צו פאסען״ (קל״ז).

אנדערי מענטשין נאָך אזעליכי צרות און אנקסטין און סכנות וויא זייא האָבין דאָ גיליטין, העטין זייא דורכ גיקיהערט זיך שון אום צו קעהרין קיין פאנאמא״ (קל״ט).

פ א ס י ו ו

מיר טרעפנ דאָ (זעלטנ) דעמ האלבנ און פולנ פּאסיוו:
„דער האנדיל ווערט גיפיהרט מיט שיפין״ [5]) (קס״ד Ib).

„דיא קליינע קאָמאנדליך שפאניער... זענין איבער גיפאלין גיוואָרין פון די פעראָאנישע לייט און מען האָט זייא אלע אויס גיהארגיט״ (קס״ו Ib).

„ער האָט א ידיעה ב קומין, אז דאָס חיל וואָס ער האָט פריר גישיקט קיין ראסקא, זענין אוף דעמ וועג, אומגיקומין פון דיא פעראָאניר״ (קס״ט Ib).

„באלד האָט מען איהם מודיע גיוועןן, אז זיין ברודיר ייאהאן איז אין ראסקא נהרג גיוואָרין פון די פעראָאניר״ (קס״ט Ib):

ב י נ ד ו ו ע ר ט ע ר

די העברייִשע בינדווערטער „קעדיי״ און „בעשאָס״ קומענ דאָ שטענדיק (כוצ געציילטע אויסנאמענ) פּאראלעל מיטנ בינדוואָרט „אז״:

[1]) י. אקסנפעלד „מאן און ווייב, ברידער און שוועסטער״, אָדעס, 1867, ז. 7.
[2]) ד״ר שלמה עטינגערס כתבים, (סערקעלע), ווילנע, 1925, ז. 406.
[3]) י. לינעצקי: „דאָס פּוילישע יונגל״, פעלט דער שאר, ז. 127.
[4]) זע וועגנ דעמ: O. Behaghel: „Syntax“ III, 302
[5]) אינ אָריגינאל האָב מיר דאָ: „Sie können daher eben so gut Sechandee treiben“ 179

„האָט זיך אלמאגרא מיישב געוועזן ער וועט פּאוואָליע גיין, כ ד י א ז ער זאָל אויף דעם וועג געוואָר ווערין...״ (קס״ח Ia).

„און כ ד י א ז דער גרויסער ים זאָל נישט דורך רייסין דיא ערד ענגע... האָט גאָט ווידר בּ שאפין אויף דער ערד ענגע, זייער גרויסע בערג, כ ד י א ז דער שטארקיר ים זאָל קיין כח ניט האָבּין א וועק צו רייסין״ (ק״ל Ib).

„ער האָט זייא ווידר דער מאנט, אָן דער הייליגיר פריינדשאפט, וואָס זייא האָבּין צווישין זיך געשלאָסין... ב ש ע ת א ז זייא האָבּין חברותה געמאכט...״ (ע״ב ).

„אויב״ אָנשטאָט „צי״:

„און ער האָט גאָר נישט רעכט חוקר ודורש געוועזן א ו י ב עס איז אמת אודר שקר״ (כ״ט IIa).

„בכן מוזין מיר דאָס אלץ פריר רעכט נאָך קלעהרין, א ו י ב דאָס איז אלץ אמת אודר שקר״ (כ״ג Ia).

אָבּער אויך „צי״:

„ער האָט געוואָלט דער קלעהרין צ ו איז דאָס א אינדזיל, אודר א פעסט לאנד״ (כ״ה Ia).

קיין „ענטפער״ — אָדער טרעפן מיר דאָ ניט. שטענדיק — „אָדער — אָדער״:

„א ו ד ר מיר וועלין אלע פאר הונגר שטארבּין א ו ד ר מיר וועלין אלע בּלייבּין לעבין״ (כ״ט IIb).

## פ ר ע פ אָ ז י צ י ע ס

פון פּרעפּאָזיציעס דארף מען דאָ דערמאָנען די פונקציע פון „בא״ — דאָס פאַרבּײַט דאָ די פּרעפּאָזיציע „צו״ און אנדערע:

„דיא שיף וואָס באלבאאָ האָט געשיקט קיין היספּאניאָלא, וויא זיא איז געקומין ב ד ע ם ב אָ ר ט י ן פון יאקאטאן איז דיא שיף צו בראָכין געוואָרין״ (ק״ל Ia).

„ראָלדאן מיט זיינע איבעריגע לייט וואָס זענין מיט איהם אין איינים געוועזן... דיא אלע האָבּין קאלאָמבאסין ב ד ע מ מלך פאר מאסירט״ (ל״ה).

דער דאָזיקער באנוץ פון „בא״ איז דאָ ניט צופעליק. מיר טרעפן עס אויך אין דער אנאָנימער ליטעראטור:

„מרדכי איז ארומגעגאנגען ב י״ א אלע זײַנע בעקאנטע״ [1].

„מיר זיינען געקומען אויף דעם מיטען וועג ביי א קרעטשמע״ [2].

„ער לויפט ארום... בּ י״ א אלע זיינע בעקאנטע״ [3].

„זונשט לאָזט דיך מאירל פרעגן דיא זאָלשט אין שרייבן אויב דוא ניט ב י״ א זיין שר ביזט צו קומן״ [4].

---

[1] יהושע מזח „מרדכי הצדיק״, ווילנע, תרנ״ז, ז. 11.

[2] דאָרט, ז. 17.

[3] דאָרט, ז. 23.

[4] פראגער פריוואט־בריוו. נומ. 46, ז. 59.

אזוי אויך אין די מעמוארן בא גליקל פון האמעלן און אויך אין אייכלס „ר׳ הענאך״:

„ר׳ הענאך ווידר מויכל זיין ביי קאָהאָל צו קומען״.

„איך בין שוין ביי אלע שכיינים הערום געלאָפין״.

ס׳איז באקאנט אויך אין קורלענדער יידיש: „איך גיי ביי די מאמען״ [1].

„דורך״ — מיטן באטייט פון „איבער״:

„דורך דעם שלעכטין עסין, וואָס דיא שפאניר האָבין גמוזט עסין אז זייא האָבין די הונגיר נויט גילייטין, און אויך דורך דיא שלעכטע לופטין... זענין א טייל פון דיא הונדערט און צוועליף מאן שפאניר, אויס גישטאָרבין״.

„דורך דיא קאָנטרע ווינטין... איז פיצערא גיגאנגין, אין זיבעציג טעג, אזו פיהל וויא מען גייט היינט אזו א וועג, נאָר אין זיבעציק שעה״ (קל״ח Ia).

אָבער גלייך באלד:

„ער איז אויך איבער די קאָנטרע ווינטין, עטליכי מאָהל ארויס גיגאנגין אוף דער יבשה...״

## פאָרמעס

דאָ איז נאָך לעבעדיק דער באשרייביקער געניטיוו־פּאָסעסיוו:

„נאָר ער האָט דאָס ניט גיוואָלט טאָהן אקעגין דעם מלך זיין באפעהיל״ — אָנשטאָט „דעם מיילעכס באפעל״ [2].

דאָ איז נאָך אויך לעבעדיק דער קאָניונקטיוו מיט „העט״:

„מען זאָל גיוועזן זייא צו לאָזין אזו גער צום עסין, העטין זייא זיך אלע גיוועזן איבער גיגעסין, און העטין גיוועזן אלע ראפטעם גישטאָרבין (קע״ז Ib).

„עס זאָל ניט גיוועזן זיין די זון, העטין זייא גאָר נישט גיקענט טרעפין, דעם וועג קיין קוואיטא״ (דאָרט).

„העטין זייא ניט גיוועזן זיך אוף דעם בארג ארוף גיחאפט, וואָלטין זייא אלע גיוועזן דער טרונקין גיוואָרין״ (קע״ה Ia).

„ווייל ווען ער זאָל ניט גיוועזן אלמאגרא אָן ריידין אזו העט ער דאָך ניט גיוועזן איהם אומגיבראכט״ (קע״ג Ia).

דער קאָניונקטיוו מיט „וואָלט״ איז דאָ זעלטן:

„ווייא גשריגן איבער קאלאָמבאס וואָלט ער גיוויסט וואָס עס ווער זיך איהם טערפין (טרעפן), פאר א סיבה אוף דעם קורצין וועג, אזו וואָלט ער מוחל גיוועזן גאָר דאָס גאָלד פון דער גאנציר וועלט (י״ב Ib).

---

1) מ. וויינרייך: „דאָס קורלענדער יידיש״, „שטאפלען״, 1923, ז. 208.

2) געניייער וועגן דעם, זע „דער גענעזיס פונעם געניטיוו־פּאָסעסיוו״, „אפן שפראכפראָנט״, נומ. 1, 1937, ז״ז 126־149.

פונ אנדערע אייגנטימלעכקייַטנ זאָל נאָכ דאָ דערמאָנט ווערנ די מיטשטימונג, ו'יכטיקער, די אומפולע מיטשטימונג. מיר טרעפנ דאָ: סוביעקט — מערצאָל, פרעדיקאט — איינצאָל:

„דיא ביידע זאכין איז גאָר ליגין" (קע'ו IIb).

אונ פארקערט: סוביעקט — איינצאָל אונ פרעדיקאט — מערצאָל:

„אז דאָס חיל וואָס ער האָט פריר גישיקט קיין ראסקא זענין אוף דעמ וועג, אומגיקומין פון די פעראאניר" (קס'ט Ib).

„זיינע ליגין, האָבין דיא וועלט גיגלייבט מעהר וויא צווייא הונדערט ייאָהר" (קע'ו IIa).

צולעצט נאָכ איינ אייגנטימלעכקייַט: דאָ קומט שטענדיק, כוצ זעלטענע אויס־נאמענ דער „צו" באמ אינפיניטיוו פונ דער פילמאָליקער פארגאנגענהייַט":

„די גימיינע זעלניר פלעגין צו שפיהלין אין קאָרטין, און פלעגין אוף א קאָרט צו שטעלין, אזו פיהל וואָס אין יענע ייאָהרין פלעגט קיין מלך ניט צו שטעלין" (ק'ס IIa).

„זייא פלעגין אלע צו פייפין און צו פויקען און זייער שטארק צו שרייען (קמ'ו Ib).

בא דער געלעגנהייַט איז קעדייַ אָנצוווייַזנ נאָכ אפ א פאָרמע. מיר טרעפנ דאָ נאָכ: „דער היים" אָנשטאָט „אינדערהיימ":

„קאָלאָמבאס איז ניט גיוועזן דער היים" (ל'ה).

„דיא איבעריקע עליף, האָבין גימוזט נאקיט דער היים זיצין" (קע'ד).

---

ווי געזאָגט, איז הורוויצעס „צאָפנאס פאנייאכ" שוינ לאנג א ביבליאָגראפישע זעלטנהייַט, אונ דעריבער האָט מענ אָפט געפלאָנטערט דאָס דאָזיקע בוכ מיט מ. א. גינצבורגס „די אנטדעקונג פאָן אמעריקא". אונ ס'איז מאמעש צו שטוינענ, ווענ מע טרעפט, אשטייגער, אזא כאראקטעריסטיק פונ דער שפראכ פונ „צאָפנאס פאנייאכ":

„הורוויצעס בוכ האָט געהאט אינ א געוויסער מאָס א שעדלעכע (!) ווירקונג אפ דער אנטוויקלונג פונ דער יידישער ליטעראטור, שאפנדיק דעמ פרעטענציעזנ פארדייַטשמערישטנ סטיל (!), בא וועלכנ עס איז פארלאָרנ געגאנגענ דער אייגנטלעכער גייַסט פונ יידיש" [1].

„צאָפנאס פאנייאכ" איז א מאָנומענטאל ווערק פונ איבער הונדערט צוואנציק יאָר צוריק, געשריבנ אינ גרונט אפ א מאסנטימלעכנ יידיש, אונ וואָס האָט אָנ סאָפעק געהאט א קאָלאָסאלע ווירקונג אפ דער ווייַטערדיקער אנטוויקלונג פונעמ ליטערארישנ יידיש.

---

[1] ז. רייזענ: „לעקסיקאָנ פונ דער יידישער ליטעראטור אונ פרעסע", ווארשע, 1914, שפ. 210.

מ. מײַדאנסקי

# די טעמע „טיפנ בײַזאצנ" אינ דער מיטלשול

די טעמע „טיפנ בײַזאצ" פארנעמט א וויכטיק אָרט אינעמ שול־קורס פונ גראַמאטיק. זי פירט צו דירעקט די שילער צומ באהערשנ טעאָרעטיש אונ פראקטיש דעמ בוי פונעמ סובאָרדינירטיק־צונויפגעזעצטנ זאצ, אונ דער דאָזיקער טיפ זאצבוי איז דאָכ ברייט פארטראָטנ אינ אלערליי זשאנרענ פונ דער שפראכ. די ארבעט אפ די טיפנ בײַזאצנ דארפ אויכ אינ א היפשער מאָס העלפנ דעמ שילער צו דערגרייכנ פולשטענדיקע גראמאָטנעקײַט אינ פראט פונ פונקטואציע. דעריבער איז די דאָזיקע טעמע אקטועל פאר דער שול פונ דעמ מעטאָדישנ שטאנדפונקט.

דער סינטאקס פונעמ סובאָרדינירטיק צונויפגעזעצטנ זאצ איז די לעצטע יאָרנ געװענ אנ אָביעקט פונ טעאָרעטישער רעוויזיע. באקעמפנדיק אונ ארויסיאָגנדיק דעמ פאָרמאליזמ פונעמ גראמאטיק־אונטעריכט, האָט מענ שוינ די לעצטע יאָרנ די קלאַסיפיקאציע פונ בײַזאצנ אינ די לערנביכער פאר דער מיטלשול געשטרעבט צו בויענ, דיסקאָנטירנדיק אינ דער ערשטער ריי זייערע פונקציעס, זייער ראָל אינעמ זאצ. דאָכ איז נאָכ אינ די פריערדיקע לערנביכער דער דאָזיקער פרינציפ דורכגעפירט געוואָרנ ניט גענוג קאָנסעקווענט. דערמיט דערקלערט זיכ דאָס, וואָס אינ די נײַע לערנביכער איז אויסגעקומענ ארײַנטראָגנ א ריי ענדערונגענ אינ דער קלאסיפיקאציע פונ בײַזאצנ: ס׳זײַנענ אויסגעטיילט באזונדער ד ע ר פ ר ע ד י ק א ט ־ ב ײַ ז א צ, ד ע ר נ אָ כ ג ע ב ־ ב ײַ ז א צ א ו נ ד ע ר ר ע ז ו ל ט א ט ־ ב ײַ ז א צ ; ס׳איז אויסגעטיילט אלס ברייטערע קאטעגאָריע דער א ו י פ נ ־ ב ײַ ז א צ, אונ דער פארגלײַכ־בײַזאצ איז געגעבנ אלס אונטערטיילונג צו אימ ; דאנ, ווענ פריִער איז דער פארגלײַכ־בײַזאצ געגעבנ געוואָרנ אלס באזונדער טיפ בײַזאצ, אונ דער אויפנ־בײַזאצ איז פארשוויגנ געוואָרנ.

צוליב באזיניקנ די דאָזיקע ענדערונגענ איז נייטיק כאָטשבע אינ אלגעמײַנע שטריכנ אָפּצושטעלנ זיכ אפ דער פראגע וועגנ דער קלאסיפיקאציע פונ די טיפנ בײַזאצנ.

## I. וועגנ דער קלאסיפיקאציע פונ בײַזאצנ

דער פרינציפ פונ קלאסיפיצירנ די בײַזאצנ דרינגט ארויס דערפונ, וויִאזוי מע פארשטייט דעמ טאָכ פונ בײַזאצנ ביכלאל. בײַזאצ ווערט אָנגערופנ א זאצ, וואָס איז גראמאטיש אָפּהענגיק פונ א צווייטנ אונ וואָס דערקלערט (געוויינלעכ) א זאצגליד

פֿונעם דאָזיקן זאַץ. אינעם אײנפֿאַכן זאַץ האָבן מיר בֿאַ סובאָרדינירונג פֿון זאַצגלידער די זעלבֿע לאַגע: אײן זאַצגליד דערקלערט אַ צװײטן זאַצגליד [1]. אַזױ אַרום קען מען זאָגן, אַז דער בײַזאַץ איז אַ זאַץ, װאָס פֿילט אױס די ראָל פֿון אַ זאַצגליד.

װיבאַלד אַז דאָס איז פֿעסטגעשטעלט, קומט באַלד אױף אַ צװײטע פֿראַגע: די ראָל פֿון װאָסער זאַצגליד פֿילט אױס דער בײַזאַץ אין דעם אָדער אין יענעם פֿאַל? אַזױ אַרום קומט אױף פֿאַר אונדז די פּראָבלעם פֿון קלאַסיפֿיצירן די באַטײַטן, די פֿונקציעס פֿון בײַזאַצן.

דעם באַטײַט פֿון אַ זאַצגליד, די באַטײַטלעכע קאַטעגאָריע, צו װעלכער ער געהער, שטעלט מען פֿעסט דורך אױסקלאָרן, מיט װאָס פֿאַר אַ זאַצגליד ער איז פֿאַרבונדן אינעם זאַץ און אױף װאָס פֿאַר אַ פֿראַגע ער ענטפֿערט. דער זעלבער פּרינציפּ װערט אָנגעװענדעט באַם קלאַסיפֿיצירן די טיפּן בײַזאַצן: מיר קלאָרן אױס, מיט װאָס פֿאַר אַ זאַצגליד פֿונעם הױפּטזאַץ דער בײַזאַץ איז געדאַנקלעך פֿאַרבונדן און אױף װאָס פֿאַר אַ פֿראַגע ער ענטפֿערט.

אַז מיר פֿירן דעם פֿאַרגלײַך װײַטער, זעען מיר, אַז בײַזאַצן ענטפֿערן אין דער מערהײַט זײערער אױף די זעלבֿע פֿראַגעס, װאָס פֿאַרשײדענע זאַצגלידער פֿונעם אײנפֿאַכן זאַץ. אַזױ אַז די טיפּן בײַזאַצן אַנטשפּרעכן אין דער מערהײַט צו די טיפּן זאַצגלידער פֿונעם אײנפֿאַכן זאַץ.

דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער אָנגענומענער נאָמענקלאַטור פֿון די טיפּן בײַזאַצן: סובּיעקט-בײַזאַץ, פּרעדיקאַט-בײַזאַץ, אָבּיעקט-בײַזאַץ, אַטריבוטיװער בײַזאַץ, צײַט-בײַזאַץ, צװעק-בײַזאַץ, סיבּע-בײַזאַץ, אױפֿן-בײַזאַץ, אָרט-בײַזאַץ.

זעלטענער װערט אױסגעדריקט דורך זאַצגלידער אינעם אײנפֿאַכן זאַץ דער אינהאַלט פֿון די איבעריקע טיפּן בײַזאַצן: באַדינג-בײַזאַץ, נאָכגעבּ-בײַזאַץ, רעזולטאַט-בײַזאַץ. דערמיט דערקלערט זיך דאָס, װאָס קײן באַזונדערע אַנטשפּרעכיקע צו זײ טיפּן זאַצגלידער פֿלעגן אינעם אײנפֿאַכן זאַץ ניט אױסגעטײלט װערן ביז איצט [2].

קעדײ צו באַשטימען גענױער דעם באַטײַט פֿון דעם אָדער יענעם טיפּ בײַזאַץ, דאַרף מען אױספֿירלעכער באַטראַכטן דעם כאַראַקטער פֿון דער געדאַנקלעכער פֿאַרבינדונג צװישן הױפּטזאַץ און בײַזאַץ.

געװײנלעך גיט צו דער בײַזאַץ צום הױפּטזאַץ אַ נײַעם אינהאַלט, דעם אינהאַלט פֿון אַזאַ זאַצגליד, װאָס איז ניטאָ אינעם הױפּטזאַץ. צום בײַשפּיל: 1) אינעם הױפּטזאַץ איז קײן צײַט-אומשטאַנד ניטאָ. דער בײַזאַץ איז געדאַנקלעך פֿאַרבונדן מיטן

---

[1]) בֿאַ קאָאָרדינירונג פֿון זאַצגלידער, ד. ה. װען די זאַצגלידער זײַנען גלײַכאַרטיקע, דערקלערן זײ ניט אײנער דעם צװײטן, זײ זײַנען גראַמאַטיש גלײַכװערטיק און גלײַכבאַרעכטיקט און הענגען ניט אָפּ גראַמאַטיש אײנער פֿונעם צװײטן.

[2]) אינעם נײַעם לערנבוך פֿון גראַמאַטיק זײַנען אָנגעװיזן צװישן אַנדערע באַטײַטן פֿון אומשטאַנדן אינעם אײנפֿאַכן זאַץ אױך:

1) דער באַטײַט פֿון באַדינג (צ. ב. אין פֿאַל פֿון אַ רעגן װעט דער ספּעקטאַקל פֿאָרקומען אין דער געבײַדע, ניט אין סאָד).

און 2) פֿון נאָכגעבונג (צ. ב. בֿאַ מײַן גאַנצן װילן האָב איך נעכטן ניט געקענט צו אײַך קומען).

פרעדיקאט פונעם הויפטזאץ און ענטפערט אף דער פראגע פון א צײַט־אומשטאנד, ד. ה. דער בײַזאץ איז א צײַט־בײַזאץ; 2) בא א סובסטאנטיוו פונעם הויפטזאץ איז קיין אטריבוט ניטאָ; דער בײַזאץ איז געדאנקלעכ געבונדן מיטן דאָזיקן סובסטאנטיוו, ענטפערט אף דער פראגע פון אן אטריבוט, ד. ה. ער איז אן אטריבוטיווער בײַזאץ א. אז. וו. דער בײַזאץ *דערגאנצט* דאָ דעם הויפט־זאץ מיטן אינהאלט פון א געוויסן זאצגליד. אזא געדאנקלעכע פארבינדונג וועלן מיר רופן *דערגאנצונג*.

באנאנד דערמיט קען פאָרקומען אינעם סובאָרדינירן־צונויפגעזעצטן זאץ נאָכ אן אנדער מין געדאנקלעכע פארבינדונג פונעם הויפטזאץ מיטן בײַזאץ. דער אינהאלט, וואָס ווערט צוגעגעבן דורכן בײַזאץ, איז אינעם הויפטזאץ שוין אין אלגעמיין אָנגעמערקט, מערסטנטייל, דורכ א פראָנאָם, וועלכער בילדעט אין די גרענעצן פונעם הויפטזאץ דעם זעלבן זאצגליד, וואָס דער בײַזאץ אויסערן הויפטזאץ. צומבײַשפּיל: דער בײַזאץ איז אן אָביעקט־בײַזאץ, און אינעם הויפטזאץ איז פאראן א פראָנאָם אן אָביעקט, וואָס ווערט דורכן בײַזאץ *קאָנקרעטיזירט* א. אז. וו.

אזא געדאנקלעכע פארבינדונג וועלן מיר רופן *קאָנקרעטיזירונג*.

אָט זײַנען בײַשפּילן צום פארגלײַכן.

| דער בײַזאץ דערגאנצט דעם הויפטזאץ | דער בײַזאץ קאָנקרעטיזירט א פראָנאָם אינעם הויפטזאץ |
|---|---|
| 1. ווער עס שלאָפט לאנג, האָט קורצע טעג (שפר). | 1. *דער*, ווער עס שלאָפט לאנג, האָט קורצע טעג. |
| 2. לייג ניט אָפּ אפ מאָרגן, וואָס דו קענסט הײַנט באזאָרגן (שפר.) | 2. לייג ניט אָפּ אפ מאָרגן *דאָס*, וואָס דו קענסט הײַנט באזאָרגן. |
| 3. מיר האָבן זיכ געלאָזט צום באַצירק, ווו עס ארבעט דער בעסטער רינג. | 3. מיר האָבן זיכ געלאָזט צו *יענעם* באצירק, ווו עס ארבעט דער בעסטער רינג. |
| 4. ווען די פור האָט זיכ דערנעענטערט, איז וואנקע אוועק אנטקעגן (ש. ג.) | 4. ווען די פור האָט זיכ דערנעענטערט, *דאן* איז וואנקע אוועק אנטקעגן. |

אין 1 רעכטס איז דער בײַזאץ געדאנקלעכ געבונדן מיטן פרעדיקאט, ער *דערגאנצט* דעם הויפטזאץ אלס סוביעקט. אין 1 לינקס איז אויכ פאראן די זעלבע געדאנקלעכע פארבינדונג, אָבער באנאנד מיט איר איז פאראן נאָכ א צווייטע. דאָ איז אינעם הויפטזאץ פאראן א פראָנאָם—א סוביעקט. דער בײַזאץ *קאָנקרעטיזירט* דאָ דעם דאָזיקן פראָנאָם. די זעלבע לאגע זעען מיר באם פארגלײַכן די איבעריקע בײַשפּילן רעכטס און לינקס. אין דידאָזיקע בײַשפּילן האָבן מיר פארשיידענע טיפּן בײַזאצן (סוביעקט־בײַזאץ, אָביעקט־בײַזאץ, אטריבוטיווער בײַזאץ, צײַט־בײַזאץ).ביידע באטראכטע טיפּן פון געדאנקלעכער פארבינדונג — דערגאנצונג און קאָנקרעטיזירונג—קענען מיר באאָבאכטן בא דער מערהײַט טיפּן בײַזאצן. אויסנאמען שטעלן דאָ פאָר דער פרעדיקאט־בײַזאץ און דער רעזולטאט־בײַזאץ.

דער פרעדיקאט־בײַזאצ איז מעגלעכ בלֿויז אלֿס קאָנקרעטיזירנדיקער בײַזאצ. פארקערט, דער רעזולֿטאט־בײַזאצ דערגאנצט קעסיידער דעמ הויפטזאצ, אלֿס קאָנקרעטיזירנדיקער קומט ער ניט פאָר. וועגנ די באזונדערקײַטנ פונעמ רעזולֿטאט־בײַזאצ וועט נאָכ גערעדט ווערנ ווײַטער. דאָ וועלֿנ מיר זיכ אָפּשטעלֿנ אפנ פרעדיקאט־בײַזאצ.

פארוואָס איז דער פרעדיקאט־בײַזאצ מעגלעכ בלֿויז אלֿס א קאָנקרעטיזירנדיקער בײַזאצ? פארוואָס קומט ער פאָר בלֿויז בא אזעלֿכע הויפטזאצנ, ווו דער פרעדיקאט איז א צונויפגעזעצטער אונ איז אויסגעדריקט מיט דער הילֿפ פונ א פראָנאָמ?

אָט פארוואָס אויב אינעמ הויפטזאצ איז דער פרעדיקאט אויסגעדריקט, אזוי צו זאָגנ, פולֿבאטײַטיק, פולֿווערטיק (דורכ ווערבנ אָדער דורכ א ווערב + א סובסטאנטיוו ציּ אנ אדיעקטיוו), דאנ קענ בא אזא הויפטזאצ ניט זײַנ קײנ בײַזאצ אינ דער פונקציע פונ א פרעדיקאט: דער בײַזאצ דארפ דאָכ אינ אזוינע פאלֿנ צוגעבנ דעמ אינהאלֿט פונ אנ אָפּוועזנדיקנ זאצגלֿיד.

אויב קײנ פרעדיקאט איז גאָר ניטאָ אינעמ הויפטזאצ, דאנ איז דאָס ניט קײנ זאצ [1]). בלֿײַבט אזוי ארומ פארנ בײַזאצ די ראָלֿ פונ א פרעדיקאט צומ בײַזאצ בלֿויז אינ יענע פאלֿנ, ווענ דער פרעדיקאט איז אינעמ הויפטזאצ א צונויפגעזעצטער אונ איז אויסגעדריקט מיט דער הילֿפ פונ א פראָנאָמ. דער בײַזאצ שטעלֿט דאנ פאָר די נײטיקע קאָנקרעטיזאציע פונעמ פרעדיקאטיוונ פראָנאָמ אינעמ הויפטזאצ. צומבײַשפּילֿ:

„דער פילֿמ איז אזא, וואָס פארגעדענקט זיכ".

וואָלֿט דער הויפטזאצ געווענ „דער פילֿמ פארגעדענקט זיכ", וואָלֿט דאנ קײנ פרעדיקאט־בײַזאצ צו אימ גיט געקענט קומענ.

דערפונ ווערט שוינ אויכ קלֿאָר, פארוואָס דער פרעדיקאט־בײַזאצ ענטפערט אפ די פראגעס „אוועלֿכער איז דער געגנשטאנד"?, „וואָס איז דער געגנשטאנד"?. אפ די דאָזיקע פראגעס ענטפערט דער פרעדיקאט, ווענ ער איז א צונויפגעזעצטער. דער פרעדיקאט־בײַזאצ קענ ניט ענטפערנ אפ דער פראגע „וואָס טוט דער געגנשטאנד"?, ווײַלֿ אפ דער פראגע ענטפערט דער פרעדיקאט, ווענ ער איז אויסגעדריקט דורכ א ווערב.

אויבנ איז אָנגעוויזנ געוואָרנ, אז די געדאנקלֿעכע פארבינדונג פונ קאָנקרעטיזירונג קענענ מיר טרעפנ בא דער מערהײַט טיפנ בײַזאצנ. ס'וואָלֿט אָבער ניט ריכטיק געווענ צו מײנענ, אז די קאָנקרעטיזיר־פארבינדונג איז אנ אָפּטע דערשײַנונג. פארקערט, אסאכ אָפּטער קומענ איצט פאָר הויפטזאצנ אָנ פראָנאָמינאלֿע זאצגלֿידער, וואָס זאָלֿנ קאָנקרעטיזירט ווערנ דורכנ בײַזאצ [2]). ווײַטער דארפ מענ נעמענ אינ אכט,

---

[1]) עס קענ דאָ אופקומענ א דערווידערונג וועגנ אָנרופיקנ זאצ. אָבער אינעמ אָנרופיקנ זאצ פארײניקט געוויינלֿעכ דער סובסטאנטיוו אינ נאָמינאטיוו אינ זיכ אינ א דיפוזנ צושטאנד סײַ דעמ סוביעקט, סײַ דעמ פרעדיקאט.

[2]) אינ אסאכ פאלֿנ, ווו ס'וואָלֿט געקענט קומענ אינעמ הויפטזאצ אנ אנטשפרעכוואָרט, באגײט מענ זיכ אָנ דעמ. די אנטשפרעכווערטער ווערנ אינ אסאכ פאלֿנ אריבערגעצויגנ אינעמ בײַזאצ, אונ ס'בילֿדנ זיכ אויס צוזאמענגעזעצטע בינדווערטער. דאָס אלֿצ ווײַזט אָנ אפ דער פאלֿונג פונ דער ראָלֿ פונ די אנטשפרעכווערטער (אנטשפרעכיקע פראָנאָמענ) אינעמ הויפטזאצ.

אז אל̄ס זאצגל̄יד פונעם הויפט־זאצ קענענ די דאָזיקע פראָנאָמענ באטראכט ווערנ, בל̄ויז אויב מע נעמט דעמ הויפטזאצ איזאָל̄ירט פונעמ בײַזאצ. נעמענ מיר דעמ סובאָרדיניריק־צונויפגעזעצטנ זאצ אל̄ס גאנצעס, ווערט דאָ אָנ דער פראָנאָמ די ראָל̄ פונ א זאצגל̄יד. ער באקומט דאָ א נײַע ראָל̄. זײַנ ראָל̄ איז אונטערצושטרײַכנ, סיגנאל̄יזירנ וועגנ דעמ אינהאל̄ט פונעמ בײַזאצ.

אינ דער דאָזיקער ראָל̄ זײַנענ די פראָנאָמענ (אונ פראָנאָמינאל̄ע אדווערבנ) פונעמ הויפטזאצ באקאנט אונטערנ נאָמענ „אנטשפרעכווערטער" („אנטשפרעכערס" אינ דער פראָגראמ פונ דער מיטל̄שול̄).

די אנטשפרעכונג זײערע צומ בײַזאצ באשטײט דערינ, וואָס די פונקציע פונעמ בײַזאצ א נ ט ש פ ר ע כ ט, פ א ל̄ ט צ ו נ ו י פ מיט דער פונקציע פונעמ אנטשפרעכיקנ פראָנאָמ אינעמ הויפטזאצ (איז דער פראָנאָמ אנ אָביעקט, דאנ איז דער בײַזאצ אנ אָביעקט־בײַזאצ א. אז. וו.).

די אנטשפרעכונג דריקט זיכ נאָכ אויס אויכ אינ דעמ, וואָס צו באשטימטע בינדווערטער אונ בינדונגענ [1]) אנטשפרעכנ באשטימטע פראָנאָמענ אונ פראָנאָמינאל̄ע אדווערבנ אינעמ הויפטזאצ.

מיר האָבנ געזאָגט, אז דאָס אנטשפרעכ־וואָרט איז ניט קײנ באזונדערער, פול̄ווערטיקער זאצגל̄יד אינ די ראמענ פונ א צונויפגעזעצטנ זאצ. אל̄ס גאנצעס איז דאָס אנטשפרעכ־וואָרט א טײל̄ פונ א זאצגל̄יד. דאָס אנטשפרעכ־וואָרט בי̄ל̄דעט צוזאמענ מיטנ בײַזאצ אײנ זאצגל̄יד. די פארבינדונג פונ אנטשפרעכ־וואָרט מיטנ בײַזאצ איז דאָ אנאל̄אָגיש צו דער פארבינדונג פונ א פאראל̄על̄יזמ מיט א דערקל̄ערטנ דורכ אימ פראָנאָמ א. ד. גל̄.

צומבײַשפיל̄:

| | |
|---|---|
| 1) אָט איז עס, ד אָ ס ל̄ א נ ד! אָט<br>איז ז י ד י ה יי מ! | 1) די פאראל̄על̄יזמענ בי̄ל̄דנ צוזאמענ<br>מיט די קאָנקרעטיזירטע פראָנאָ־<br>מענ אײנ זאצגל̄יד. |
| 2) ד אָ ר ט נ, וו ו ד ע ר ד נ י ע ס־<br>ט ע ר מ י ט נ ז ב ר ו ט ש ז י כ<br>ק ר י ג ט,<br>א קורגאנ אנ אל̄טער אונטער גראָזנ<br>ל̄יגט (אי. פ.) | 2) דער בײַזאצ צוזאמענ מיטנ אנט־<br>שפרעכ־וואָרט „דאָרטנ" בי̄ל̄דנ צו־<br>מענ אײנ זאצגל̄יד. |

דער בײַזאצ קענ קאָנקרעטיזירנ ניט בל̄ויז א פראָנאָמ פונעמ הויפטזאצ—אנ אנטשפרעכוואָרט, נאָר אויכ א בײַגל̄יד, וואָס איז אויסגעדריקט דורכ א פרעפאָזיטיוו סובסטאנטיוו + פרעפאָזיציע) אונ בי̄ל̄דעט צוזאמענ מיט אימ אײנ זאצגל̄יד. אָט זײַנענ בײַשפיל̄נ, ווו בײַזאצנ פונ פארשײדענע טיפנ קאָנקרעטיזירנ אנטשפרעכיקע זאצגל̄ידער אינעמ הויפטזאצ (סײַ פראָנאָמענ, סײַ ניט פראָנאָמענ).

[1]) וועגנ דעמ טערמינ „בינדונגענ" זע ז. 199.

| | |
|---|---|
| 1) אָט דאָ רעכטס, ווו ס'גרויט שוין און סע רויכערט, זײַנען זייערע בײַדלעך. געלאָפן איז ראַבטשיק אין דער וועלט אַרײַן, ווו די אויגן וועלן טראָגן (ש"א) די פּרווו־סטאַנציע אויף פּאַמיר האָט געשטעלט אירע עקספּערימענטן אויף אַ הייך בײַ פיר טויזנט מעטער, ווו סאַכאַקל בלויז 25 טעג אין יאָר אומגעפער איז ניטאָ קיין פרעסטלעך. | 1) דאָ קאָנקרעטיזירן די אָרט־בײַזאַצן אָרט־אומשטאַנדן פון די הויפּטזאַצן און בילדן צוזאַמען איין זאַצגליד. |
| 2) פּריילינג, ווען דער שניי האָט צעלאָזן, זײַנען אַסאַך כײַעס געגאַנגען אַהער זוכן זיך רויב. נאָך גאָר־גאָר פאַרטאָג, ווען פייגעלעך שלאָפן נאָך, איז ער אַוועק צום בוג (ל. ק.) | 2) דאָ קאָנקרעטיזירן די צײַט־בײַזאַצן צײַט־אומשטאַנדן פון די הויפּטזאַצן. |
| 3) דערנאָך האָבן זיי זיך געכידעשט אָפּ דער שטײַפקײַט פון דער פרוי, ווי זי זיצט און שווײַגט, פּונקט ווי ניט אינמיטן וואַלד וואָלט זי גענעכטיקט. | 3) דאָ קאָנקרעטיזירט דער אָביעקט־בײַזאַץ אַן אָביעקט פונעם הויפּטזאַץ. |

אזוי טרעטן ארויס ביידע טיפּן געדאַנקלעכע פאַרבינדונג צווישן הויפּטזאַץ און בײַזאַץ. אָפטער, ווי ס'איז שוין געזאָגט, גיט צו דער בײַזאַץ צום הויפּטזאַץ דעם אינהאַלט פון אַ געוויסן זאַצגליד. דער דאָזיקער טיפּ געדאַנקלעכע פאַרבינדונג איז דער דאָמינירנדיקער, דער מער פאַרשפּרייטער. אין געוויסע פאַלן טרעט ארויס דער צווייטער טיפּ פאַרבינדונג, ווען דער בײַזאַץ קאָנקרעטיזירט אַ פאַראַנענעם אינעם הויפּטזאַץ זאַצגליד, וואָס ווערט אָפטער אויסגעדריקט דורך אַ פּראָנאָם (אַנטשפּרעכוואָרט) און זעלטענער — אַנדערש (דורך אַן אַדווערב אָדער דורך אַ סובסטאַנטיוו מיט אַ פּרעפּאָזיציע).

די דערלערנונג פון בײַזאַצן באַשטייט סײַ בײַ דערגאַנצונג, סײַ בײַ קאָנקרעטיזאַציע אין דער ערשטער ריי אין פעסטשטעלן די אינהאַלטלעכע באַציִונג פונעם בײַזאַץ צום הויפּטזאַץ, אין פעסטשטעלן, מיטן אינהאַלט פון וואָס פאַר אַ זאַצגליד דער בײַזאַץ דערגאַנצט דעם הויפּטזאַץ אָדער וואָס פאַר אַ זאַצגליד ער קאָנקרעטיזירט. אזוי ווערן אויפגעשטעלט די טיפּן בײַזאַצן. דערנאָך ווערן דערקלערט די באַזונדערקײַטן פון זייער סטרוקטור, זייערע פאָרמעלע סימאָנים. אזוי איז געבויט די קלאַסיפיקאַציע פון בײַזאַצן אין די לערנביכער פאַר דער מיטלשול.

אין דער גראַמאַטישער ליטעראַטור באַגעגענען מיר זיך אָבער מיט נאָך אַ צוגאַנג צו דער דערלערנונג פון בײַזאַצן. אין גרונט פון דער דערלערנונג ווערן געלייגט די פאָרמעלע באַזונדערקײַטן פון די בײַזאַצן.

אזוי בויט אופ כ׳ זארעצקי די קאטעגאָריע „אטריבוטיווער בײַזאצ״ (זע זײַנ ארטיקל „אטריבוטיווער בײַזאצ״ אינ דער זאמלונג „וויסנשאפטלעכע זאמלביכער פונ דער קאפעדרע פאר ייִדישער שפראכ אונ ליטעראטור באמ מאָסקווער מעלוכישנ פעד. אינסטיטוט״, מ. 1938).

קעדיי דער נאָמענ זאָל ניט פארפירנ, וואָרנט דער כ׳ זארעצקי, אז ער שליסט אײַנ אינ דער קאטעגאָריע אטריבוטיווער בײַזאצ אלערליי בײַזאצנ, וואָס ווערנ אָנגעקניפט צומ הויפטזאצ דורכ רעלאטיוו־פראָנאָמענ (בינדפראָנאָמענ). דעמ טערמינ „אטריבוטיווער בײַזאצ״ נוצט ער צוליב דער אָנגענומענער טראדיציע. דער כ׳ זארעצקי שליסט אויס פונ דער דאָזיקער קאטעגאָריע דעמ בײַזאצ פונעמ טיפ „(די יעדיע), אז ער איז געקומענ...״ דער בײַזאצ איז דאָ אנ אטריבוטיווער לויט זײַנ פונקציע, אָבער מיטנ הויפטזאצ איז ער פארבונדנ ניט דורכ א רעלאטיוו־פראָנאָמ. אונ דעריבער שליסט אימ כ׳ זארעצקי אויס פונעמ באטראכטונג־קרײַז.

פארקערט, אינ די גרענעצנ פונ דער קאטעגאָריע „אטריבוטיווער בײַזאצ״ בלײַבט יאָ באמ כ׳ זארעצקי „א בײַזאצ, וואָס פארנעמט אינ הויפטזאצ דאָס אָרט פונ א סובּיעקט, אָביעקט א. ד. גל.״, ווענ די דאָזיקע בײַזאצנ זײַנענ מיטנ הויפטזאצ פארבונדנ דורכ א רעלאטיוו־פראָנאָמ (דאָרט, ז. 224). אינ דער קאטעגאָריע „אטריבוטיווער בײַזאצ״ געפינט זיכ באמ כ׳ זארעצקי דער בײַזאצ פונעמ זאצ „איכ קלײַב זיכ זײַנ זורמער דאָרטנ, ווו איכ בינ געווענ פאראיאָרנ״, האגאמ כ׳ זארעצקי ווײַזט אליינ אָנ: „אזא זאצ קענ מענ באטראכטנ אלס אָרט־בײַזאצ, כאָטש א געוויסע פארבינדונג מיטנ אטריבוטיווּנ בײַזאצ האָט ער״ (דאָרט, ז. 247).

אזוי ארומ ברענגט די גרופירונג לויטנ פאָרמעלנ סימענ דערצו, אז אינ איינ קאטעגאָריע פונ באדינגלעכ אזוי אָנגערופענעמ „אטריבוטיוונ בײַזאצ״ זאָלנ באטראכט ווערנ בײַזאצנ פונ פארשיידענע באטײַטנ, אבסאָליוט ניט בלויז אזעלכע, וואָס דינענ אלס אטריבוטנ צו א סובסטאנטיוו פונעמ הויפטזאצ. אינ דער זעלבער צײַט מוז דער כ׳ זארעצקי אליינ אָפּגיינ פונ זײַנ קלאסיפיציר־פרינציפ. אזוי מעלדעט ער גלײַכ אינ אָנהייב ארטיקל, אז דער בײַזאצ אינ «„(א מענטש), וואָס איז געקומענ...״ איז... ניט קיינ רעלאטיווער („וואָס״ איז דאָ ניט קיינ פראָנאָמ [1]), אָבער אָפּרײַסנ אימ בא דערלערנונג פונעמ זאצ מיט „וועלכער״ טויג ניט» (דאָרט, ז. 233). פרעגט זיכ: פארוואָס דארפ מענ דאָ מאכנ אנ אויסנאמ?

די געבראכטע פאקטנ ווײַזנ גענוג בוילעט, אז די גרופירונג פונ בײַזאצנ לויטנ פאָרמעלנ סימענ, קענ ניט געבנ דעמ געווונטשענעמ רעזולטאט, אויב מע שטרעבט סיסטעמאטיש צו באלויכטנ זייערע פונקציעס. אונ אינ סינטאקס איז דאָס דאָכ דער הויפטצוועק.

## II. צו דער מעטאָדיק פונ דערלערנענ פארשיידענע טיפּנ בײַזאצנ

ווענ ס׳ווערט געגעבנ די שילער דער אלגעמיינער באגריפ וועגנ סובאָרדיניריק־צונויפגעזעצטע זאצנ, ווערט אפ עטלעכע בײַשפילנ אָנגעוויזנ, אז די בײַזאצנ זײַנענ ענלעכ צו זאצגלידער פונעמ איינפאכנ זאצ. איצט ווערט די דאָזיקע ענלעכקײַט

---

[1]) אינעמ ייִדישנ לערנבוכ פאר דער מיטלשול, אויכ אינ דער רוסישער גראמאטישער ליטעראטור ווערט „וואָס״ („что״) באטראכט אינ אזא פּאָזיציע אלס רעלאטיוו־פראָנאָמ.

ברייטער באטראכט. צוליב דעמ איז גוט צו דעמאָנסטרירנ פאר די שילער אזא מינ טאבעלע.

## בײַזאצנ אונ זאצגלידער

(פארגלײַכ־טאבעלע)

| זאצגלידער | בײַזאצנ |
| --- | --- |
| סוביעקט | |
| דער פוילער האָט ניט אינ מויל. | ווער ס'איז פויל, דער האָט ניט אינ מויל. (שפר.) |
| פרעדיקאט | |
| אונדזער קאָמאנדיר איז שרעקלאָז | אונדזער קאָמאנדיר איז אזא, וואָס שרעקט זיכ ניט. |
| אָביעקט | |
| דער ריכטער האָט געמאָלדנ וועגנ זיג פונ אונדזער קאָמאנדע. | דער ריכטער האָט געמאָלדנ וועגנ דעמ, אז אונדזער קאָמאנדע האָט געזיגט. |
| אטריבוט | |
| די פארפלאנצטע ביימעלעכ האָבנ היפש א וואקס געטאָנ. | די ביימעלעכ, וועלכע מע האָט פארפלאנצט, האָבנ היפש א וואקס געטאָנ. |
| צײַט־אומשטאנד | |
| מיט איר (צירלס) ארײַנקומענ האקט זיכ איבער דער שמועס (ד. ב.) | אז צירל קומט ארײַנ, האקט זיכ איבער דער שמועס. |
| אָרט־אומשטאנד | |
| אונדזער שול געפינט זיכ באמ איבערקרייצ פונ ביידע הויפט־גאסנ. | אונדזער שול געפינט זיכ דאָרט, ווו ס'קרייצנ זיכ איבער ביידע הויפטגאסנ. |
| צוועק־אומשטאנד | |
| מע האָט געמאכט א רויכ אוועקצויאָגנ די קאָמארעס. | מע האָט געמאכט א רויכ, קעדיי די קאָמארעס זאָלנ אוועק. |
| סיבע־אומשטאנד | |
| איבער דער קעלט זײַנענ די פרוכטנ ניט געראָטנ. | די פרוכטנ זײַנענ ניט געראָטנ, ווײַל ס'איז געווענ קאלט. |
| אויפנ־אומשטאנד | |
| די בויערס האָבנ געארבעט סטאכאנאָוויש. | די בויערס האָבנ געארבעט, ווי ס'פאָדערט זיכ פונ סטאכאנאָווצעס. |

פאנאנדערקלײַבנדיק די דאָזיקע טאבעלע, שטעלט מענ פעסט די ענלעכקײַט אינעמ באטײַט פונ זאצגלידער אונ פונ אנטשפּרעכיקע בײַזאצנ. די שילער איבערצײַגנ

זיך, אז דער בײַזאצ איז געדאנקלעכ געבונדנ מיטנ זעלבנ טיפ זאצגליד, וואָס דער זאצגליד, צו וועלכנ ער איז ענלעכ: דער אָביעקט איז געדאנקלעכ געבונדנ מיטנ פּרעדיקאט, און דער אָביעקט־בײַזאצ—דאָס זעלבע; דער אטריבוט איז געדאנקלעכ געבונדנ מיט א סובסטאנטיוו, און דער אטריבוטיווער בײַזאצ—דאָס זעלבע א.אז.וו. דער בײַזאצ און דער אנטשפּרעכיקער זאצגליד ענטפערנ אפ דער זעלבער פראגע.

די הויפּט־מאָמענטנ באם דערלערנענ פארשיידענע טיפּנ בײַזאצ זײַנען אזוינע:

עס ווערט באוויזנ די ענלעכקײַט פונעם דערלערנטנ טיפ בײַזאצ צום אנטשפּרעכיקנ טיפ זאצגליד פונ אנ איינפאכנ זאצ (כוצ, געוויינלעכ, די פאלנ, ווענ אזא אנאלאָגיע לאָזט זיך ניט פעסטשטעלנ); עס ווערט אויסגעקלאָרט, מיט וואָסער זאצגליד פונעם הויפּטזאצ איז ער געוויינלעכ געבונדנ (כוצ די פאלנ, ווענ דער בײַזאצ איז געבונדנ מיטנ גאנצנ הויפּטזאצ); עס ווערט פעסטגעשטעלט, אפ וועלכע פראגעס ער ענטפערט, דורכ וועלכע בינדווערטער און בינדונגענ ווערט דער בײַזאצ פארבונדנ מיטנ הויפּטזאצ, וועלכע אנטשפּרעכווערטער עס קענענ פאָרקומענ אינעם הויפּטזאצ. עס איז וויכטיק אלעמאָל אויסצוקלאָרנ, וואָסער זאצגליד איז דאָס אנטשפּרעכוואָרט אינעם הויפּטזאצ, ווײַל דער בײַזאצ קאָנקרעטיזירט דאָס אנטשפּרעכוואָרט, און ווענ מע ווייסט, וואָס פאר א זאצגליד ס׳איז דאָס אנטשפּרעכוואָרט, ווייסט מענ שוינ וואָס פאר א טיפּ בײַזאצ מיר האָבנ אינעם געגעבענעם פאל.

דער טערמינ „בינדונג״ איז אינ די לערנביכער א נײַער, דעריבער דארפ מענ וועגנ אים דאָ רעדנ גענויער. אינ דער פּראָגראמ איז דער דאָזיקער טערמינ ניטאָ. אינ דער פּראָגראמ ווערט אָנגעווענדעט דער טערמינ „בינדפּראָנאָמ״, וואָס פלעג געניצט ווערנ אויכ אינ די פריערדיקע לערנביכער פאר דער מיטלשול. אינ דער פּראָגראמ ווערט דער דאָזיקער טערמינ איצט באנוצט סײַ בענעגייע די פּראָנאָמענ „וועלכער, ווער״ א. אנד., סײַ בענעגייע די אווערבנ „ווו, וווהינ, ווענ״. אינ דער וויסנשאפטלעכער גראמאטיק ווערנ, ווי באוווסט, „ווו, וווהינ, ווענ״ באטראכט אלס פּראָנאָמענ, קענ דאָ דער טערמינ „בינדפּראָנאָמ״ צו זיי אָנגעווענדט ווערנ. אָבער אינ דער מיטלשול ווערנ „ווו, וווהינ, ווענ״ באטראכט אלס אדווערבנ, האָט מענ צו זיי ניט געקענט אָנווענדנ דעמ טערמינ „בינדפּראָנאָמ״, און ס׳איז אויסגעקומענ צוזוכנ א נײַעמ טערמינ. דער טערמינ „בינדונג״ ווערט גענוצט אנטשפּרעכיק צומ רוסישנ טערמינ "Союзное слово„, און דער טערמינ „בינדוואָרט״ — אנטשפּרעכיק צומ רוסישנ טערמינ "Союз„.

ס׳איז: פארשטייט זיך, ניט באקוועמ, וואָס די ייִדישע טערמינעס גייענ זיך דאָ פאנאנדער מיט די רוסישע: דער ייִדישער טערמינ „בינדוואָרט״ איז דאָך נעענטער צו "Союзное слово„ אויב ארויסגיינ פונעמ דירעקטנ באטײַט פונעמ טערמינ אלס וואָרט. אָבער ער ווערט באנוצט דאפקע אינעמ באטײַט פונעמ טערמינ "Союз„; און פארקערט, דער נײַ־אײַנגעפירטער ייִדישער טערמינ „בינדונג״ ווערט באנוצט אינעמ באטײַט פונ "Союзное слово". אזוי איז אויסגעקומענ צו טונ, ווײַל צום טערמינ „בינדוואָרט״ אינעמ באטײַט "Союз„ איז שוינ די שול לאנג צוגעווינט.

די טיפּנ בײַזאצנ ווערנ דערלערנט אינ אזא סיידער, אז די שילער זאָל־זײַנ גרינגער אונטערצושיידנ און אָפּצוגרענעצנ איינס פונעמ צווייטנ יענע טיפּנ בײַזאצנ, וועלכע זײַנענ ענלעכ לויט זייער בוי און פארשיידנ לויט די פונקציעס. צוערשט

ווערט דערלערנט דער אָביעקט־בײַזאַץ, אַלס אײנער פון די מער פאַרשפּרײטע טיפּן בײַזאַצן, דערנאָך ווערן דערלערנט סוביעקט ־ און פּרעדיקאַט־בײַזאַצן, אַלס ענלעכע לויט זײער בוי צו אָביעקט־בײַזאַצן. ווײַטער גײט מען איבער צום אַטריבוטיוון בײַזאַץ, צו וועלכן ס'איז ענלעך לויטן בוי דער פּרעדיקאַט־בײַזאַץ. דערנאָך ווערן דערלערנט יענע טיפּן אומשטאַנד־בײַזאַצן, וועלכע זײַנען ענלעך צו די פאַרשפּרײטערע טיפּן אומשטאַנדן אינעם אײנפאַכן זאַץ: אָרט־בײַזאַץ, צײַט־בײַזאַץ, צוועק־בײַזאַץ, סיבע־בײַזאַץ, אויפן־בײַזאַץ. צולעצט קומען באַדינג־בײַזאַצן, נאָכגעב־בײַזאַץ און רעזולטאַט־בײַזאַץ.

באַם דערלערנען דעם אָדער יענעם טיפּ בײַזאַץ דאַרף מען האָבן אין זינען פאַרשײדענע באַזונדערקײַטן, וואָס זײַנען ספּעציפיש פאַר אים. דאָס קענען זײַן אין אײניקע פאַלן באַזונדערקײַטן, וואָס פאַרשווערן דעם שילער צו דערקענען (קלאַסיפיצירן) דעם טיפּ־בײַזאַץ; אין אַנדערע פאַלן זײַנען דאָס באַזונדערקײַטן, אַף וועלכע ס'איז נײטיק זיך אָפּצושטעלן, קעדײַ דער שילער זאָל באַהערשן דעם ריכטיקן בוי פון דער געגעבענער קאָנסטרוקציע, ד. ה. סטיליסטישע מאָמענטן; ניט־ווײניקער וויכטיק זײַנען די באַזונדערקײַטן, וואָס זײַנען שײַעך צום באַהערשן די קלאָלים פון פּונקטואַציע.

## 1. שווערי קײַטן פון קלאַסיפיקאַציע

**אָביעקט־בײַזאַץ און סוביעקט־בײַזאַץ.** די שילער איז שווער צו דערקענען דעם סוביעקט־בײַזאַץ, וואָס קומט פאַר באַ אַ הויפּטזאַץ אָן אַ סוביעקט. צום־בײַשפּיל: „אונדז האָט אינטערעסירט, וואָס איז דאָרט געשען". זײ פלאָנטערן אים מיטן אָביעקט־בײַזאַץ.

מע דאַרף דאָ רעקאָמענדירן די שילער אַרײַנשטעלן אינעם הויפּטזאַץ אַן אַנטשפּרעכוואָרט און זען, וואָס פאַר אַ זאַצגליד וועט דאָס זײַן אינעם הויפּטזאַץ. מיר וועלן דאַן באַקומען: „אונדז האָט אינטערעסירט דאָס, וואָס איז דאָרט געשען". דאָס אַנטשפּרעכוואָרט איז אינעם הויפּטזאַץ אַ סוביעקט; דער בײַזאַץ איז אַ סוביעקט־בײַזאַץ.

לאָמיר נעמען אַזאַ בײַשפּיל:

„איך ווײס, וואָס דאָרט איז געשען"

און מיט אַן אַנטשפּרעכוואָרט:

„איך ווײס דאָס, וואָס דאָרט איז געשען".

דאָ איז דאָס אַנטשפּרעכוואָרט אַן אָביעקט, איז דער בײַזאַץ אַן אָביעקט־בײַזאַץ.

אין געוויסע פאַלן (ווי אויך אין אונדזער בײַשפּיל) קען מען אָנווענדן נאָך אַזאַ מיטל: איבערבילדן דעם בײַזאַץ אין אַ זאַצגליד. דאַן וועלן מיר אָנשטאָט אונדזערע זאַצן מיט בײַזאַצן האָבן: 1) אונדז אינטערעסירט די געשעעניש; 2) איך ווײס וועגן דער געשעעניש. אינעם ערשטן פאַל האָבן מיר אָנשטאָט דעם בײַזאַץ אַ סוביעקט, אינעם צווײטן פאַל — אַן אָביעקט.

ס'איז קלאָר, אַז באַם געניטן זיך אין דערקענען דעם סוביעקט־בײַזאַץ און דעם אָביעקט־בײַזאַץ, איז וויכטיק צו אַנאַליזירן דעם באַשטאַנד פונעם הויפּטזאַץ: פעסטשטעלן, צי איז פאַראַן אין אים אַ סוביעקט און וויאַזוי איז ער אויסגעדריקט.

פרעדיקאט־בײַזאצ. לערנענדיק די שילער דערקענענ פרעדיקאט־בײַזאצנ, דארפ מענ ווענדנ זײער אופמערקזאמקײַט דערופ, אז דער דאָזיקער טיפּ בײַזאצ איז מעגלעכ בלויז בא אזוינע הויפּטזאצנ, ווו דער פרעדיקאט איז א צונויפגעזעצטער אונ איז אויסגעדריקט מיט דער הילפ פונ א פראָנאָמ. דער פראָנאָמ ווערט קאָנקרעטיזירט דורכנ בײַזאצ. מיר דערמאָנענ די שילער, אז דער צונויפגעזעצטער פרעדיקאט אינעמ אײנפאכנ זאצ ענטפערט אפ די פראגעס „אוואָסערער (אוועלכער) איז דער געגנשטאנד"?, „וואָס איז דער געגנשטאנד?", אונ קלײבנ פאנאנדער אזוינע בײַשפּילנ, פארגלײַכנדיק זײ מיט צונויפגעזעצטע זאצנ, ווו דער בײַזאצ ענטפערט אפ די זעלבע פראגעס.

צומבײַשפּיל:

| | |
|---|---|
| דער בריק איז א פעסטער | דער בריק איז אזא, אז מע מעג איבער אים פעסט גײנ. |
| דער פויער איז שוינ איצט ניט דער אמאָליקער. | דער פויער איז שוינ איצט ניט דער, וואָס איז אמאָל געווענ. |
| שלאק איז אָפּגעקילטער אָפּפאל פונ מעטאל־שמעלצונג. | שלאק איז דאָס, וואָס ס'באקומט זיכ באמ אָפּקילנ די אָפּפאלנ פונ מעטאל־שמעלצונג. |

די שילער קענענ פלאָנטערנ פרעדיקאט־בײַזאצנ מיט אטריבוטיווע בײַזאצנ, מאכנדיק זײ ענלעכקײַט פונ די פראגעס, אפ וועלכע זײ ענטפערנ. בא פרעדיקאט־בײַזאצנ פרעגט מענ: אוועלכער איז דער געגנשטאנד? בא אטריבוטיווע בײַזאצנ פרעגט מענ: וועלכער געגנשטאנד? אי דאָ, אי דאָרט פיגורירט „וועלכער". ס'איז דעריבער צוועקמעסיק באמ דערלערנענ אטריבוטיווע בײַזאצנ ווידעראמאָל אונטערשטרײַכנ די באזונדערקײַטנ פונעמ פרעדיקאט־בײַזאצ (קאָנקרעט וועגנ דעמ — זע ווײַטער אפנ ז. 202).

אטריבוטיווער בײַזאצ. די שילער דארפנ באזונדערס אינ זינענ האָבנ, אז דער אטריבוטיווער בײַזאצ דערקלערט א סובסטאנטיוו פונעמ הויפּטזאצ אונ ענטפערט אפ דער פראגע „וועלכער, וואָסערער?". דער סובסטאנטיוו קענ אינ געוויסע פאלנ פארשפּאָרט ווערנ, אונ דאנ קאָנקרעטיזירט דער אטריבוטיווער בײַזאצ א פראָנאָמ — אנ אטריבוט צומ פארשפּאָרטנ סובסטאנטיוו.

צומבײַשפּיל: „ניט אלע פאסאזשירנ זײַנענ גלײַכ. פאראנ אזעלכע, וואָס האָבנ ליב ריידנ גאָר אסאכ" (ש"א).

אזא אטריבוטיוונ בײַזאצ דארפ מענ ניט פלאָנטערנ מיטנ סוביעקט־בײַזאצ, וואָס קאָנקרעטיזירט א פראָנאָמ — א סוביעקט אינעמ הויפּטזאצ. צומבײַשפּיל: „ווער ס'האָט געהאט ערד, דער האָט געהאט אי די קראפט, אי די מאכט" (לענינ).

אויכ דער דאָזיקער טיפּ זאצ האָט זיכ, געוויס, אנטוויקלט פונ זאצנ, ווו דער הויפּטזאצ האָט געהאט א סובסטאנטיוו (צ. ב. מענטש), אָבער איצט פילנ מיר דאָ שוינ ניט, אז ס'זאָל דאָ זײַנ פארשפּאָרט א סובסטאנטיוו.

ס'איז נײטיק פאנאנדערקלײַבנ מיט די שילער בײַשפּילנ פונ אטריבוטיווע בײַזאצנ, וואָס זײַנענ פארבונדנ מיטנ הויפּטזאצ דורכנ בינדוואָרט „אז". צומבײַשפּיל: „ס'איז

נאָכ ניט געווענ קיינ פאל, אז טאניע זאָל פארשפעטיקנ". דער בײַזאצ דערקלערט דאָ א סובסטאנטיוו פונעם הויפטזאצ אונ ענטפערט אפ דער פראגע „וועלכער".

צוליב קאָנטראָל קענ דאָ אינעם הויפטזאצ ארײַנגעפירט ווערנ אנ אנטשפרעכ־וואָרט „אזא". „ס'איז נאָכ ניט געווענ אזא פאל..." — „אזא" איז אינעם הויפטזאצ אנ אטריבוט.

צוליב דערקענענ אטריבוטיווע בײַזאצנ מיט „ווו, ווענ, וווּהינ" א. אז. וו. קענ אויסגענוצט ווערנ דאָס מיטל פונ פארבײַטנ „ווו, ווענ, וווּהינ" אפ „וועלכער" מיט א פרעפאָזיציע. צומבײַשפיל: „דאָס דאָרפ, ווו איכ בינ געווענ, איז א גרויס"; „דאָס דאָרפ, אינ וועלכנ איכ בינ געווענ, איז א גרויס". דאָס איז באזונדערס נייטיק צוליב אָפגרענעצנ אטריבוטיווע בײַזאצנ מיט „ווו, וווּהינ, ווענ" פונ אָרט־ אונ צײַט־בײַזאצנ, וואָס ווערנ דערלערנט שפעטער.

קעדיי אָפצוגרענעצנ דעמ אטריבוטיוונ־בײַזאצ פונעמ פרעדיקאט־בײַזאצ, זײַנענ ניצלעכ אזוינע געניטונגענ:

מע פארגלײַכט איינפאכע זאצנ, ווו דער אטריבוט ענטפערט אפ דער פראגע „וועלכער" מיט זאצנ, ווו דער פרעדיקאט ענטפערט אפ דער פראגע „אווועלכער איז (איז געווענ, וועט זײַנ) דער געגנשטאנד?" עס ווערט אונטערגעשטראָכנ דער אונטערשייד אינ די פראגעס (באמ אטריבוט — אָנ „איז" (אָדער „געווענ, וועט זײַנ"); באמ פרעדיקאט מיט „איז" (געווענ, וועט זײַנ). עס ווערנ פארגלײַכט אטריבוטיווע בײַזאצנ אונ פרעדיקאט־בײַזאצנ, וואָס ענטפערנ אפ די דאָזיקע פארשיידענע פראגעס.

צומבײַשפיל:

„דער גוטער וועטער רופט אינ גאס" (וועלכער וועטער?)

„דער וועטער איז א גוטער אונ רופט אינ גאס" (אווועלכער איז דער וועטער?)

„דער וועטער, וואָס רופט אינ גאס, האָט אונדז ניט אָפגעריסנ פונ דער ארבעט" (וועלכער וועטער?)

„דער וועטער איז אזא, וואָס רופט אינ גאס אונ לאָזט ניט זיצנ אינ־דערהיימ" (אווועלכער איז דער וועטער?)

**אומשטאנד־בײַזאצנ.** פונ פארשיידענע טיפנ אומשטאנד־בײַזאצנ איז צוועקמעסיק פריִער צו דערלערנענ דעמ אָרט־ אונ צײַט־בײַזאצ, דערנאָכ צוועק־ אונ סיבע־בײַזאצנ. דאָ איז נייטיק אינ זינענ צו האָבנ, אז די שילער קענענ פלאָנטערנ די אָרט־ אונ צײַט־בײַזאצנ מיט אטריבוטיווע בײַזאצנ, וואָס ווערנ פארבונדנ מיטנ הויפטזאצ דורכ „ווו, וווּהינ, ווענ א. ד. גל." צוליב דעמ, אז די שילער זאָלנ זיכ אויסלערנענ ניט פלאָנטערנ אינ אזוינע פאלנ, איז גוט צו באטראכטנ איינע אונ די זעלבע בײַזאצנ, ווענ זיי באציִענ זיכ 1) צו א סובסטאנטיוו אונ 2) צומ פרעדיקאט פונעמ הויפטזאצ. אינעמ הויפטזאצ קומענ דערבײַ פארשיידענע אנטשפרעכ־ווערטער, אונ מיט זייער הילפ קענ מענ קאָנטראָלירנ דעמ טיפ בײַזאצ.

צומבײַשפיל:

„אפ יענעמ פלאצ, ווו ס'איז פאָרגעקומענ דער מאטש, האָט זיכ נאָכ לאנג געראשט".

„דאָרט, ווו ס'איז פאָרגעקומענ דער מאטש, האָט זיכ נאָכ לאנג געראשט".

ווידער דערמאָנט מען זיך דאָ, אז אין אטריבוטיווע בײַזאצן קען „ווו, ווען א.אז.וו." פארביטן ווערן אפּ „אין וועלכן" א.ד.גל. בא אָרט־ און צײַט־בײַזאצן קען אזא פארבײַט ניט פּאָרקומען.

אין אייניקע טיפּן אומשטאנד־בײַזאצן (צײַט־בײַזאצ, סיבע־בײַזאצ, צוועק־בײַזאצ) קומען פּאָר צוזאמענגעזעצטע בינדווערטער (נאָך דעם ווי, דערפאר ווײַל, צוליב דעם קעדיי).

קעדיי די שילער זאָלן זיך בעסער אָריענטירן דערין, ווײַזן מיר זיי אָן, אז די צוזאמענגעזעצטע בינדווערטער בילדן זיך אויס דורך דעם, וואָס די אנטשפּרעכווערטער פונעם הויפּטזאצ ווערן דאָ אריבערגעצויגן אינעם בײַזאצ. אויב מע וויל שטארקער באטאָנען דעם אינהאלט פונעם בײַזאצ, דאן בלײַבן די אנטשפּרעכווערטער אינעם הויפּטזאצ.

א ו י פ נ ־ ב ײַ ז א צ. אינעם פּאָריקן לערנבוך פאר דער מיטלשול איז, ווי געזאָגט, קיין קאטעגאָריע „אויפן־בײַזאצן" ניט געווען. ס'איז געווען בלויז דער טיפּ „פארגלײַך־בײַזאצן". איצט גייען די פארגלײַך־בײַזאצן ארײַן אלס באשטאנדטייל אין דער קאטעגאָריע „אויפן־בײַזאצן". די דאָזיקע קאטעגאָריע באזירט זיך, ווי אנדערע טיפּן בײַזאצן, אפּ דער פראגע, אפּ וועלכער דער בײַזאצ ענטפערט — אנאלאָגיש צום אויפן־אומשטאנד אינעם אייגנפאכן זאצ. לויטן אינהאלט קענען די אויפן־בײַזאצן זײַן פארשיידענע.

1) זיי קענען ווײַזן דעם גראד אנטוויקלונג פון דער טוונג אינעם הויפּטזאצ. צומבײַשפּיל: „דער פרילינג האָט נאָרוואָס דעם הימל אויסגעקלאָרט און אויסגעבלויט אזוי, אז אלע סאָפּקעס האָבן זיך אָפּגעשאָטנט אין זײַן בלויקײַט".

2) זיי קענען אויסדריקן א פארגלײַך פון איין קאָנקרעטער טוונג מיט א צווייטער קאָנקרעטער טוונג. צומבײַשפּיל: „די דודע האָט זיך פארכלינעט, געשפּילט, ווי פריילעך וואסער אפּ א מילראָד" (ה. אָר.).

3) זיי קענען באצייכענען די אנטשפּרעכונג אָדער ענלעכקײַט פון א באזונדערן פאל צו אן אלגעמיינער דערשײַנונג. צום בײַשפּיל: „דער גרענעצלער האָט געטאָן אזוי, ווי ס'פּאָדערט זיך פון א סאָוועטישן פּאטריאָט".

באם דערלערנען אויפן־בײַזאצן דארפ מען באזונדערס זיך אָפּשטעלן אפּ די בײַזאצן, וואָס באצייכענען דעם גראד אנטוויקלונג פון דער טוונג. די דאָזיקע בײַזאצן ווערן פארבונדן מיטן הויפּטזאצ דורכן בינדוואָרט „אז". אָבער דאָס דאָזיקע בינדוואָרט ווערט ברייט אָנגעווענדעט בא אנדערע טיפּן בײַזאצן, און ס'קענען אוואדע ניט דינען אלס דערקענ־מיטל פארן טיפּ בײַזאצ. מע דארפ דאָ לערנען די שילער צו דערקענען דעם בײַזאצ לויט דער פראגע, אפּ וועלכער ער ענטפערט און לויטן אנטשפּרעכוואָרט „אזוי", וואָס איז אן אויפן־אומשטאנד אינעם הויפּטזאצ. אויב די שילער וועלן גוט באנעמען די דאָזיקע סימאָנים, וועלן זיי דערנאָך ניט פּלאָנטערן דעם אויפן־בײַזאצ מיטן רעזולטאט־בײַזאצ.

נ אָ כ ג ע ב ־ ב ײַ ז א צ. דערקענען דעם נאָכגעב־בײַזאצ איז די שילער אין דער מערהײַט־פאלן ניט שווער אדאנק דעם, וואָס זײַנע בינדווערטער (כאָטש, האגאם, ניט געקוקט דערופּ וואָס) טרעפן זיך ניט בא אנדערע טיפּן בײַזאצן, אָבער באנעמען דעם אינהאלט פונעם נאָכגעב־בײַזאצ איז די שילער ניט גרינג.

דער נאָכגעב־בײַזאַצ שטייט לויט זײַנ אינהאַלט נאָענט צו א קאָאָרדינירנ זאַצ, וואָס דריקט אויס קעגנשטעלונג. צומבײַשפּיל:

| | |
|---|---|
| כאָטש ס'איז נאָך ליכטיק אינ דרויסנ, | ס'איז נאָך ליכטיק אינ דרויסנ, דאָך |
| דאָך האָט מענ אָנגעצונדנ די לאָמפּנ. | האָט מענ אָנגעצונדנ די לאָמפּנ. |

די דעפיניציע אינעם רוסישנ לערנבוכ פאַר דער מיטלשול [1]) שפּיגלט ניט אָפּ די באַזונדערקײַט פונ נאָכגעב־בײַזאַצ אַלס דערשײַנונג פונ זאַצנ־סובאָרדינירונג. אינעם יידישנ לערנבוכ פאַר דער מיטלשול ווערט דער נאָכגעב־בײַזאַצ דעפינירט אַלס בײַזאַצ, וואָס באַצייכנט א קעגנזעצלעכע סיבע. עס קענ דאָ נאָך אָנגעווענדעט ווערנ א ברייטערע דעפיניציע [2]): דער נאָכגעב־בײַזאַצ באַצייכנט אנ אומשטאַנד, וואָס די טוּונג פונעמ הויפּטזאַצ קומט פאָר אינ קעגנזאַצ צו אים. דאָס קענ מענ ווײַזנ דורכ אַזא פאַרגלײַכ:

| | |
|---|---|
| 1) ווענ ס'איז אינ דרויסנ פינצטער, צינדט מענ אָנ די לאַמטערנס. | צײַט־בײַזאַצ |
| 2) אויב אינ דרויסנ איז פינצטער, צינדט מענ אָנ די לאַמטערנס. | באַדינג־בײַזאַצ |
| 3) מע צינדט אָנ די לאַמטערנס, ווײַל אינ דרויסנ איז פינצטער. | סיבע־בײַזאַצ |
| 4) כאָטש אינ דרויסנ איז ליכטיק, צינדט מענ אָנ די לאַמטערנס. | נאָכגעב־בײַזאַצ |

אינ די בײַשפּילנ 1, 2, 3 זײַנענ געוויזנ פאַרשיידענע אומשטאַנדנ, וואָס די טוּונג פונעמ הויפּטזאַצ שטימט מיט זיי, אַנטשפּרעכט צו זיי. אינעם בײַשפּיל 4 איז געוויזנ א קעגנזעצלעכער אומשטאַנד, אנ אומשטאַנד, וואָס די טוּונג פונעמ הויפּטזאַצ קומט פאָר אינ קעגנזאַצ צו אים, ניט געקוקט אַפּ אים.

די דאָזיקע דעפיניציע איז באַקוועמ דערמיט, וואָס זי ווײַזט די געדאַנקלעכע פאַרבינדונג פונעמ בײַזאַצ מיטנ פּרעדיקאַט פונעמ הויפּטזאַצ (ד. ה. די פאַרבינדונג מיט א זאַצגליד פונעמ הויפּטזאַצ, ווי בא אַנדערע טיפּנ בײַזאַצנ); דער נאָכגעב־בײַזאַצ ווערט דאָ באַטראַכט „אינעם קאָנטעקסט“ פונ אַנדערע טיפּנ אומשטאַנד־בײַזאַצנ, אונ דערמיט ווערט אונטערגעשטראָכנ זײַנ געהעריקײַט צו זאַצנ־סובאָרדינירונג. צו נאָכגעב־בײַזאַצנ ווערנ אויכ פאַררעכנט בײַזאַצנ פונעמ טיפּ „ווי לאַנג איכ האָב ניט אײַנגעטײַנעט מיט אים“... א.ד.גל. זייער אַנאַלאָגישקײַט צו נאָכגעב־בײַזאַצנ קענ מענ דערווײַזנ דורכ איבערבילדונג: „כאָטש כ'האָב לאַנג מיט אים אײַנגעטײַנעט... א. ד. גל.

ווענ מע וואָלט געוואָלט העלפנ די שילער באַזיניקנ דעמ טערמינ „נאָכגעב־בײַזאַצ“, וואָלט אויסגעקומענ אָנצווײַזנ, אַז נאָכגעבונג באַצייכנט דאָ אייגנטלעכ ניט דער בײַזאַצ, נאָר דער הויפּטזאַצ: „אינ דרויסנ איז נאָך ליכטיק, אָבער מע גיט נאָכ, אַזוי צו זאָגנ, אונ מע צינדט אָנ די לאַמטערנס“.

---

1) זע: Проф. С. Г. Бархударов. Гр. рус. яз ч. II, стр. 85

2) זע: Рус. яз. в шк., 1938, № 4 стр. 76,

**רעזולטאט־בײַזאץ.** דער רעזולטאט־בײַזאץ פֿארנעמט א באזונדער אָרט צווישן אנדערע טיפּן בײַזאצן. ער קען געדאנקלעך פֿארבונדן ווערן מיט דער טוּונג (מיטן פּרעדיקאט) פֿון דעם הויפּטזאץ, אפּ וויפֿל ער ווײַזט איר רעזולטאט. אזוי ארום דערקלערט ער א זאצגליד פֿונעם הויפּטזאץ, ווי אנדערע טיפּן בײַזאצן. מע קען אָבער צו אים ניט שטעלן קיין פֿראגע, ווי צו אנדערע טיפּן בײַזאצן. דער פּרעדיקאט פֿונעם בײַזאץ ווערט דאָ באנומען אלס גלײַכווערטיקער צום פּרעדיקאט פֿונעם הויפּטזאץ, אזוי ווי דאָס קומט פֿאָר בא זאצן־קאָאָרדינירונג [1]). אזוי ארום שטעלט דער רעזולטאט־בײַזאץ מיט זיך פֿאָר אן איבערגאנג־דערשײַנונג פֿון קאָאָרדינירונג צו סובאָרדינירונג [2]). לויט זײַנע פֿאָרמעלע סימאָנים געהער ער גיכער צו סובאָרדינירונג.

די שילער דארפֿן דאָ גוט באנעמען, אז דער רעזולטאט־בײַזאץ ווערט פֿארבונדן מיטן הויפּטזאץ דורכן צוזאמענגעזעצטן בינדוואָרט „אזוי אז" [3]) און אויסלערנען זיך אים אונטערשיידן פֿון אויפֿן־בײַזאצן, וועלכע ווײַזן דעם גראד אנטוויקלונג פֿון דער טוּונג. צוליב דעם זײַנען נייטיק געניטונגען: 1) אפּ איבערבילדן איינעם אינעם אנדערן די דאָזיקעביידע טיפּן בײַזאצן און 2) אפּ צוגעבן צו איין הויפּטזאץ בײַזאצן פֿון ביידע טיפּן.

| א זאץ מיט א רעזולטאט־בײַזאץ | א זאץ מיט אן אויפֿן־בײַזאץ |
| --- | --- |
| 1) אין סאָד איז געווען גוט, אזוי אז ס׳האָט זיך ניט געגלוסט אוועקגיין. | 1) אין סאָד איז געווען אזוי גוט, אז ס׳האָט זיך ניט געגלוסט אוועקגיין. |
| 2) דער רעגן האָט אלץ געגאָסן. דער רעגן האָט אלץ געגאָסן, אזוי אז מיר האָבן ניט געקענט גיין ווײַטער. | 2) דער רעגן האָט אלץ געגאָסן אזוי, אז מיר האָבן ניט געקענט גיין ווײַטער. |

אין דער פּראָגראם* און אין די לערנביכער פֿאר דער מיטלשול (סײַ אין די יידישע, סײַ אין די רוסישע) ווערט ניט באטראכט דער טיפּ בײַזאץ, וואָס ווערט אין די וויסנשאפֿטלעכע גראמאטיקעס אָנגערופֿן „פּראָפּאָרץ־ אָדער פֿארהעלטעניש־בײַזאץ". דער לערער קען זיך אָבער לײַכט אָנשטויסן אפּ בײַשפּילן פֿונעם דאָזיקן טיפּ, ווען ער וועט נעמען מאטעריאל פֿון דער ליטעראַרישער כרעסטאָמאטיע, פֿון דער צײַטונג. איז דאָ קעדײַ דעריבער וועגן די דאָזיקע זאצן דערמאנען. דאָס זײַנען בײַזאצן, ווי אין פֿאָלגנדיקע זאצן:

„וואָס שארפֿער די געפֿאר, אלץ שטארקער איז דער גלויבן". (אי. פֿ.)

„וואָס ווייניקער מע ארבעט, אלץ ערגער זײַנען די רעזולטאטן".

---

[1]) זע וועגן דעם „אפֿן שפּראכפֿראָנט" 1938, נומ. 1, ז. 106.

[2]) אין דער פּראָגראם פֿון דער מיטלשול איז דערפֿאר טאקע דער רעזולטאט־בײַזאץ אינעם אָפּטייל „סובאָרדינירונג פֿון זאצן" ניט דערמאָנט. דער לערער דארף דאָ נאָכגיין דעם לערנבוך, ווו דער רעזולטאט־בײַזאץ ווערט אזוי, ווי אין די רוסישע לערנביכער, יאָ באטראכט.

[3]) קיין אנטשפּרעכוואָרט קומט דאָ אין הויפּטזאץ שוין ניט פֿאָר, און דעריבער דערגאנצט שטענדיק דער רעזולטאט־בײַזאץ דעם הויפּטזאץ, ניט ער קאָנקרעטיזירט זײַנעם א זאצגליד.

אין אַזוינע זאַצן ווערט אויסגעדריקט די פאַרהעלטעניש, די קאָנקרעטע אָפּהענגיקייט פון דערשײַנונגען. דער הויפּטזאַץ ווײַזט אויף דער פאַרשטאַרקונג אָדער אויף דער אָפּשוואַכונג פון דעם גראַד פון דער טוונג; דער בײַזאַץ ווײַזט, אין וועלכע באַדינגונגען, ווען דאָס קומט פאָר.

איבער דעם לערער וועט אויסקומען האָבן צו טאָן מיט אַזאַ מאַטעריאַל, איז ניט נויטיק דאָ אײַנפירן קיין נײַעם טערמין. ס'איז גענוג דערקלערן דעם אינהאַלט פון אַזוינע זאַצן און אָנווײַזן, אַז דער בײַזאַץ שטייט דאָ נאָענט סײַ צו אַ באַדינג־בײַזאַץ, סײַ צו אַ צײַט־בײַזאַץ [1].

כּדי צו העלפן די שילער אין דער אַרבעט איבער דער קלאַסיפיקאַציע פון בײַזאַצן, איז נוצלעך צו האָבן אין קלאַס אַ טאַבעלע, אויפגעשטעלט לויט פאָלגנדיקע גראַפעס:

## טיפּן בײַזאַצן

| נאָמען פון טיפּ בײַזאַץ | מיט וואָסער זאַצגליד אָדער וואָרט פונעם הויפּטזאַץ פאַרבונדן | אויף וואָסערע פראַגעס ענטפערט ער | מיט וואָסערע בינדווערטער און בינדונגען קומט ער | וואָסערע אַנטשפּרעכווערטער קענען זײַן אינעם הויפּטזאַץ | אָנמערקונג |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |

די שילער שטעלן אויף צוזאַמען מיטן לערער די טאַבעלע אינעם גאַנג פון דערלערנען דעם אָדער יענעם טיפּ בײַזאַץ און פאַרשרײַבן זיי אין זייערע העפטן.

אינעם לערנבוך ווערן געגעבן עקסקורסן צו דער געשיכטע פון אייניקע דערשײַנונגען פון צונויפגעזעצטע זאַצן.

די דאָזיקע עקסקורסן האָבן אין אייניקע פאַלן דעם צוועק צו ווײַזן די שילער, אַז די אָדער יענע אויסנאַמען אין דער שפּראַך זײַנען אַ רעזולטאַט פון איר געשיכטלעכער אַנטוויקלונג (דאָס איז שײַך, אַשטייגער, דערצו, וואָס דער אַטריבוטיווער בײַזאַץ קען ניט קומען פאַרן הויפּטזאַץ); אין דער מערהײַט פאַלן ווײַזן די געשיכטלעכע עקסקורסן די שילער, ווי אַזוי קאָמפּליצירטערע דערשײַנונגען האָבן זיך אַנטוויקלט פון מער איינפאַכע (ענדערונג פונעם באַטײַט פון בינדווערטער, אַנטוויקלונג פון צונויפגעזעצטע זאַצן פון פּאָרלעך איינפאַכע זאַצן: פראַגעס און ענטפערס א. ד. גל.). די דאָזיקע עקסקורסן ברייטערן אויס דעם האָריזאָנט פון די שילער בעגייע שפּראַך־דערשײַנונגען און העלפן מיט זייער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג.

[1] אינעם אוקראַיִנישן לערנבוך פאַר דער מיטלשול ווערן אַזוינע בײַזאַצן באַטראַכט אַלס נאָענטע צו פאַרגלײַך־בײַזאַצן. אָבער דאָס איז ניט ריכטיק, ווײַל דער בײַזאַץ דינט דאָ אַבסאָליוט ניט צוליב באַצייכענען אַ פאַרגלײַך.

## 2. ארבעט איבער פונקטואציע

באהערשנ די פונקטואציע הייסט וויסנ די קלאָלימ פונ אָפשטעל־צייכנס אונ האָבנ די געוווינשאפט זיי צו שטעלנ (ניט דורכלאָזנ צופעליק א. ד. גל.) באמ שרייבנ.

די קלאָלימ פונ פונקטואציע אינעמ סובאָרדינירטק־צונויפגעזעצטנ זאצ קענענ די שילער באנעמענ בלויז דאנ, ווענ זיי באהערשנ גוט דעמ בוי פונ פארשיידענע טיפנ ביזאצנ. דאָס באטייט, אז די פונקטואציע דארפ מענ אָנייגענענ האנט בא האנט מיט דערלערנענ די אָדער יענע סינטאקסישע סטרוקטור. די שילער דארפנ אנאליזירנ א היפשע צאָל ביישפילנ, דערקלערנ דעמ בוי פונ זאצ, דעמ טיפ ביזאצ אונ פאנאנדערקלייבנ די געגעבענע אינ טעקסט אָפשטעל־צייכנס. דערנאָכ קומענ געניטונ־גענ אפ ארייַנשטעלנ די פארפעלטע אָפשטעל־צייכנס. מע דארפ שטרעבנ דערצו, אז די שילער זאָלנ זיכ אויסלערנענ ריכטיק צו שטעלנ די אָפשטעל־צייכנס אינעמ פראָצעס פונ שרייבנ דעמ זאצ. פאראלעל דערמיט איז אָבער נייטיק, אז די שילער זאָלנ זיכ געווינענ נאָכנ אויספילנ די גאנצע ארבעט נאָכאמאָל איבערלייענענ דאָס אָנגע־שריבענע, קעדיי צו קאָנטראָלירנ די אָפשטעל־צייכנס.

די קלאָלימ פונ אָפשטעל־צייכנס אינ צונויפגעזעצטע זאצנ איז אינ אייניקע פאלנ גרינגער צו באהערשנ, אינ אנדערע — שווערער.

אמגרינגסטנ איז צו באהערשנ די אָפשטעל־צייכנס אינ יענע פאלנ, ווענ דער ביזאצ שטייט נאָכנ הויפטזאצ. דאָ ווייַזט שארפ די פאוזע אונ דאָס בינדוואָרט די גרענעצ צווישנ הויפטזאצ אונ ביזאצ. ניט אזוי שארפ דערפילנ די שילער דעמ סאָפ פונעמ ביזאצ, ווענ ער קומט פארנ הויפטזאצ אונ באזונדערס, ווענ ער קומט אינ־מיטנ דעמ הויפטזאצ. דאָ „פארלירנ" אָפט די שילער דעמ סאָפ פונעמ ביזאצ אונ שטעלנ ניט די קאָמע באמ סאָפ פונעמ ביזאצ. אינ אזוינע פאלנ דארפ מענ לערנענ די שילער ריכטיק צו געפינענ דעמ סאָפ פונעמ ביזאצ אונ ניט פלאָנטערנ דעמ ביזאצ מיט דער פאָרזעצונג פונעמ הויפטזאצ. צוליב דעמ איז נוציק אויסקלאָרנ די געדאנקלעכע פארבינדונג פונ די ווערטער אינעמ זאצ, אופשטעלנ סכעמעס צו די זאצנ. מע פארגיט די שילער געניטונגענ אפ ארויסשרייבנ באזונדער די זאצנ מיט די ביזאצנ אינ אָנהייב אונ אינמיטנ זאצ. אינמיטנ הויפטזאצ קומענ פאָר מיינסטנס אטריבוטיווע ביזאצנ, בא אנדערע טיפנ ביזאצנ — מערקט זיכ עס אסאכ זעלטענער. מאטעריאל פאר געניטונגענ וועט דער לערער געפינענ אינעמ לערנבוכ פונ גראמא־טיק אונ אינ דער זאמלונג פונ געניטונגענ „אָרטאָגראפיע אונ פונקטואציע".

עס קומענ פאָר פאלנ, ווענ דער ביזאצ הייבט זיכ אָנ ניט פונעמ בינדוואָרט אָדער פונ דער בינדונג. פאר דער בינדונג קענ קומענ בא אטריבוטיווע ביזאצנ א פרעפאָזיציע. אויכ אינ די דאָזיקע פאלנ טרעפנ זיכ בא די שילער אָפט גרייַזנ.

דאָ דארפנ די שילער נעמענ אינ אכט, אז די בינדונג אלס א זאצגליד פונעמ ביזאצ קענ זייַנ אנ אומדירעקטער אָביעקט אָדער אנ אומשטאנד אונ קענ אויס־געדריקט ווערנ דורכ א דאטיוו מיט א פרעפאָזיציע. דאָס קומט פאָר, אויב דער פרעדיקאט פונעמ ביזאצ איז א ווערב, וואָס פאָדערט צו זיכ אנ אָביעקט אָדער אנ אנדער זאצגליד אינ דאטיוו מיט א פרעפאָזיציע. צומבייַשפיל: „דער לערנבוכ, מיט וועלכנ מיר נוצנ זיכ, איז ניט לאנג דערשינענ פונ דרוק". די פרעפאָזיציע געהער

צום בייַזאצ, און די קאָמע דארפ קומענ פאר איר. נאָכ דער דערקלערונג פונ דער דאָזיקער דערשייַנונג דארפנ קומענ געהעריקע פראקטישע געניטונגענ. מאטעריאל דערצו גיבנ די לערנביכלעכ.

צומאָל קומט אינ אָנהייב בייַזאצ א געוויסער זאצגליד זייַנער, און ערשט דער־נאָכ גייט דאָס בינדוואָרט. אינ פּראָזע קומט דאָס פאָר צומאָל צוליב באטאָנענ א זאצגליד ; אינ פּאָעזיע — צוליב גראמ און ריטמ. אינ אזוינע פאלנ, דארפנ די שי־לער וויסנ, קומט די קאָמע פארנ אָנהייב בייַזאצ, ניט פארנ בינדוואָרט. און אויב דער בייַזאצ געפינט זיכ דאָ פארנ הויפטזאצ, דאנ וועט א קאָמע קומענ בלויז נאָכ אימ. צומבייַשפּיל : 1) „אפ דעמ טייַכ פיאטאָגנילעווקע, אז אונדזערע פארשוינענ האָבנ א קוק געטאָנ, זייַנענ זיי ניוועהעל ווענישטוימעמ געוואָרנ" (ממס.), 2) „פארשווונדנ פונעמ אויג זייַנענ א כאָפּטע דערפלעכ, גענידערט טרויעריק צומ טייַכ, וואָס האָבנ ערשט..." (פּ. מ.), 3) „פונ הויכנ בארג ווענ ס'פאלט אראָפּ א שטיינ, שלעפּט ער מיט א צווייטנ און א דריטנ" (א. גאָנטאר). אָבער די דאָזיקע דערשייַנונג איז א זעלטענע, און באטראכטנ זי אינ דער מיטלשול איז ניט קעדייַ.

ספּעציעלע אויפמערקזאמקייַט פאָדערט צו זיכ די פונקטואציע בא צוזאמענ־געזעצטע בינדווערטער. דאָ דארפ מענ וואָרענענ די שילער קעגנ איבעריקע קאָמעס, דער בייַזאצ ווערט פארבונדנ מיטנ הויפטזאצ דורכ עטלעכע ווערטער (דערפאר ווייַל, צוליב דעמ קעדיי א. ד. גל.). אָבער א קאָמע ווערט געשטעלט איינע — פארנ ערשטנ פונ זיי. דערופ שטעלט זיכ דער לערער אָפּ באמ דערלערנענ די טיפּנ בייַזאצנ, ווי סע קומענ פאָר צוזאמענגעזעצטע בינדווערטער (אומשטאנד־בייַזאצנ, רעזולטאט־בייַזאצנ), דערנאָכ — באמ איבערכאזערנ און סומירנ דעמ מאטעריאל וועגנ פארשיידענע טיפּנ בייַזאצנ.

באמ דערלערנענ די פונקטואציע פונ סובאָרדינירנ־צונויפגעזעצטע זאצנ, ווי באמ דערלערנענ זייער בוי ביכלאל, דארפנ אויסגענוצט ווערנ אָנשוילעכע גראפישע איליוסטראציעס פונ די דערלערנטע סטרוקטורנ און פונ די קלאָלימ פונ אָפּשטעל־צייכנס.

כוצ די סכעמעס, וואָס ווערנ געגעבנ אינ די לערנביכלעכ, קענענ נאָכ גענוצט ווערנ אזוינע [1]) :

דער בייַזאצ נאָכנ הויפטזאצ — דער בייַזאצ אינמיטנ הויפטזאצ — דער בייַזאצ פארנ הויפטזאצ




---

[1]) די דאָזיקע סכעמעס ווייַזנ ניט בלויז די קלאָלימ פונ אָפּשטעל־צייכנס, נאָר אויכ דעמ ארט פאר־בינדונג צווישנ די זאצנ, די אָפּהענגיקייַט זייערע.

די גראָדעקן באַטײַטן הויפּטזאצן; די דרײַעקן ־ בײַזאצן. דעם טיפּ בײַזאַץ קען מען באַצייכענען דורך באַשטימטע טנײַ־צייכנס: פאַר יעדן טיפּ בײַזאַץ — אַ באַשטימטע פאַרב אָדער אַ באַשטימטער צוגאָב־צייכן אינעם דרײַעק (פּונקטיר — פאַר אָביעקט־בײַזאַצן, דורכויסיקע ליניע — פאַר אַטריבוטיווע, געשלענגלטע — פאַר אומשטאַנד־בײַזאַצן):



מע קאָן אין די פיגורן אויך באַצייכענען די סאַמע טיפּישע בינדווערטער פון די בײַזאַצן און די אַנטשפּרעכווערטער פון די הויפּטזאַצן, צום בײַשפּיל:




## 3. סטיליסטישע געניטונגען באַם דערלערנען טיפּן בײַזאַצן

דער צוועק פון די סטיליסטישע געניטונגען באַם דערלערנען פאַרשיידענע טיפּן בײַזאַצן איז אויסלערנען די שילער ריכטיק בויען און ניצן דעם אָבער יענעם טיפּ בײַזאַץ. מע דאַרף לערנען די שילער ריכטיק צו באַנוצן בינדווערטער אינעם בײַזאַץ, אַנטשפּרעכיק צום אינהאַלט, וואָס מע וויל אויסדריקן. די שילער דאַרפן זיך לערנען ווי געהעריק צו באַגיין זיך מיט סינאָנימישע בינדווערטער און קאָנסטרוקציעס. דאָ קען זײַן נוצלעך צו אַנאַליזירן דעם באַטײַט פון בינדווערטער, וועלכע זײַנען מעגלעך בײַ איין און דעם זעלבן טיפּ בײַזאַץ. צום בײַשפּיל: 1) „אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך דערציילט דעם פאָטער וועגן דעם מערקווירדיקן צופאַל". 2) „ווי נאָר איך בין געקומען...", 3) „נאָך דעם ווי איך בין געקומען..." דאָס זײַנען אַלץ וואַריאַנטן פון איין טיפּ בײַזאַץ מיט געוויסע אונטערשיידן אינעם אינהאַלט, וועלכע ווערן געשאַפן דורכן באַנוץ פון פאַרשיידענע בינדווערטער.

אינעם שפּראַך־געברויך פון די שילער קרייצן זיך צומאָל פאַלש איבער עלעמענטן פון סינטאַקסישע קאָנסטרוקציעס, וואָס זײַנען אַלציינס לויטן סינטאַקסישן אינהאַלט, אָבער פאַרשיידן לויטן בוי. צום בײַשפּיל: „אָט איז דער פּאַרק, ווו איך בין דאָרט געווען נעכטן".

דאָ זײַנען קאָנטאַמינירט אַזוינע קאָנסטרוקציעס: 1) אָט איז דער פּאַרק, ווו איך בין נעכטן געווען". 2) „אָט איז דער פּאַרק, וואָס איך בין דאָרט נעכטן געווען".

פּאַראַלעל מיט די דאָזיקע צוויי גלײַכבאַטײַטיקע קאָנסטרוקציעס איז מעגלעך נאָך אַ דריטע: „אָט איז דער פּאַרק, אין וועלכן איך בין נעכטן געווען".

מע דארפ ווײַזנ די שילער, אויב מע טרעפט אָנ אפ אזוינע גרײַזנ, פונוואנענ יי שטאמענ, אונ פאָרלייגנ אופשטעלנ ענלעכע בײַשפילנ לויט די מוסטערנ פונ פארשיידענע ריכטיקע קאָנסטרוקציעס.

וויכטיק אינעם סטיליסטישנ אספעקט איז אויכ די פראגע וועגנ אָרט פונ בײַזאצ אינעם צונויפגעזעצטנ זאצ אונ וועגנ אָרט פונ זאצגלידער אינעם בײַזאצ. מע דארפ ווענדנ די אופמערקזאמקײַט פונ די שילער אפ יענע פאלנ, ווענ דאָס שטעלנ דעם בײַזאצ פארנ הויפטזאצ העלפט מער באטאָנענ זײַנ אינהאלט (אשטייגער, בא אָביעקט־בײַזאצנ). מע פארגלײַכט: 1) „דער פאָרטרעגער האָט גענוי דערציילט, וויאזוי די רויטע ארמיי האָט געשלאָגנ די סאמורײַענ", 2) „וויאזוי די רויטע ארמיי האָט געשלאָגנ די סאמורײַענ, האָט דער פאָרטרעגער גענוי דערציילט". דער אטריבוטיווער בײַזאצ קומט נאָכנ סובסטאנטיוו, וועלכנ ער דערקלערט. דאָכ איז צומאָל אפילע א היפשע דערווײַטערונג צווישנ זיי אומפארמײַדלעכ. צומבײַשפיל: „די אויסשטעלונג פונ דער אויסשטאטונג פונ דער עקספעדיציע צום צאָפנ־פאָליוס, וואָס האָט זיכ געעפנט אינ מאָסקווע, ווערט באזוכט דורכ טויזנטער מענטשנ" (די דערווײַטערונג דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס מע קענ ניט אָפרײַסנ פונעם סובסטאנטיוו „אויסשטעלונג". זײַנע דערקלער־ווערטער). ביכלאל אָבער ברענגט די צעשיידונג פונעם דערקלערטנ סובסטאנטיוו מיטנ אטריבוטיוונ בײַזאצ צו אומקלאָרקײַט אונ פארקרימונג פונעם אינהאלט. צומבײַשפיל: „דער קאָלווירט געפינט זיכ אינעם שכײַנישנ ראיאָנ, וועלכער האָט געזיגט אינ דער פארמעסטונג" (ווער האָט געזיגט?). אָנשטאָט „דער קאָלווירט", וועלכער האָט געזיגט אינ דער פארמעסטונג, געפינט זיכ אינעם שכיינישנ ראיאָנ".

באם דערלערנענ אָביעקט־בײַזאצנ איז נייטיק די שילער צו באקענענ עלעמענטאר מיט אומדירעקטע פראגעס אלס אָביעקט־בײַזאצנ, דאָס וועט געבנ א מעגלעכקײַט דעם לערער באקענענ די שילער (דערווײַל, פארשטייט זיכ, אינ אלגעמיינע שטריכנ) מיט דער איבערבילדונג פונ דירעקטע רייד אינ אומדירעקטע, מיט די קלאָלימ פונ באנוצנ פראָנאָמענ אינ אומדירעקטע רייד. אונ דאָס איז זייער וויכטיק, ווײַל מיט דער דאָזיקער איבערבילדונג האָבנ די שילער צו טונ די גאנצע צײַט באם איבערדערציילנ דעם אינהאלט פונ געלייענטע ווערק, באם שרײַבנ אופזאצנ א. ד. גל.

באם דערלערנענ פארשיידענע טיפנ בײַזאצנ ווערט באטראכט די ענלעכקײַט צווישנ זאצגלידער אונ בײַזאצנ. אינעם סטיליסטישנ פלאנ איז אָבער אויכ וויכטיק צו ווײַזנ די שילער דעם אונטערשייד פונ בײַזאצנ אונ זאצגלידער. מע דארפ אָנווײַזנ די שילער, אז סובאָרדיניריק־צונויפגעזעצטע זאצנ, ווי צונויפגעזעצטע זאצנ ביכלאל, קענענ דײַטלעכער באצייכענענ די פארבינדונג פונ דערשײַנונגענ. כוצ דעם קענ א בײַזאצ ברייטער מיטיילנ דעם נייטיקנ אינהאלט, ווי א זאצגליד. צומבײַשפיל:

1. דער וואָזשאטע האָט גערעדט וועגנ דער ארבעט פונעם פיאָנער־אָטריאד.

2א. דער וואָזשאטע האָט גערעדט וועגנ דעם, וויאזוי ס'ארבעט דער פיאָנער־אָטריאד.

2ב. דער וואָזשאטע האָט גערעדט וועגנ דעם, וויאזוי ס'האָט געארבעט...

3ג. דער וואָזשאטע האָט גערעדט וועגנ דעם, וויאזוי ס'דארפ ארבעטנ...

אינעם בײַזאצ װײַזט דער פּרעדיקאט, צו װאָס פאר א צײַט עס געהער די אר־בעט פונעם אָטריאד, װעגנ װעלכער עס רעדט זיכ.

װענ דער זעלבער אינהאלט איז איבערגעגעבנ דורכ א זאצגליד, בלײַבט די צײַט ניט אָנגעװיזנ. פארשטײט זיכ, מע קענ זיכ דאָ ארויסהעלפנ, אָבער דאנ דארפ מענ שוינ אָנקומענ צו צוגאָב־װערטער (װעגנ דער איצטיקער ארבעט, װעגנ דער פארגאנגענער, װעגנ דער קומענדיקער ארבעט). אָבער דעם אינהאלט „װיִאזוי ס'דארפ ארבעטנ" איז שװער איבערגעבנ אָנ א בײַזאצ. אזוי ארום קענ א בײַזאצ זײַנ אינ באשטימטע פאלנ געװוּנטשענער, װי א זאצגליד. פארקערט, א זאצגליד גיט איבער דעם אינהאלט קירצער, האָט ער דערמיט אינ אנדערע פאלנ א געװיסע אי־בערװאָג קעגנ א בײַזאצ. דעריבער דארפ מענ אנטשפּרעכיק צום געשטעלטנ צװעק נוצנ זיכ מיט בײדע מינים קאָנסטרוקציעס.

באם דערלערנענ פארשײדענע טיפּנ בײַזאצנ קענענ גענוצט װערנ גאנצ פארשײ־דענע מינים סטיליסטישע געניטונגענ. די שילער בילדנ איבער (מינדלעכ אונ שריפט־לעכ) אײנפאכע זאצנ מיט א געװיסנ זאצגליד אינ צונויפגעזעצטע זאצנ מיט א בײַ־זאצ פונ אנטשפּרעכיקנ טיפּ (דאָס קענ אָנגעװענדעט װערנ גרינג באַ אָביעקט־בײַ־זאצ, צײַט" אונ אָרט־בײַזאצנ אונ טײלװײַז אויכ באַ אנדערע טיפּנ בײַזאצנ; עס װערנ צו געגעבענע הויפּטזאצנ צוגעטראכט בײַזאצנ פונ א געװיסנ טיפּ לויט אָנגע־װיזענע פראגעס (די בינדװערטער קלײַבנ די שילער אליינ צו). פונ געגעבענע אײנ־פאכע זאצנ שטעלנ די שילער אופ סובאָרדינירִיק־צונויפגעזעצטע זאצנ מיט בײַזאצנ פונ באשטימטע טיפּנ (דערבײַ װערנ די בינדװערטער אָנגעװיזנ, אָדער די שילער קלײַבנ זײ אליינ צו). דאָ לערנענ זיכ טאקע די שילער ריכטיק אָנצוּװענדנ פארשײ־דענע סינאָנימישע בינדװערטער.

די שילער װערט פאָרגעלײגט איבערצובילדנ קאָאָרדינירִיק־צונויפגעזעצטע זאצנ אינ סובאָרדינירִיק צונויפגעזעצטע זאצנ:

1) קאָאָרדינירִיק־צונויפגעזעצטע זאצנ, װוּ ס'איז אויסגעדריקט אײנצײַטיקײַט אָדער נאָכאנאנדיקײַט פונ טוּונגענ אינ סובאָרדינירִיק־צונויפגעזעצטע זאצנ מיט צײַט־בײַזאצנ: א. „דער טראמװײַ האָט זיכ אָפּגעשטעלט, אונ די פּאסאזשירנ זײַנענ ארויס". ב. „אז דער טראמװײַ האָט זיכ אָפּגעשטעלט, זײַנענ די פּאסאזשירנ ארויס";

2) קאָאָרדינירִיק־צונויפגעזעצטע זאצנ, װוּ ס'איז אויסגעדריקט קעגנשטעלונג, אינ סובאָרדינירִיק־צונויפגעזעצטע זאצנ מיט נאָכגעב־בײַזאצנ. צומבײַשפּיל. א. „ס'איז שוינ שפּעט, פונדעסטװעגנ איז נאָכ אינ די גאסנ רוישיק". ב. „כאָטש ס'איז שוינ שפּעט, פונדעסטװעגנ איז נאָכ אינ די גאסנ רוישיק".

פונ סובאָרדינירִיק־צונויפגעזעצטע זאצנ מיט בײַזאצנ פונ געװיסע טיפּנ װערנ אויסגעבילדעט זאצנ מיט בײַזאצנ פונ אנ אנדער טיפּ, צ. ב. פונ סיבה־בײַזאצנ אונ באדינג־בײַזאצנ װערנ אויסגעבילדעט נאָכגעב־בײַזאצנ. צומבײַשפּיל: א. „אזוי װי ס'איז שוינ פרילינג, װערט װארעמער אינדרויסנ", ב. „כאָטש ס'איז שוינ פרילינג, װערט ניט װארעמער אינדרויסנ". ס'װערט דערבײַ פאנאנדערגעקלײַבנ דער אונטערשײד אינעם בױ אונ אינעם אינהאלט פונ די דאָזיקע קאָנסטרוקציעס. באם איבערכאזערנ פארשײ־דענע טיפּנ בײַזאצנ װערט די שילער פאָרגעלײגט אָנשרײַבנ אנ איבערדערצײלונג,

אָנווענדגדיק דערבײַ פֿארשיידענע טיפּן בײַזאצן, אָדער א זעלבשטענדיקן אופֿזאצ אפֿ א באשטימטער טעמע.

ס׳זײַנען דאָ אויך נוצלעכ אופֿגאבעס אפֿ אויסבילדן פֿונ איינע און די זעלבע איינפֿאכע זאצן צונויפֿגעזעצטע זאצן מיט בײַזאצן פֿונ וואָס מער פֿארשיידענע טיפּן. צ.ב. 1) די היצ איז געוואָרן קלענער". 2) „מיר זײַנען אוועק שפּילן אינ וואָלייבאָל".

פֿונ די דאָזיקע איינפֿאכע זאצן קענען (בא געוויסע ענדערונגען אינ די זאצן) אויסגעבילדעט ווערן אזוינע סובאָרדינירטיק־צונויפֿגעזעצטע זאצן:

1) „ווען די היצ איז געוואָרן קלענער, זײַנען מיר אוועק שפּילן אינ וואָלייבאָל".
2) „אזויווי די היצ איז געוואָרן קלענער, זײַנען מיר אוועק שפּילן אינ וואָלייבאָל."
3) „ווען די היצ וואָלט געוואָרן קלענער, וואָלטן מיר אוועק שפּילן אינ וואָלייבאָל".
4) „דאָרט, ווו די היצ איז קלענער, וועלן מיר קענען שפּילן אינ וואָלייבאָל".
5) „כאָטש די היצ איז ניט געוואָרן קלענער, זײַנען מיר אוועק שפּילן אינ וואָלייבאָל".
6) „זאָל די היצ ווערן קלענער, קעדיי מיר זאָלן קענען שפּילן אינ וואָלייבאָל".

מאטעריאל צו די דאָזיקע טיפּן סטיליסטישע געניטונגען קענ דער לערער געפֿינען אינעם לערנבוכ פֿונ גראמאטיק אינ די איבערכאזערונג־געניטונגען צו פֿארשיידענע טיפּן בײַזאצן.

צוליב באהערשן ריכטיק דעם ווערטערסיידער אינ בײַזאצן, זײַנען נוצלעכ איבערזעצונגען פֿונ רוסיש. באזונדערס—צוליב באהערשן דעם באנוצ פֿונעם פּארטיקל „ס" (עס) אינ אטריבוטיווע בײַזאצן אינ צוזאמענהאנג מיטן סיידער פֿונ די זאצגלידער. דעם פּארטיקל „ס" (עס) לאָזן די שילער אָפּט דורכ אינ אזוינע פֿאלן, און דאָס פֿארקריפּלט דעם אינהאלט פֿונעם זאצ. צומבײַשפּיל:

1) „די עפּאָכע, וואָס שילדערט דער אווטאָר..."
2) „מע האָט מיר געגעבן אן ארבעט, וואָס דארפֿ אויספֿירן א קוואליפֿיצירטער טוער"... א.ד.גל.

די שילער בויען דאָ דעם זאצ אזוי, ווי אפֿ רוסיש. קעדיי צו באקעמפֿן דעם דאָזיקן גרײַז, דארפֿן די שילער באאָבאכטן די ספּעציפֿיק פֿונעם יידישן זאצבוי אפֿ ריכטיקע בײַשפּילן פֿונ יידיש, דערנאָכ וועט צוועקמעסיק זײַן, זיי זאָלן זיכ געניטן אינ אָנווענדן דעם אויסגעלערנטן קלאל דורכ איבערזעצונגען פֿונ רוסיש (און פֿונ דער אָרטיקער רעפּובליקאנישער שפּראכ (אוקראיניש, ווײַסרוסיש). איבערזעצונגען זײַנען ביכלאל זייער א געווונטשענע פֿאָרמ פֿונ סטיליסטישער ארבעט באם דערלערנען בײַזאצן, פּונקט ווי בא פֿארשיידענע אנדערע טעמעס. מאטעריאל פֿאר איבערזעצונגען וועט בא דער געגעבענער טעמע דער לערער קענען צומטייל שעפּן פֿונעם רוסישן (אוקראינישן, ווײַסרוסישן) לערנבוכ פֿונ סינטאקס.

מע דארפֿ געדענקען, אז סטיליסטישע געניטונגען זײַנען די בעסטע פֿאָרמ פֿונ סינטעזירן די ארבעט איבער יעדער גראמאטישער טעמע, און איבער טיפּן בײַזאצן ביפּראט. די שילער ווײַזן דאָ ארויס אינ פּראקטישן שפּראכ־געברויכ, וויאזוי זיי באהערשן דעם דערלערנטן טעאָרעטישן מאטעריאל, זיי געניטן זיכ דאָ ווידער אינ דער פֿונקציע, זיי בארײַכערן זייער קולטור פֿונ געדאנק און שפּראכ. און דאָס איז דאָכ דאָס סאמע וויכטיקסטע.

---

# אינהאלט


ע. ספיוואק. רעכטלעכ־אדמיניסטראטיווע לעקסיק . . . . . . . . . . . . . . . . . 3
כ. לויצקער. פראגעס פונ דיכטערישער איבערזעצונג . . . . . . . . . . . . . . . 21
מ. שולמאנ. סלאוויזמענ אינ דער לעקסיק פונ ייִדיש . . . . . . . . . . . . . . . 71
מ. שאפיראָ. דער גראמאטישער מינ אינ ייִדיש . . . . . . . . . . . . . . . . 111
ר. לערנער. צו דער געשיכטע פונ דער ליטעראַרישער שפראכ אָנהייב 19־טנ יאָרהונדערט . . 165
מ. מײַדאנסקי. די טעמע „טיפנ בײַזאצנ” אינ דער מיטלשול . . . . . . . . . . . . . 191


# ЗМІСТ


Е. Співак. Правово-адміністративна лексика . . . . . . . . . . . . . . . . 3
Х. Лойцкер. Питання поетичного перекладу . . . . . . . . . . . . . . . . 21
М. Шульман. Славізми в єврейській лексиці . . . . . . . . . . . . . . . . 71
М. Щапіро. Граматичний рід в єврейській мові . . . . . . . . . . . . . .111
Р. Лернер. До історії літературної мови на початку XIX сторіччя . . . . .165
М. Майданський. Тема „типи підрядних речень" в середній школі . . .191



רעדאקטער ע. ספיוואק



419/137